STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00975

B. RIVKIN

*Permanent preservation of this book was made possible
by The Children and Grandchildren
in honor of
Jeanette L. Gang*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל·מ·שטיין
שיקאגא

ב. ריווקין

לעבן און שאפן

צענויפגעשטעלט פון
מינא באָרדאָ־ריווקין

ניו־יאָרק, 1953

פארלאג ל. מ. שטיין, שיקאגא

B. RIVKIN, LIFE AND WORKS

Copyright, 1953, by
MINA RIVKIN
Bronx, N. Y.

שער בלאַט געצייכנט פון
י. זעלדין

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., 37 E. 18th St., New York 3, N. Y.



ברוך ריווקין
(1945 — 1883)

אינהאַלט

אַריינפיר — מינא באַרדאַ־ריווקין 9

ערשטער טייל: ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיקעס

אבא גאָרדין
ברוך ריווקין ע״ה 13

ב. ריווקין
ברוכקע דער טאַפּלטער 21

דר. יוסף וויינרעבע
ברוך אברהמס יוגנט 35

רודאָלף ראָקער
דער אינטעלעקט ב. ריווקין 41

אברהם רייזען
ב. ריווקינס נייער גאַנג אין פּובליציסטיק און קריטיק 44

י. חייקין
ב. ריווקין — דער מענטש פון אומרו 53

ה. לייוויק
ב. ריווקין — אַ בן־ששים 58

יעקב גלאַטשטיין
ב. ריווקין 63

א. לעיעלעס
I ב. ריווקין איז געווען אַ גרויסער מאמין 71
II ב. ריווקין, צו זיין זעקסטן יאָרצייט 74

מלך ראַוויטש
ב. ריווקין — פּאָרטרעט 76

ל. מ. שטיין
דערינערונגען וועגן ב. ריווקין 79

א. אלמי
ריווקין און ראַוואַקאַנאַ 86

אברהם רעגעלסאָן
ב. ריווקין (מאַרק טאַלעראַז) 91

י. א. ראָנטש
ב. ריווקין — דער אָנצינדער פון יידישן וואָרט 96

מינא באַרדאַ־ריווקין
I ווי און ווען האָט ריווקין געאַרבעט אויף די „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״? 101
II מיט געלט אין קעשענע... 110
III ב. ריווקינס אָפּגעשפּאָרטע דריי הונדערט דאָלאַר 113
IV ברוך ריווקין — דער מאַן פון בטחון 116
V אַ וויכוח צווישן פינף שרייבער 120
VI שטריכן צו אַ פּאָרטרעט 125
VII ב. ריווקין ביי דער אַרבעט 129
VIII ב. ריווקינס פּערזענלעכקייט 132
IX ווי אַזוי איך האָב צענויפגעשטעלט ריווקינס ביכער .. 136

צווייטער טייל: קריטישע עסייען

ש. ניגער

I קריטיק — „ליטעראַטור־פּאַרוואַלטונג" 145

II „משיחיסטישע קריטיק" 152

דר. א. מוקדוני

I ב. ריוואָקין — דער טעמפּעראַמענטפולער ליטעראַטור־קריטיקער 160

II ב. ריוואָקין — אַ וואָרט אויף זיין פרישן קבר 163

III ב. ריוואָקינס ווערק 169

מ. באַריישא

דער כישוף פון גייסט 177

דר. שלמה ביקל

ב. ריוואָקין, שרייבער מיט אמונה אין יידישן וואָרט 185

שלמה סיימאָן

די גאָט ראַנגלעניש פון ברוך ריוואָקין 189

י. י. סיגאַל

I ב. ריוואָקין 212

II ב. ריוואָקינס „יידישע יום טובים 217

נחמן מייזיל

ב. ריוואָקין — דער קריטיקער, דער ענטוזיאַסט 223

א. טאַבאַטשניק

ב. ריוואָקין 239

אבא גאָרדין

I ב. ריוואָקינס שפּעריישער גאַנג 262

II ימים טובים — ווי שוישפּיל 276

III ברכת האמונה 285

דריטער טייל: לידער

אבא גאָרדין

ב. ריוואָקין 293

א. לוצקי

ברוך ריוואָקין, ע"ה 294

שלמה שוואַרץ

דער יידישער פישער 296

מלכה לי

פּאָרטרעט — ב. ריוואָקין 298

לוי גאָלדבערג

אַ באַגעגעניש 299

זעליק העללער

אַ וואָרט אַזאַ ווי דיינס 301

מינא באָרדאָ־ריוואָקין

פאַרבענקטע אויגן מיינע 302

די וואָלקנס ריידן 303

דייַן נאָמען 304

פערטער טייל: ביבליאָגראַפיע

יעפים ישורין

ב. ריוואָקין ביבליאָגראַפיע 306

אריינפיר

אין אָט דעם בוך וועגן ב. ריווקין גייען אריין ארבעטן פון חשובע שריפטשטעלער און דיכטער. אָבער ניט אַלץ וואָס מען האָט וועגן ריווקינען געשריבן האָב איך געהאַט די מעג־לעכקייט אריינצונעמען אין אָט דער זאַמלונג.

דאָס בוך אַנטהאַלט ביאָגראַפישע און קריטישע עסייען, ווי אויך ביבליאָגראַפיע. הגם זי איז ווייט ניט אויסשעפלעך.

דורך אָט די ארבעטן, וואָס געפינען זיך אין בוך, וועט זיך פאַרן לייענער אַנפלעקן די פילזייטיקע געשטאַלט פון ב. ריווקין. ער וועט אים דערזען אַלס מענטש, אַלס שעפערישן קריטיקער און רעליגיעזן דענקער.

אָבער ניט מיט אַלץ, וואָס די חשובע שריפטשטעלער האָבן אַרויסגעזאָגט וועגן ריווקינען אין די אַרבעטן וואָס איך נעם אַריין אין דעמדאָזיקן בוך, בין איך מסכים.

איך האַלט אַז יעדער שרייבער איז באַרעכטיקט צו זיין מיינונג.

איך וויל דאָ באַדאַנקען דעם „ב. ריווקין בוך־קאָמיטעט" וואָס איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע שריפטשטעלער: אבא גאָרדין, א. טאַבאַטשניק און דר. שלמה סימאָן.

אויך גיב איך מיין דאַנק די פינאַנציעלע ביישטייערער צום בוך, איבערהויפט ריווקינס עלטסטער טאָכטער, ליליען. אַ גרויסן יישר כוח קומט דעם דרוקער, פריינט א. שאולזאָן, פאַר זיין קאָאָפּעראַציע, ניט נאָר אין דעם בוך נאָר אויך אין „יידישע יום־טובים". אַזויפיל מענטשלעכע באַציאונג און וואַרעמ־קייט האָט ער צו מיר אַרויסגעוויזן.

מינא באָרדאָ־ריווקין

ערשטער טייל

ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיקעס

אבא גאָרדין

ברוך ריווקין ע״ה

(ברוך אברהם וויינרעבע)

(1945 — 1883)

ב. ריווקין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1883 אין דער קורלענדער שטאָט יאַקאָבשטאָט, וואָס איז געווען אין איר יידיש־גייסטיקער פּיזיאָנאָמיע האַלב־קורלענדיש און האַלב־ליטוויש.

ב. ריווקין גיט אונדז אַ גענויע באַשרייבונג פון זיין היימשטאָט, פון דער געאָגראַפישער און עטנאָגראַפישער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, ביז ער ווערט פיזיש און גייסטיק רייף און, ווי ער זאָגט, „מחויב־במצוות" און נעמט מקיים־זיין דעם יידישן, ווי אויך דעם אַלגעמיין ראַדיקאַל־פּאָליטישן אָנזאָג, „לך לך מארצך", אַנטלויף פון דיין לאַנד, וואו דו ווערסט פאַרפאָלגט, וואו דו ביסט ניט זיכער מיט דיין לעבן און דיין פרייהייט.

ב. ריווקין כאַראַקטעריזירט די יידן פון זיין געבוירן־פּלאַץ ווי „קורלענדער־ליטוואַקעס".

„די געגענט האָט זיך געקלאַמערט פון מערב־זייט אָן ריגע און פון דרום־מזרח־זייט אָן דווינסק... איך אַליין בין אַ יאַקאָבשטאָטער, איז יאַקאָבשטאָט פאַר מיר דער צענטער פון דער גאַנצער געגנט" („טאָג", ערשטער אויגוסט, 1944).

די געגנט האָט זיך געגערט יידיש־גייסטיק פון צוויי קוואַלן, אַ קורלענדישן און אַ ליטווישן, און עס האָט זיך געשאַפן אַ מין סינטעז, אַ ליטווישע אומגעבונג פון אַ באַזונדערן שניט, פון אַ באַזונדערן טיפּ.

אין מרחק פון אַ וויאָרסט אָדער צוויי פון יאַקאָבשטאָט איז געפלאָסן די דווינע.

אָט ווי ער באַשרייבט דעם טייך:

„זי (די דווינע) איז געווען פאַרהויקערט און אויסגעבויגן, ווי אַ קני דורך די „פּאַראַזשן" — אַ שמאָל שטיינערנער באַרג־אַראָפּ, איבער וועלכן דאָס וואַסער האָט אייביק געררויִשט, געדעשט און געברויזט" (דאָרט).

מיר האָבן זיך בכיוון אָפּגעשטעלט אויף אָט דעם טאָפּאָגראַפישן מאָמענט, ווייל ווער ווייס דעם שטעג פון גייסט? אפשר ווירקט טאַקע דער געאָגראַפישער אַרום אויף די שעפערישע כוחות פון מענטשן. אין ב. ריווקינס שאַפונגען, מעגלעך, הילכן אָפּ די עכאָס פון יענעם רעשן, רוישן און ברויזן פון דער דווינע, ווען זי איז געפלאָסן איבער די שוועלן און טרעפּ, וואָס זיינען איר געשטאַנען אין וועג.

זיין פאָטער האָט געהייסן אבא שעפּטל ווינרעבע. ער איז געווען אַ זון פון אַ ברויז־אַרבעטער, אַליין אַ בעל־עגלה. געווען אַן ערלעכער ייד און פאַר זיין ערלעכקייט איז ער געשאַצט געוואָרן פון זיינע בני־עיר. אויף זיינע „יאַזדעס" פלעגט מען אים אַנפאַרטרויען היפּשע סומעס געלט איבערצוגעבן. אַפילו צווישן דעם ניט־יידישן טייל פון שטאָט האָט ער געהאַט אַ נאָמען פאַר זיין אָרענטלעכקייט, און אויך זיי, די ניט־יידן, פלעגן אים אָנטרויען גאַנצע הונדערטער.

אבא שעפּטל האָט געהאַט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן געפיל פאַר יושר. ער האָט ניט געקאָנט צוזען קיין עוולות. ער האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם געקריוודעטן, ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם באַליידיקטן.

ווי ב. ריווקין האָט מיר דערציילט:

איינער פון די בעלי־עגלות איז ביי זיי אין שטעטל געשטאָרבן און דער זון, ווי דער שטייגער איז געווען, האָט געירשנט זיין פאָטערס דראָזשקע און די חזקה אויפן שטייפּלאַץ אין מאַרק און לעבן וואָקזאַל. דער יורש איז בסך־הכל אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, און ער האָט עס געדאַרפט מפרנס־זיין די מוטער, די אלמנה, און די יתומימלעך, ייִנגערע ברידער און שוועסטער. די עלטערע בעלי־עגלות האָבן אים גוט אָנגעשלאָגן און אַוועקגעטריבן. געוואָלט פּטור ווערן פון אַ קאָנקורענט און „אויפגעבויט ווערן פון יענעמס חורבן". קיין צופיל פּאַסאַזשירן זיינען ניט געווען. די פּאַרדינסטן זיינען געווען זייער קליינע, און די עלטערע פורמאַנעס האָבן זיך געקוואָפּעט אויף דעם חלק ירושה, וואָס וואָלט זיי צוגעפאַלן פון דעם, וואָס עס איז ווינציקער געוואָרן מיט איין דראָזשקע. ב. ריווקינס טאַטע, אבא שעפּטל, האָט ניט געקאָנט צוזען די עוולה. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ האָלאָבליע, און

איז אַרויס איינער אַליין זיך שלאָגן מיט די האַרצלאָזע „קאַלעגן" זיינע. ער איז געווען אַ ייִד אַ גבור, און ער האָט טאַקע די „רשעים" אַנגעלערנט.

ב. ריווקין האָט געירשנט אַט דעם יושר־געפיל, און אויב ער פלעגט ניט געבן קיין קלעפּ מיט אַ האַלאַבליע, פלעגט ער דערלאַנגען מיט זיין געווער, מיט דער פען און מיטן מינדלעכן וואָרט.

ברוכקע אבא שעפּטלס, ווי מען האָט ב. ריווקינען גערופן ייִנגל־ווייז אין שטעטל, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בליץ־שנעלער תפיסה. ער האָט געהאַט אַן עילויאישן קאָפּ. מיט לייכטקייט האָט ער געקלע־טערט אויף די „תורה־טרעפּ" און דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט אים געקלונגען. צו זיין פּריצייטיקן פּירסום האָט פיל צוגעטראָגן דער אָפּ־שטאַם. ביי אַ בעל־עגלה זאָל וואַקסן אַזאַ בן־יקיר, אַ ייִנגל מיט אַזאַ אָפּענעם „מוח"! אַלע האָבן באַוואונדערט דעם קליינעם ברוכקע.

ב. ריווקין האָט באַשריבן זיינע פריע קינדער־יאָרן. ער האָט עפּעס ווי געוואָלט אונדז געבן דעם שליסל צו זיין עניגמאַטישער פּער־זענלעכקייט פון אַ רעאַליסטישן מיסטיקער. אין זיין ביאָגראַפישן פראַג־מענט „ברוכקע דער טאָפּלטער", רעדט ער אין דער דריטער פּערזאָן, אָבער זיין אייגענעם נאָמען געברויכט ער יאָ.

דאָס געפיל פון האָבן אַ שליחות אויסצופירן האָט ניט אָפּגע־לאָזט פיל קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן צו אויסצייכענונג אויף פאַרשיידענע געביטן פון מענטשלעכן אויפטו. ביי אַנדערע האָט דאָס געפיל זיך אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט זייער עצם מהות, אַז אַפילו דערוואַקסענערהייט האָבן זיי זיך פון אים ניט געקאָנט און ניט גע־וואָלט באַפרייען.

ווי אַזוי האָט ברוכקע אויסגעזען ?

„אַ דאַר ייִנגעלע מיט אַן איינגעפאַלענעם בלייכן געזיכט, מיטן ברייטן קאַנטיקן ווינקלדיקן נאָז".

וואָס איז געווען ברוכקעס זעלבסט־געשפיר, וואָס איז דער פּראָ־טאָטיפּ פון וועלט־געשפיר, וועלכער געשטאַלטיקט, אין לעצטן סך־הכל, דעם כלומרשט־ראַציאָנאַלן וועלט־באַנעם פון ברוכקע דעם דער־וואַקסענעם ?

„איז ברוכקע געווען אַ טאָפּלטער: אַ טאָפּל־גייער... אַ טאָפּל־קוקער... ברוכקע האָט געהאַט דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דער אומבאַקאַנטער וועלט... איז ברוכקע געוואָרן אַ מכשף".

יאָ מכשף, ניט מכשף, — דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין „קאַריערע"

אַלס ספּיריטואַליסט, אָקולטיסט, חלומות־באַשרייבער, — דאָס אַלץ האָט אָנגעלאָקט ב. ריווקינען אין זיין צווייטער געשטאַלט פון מאַרק טאַלעראַז.

כל־זמן ער, ברוכקע דער בכור, איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיינע עלטערן, איז נאָך געווען אויף חיונה בדוחק און מ'האָט אויך געקאָנט אָפּשפּאָרן אויף שכר־לימוד. אָבער וואָס אַ יאָר שפּעטער איז דאָס געזינדל אַלץ געוואָרן גרעסער, און די פּרנסה אַלץ קלענער. מיילער זיינען צוגעקומען. דער לאַבן־ברויט איז געבליבן דער איגענער, און מ'האָט זיך געמוזט טיילן מיט די ביסנס, מיט די סקאָרינקעס. ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן די מלמדים, איז ברוכקע אַוועק לערנען אין תלמוד־תורה, וואו אַלע אָרעמע יידישע קינדער האָבן געקראָגן זייער עלעמענטאַרע יידישע בילדונג אָן אָפּצאָל.

צו דרייצן יאָר האָט מען געפּראַוועט זיין בר־מצוה ביים רב אין שטוב. אַזוי שטאַרק האָט מען געהאַלטן פון ברוכקען, געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גדול־בישראל.

ער האָט אויך באַזוכט די רוסישע שטאָט־שול.

זיין פאָטער און אַלע פריינט, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער צוקונפט פון ברוכקען, האָבן אים געוואָלט צוגרייטן צום אַריינטרעטן אין ד"ר הילדעסהיימערס סעמינאַר. אָבער ברוכקע, ווי פילע זיינסגלייכן אין יענע ערב־רעוואָלוציע צייטן אין רוסלאַנד, איז היינגעריסן געוואָרן פון ראַדיקאַלן געדאַנק.

ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר צוואַנציק האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן „בונד", ווייל ביי אים אין שטעטל איז דעמאָלט ניט געווען קיין אַנדער רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. אים האָט אַריינגעפירט אין די „געהיימנישן" פון קאָנספּיראַציע דער פאַרשטאָרבענער שריפטשטעלער דוד דרוק.

ער האָט פאַרלאָזן זיין שטעטל. „במקום שאין מכירין", אין אַ פּלאַץ, וואו מען קען איינעם ניט, איז לייכטער זיך אָפּצוגעבן מיט אומלעגאַלער פּאָליטישער אַרבעט. ער איז געווען אין מיטאַווע, ליבאַווע און אָדעס. געקומען אין 1904 צוריק אין זיין געבוירן־שטעטל. ער האָט געדאַרפט זיך שטעלן צום פּריזיוו. דאָ האָט ער געהאַט אַ „דורכפאַל". פּאָליציי האָט פאַרהאַלטן דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן קרייז, בעת אַ פאַרזאַמלונג מיט די רעקרוטן. ברוך האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע שולד. מ'האָט אַלעמען באַפרייט, נאָר ער אַליין איז אָפּגעזעסן אַ יאָר אין געפענגעניש, אָפּגעשניטן מיט חסד...

ווי נאָר מ'האָט ברוקקען באַפרייט, האָט ער זיך צוריק אַריינגע־וואָרפן אין דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. עס האָט געהאַלטן, אַז מ'זאָל אים אַ צווייטן מאָל אַרעסטירן. מ'האָט אים גע־וואָרנט, און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן. ער איז אַנטרונען געוואָרן קיין אַדעס, פון אַדעס קיין בערלין, פון בערלין קיין זשענעווע, אין דער פרייער שווייץ, דער מקום־מקלט פון די רוסיש־פּאָליטישע עמיגראַנטן. דאָ האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „די שוואַרצע פאָן" („טשאָרנאָיע זנאַמיע").

צו מאַכן דעם טריט האָבן אים באַוואויגן ניט די טעאָרעטישע אַרגומענטן פון די אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקערס אין זייער דעמאָלט הייסער פּאָלעמיק מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר די אַנאַרכיס־טישע טאַטן. די אַנאַרכיסטישע אנשי־מעשה האָבן אים באַצויבערט. ער האָט דערזען פאַר זיך מענטשן איבערגעגעבענע מיט לייב און לעבן צו זייער אידעאַל, מענטשן גרייטע צו גיין אויף מסירת־נפש. דאָס האָט אים גענומען געפאַנגען.

איבערהויפּט איז ער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם הערא־איזם פון גוסטאַוו הערדעלעווסקי, אברהם כאַזאַנאָוו און סאָניע ליפּ־שיץ.

גוסטאַוו הערדעלעווסקי איז געווען אַ „שליסלבורגעץ", געהערט צו דעם אַלגאַ טאַראַטוטאַ קרייז. גוסטאַוו הערדעלעווסקי און מיט אים די גאַנצע גרופּע זיינען טראַגיש אומגעקומען. לעבן וויניצע האָבן זיי געהאַט זייער קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר. שפּיאָנען האָבן אויסגעשפּירט זייער פּלאַץ און זשאַנדאַרן און פּאָליציי האָבן זיי אַרומגערינגלט. זיי האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט ביז עס זיינען געבליבן ביי זיי בלויז עטלעכע קוילן. די לעצטע קוילן האָבן זיי פאַר־ברויכט אויף צו דערשיסן איינער דעם אַנדערן, אַבי ניט אַריינצו־פאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די זשאַנדאַרן. מיט דער לעצ־טער קויל האָט זיך דערשאָסן גוסטאַוו הערדעלעווסקי.

ב. ריווקין האָט געשריבן די נעקראָלאָגן, געמאַכט די שריפטלעכע הספּדים אויף די דאָזיקע קדושים — די הרוגי־מלכות פון די רוסישע צאַרן. ער האָט געשריבן אין „בונטאַר", רעדאַקטירט דעם „אַנאַרכיסט", אָבער אַלץ אין רוסיש.

זיין ערשטלינג איז געווען אַ בראָשור (אין רוסיש) מיטן נאָמען „קאָמונע", דערשינען אין זשענעווע. אין אָט־דער בראָשור געפינען זיך שוין אַלע זוימען פון די געדאַנקען, וואָס ב. ריווקין האָט אַנט־

וויקלט אין משך פון אַלע זיינע יאָרן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

קיין לאָנדאָן איז ב. ריווקין אָנגעקומען אין יאָר 1911. דאָ האָט ער אָנגעהויבן שרייבן יידיש. זיין דעביוט געמאַכט אין „אַרבעטער פריינט", זיך באַטייליקט אין „זשערמינאַל". זיין ערשטער עסיי אין יידיש איז דערשינען אונטערן קעפל „גאָט־מענטשטום". ער באַמיט זיך צו באַגרינדן דעם טעזיס, אַז צווישן געטלעכקייט און מענטשלעכקייט איז ניט נאָר ניטאָ קיין סתירה, אָדער אַ תהום, נאָר אַז די צוויי באַגריפן זיינען אידענטיש. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַן עטיוד מיטן נאָמען „די ראָלע פון דער פערזענלעכקייט". דאָס איז דערשינען אויך אין רוסיש, אָבער אונטערן נאָמען „קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם". עס איז אַרויס אויך אין אַ לעטישער איבערזעצונג. אין זעלביקן יאָר האָט ער אויך געמאַכט זיינע ערשטע טריט אַלס ליטעראַטור־קריטיקער. ער האָט פאַרעפנטלעכט דריי עסייען וועגן דעם דיכטער יהואש. די עסייען זיינען געווען געדרוקט אין „אַרבעטער־פריינט", אונטער דער רעדאַקציע פון רודאָלף ראָקער.

אַברהם רייזען האָט באַזוכט צו יענער צייט לאָנדאָן, געלייענט ב. ריווקינס קריטישע אָפּהאַנדלונג. עס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט איינגעלאַדן דעם מחבר זיך צו באַטייליקן אין „דאָס נייע לאַנד", וואָס ער, רייזען, האָט רעדאַקטירט.

אַקוראַט פאַר 1912 איז ב. ריווקין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

ב. ריווקין האָט מיטגעאַרבעט אין „דאָס נייע לעבן", „דאָס נייע לאַנד", „די צוקונפט". געווען פאַר אַ קנאַפּן יאָר סעקרעטאַר פון דער „צוקונפט" בעת א. ליעסין איז געווען דער רעדאַקטאָר. ער האָט זיך באַטייליקט אין די „שריפטן" פון די „יונגע". מיטגעאַרבעט אין „ליטעראַטור און לעבן", „נייע פאָסט", „גלייכהייט", „יידישער קעמפער", „יידישע קולטור", „נייע וועלט", „היינט", „צייט", „יידישער טאָגעבלאַט", „פרייהייט". ער האָט רעדאַקטירט „נאַטור און וואונדער" פאַר פסיכישע פאַרשונגען און ניי־מעסיאַניזם. פון 1917 ביז 1932 געווען פאַרבונדן מיט דער טעגלעכער צייטונג „די יידישע וועלט", וואָס איז דערשינען אין פילאַדעלפיע. אין 1933 האָט ער רעדאַקטירט אַ פערי אָדישע אויסגאַבע אין שיקאַגאָ אונטערן נאָמען „יידיש". ער האָט פּרובירט אָרגאַניזירן און דערמוטיקן די שעפערישע כוחות פון „מיטל־מערב". אין 1936 געאַרבעט אויפן „שרייבער־פּראָיעקט", אויף וועלכן ער האָט פאַרפאַסט זיין גרעסערס ווערק אונטערן נאָמען „גרונט־טענ־

דענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״. די אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „זאַמלביכער״, אונטער דער רעדאַקציע פון י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק. ער האָט זיך באַטייליקט אין זשורנאַל „שיקאַגאָ״, „בריקן״, אין „סביבה״, „עפּאָכע״, „יידישע שריפטן״ רעדאַקטירט פון אבאַ גאָרדין, און אַנד.

ער האָט געשריבן אָפּהאַנדלונגען כמעט וועגן אַלע ווערק פון יידישע שרייבערס־מיטצייטלערס, וואָס האָבן זיך פאַרדינט געמאַכט, מערער אָדער ווייניקער, פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געשריבן אונטערן אייגענעם נאָמען, וואָס איז אויך געווען בלויז זיין פּען־נאָמען, און אויך אונטער אַנדערע פּסעוודאָנימען, ווי אבאַ ליליען, סקוטעלסקי, מאַרק טאַלעראַן, ווי אויך אונטער די איניציאַלן ב׳ ר. און א. ווייגרעבע. דערהויבט האָט ער פיל געשריבן, און מיט גרויסן פּאַטאָס און הויכן שוואונג, וועגן די דיכטער און פּראָזאַאיקער וואָס האָבן אין זייערע שאַפונגען באַהאַנדלט זייגע צווילינגדיקע ליבלינג־אידייען: משיחיות און גלויבן באַפּעסטיקט אויף אַ ראַדיקאַליזם פון אַ הויכער פּאַטענץ.

ער האָט איבערגעזעצט דריי בענד פון בראַנדעסן פאַרן מ. מייזיל פאַרלאַג, אויך ראָמאַנען און דראַמען פון אַרציבאַשעוו, אַנדרייעוון און שניצלער. ער האָט אויך אַליין פאַרפאַסט צוויי דראַמען: „אַרום אַ נס״ און „דער פּרינץ פון סעקאַנד עוועניו״.

ער איז געווען אַ היפּשע צייט זייער באַגייסטערט און שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער באַוועגונג וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „גאַנץ אַמעריקע״. זיין פּלאַן איז געווען צו באַקעמפן די מעכאַנישקייט פון אַמעריקאַנעם מאַשינאַון לעבן דורך דעם באַשאַפן אַ לעבעדיקן סינטעז פון אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַרישע באַשטרעבונגען פון די פאַרשיידענע מינדערהייטן דאָ אין לאַנד.

ברוך ריווקין איז געווען צוויי מאָל פאַרהייראַט. זיין ערשטע פרוי, אַ רוסישע רעוואָלוציאָנערין, געשטודירט אויף דאָקטאָר, ראָזע גאָטליב, איז געשטאָרבן אין 1932. מיט איר האָט ער געהאַט דריי קינדער: צוויי טעכטער און איין זון.

זיין צווייטע פרוי איז מינאַ באָרדאָ־ריווקין, די יידישע דיכטערין. זי האָט אים אַ סך מיטגעהאָלפן צו טראָגן בראָוו דעם יאָך פון דחקות און נויט און אויך דעם עול פון שרייבן. זי האָט אים פיל מיטגעהאָלפן אין זיין זייער פּראָדוקטיווער ליטעראַרישער טעטיקייט פון די לעצטע יאָרן.

ב. ריווקין איז ניט געווען קיין קריטיקער אין איינפאַך קאָנוועגציאָ־נעלן טייטש פון וואָרט. ער איז געווען אַן אינטערפּרעטאַטאָר. אין אים האָט געלעבט דער גייסט פון די יידישע גרויסע מפרשים, פּרשנדתאס, ווי עס איז אָנגענומען זיי צו רופן אין דער אַלטער ליטעראַטור. ער האָט פאַרטייטשט, אויסגעטייטשט אַ ווערק, און האָט אין אים, אין דעם ווערק, אַריינגעטייטשט. ער איז געווען שעפעריש. די ווערק פון די וויכטיקע מחברים האָט ער געבראָכט ווי שטאָף, ווי מאַטעריאַל פאַר זיינע אייגענע יצירה־בנינים. אַזוי אַרום האָט ער אַ סך ווערק דער־הויבן, אויפגעהויבן זיי צו אַזאַ הויך ווי נאָר מעגלעך. ער איז געווען באַהערשט פון אַ גרויסן שעפערישן אימפּעט, אַ גרויסן ליטעראַרישן און אידעאָלאָגישן הונגער, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אָנ־זעטיקן. ער האָט געשפּרודלט מיט געדאַנקען, מיט איינפאַלן, מיט גע־לונגענע צירופים פון רעיונות און פון ווערטער. די יידישע ליטעראַטור איז געווען פאַר אים מער ווי בלויז ליטעראַטור. זי האָט אַ שליחות. איר שליחות איז: אויפצוהאַלטן דאָס פאָלק ישראל און ברענגען עס דורך אַלע פיזישע און פּאָליטישע מפּלות צו אַ שלימותדיקן זיג, צו אויסלייזונג, צו גאולה שלמה, וואָס וועט זיין אַ גאולה שלמה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט געגלויבט אין דער מיסיע פון יידישן „גוי קדוש" און אין דער מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור צו העלפן אויסקריסטאַליזירן און, דערהויפּט, צו פאַרגעשטאַלטיקן די אידעאָלאָגיע פון אַט־דעם „גוי קדוש".

דער הויפּט־געדאַנק וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער ריכטשנור דורך אַלע זיינע עסייען, געשריבן אין פאַרשיידענע ציטן און ביי פאַרשיי־דענע געלעגנהייטן און אויף פאַרשיידענע טעמעס, — איז: אַן אידייע, אום צו ווערן אַ ווירקזאַמער כוח אין דער מאַטעריאַליסטישער וועלט, מוז זי ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ געשטאַלט, ד. ה. זי דאַרף ווערן צו־געקניפּט צו אַן אַבסטראַקטער, אָבער ליטעראַריש־קינסטלעריש קאָנ־קרעטיזירטער, פּערזאָן. ערשט דעמאָלט ווערט זי אויפטועריש, וואונ־דער־שאַפנדיק. דעריבער האָט אים אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט דער יידישער רעיון פון אויסלייזונג, וואָס איז צוגעבונדן צו אַ פּערזאָן אין דער געשטאַלט פון אַ מלך־המשיח.

פעברואַר, 1947, ניו־יאָרק.

ב. ריווקין

ברוכקע דער טאָפּלטער

(פון זיינע פאַרבליבענע כתבים)

ברוכקע איז אַ קליין ייִנגעלע, האָט אָבער אַ גרויסן נאָמען. ער שמט פאַר אַן עלוי. אַן אויסנאָם פון אַ קעפּל. דאָס גאַנצע שטעטל רעדט וועגן אים. זיין נאָמען שוועבט אויף אַלעמענס ליפּן, און מערקווירדיק, קיין ברעקעלע קנאה וועקט ער ביי קיינעם ניט, ווי דער שטייגער איז; אדרבא, אַלע פאַרגינען, אַלע זיינען צופרידן וואָס ביי אַ בעל־מלאכהשן טאַטן האָט זיך איינגעגעבן אַזאַ געראָטענער זון... דאָס איז געווען מעגלעך דערפאַר, וואָס ברוכקע איז ניט געווען קיין באַרימער, קיין גרויס־האַלטער, וועלכער שטעכט אַלעמען אויס די אויגן: זעט איר, וואָס פאַר אַ כוואַט איך בין. נאָר ער איז געווען אַ שטילער, פאַרטראַכטער, אין זיך פאַרטיפטער, שעמעדיקער, וואָס האָט גיכער געפילט זיין גרויסן נאָמען, ווי אַ לאַסט, וואָס דריקט אים זיינע פּלייצעלעך צו דער ערד אַרונטער, מאַכט זיין קעפּעלע זינקען ווי אין חלום... איך זאָג, זיין גרויסן נאָמען האָט ברוכקע געפילט, אָדער עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פון יעדן הויז אין שטעטל, פון יעדן איינוואוינער ציען זיך צו אים געהיימע פעדים, וועלכע פלעכטן אויס פאַר אים אַ שטעג פון אונטן, צוויי ווענט פון די זייטן און אַ דאַך פון אויבן, און ברוכקע גייט ווי אַן אָנגעצויגענער, אַ מאַגנעטיזירטער, מיט אַ בלאָנדזשענדיקן שמייכל אויף זיין פּנים...

טיף אין האַרצן האָט ברוכקע ניט געגלויבט, אַז די גאַנצע שבחים וואָס מען זאָגט וועגן אים, קומט אים טאַקע אויף צו אמתן. אים האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז ער נאַרט אַלעמען, און האָט רק געוואַרט, אַז אָט־אָט און דער ליגן וועט אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער. אייגנטלעך, ער האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס, וואָס ער ווייסט ניט אין דער גמרא, איז אַזוי גוואַלדיק גרויס, אַ סך מער, וויפיל ער ווייס יאָ,

און דאָס וואָס ער ווייס יאָ, גיט זיך אים אַזוי לייכט, אַן אַ באַזונדערן פֿאַרדינסט, אָן אָנשטרענגונג, אָן פֿלייס — איינפֿאַך, עס גיט זיך אים דורך אַ מאָדנעם געפֿיל, וואָס פֿלאָנטערט פֿאַנאַנדער יעדן האַרטן קנופּ, אָבער אַזוי, אַז ער באַמערקט עס גאָר ניט... און דערפֿאַר קומט דאָך קיין דאַנק ניט... ער האָט געוווּסט אַ סוד וועגן זיך, אַז ער איז ניט קיין באַזונדער־פֿלינקער טראַכטער, אַז ער צייכנט זיך ניט אויס מיט אַ באַזונדער שאַרפֿער חריפֿות... דאָס האָט אים אינערלעך געקרענקט. עס איז געווען דאָס דערבײַדעריקנדסטע אין זיין לאַגע... ס׳האָט געבראַכט דערצו, ער זאָל אַביסעלע צושווייגן און ער זאָל נאָכגעבן אַ קליינינקער, שוואַכינקער באַרימערײַ... קיינער האָט פֿון דעם ניט געאַנט, אָבער ער אַליין פֿלעגט זיך פּייניקלעך שטראָפֿן דערפֿאַר און ער פֿלעגט אָפֿט גאָר מיאוס אַריינפֿאַלן. אָט נאָט אייך אַ בײַשפּיל, געוויינלעך האָט יעדער וואָס האָט אָנגעטראָפֿן אים אויף דער גאַס געהאַלטן פֿאַר זיין חוב אויספֿרעגן בײַ אים וואָס ער לערנט, וואו ער האַלט, בײַ וואָס פֿאַר אַ רבין, און נאָך אַ סך זאַכן, וואָס זיי האָבן אַליין גאַנץ גוט געוווּסט. געווען איז אָבער איינער אַ לץ, און יעדעס מאָל ביים באַגעגענען זיך מיט אים פֿלעגט ער ניט אַנדערש אָנהויבן: נו, זאָג מיר, יינגעלע: וועמעס טאַטע ביסטו? — און ברוכקע, ניט ווילנדיק, וויסנדיק אַז ער פֿאַלט אַריין, פֿלעגט אַלע מאָל זיך אַרויסכאַפּן: בערציק דעם שניידערס!... און תיכּף רויט ווערן פֿאַר דער נאַרישקייט, וועלכע ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען. נו, האָט דערזעלבער לץ נאָך זיין ערשטער פֿראַגע אַ שטעל געגעבן נאָך איינע: לייענסטו שוין סוואַרבע? אַפֿילו תרגום אויך! — גיט ברוכקע אַ פֿאַל אַרויס און פֿאַרשעמט זיך אַזוי, אַז נאָך לאַנג נאָכדעם, דערמאַנענדיק זיך דעם פֿאַל, פֿלעגט ער רויט ווערן ביז די אויערן און פֿלעגט אָפּ־שוידערן... אַ פֿונקעלע פֿון דער דערינערונג איז גענוג געווען, אַז די שאַנדע זאָל פֿול אָנגיסן זיין האַרץ... און ברוכקע טראַכטנדיק אין זיך, פֿלעגט זיך זידלען! — פֿלייסער, בעל גאוהניק — און פֿלעגט שווערן צו גאָט אַז קיינמאָל ניט מער, און פֿלעגט זיך אַ נדר טאָן... אָבער זעלטן פֿלעגט דאָס העלפֿן!

און ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט ברוכקע דאָך געגלויבט, אַז אין אים לעבט אָן אַנדערער, וואָס אונטערשיידט זיך פֿון אַלעמען, אַן אויסדערוויילטער; אַפֿילו אין די מינוטן פֿון זיך זעלבסט־פֿאַרלייקענונג פֿלעגט ער אַלץ געדענקען, אַז ברוכקע איז ברוכקע און ניט קיין אַנדערער. אַ זעלבסטבאַוואוסטזיין פֿון איינציקייט, פֿון הייליקייט,

פון ניט גלייך זיין מיט אַלעמען פלעגט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזן: ער האָט זיך געפילט באַרופן צו אַ גרויסער זאַך, אַ צדיקל, אַ צדיקל, אָט דער דאַרער, מאָגערער יינגעלע, מיטן איינגעפאַלענעם בליכן, ביינערדיקן געזיכט מיטן ברייט־קאַנטיקן ווינקלדיקן נאָז, וואָס האָט געהערשט איבער די גראָבע ליפּן, וואָס האָבן דאָך באַהאַלטן אין זייערע ווינקלען אַ ציטעריק ליבלעך שמייכעלע, מיט דעם הויכן אַרויסגעשטאַרטשעטן שטערן, וואָס איז געהאַנגען איבערן גאַנצן פּנים, מיט די רונדע אויסגעגלאָצטע אויגן — אָט דער ניט־איבעריק שיינער יינגעלע האָט דאָך געטראָגן אַ שיינענדיקן פּנים, וואָס האָט אָפּגעשטעלט, צוגעצויגן און געמאַכט מען זאָל אים באַוואונדערן.... דער אויסדרוק איז געווען אַ וואַרטנדיקער, אַ פרעגנדיקער, דער בליק האָט גערעדט: ריכט זיך אויף אַ גרויסער זאַך... דער בלאָנדזשענדיקער פאַרחלומטער גאַנג האָט עדות געזאָגט, אַז אין דעם ברוכקען גייט נאָך אַ ברוכקע און יענער ברוכקע האָט אַ צוזאָג געהאַט, אַז אם ירצה השם, וועלן נסים געשען, גרויסע וואונדער, איבער וועלכע די וועלט וועט נשתומם ווערן... זיצט אָקאָרשט ניט אין ברוכקען אַ באַהאַלטענער ל״ווניק? איז אין אים ניט אויפגעשטאַנען און וואַקסט פון אים אַרויס אַ פאַרצייטיקער נביא? היט אים ווי אַן אויג אין קאָפּ, גינציק צערטלט דעם באַהאַלטענעם ברוכקע; געבענטשט זאָל זיין ברוכקע! נייך, חלילה! ברוכקע איז ניט געווען קיין באַרימער, נאָר געוואוסט האָט ער אַלץ, וואָס אין אים קומט פאַר!

אַזוי איז ברוכקע געווען אַ טאָפּלטער, — אַ טאָפּל גייער. אין דעם ברוכקע פלעגט אַרומגיין אַן אַנדער, אַ אינערלעכער ברוכקע; אַ טאָפּל־קוקער; ער פלעגט זען די טאָפּלטע זייט פון די זאַכן, אַזוי צו זאָגן די יענע זייט פון די זאַכן, ניט וואָס אַלע מענטשן זעען...

אָט האָט איר אַ שפּאַרונע אין דר׳ערד, ביי קלמן זעליגס אויפן הויף. אַלע וועלן זאָגן, אַז דאָס איז אַן איינפאַך שפּאַלט, און אונטן פּיליכט, איז אַ הייל, אַ קעלער, אָבער פרעגט ברוכקען, וועט ער אייך זאָגן: דאָס איז דער וועג וואָס פירט אין אָפּרונט, אין תהום. איינמאָל גייט ער פאַרביי די שפּאַרונע אין אַ רעגנדיקן וועטער און דאָס וואַסער האָט געזונקען אין תהום אַריין, האָט ער פאַרנומען אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, ברומענדיקע, קלאָגנדיקע, מאָנענדיקע קולות: גוואַלד! ראַטעוועט אונדז אַרויס, באַפרייט אונדז פון דער פינסטערניש. זיי האָבן אָפּגעהילכט ווי פון אַן אונטערוועלט, און די פאַרשטיקטע קולות זיינען געווען פון די באַוואוינער פון שאול תחתיה. און ניט איינמאָל אין אַ

טרוקענעם וועטער פלעגט מען ברוכקען כאַפּן, צוגעבויגן צו דער ערד מיטן אויער, צוגעפּאַלן צו דער שפּאַרונע: אַזוי פלעגט ער אויסהערן די אונטערוועלטיקע סודות, און מיט זיי פלעגט ער זיך אַרומטראָגן גאַנצע טעג, אוןביידערנאַכט פלעגן זיי אים קומען צו חלום. אַ קליינינקייט, ברוכקע האָט געהאַט דירעקטע פאַרבינדונג מיט אַן אומבאַקאַנטער וועלט. די שפּאַרונע איז געווען דער שלאָס צו איר, און ברוכקע איז געווען דער משגיח איבער אים. איר מעגט לאַכן, דורך דעם איז ברוכקע געוואָרן אַ מכשף!

אַזוי האָט ער פון אַ פּשוטן קעלער באַשאַפן אַן אונטערערדישע וועלט... און פון אַ בוידעם האָט ער באַשאַפן אַן אויבערשטע וועלט, ניט קיין וויניקער שרעקלעכע. די מעשה איז אַזוי געווען: אין דעם בוידעם פון אַ שכנס הויז ביים סאַמע שפּיץ דאָרט איז געווען אַן עפענונג. צי די ברעטער זיינען אָפּגעשטאַנען, צי צעשפּרונגען, אָדער דער רעגן האָט זיי אויסגעפוילט און דער ווינט האָט זיי אויסגעבלאָזן, אָבער די עפענונג איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אַ גרויער שמאַטע, און דאָס האָט געהאַט דאָס פּנים פון אַ יונג קעצעלע. ביי לייטן איז אַ בוידעם — אַ בוידעם, און אַ שמאַטקע — אַ שמאַטקע, אָבער ניט ביי ברוכקען דעם טאַפּלטן! ביי ברוכקען, ווען דער ווינט פלעגט נעמען בלאָזן, פלעגט דער בוידעם זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בית־עולם. עס פלעגט דאָרט יאָמערן און קלאָגן — מיט אומגעהערטע קולות, און דאָס קעצעלע פלעגט זיך נעמען וואַרפן, ווי אַ פאַרקלעמטע מיטן קעפּל צווישן די ברעטער און פלעגט וויינען מיט אַזאַ טרויעריקן מיוקען, אַזש עס פלעגט פאַרכאַפּן ביים האַרצן. ברוכקע פלעגט זיך פאַרקלייבן אין אַ האַלב־פינצטערן אַלקער, פון וועלכן אַ שמאַלינקע שייבעלע האָט אַרויסגעקוקט צום בוידעם, און אַריינשפּאַרנדיק דאָס שטערנדל אין שייבל, פלעגט ער באַוואַשן זיך מיט טרערן אויף דעם פינצטערן מזל פון די נשמות, וואָס מאַטערן און קוועלן זיך דאָרט. גאָר פאַרצייטיקע נשמות, יאָר טויזנטער פלעגן וויינען מיט זיי; דאָס זיינען פאַרשאָלטענע נשמות געווען, וואָס פלעגן אָפּקומען פאַר זייערע אַמאָליקע זינד!

אַזוי פלעגט ברוכקע פאַרטאָפּלען די וועלט. אַ קעלער, אַ בוידעם — אַלץ האָט געטויגט צום עסק. און ווען אַפילו עס האָט זיך גאָר ניט געמאַכט אונטער דער האַנט, פלעגט ער נאָך מער פאַרטאָפּלען. שטעלט זיך פאַר: הינטער דער שטוב ביי זיי איז געווען אַ שטעלכל, אַ געוויינלעך האַלץ־שטעלכל, ברוכקע האָט געקאַנט הונ־

דערט מאָל אַ טאָג אַרייַנגיין און אַרויסגיין פון אים, נאָר איין מערקווירדיקייט האָט עס פאַרמאָגט: איין וואַנט איז אַרויסגעגאַנגען צום גאָרטן, און דאָס איז גענוג געווען אַז ברוכקע זאָל עס נעמען פאַרטאָפּלען. אין מיטן דער פאַרטאָפּלטער וואַנט איז געווען אַ ליכטיקער זאַל, מיט שייַנענדיקע ליוסטרעס, מיט געדעקטע טישן, מיט וואונדערבאַרע מענטשן, וואָס שמייכלען, דערציילן מעשיות און פרייען זיך: אָט קומט עס, אָט קומט עס! ניט איין זאַל נאָר אַ סך זאַלן מיט גאַסן, אַ גאַנצע באַהאַלטענע סודותדיקע שטאָט, פול מיט רעטענישן, גאָר אַן אַנדער וועלט, ווי דאָ. און זיין הערצעלע ווערט אַזש פאַרברענט פון חשק, פון לוסט צו דערגיין וואָס טוט זיך דאָרט און ער פאַדעט אַרום דעם שטעלכל ווי אַרום אַ פאַרכישופטן שלאָס! איינמאָל איז אים איינגעפאַלן אויסצומעסטן די זייט־ווענטל פון שטעלכל פון אויסווייניק און פון אינעווייניק, איז אויסגעקומען אַז די וואַנט צום גאָרטן איז אַ פינגער די דיק. איז ער געפאַלן אויף דער סברה צו עגבערן מיט אַ צוואָק, אַ גאַנצע שטונדע האָט ער געשמאַק געאַרבעט און דורכגעגעבערט אַ לעכל און האָט זיך אַרייַנגעקוקט און גאָר נישט אַנטדעקט. און דאָך איז ער געבליבן פעסט איבערצייגט, אַז דאָרט איז אַ זאַל, און אַ שטאָט — וואו דען געשעען ניסים ווען ניט אין דער פאַרטאָפּלטער וועלט?

און עס איז דאָך ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז ברוכקע זאָל קוקן אויף זיך ווי אויף אַ לעבעדיקן וואונדער. ער איז אָבער ניט דער ברוכקע, וואָס אַלע קענען אים און ווייסן אים. מיט אים איז די זאַך ניט אַזוי איינפאַך... מיט אים איז אַ פאַרבלענדעניש — ער איז נאָר אַ צודעק, אַ באַהעלטעניש פאַר אַן אַנדער ברוכקען און עס וועט זיך אַמאָל אָפּטאָן דער פאַרבלענדעטער שיין און אַלע וועלן דערקענען דעם פאַרבאָרגענעם, וועמען ער האָט אַרומגעטראָגן אין זיך... און אַלע וועלן דאַנקען דעם אויבערשטן, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו זען דעם אמתן ברוכקען. עס וועט זיין אַ פרייד אים אָנצוקוקן... אַלע וועלן גלויבן, אַז מיט אים הויבט זיך דאָס אָן אויף וואָס אַלע וואַרטן, נאָך וואָס זיי זיינען אויסגעגאַנגען, געבענקט... קוועלט, פרייט זיך — אָט איז ער דערשינען, דער געצייכנטער פון גאָטס פינגער... דער נס מן השמים... און ברוכקע פלעגט זיך אָפּט פאַרקוקן אין זיך, זיך פאַרטיפנדיק, פאַרטראַכטנדיק, אפשר וועט ער כאַפּן דעם שוואונג, דעם שיין, דעם שאָטן פון יענעם, ניט דערגרייכטן, ניט געזעענעם. אָט, אָט האָט ער דערפילט זיין אָטעם...

אָט אָט איז ער פאַרבײַגעפלויגן... עס האָט אים שוין דורכגענומען די הימלישע הנאה... עס האָבן אין אים אַרײַנגעבליצט צווײ שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, פענצטערלעך פון דעם ניט אַנטפּלעקטן גן־עדן... אָבער ער האָט זיך אַ קער געגעבן און אַלץ איז פאַרשוואונדן. ער האָט זיך ניט געטאָרט אָנשטרענגען, ער האָט געדאַרפט וואַרטן מיט געדולד... און איצט האָט ער ניט דערכאַפּט, און ער איז געבליבן אַ ניט־געעפנטער, ניט געטראָפענער, פאַרוויקלטער, אַ טאָפּלטער... און דער אויסערער יאָגט זיך נאָכן אינערלעכן, און קאָן אים ניט דעריאָגן...

און דאָך האָט ער געוואוסט, אַז עס זײַנען פאַראַן צײַטן, ווען דער באַהאַלטענער דערשײַנט, ווען ער שטראַלט אַרויס פון אינעווייניק, מעסט פול די לופט און ברענגט פרייד און גליק. ער פלעגט דאָס דערקענען אין די אַרומיקע, ווי פאַרזיכטיק זיי באַגעגענען זיך מיט אים. נײַן, זיי מיינען דאָס ניט אים, דעם אָפּענעם, נאָר יענעם, דעם פאַרבאָרגענעם... די היימישע פאַרטראַגן זיך, ווי אַ משכון וואָלט זיי געווען אָנפאַרטרויט, וועלכן זיי דאַרפן אויסהיטן, ווײַל עס וועט קומען דער דערמאָנטער און פאָדערן חשבון. אים, ברוכקען, טאָרן זיי ניט אויסזאָגן, נאָר זיי גיבן אָנצוהערעניש, אַז זיי ווייסן עפּעס... און די זײַטיקע — די שכנים און באַזונדערס די שכנהטעס און גאָר באַזונדערס די יונגע מיידלעך — זיי פאַרשטעלן זיך גאָר ניט, מאַכן גאָר קיין סוד דערפון, אַז זיי ווייסן עפּעס... וואָסערע מאָדנע פאַרעטערישע בליקן זיי וואַרפן אויף אים, אָנגעטרונקענע מיט רעטעניש, פאַרטרויטע מיט דעם געהיימעניש, און שמייכלען דערבײַ אַזוי יום־טובדיק, כיטרע זיך רייצנדיק: אדרבא, טרעף, וואָס ווייסן מיר?

דערפאַר האָט ער פון סאַמע פריסטער קינדהייט געפונען אין זיי אַן אומגעווייגלעכן אינטערעס. זיי פלעגן אים ציען, ציען, צווינגענדיק, פאַרשפּרעכנדיק... אין זייערע רייד פלעגט ער פילן אַן אינטימע שפּראַך, זיי פלעגן אָפּקלינגען מיט דערמאָנונגען, רופן ניט קיין געוויינלעכע מענטשן, נאָר געשטאַלטן, וועלכע ער קען פון אַמאָל, וועלכע צויבערן. דערפאַר פלעגט ברוכקע ליב האָבן צו פאַרקלייבן זיך צווישן זיי, ווען זיי פלעגן זיצן אין די לאַנגע זומער־אָוונטן אויף דעם גאַניק פאַרן טויער. ער פלעגט זיך טוליען צווישן זיי, אײַנזויגנדיק דעם שמעקעדיקן ריח פון זייערע לײַבער. ער פלעגט זיך צוהערן צו דעם שטילן חנעוודיקן שושקען זיך זייערן, צו דעם הילכיקן, געשמאַקן געלעכטער, וועלכער פלעגט אַלע ווײַלע אַרויסרײַסן

זיך ווי פון פּלען, און פּלעגט הערן ווי אין אים גאָר שושקעט, און אין אים לאַכט עמיצער. ער, דער באַהאַלטער, ברוכקע, ער פּלעגט אַנגערירט און אַנגעצויגן ווערן פון דעם באַהאַלטענעם; ער פּלעגט אים פילן גאָר פון אויבן, אונטער אַ דינעם הייטל. אָט פּלאַצט ער אַרויס... יאָ, די מיידלעך האָבן געהאַט אַ באַזונדערן כח לעבעדיק צו מאַכן דעם דאָפּעלטן, און באַזונדערס ביילקע, דעם בעל־הביתס טאָכ־טער... ביילקע איז געווען אַ מערקווירדיקער נאָמען. עס פּלעגט צעגיין אין אַלע גלידער. ברוכקע פּלעגט אים אָפּט חזרן, פּרעפּלענ־דיק אים אין דער שטיל — ביילקע — און דאָס פּלעגט אַזוי צע־קיצלען זיין גאַנצן וועזן, אַז ער פּלעגט מוזן איינהאַלטן און דערשטיקן אין זיך דעם געלעכטער, וואָס פּלעגט ניט אַנדערש נאָר וועלן אַרויס־שפּרינגען און זיך קייקלען אין דער לופטן... אַ קליין, באַשפּרענקלט פּנימל מיט איבערגעבענער געטרייער גינציקייט ניט צוגעדעקט, מיט שטילע נחתדיקע אויגעלעך, מיט אַ גלעטנדיקן חיותדיקן קולכל, מיט אור־מעטיקער פּאַרטראַכטקייט, מיט פריילעכער באַוואונדערונג, מיט אויס־געשטעלטע פרעגנדיקע ליפּעלעך: וואָס ווילסטו, קינד מיינס? אַן אמתע מאַמקע, מאַמקעלע, אַ מיידלשע מאַמקע ווי אַ לאַשטשנדיקע טויב, וואָס האָט אויסגעשטרעקט דאָס שנאָבעלע און וויל קושן... קום זשע, נאַרעלע, אַהער, שעמסט זיך? איך שעם מיך אויך... ביילקעס אַ שעמעדיקער קוש, אַ קוש איבערגעריסן אין מיטן, אַן איינגעהאַל־טענער קוש. — דאַרפסט אים אַנטקעגן קומען... ווי זי פּלעגט אַנרירן, ווי זי פּלעגט שיטן מיט האַרציקע פּלעמלעך. און זי האָט ברוכקען האַלט געהאַט — אַנכאַפּן, פאַרדישענען און אַריינקושן, און ברוכקע אַנטלויפט אַן אַנגעצונדענער. לויפט אין קאַמער אַריין און שאַרט, שאַרט צוזאַמען הויפנס גליקלעכע, צעמישטע געדאַנקען אין דעם אַרימען ווינקל פון זייער חדרל. און עס וואַקסט אַ טרוים ווי אַ באַרג, און די ביילקע האָט מער פון אַלעמען געוואוסט פון ברוכקען...

* * *

פון חדר גייענדיק פּלעגט ביילקע אַנשטעלן אויף אים לאַנגע, דויערנדיקע בליקן, און ווען ברוכקע פּלעגט געוואַגט אויפהויבן די אויגן, פּלעגט זי, ביילקע, אים באַגריסן מיט ליבשאַפט. און ברוכקע איז געווען מער ווי זיכער, אַז באַר אויס ליבשאַפט זאָגט זי אים ניט אויס וואָר ער איז... זי וויל וואַרעמען אים מיט דעם סוד, וואָס זי באַהאַלט אין זיך... ניין, ברוכקע וואָלט געשוואָרן, אַז זי האָט אים

שוין אויסגעזאָגט אַמאָל, ניין, נאָך בעסער, זי זאָגט אים אַלעמאָל אויס... ער דערמאָנט זיך ווי דורכן חלום, ווי אין שלאָף... זי באַהאַלט פון אים קיין זאַך ניט, זי פאַרציילט אים עס יאָ, אין שלאָף פאַרציילט זי אים, ביי דער נאַכט ווען ער שלאָפט קומט זי זיך צוזאַמען מיט אירע חברטעס אַרום געלעגער, און זי פאַרציילט זיי דעם גאַנצן אמת, אַלע מעשיות, וואָס זי ווייס פון אים... דעם וואונדער, וואָס איז מיט אים, און ווער ער איז אויף צו אמתן. און זיין גאַנצע גדולה. און וואָס וואַקסט פון אים. דער שענסטער. דער בעסטער. דער הייליקסטער... דער פרינץ און דער צדיק. און גאַנצענע נעכט וואַכן זיי איבער אים און ציטערן, גייען אויף די שפּיץ פינגער און רעדן איינגעהאַלטן, מען זאָל ברוכקען ניט אויפוועקן, ער זאָל זיך ניט דערוויסן...

זי מאַכן זיך ניט ווויסנדיק, ווי גאָר נישט וואָלט פּאַסירט... אָבער ברוכקע ווייס אַלע מאָל, ווען אַ וואַכנאַכט איז איבער אים אָפּגעהאַלטן געוואָרן; ער געדענקט, ווי אויף וואָר, דעם חלום, ווען ער איז דערשינען אַ פאַרטאָפּלטער... דאַרף אַזאַ פאַרטאָפּלטער ברוכקע לערנען אין אַ חדר, וואָס איז ניט מער ווי אַ קצבשער מנין. ער ליגט פאַרוואָרפן ביים סאַמע ברעג שטאָט, און וואָס זיינע דרום־פענצטער גייען אַרויס צום פעלד, וואָס איז ניט אַ פּשוט פעלד, נאָר איז באַקאַנט אונטער דעם דאָזיקן נאָמען „פעלד” ביי אַלע שטעטלשע קינדער און גרויסע יידן. דאָס פעלד איז מיט גריבער און בערגלעך און ביימער, עס לויפט אַוועק פאַר גאַנצע וויאָרסטן און לויפט צו צו אַן אַלטן, פאַרלאָזטן מאַהילניק, וואָס רופט זיך מיט אַזאַ שיינעם נאָמען „וויהאַן”. אויפן וויהאַן זיינען קיין קברים און קיינע מצבות מער נישטאָ. נאָר ווען מען גראָבט, גראָבט מען אויס ביינער, שאַרבנס, גאַנצע סקעלעטן, מיט רינגלעך, אוירינגלעך, צאַצקעס, וואָס האָבן גאָר קיין נאָמען ניט און זאָגן זאָגט מען, אַז אין דער ערד ליגן באַגראָבן אוצרות פון פאַרצייטן און ביי דער נאַכט זעען זיך בלויע פייערלעך און אָפטמאָל בלאָנדזשען אַרום ווייסע איינגעהילטע געשטאַלטן. געוויס ביי אַזעלכע וואונדערבאַרע אומשטענדן קאָן אַזאַ פאַרטאָפּלטער ברוכקע נאָך פינף מאָל, צען מאָל, פאַרטאָפּלט ווערן.

אַ קליינטשיקער בנין, פון אויסוויייניק אַ מיטלמעסיקע הילצערנע געביידע... מען קאָן זאָגן אַ באַלעבאַטיש הויז. די פענצטער זיינען איינפאַכע, פּירקאַנטיקע, לענגלעכע פענצטער, זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין שורות, פרומע, שטילע, ווי יידן צו שמונה־עשרה, און

די גאַניקעס צווייגאַרנדיקע, איינער צום מאַנסבילשן, דער אַנדערער צום ווייבערישן מנין — האָבן אין זיך אַזאַ צניעותדיקע עניוות; זיי דערציילן דעם סוד וואוהין זיי פירן. צו אַ הייליקן אָרט. און אינע־ווייניק די פּירקאַנטיקע מענערשע אָפּטיילונג האָט צוגעדעקט מיט אַ ווייסן סערוועטל די שמאָל־לענגלעכע ווייבערישע אָפּטיילונג... אין דער מענערשער פּראָוועט דעם חדר זיינעם דער שמש פון שולכל גופא — הירש לבנה־קוקער, און אין דער ווייבערשער אַן אייגע־בעטענער גאַסט מאַטע יהודה דער גוטער ייד... מיט דערוואַקסענע בחורים. אָבער דאָ איז אויפן ערשטן קוק, כמעט אַ וואָכעדיק אויסזען, אַ קצבישער מנין, אַן פּוץ און גלאַנץ. די בימה מיט די זיילן — ניט מער ווי פּאָר צוויי־דריי מענטשן צו שטעלן זיך, און דער ארון קודש — אַן אָרעמער, אַלטער... און צו דרום זייט, וואָס גייט צום פעלד צו, אַ לאַנגער טיש, באַזעצט מיט יינגלעך, וואָס פילדערן און ליאַרעמען... אָבער קוקט זיך צו נעענטער, דרינגט אַריין טיפער, זעט דאָס אַלץ מיט ברוכקעס אויגן... די בימה הויבט אויף אין וועלט איבער דער אַנדערער, אויבן אויף דער בימה פילט מען זיך אַ סך נעענטער צום הימל, דער לאַנגער טיש צום דרום־זייט מיט דער קינדערשער באַ־פעלקערונג איז די גרויסע באַוואוינטע ליכטיקע וועלט, וואו עס ווימלט און גריבלט מיט באַשעפענישן, וואו עס זיצט דער האַר, דער סאַמע אַטעם פון דעם ערד־קוגל — הירש דער שמש, דער לבנה־קוקער, דער דרדקי, תומש און גמרא מלמד. אַנטקעגן צו, לעבן ווייסן סערוועטל, אַרום ליידיקן טיש — די הוילע נאַקעטע וועלט, די וויסטעניש, דער מדבר, וואו עס בלאָזן די ווינטן און פרירן די קעלטן, און פון הינטערן סערוועטל טראָגן זיך פרעמדע ווייטע קולות צו וועלכע מען טאָר זיך ניט צוהערן, ווייל זיי קומען פון ווייבערשן מנין, כאָטש לערנען לערנען דאָרט סאַמע בחורים, מאַטע יהודהס תלמידים... דער מזרח ווידער האָט באַשאַפן אַרום זיך אַ הייליקע וועלט, וואו רק עס שיינט עפּעס און שטראַלט שטענדיק אַ מין צונויפגעגאָסענע געדיכטע, פאַרכט־לעכע אימה, וועלכע דערלאָזט ניט צוצוגיין נאָענט און מוז באַ־טראַכט ווערן פון דערווייטן. דער אַלטער אָרון, אַ נאַקעטער פון די זייטן, וועלכער ציטערט רחמנותדיק ווען ער עפנט זיך, דאָס איז דער זאַמלפּלאַץ פון דער שכינה וועלכע רוט דאָרט, וויינט און בייזערט זיך און האַלט מיט געוואַלד צוזאַמען די וועלט, זי זאָל ניט פאַנאַנדער־פאַלן. אַלע אירע וואוינונגען באַהאַלט זי דאָרט. פון פאַרצייטיקן משכן ביז דעם בית־המקדש וואָס איז חרוב געוואָרן, דער אַראָפּהענגענדיקער

פרוכת פֿאַרדעקט פֿון אונטן אַ לײדיקן פּלאַץ. דאָרט איז נאָך שרעקלעכער, געוואַלדיקער. באַרעכנט נאָר: אַ לײדיקער אָרט אונטערן אָרון קודש! דאָרט זײַנען צונױפֿגעפּראַפּט די פֿײַערן פֿון ששת ימי בראשית וואָס האָבן געברענט אױפֿן מזבח, וואָס קאָנען פֿאַרברענען װעלטן און װען מען רירט זיך צו צו זײ, פֿאַלט מען אַ טױטער אױפֿן שטעל. זײ זעען זיך ניט, װײַל די הײליקע נשמות פֿון די רוחות פֿון אױבן נעמען זײ אײַן. פֿאַררײדן זײ, שטילן זײ אײַן, אָבער אױסגעהיט זאָל דער װערן, װעלכער װעט עס אָפּדעקן און זיך אײַנקוקן... די ײנגלעך שמועסן אַפֿילו אין דער שטיל, אַז דאָרט שטײען דעם רבינס זאַכן, אַ ברױן קעסטל, פֿון װאַנען דער רבי, װען אַלע צעגײען זיך, נעמט ער אַרױס ברױט, פּוטער, קעז און עסט. דער רבי עסט! אָבער ברוכקע גלױבט ניט! כאָטש ער האָט דאָס אַלײן אַמאָל צופֿעליק געזען — אַ פֿאַרפּלעפֿטער איז ער שטײן געבליבן... אָבער דער רבי איז דאָך אַ באַהאַלטענער נביא. ער קאָן, ער מעג אַלץ, עס פֿאַרװאַנדלט זיך דאָס פֿײַער אין ברױט און קעז, און ער שלינגט — דאָס איז ער מקריב אַ קרבן, אָבער אַ סך הימלעכער איז אין מערב־זײַט. דער האַנט־פּאַס אין װינקל איז געװען גאָר די װאָכעדיקע װעלט, די גאַס, פֿון װעלכער מען קומט אַרײַן און מען װאַשט זיך די הענט... דער אַלמערל פֿון דער אַנדער זײַט טיר מיט די צעפּראַלטע פֿאַרצײַטיקע גרױע ספֿרים, װאו עס פֿלעגט זיך אָפּדוכטן, אַז מען איז אַרײַנגעפֿאַלן צו די אַלטע זײדעס אין די אָרעמס און זײ שעפּטשען דיר שטילע מעשיות. און דער װאַנטזײגער דאַנעבן מיטן לאַנגן קאַסטן ביזן דיל פֿלעגט עפּענען אַ טירל און אַרײַנלאָזן דעם קאָפּ, און זיך אײַנבױגנדיק פֿלעגט מען קוים דערגרײכן מיט די שפּיץ נעגל דעם דעק, און דאָס בלוט פֿלעגט אַ שלאָג געבן אין קאָפּ און מען שפּרינגט אַרױס אַ צעטומלטער איבערלאָזנדיק דאָס סאַמע טיפֿעניש ניט דערפֿאָרשט. און אַפֿילו די הײל אונטער דער בימה, װאו עס זײַנען געװען באַהאַלטן פֿון יאָרן און יאָרן אָפּגעלעבטע ספֿרים, מאָדנע, דעם אָטעם פֿאַרכאַפּנדיקע, שימות שטױביקע, מיט אַ שטאַרקן ריח פֿון טוכלע און שימל — די הײל איז אױך געװען אַזױ שרעקלעך; מען פֿלעגט זיך אַמאָל דאָך דרײסטן און זיך אַרונטלאָזן — און מיט סכּנות נפֿשות אַרױסראַטעװען זיך צוריק, מיטשלעפּנדיק אַ געפֿונענעם אוצר... און יעדעס װינקל, און יעדעס ערטל אין מנינדל, װעלכעס איז געװען פֿאַר ברוכקען אַ באַזונדער געגנט, האָט געהאַט פֿאַר אים אַנגעגרײט אַן אַנדער טעם און אַן אַנדער ריח. עס פֿלעגט אים אײַנטונקען אין אַ

באַזונדערער לופט, אָפּבאָדן אים אין אַ קוואַל פון אַ נייער וועלטשאַפונג. ער פלעגט זיך ענדערן אויף שריט און טריט, אָנציענדיק אויף זיך אַיין נפש נאָך דעם אַנדערן — מיט איין וואָרט, ער פלעגט פאַרטאָפלען זיינע געשטאַלטן... און אַזוי אַרומוואַנדערנדיק אַרום דער בימה, פלעגט ער זיך אַריבערטראָגן פון איין וועלט אין די אַנדערע, ווי אַ רייזענדער אַרום דער וועלט מאַכט דורך אין יעדן געגנט אַ פאַרשידענעם קלימאַט. און ווען קיינער פלעגט ניט זיין אין מנינדל פלעגט ער אין אײַן האַסט נעמען אַרומלויפן אַרום דער בימה און ווי אַ שטורעם האָבן זיך געטראָגן אין אים זיינע קינדערשע פאַנטאַזיעס; עס פלעגט זיך אים אָפדוכטן: אָט וואַרפט ער אַראָפ אַן אַלטע הויט, אָט טוט ער אָן אַ נייע... אָבער מער פון אַלץ האָט אים געצויגן צו זיך די געדיכטע הייליקייט אַרום דעם אָרון קודש — עס האָט געצויגן און געוואָרפן צוריק מיט פחד... ער האָט געפילט, אַז דאָרטן איז זיין פלאַץ, אָבער ער האָט קיין קראַפט ניט געהאַט, קיין זכיה ניט געהאַט צוצוטרעטן. ער איז געווען צוגעשמידט צום משכן מיט זיינע געדאַנקען, זיי פלעגן אים קיינמאָל ניט אָפלאָזן, באַהאַלטענערהייט פלעגט ער אַלע מאָל וואַרפן בליקן אין יענעם ווינקל... ער האָט געפילט אַז דאָרטן מוז וואָס געשען מיט אים... אַ נס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט...

און ער האָט זיך דערוואַרט. דאָס איז געווען אין יענעם טאָג, ווען ברוכקע האָט געלערנט מיטן גאַנצן חדר די ערשטע קאַפיטלעך פון שמואל, און שוין תיכף אין אָנהויב איז ער פאַרכישופט געוואָרן. די אָרימע אומגליקלעכע חנה, די שטילע טויב וועלכע האָט געהאַט אַזויפיל אוסצושטיין פון איר גליקלעכער חברטע, האָט געוועקט אַ טיפן פאַרבענקטן רחמנות. ברוכקע האָט געוואָלט איר קומען צו הילף, טרייסטן, נקמה נעמען אָן דער מרשעת וואָס פלעגט איר אַזוי ווייטאָן, שיטן זאַלץ אויף די וואונדן... זי איז אים געוואָרן ליבער, לייבלעכער ווי אַן אייגענע מוטער. ער האָט זי זייער גוט זיך פאַרגעשטעלט: אַ דינע, אַ דאַרע, מיט אַ לענגלעכן טונקעלן געזיכט, מיט פאַרליטענע אויגן, אַ פרומע, אַ דערווייטערטע פון מענטשן, פון דער וועלט... ברוכקע האָט איר אַזוי מיטגעפילט. און דאָ לאָזט זי זיך אַוועק אין אַזאַ ווייטן וועג, אַזש צום משכן, וואו זי האָט קיינעם ניט, קיין פאַרוואַנדטע, קיין באַקאַנטן... און קומט און שטעלט זיך אַוועק אין ווינקעלע, באַהאַלט זיך פון מענטשן און שעפטשעט אירע האַרציקע ווערטער... און פלוצלינג האָט זיך גאָט דערבאַרעמט איבער איר,

זי איז דערהויבן געוואָרן... זי איז טראַגעדיק געוואָרן... ווי גליקלעך איז די מוטער געווען, ווי גליקלעך ברוכקע איז געווען.

און ווען ביי איר איז אַ זון געבאָרן געוואָרן, איז ברוכקע געווען מיט אים איין האַרץ און איין נשמה, ער האָט אים ניט אָפּגעלאָזן אַ טריט פון זיך און מיט אים צוזאַמען געוואָקסן... און געקוויקט זיך מיט אים, ווען ער האָט געזויגן די מוטערס ברוסט. און ווען ער איז אַנטווינט געוואָרן, איז ער מיט אים צוזאַמען געבראַכט געוואָרן אין משכן און האָט זיך דאָרטן מיט אים באַזעצט אויף אימער. אַזוי אָפּגעריסן פון דער וועלט, פון מענטשן, פון פריינט, פון אַלעמען האָט ער פאַרבראַכט זיינע קינדער יאָרן, זיך טוליענדיק אין די ערפורכטיקע שאָטנס, טוליענדיק זיך אין הייליקייט, צוהערנדיק זיך צו די שטילע טריט פון דער שכינה. ער, ברוכקע, איז דורכגעדרונגען און דורכגעשטראַלט געוואָרן פון לויטער הייליקייט. ברוכקע איז אַ קינפטיקער נביא, אויסדערוויילטער פון גאָט. צו אים געאָפּערט און צו אים געהעריק. יעדעס גלידעלע זיינס איז פאַרקויפט צום אויבערשטן. און ברוכקע האָט געוואַרט ער זאָל זיך צו אים אַנטפּלעקן און עס איז געקומען. איינמאָל, פאַרבלייבנדיק אַליין אין משכן, איז ער אַנשלאָפן געוואָרן לעבן ארון און ער האָט דערהערט גאָטס שטימע, ווי זי רופט אים... ער האָט נאָך ניט געקאָנט גלויבן, אַז די צייט איז שוין אַזוי גיך געקומען. און די צווייטע און די דריטע נאַכט ווידער... ער איז שוין איצט זיכער — אַז ברוכקע איז פון היינט אָן און ווייטער דער פולער אייגנס פון גאָט, אַז פון איצט וועט ער זיך שוין פון אים ניט שיידן... אַזוי איז ברוכקע געוואויר געוואָרן אַז דער אינערער, דער טאָפּלטער ברוכקע איז דאָס שמואל הנביא, דער פאַרצייטיקער, פון משכן לעבן אָרון קודש. ווי אין פיבער האָט ברוכקע אָפּגעלעבט די גאַנצע וואָך, ווען מען האָט געחזרט די ערשטע קאַפּיטלען פון שמואל א׳. באַרוישט האָט אים די געוואַלדיקע אַנטדעקונג אַז ער איז דאָס שמואלקע. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אין טרוים, ווי טרוימענדיק וואַכערהייט. און דער אָרון קודש איז אַזוי צו אים פריינטלעך געוואָרן, היימיש. ער האָט אים מער ניט געשראָקן, ער האָט אים געצויגן, געצויגן: אדרבא, קום אַהער נעענטער. און ער האָט זיך באַשלאָסן — ער וועט איבערבלייבן אין חדר ווען אַלע די חדר־ייִנגלעך מיטן רבין וועלן זיך צעגיין; ער וועט זיך אַריינגנבענען שטילערהייט, אומבאַמערקט און צופאַלן צום אָרון קודש און זיך איבערגעבן צו אים. און אַזוי טאַקע איז געווען. ער האָט זיך צוגעדריקט צום ווינקל פון אָרון קודש און

האָט געציטערט און געוויינט מיט טרערן פֿון פֿרייד און האָט געוואַרט, אַז איצט מוז עס זיך באַווייזן, אַ נס וועט געשען. און עס איז געשען. אין שולכל איז אַלץ טונקעלער געוואָרן. שאָטנס האָבן געצוקט און געוויקלט און באַהאַלטן דאָס שולכל, נאָר דער אײן אָרון קודש איז געבליבן שטיין... און עס האָט זיך באַוויזן אַ הויכע ריזנגעשטאַלט מיט ברייטע פּלייצעס, באַוואָקסן דאָס פּנים מיט שוואַרצע געדיכטע געקרייזלטע האָר, מיט פֿינקלענדיקע אויגן. אַזוי האָט זיך ברוכקע אַמאָל פֿאָרגעשטעלט יהודהן, יעקבֿס זון — און ער איז צו גלייך צום אָרון קודש... ברוכקע האָט גאָר ניט מורא געהאַט. ער האָט געוואוסט אַז עס דאַרף טאַקע אַזוי זיין. ער איז געווען גרייט אויף אַלץ. און דער אײזערנער מאַן בייגט זיך פּלוצלונג איין — קוקט שאַרף אָן ברוכקען, עפּעס באַפֿעלנדיג אים: שווייג און קוק — ער בויגט זיך איין צו דעם הייליקסטן אָרט, צו די קדשי קדשים... אונטערן אָרון קודש, אונטערן פּרוכת... און איילנדיק נעמט ער עפּעס פֿון דאָרט. ברוכקע קוקט ניט ווייל ס'איז אַ חילול־השם, מען טאָר ניט קוקן, ער קוקט נאָר דעם אײזערנעם מאַן אין זיינע פֿינקלענדיקע אויגן. ברוכקע פֿרעגט ניט. ער האָט איך פֿאָרויס געוואוסט, אַז אַלץ מוז אַזוי זיין, אַלץ איז אין אָרדנונג און אַם פּלאַץ. עס געשעט דאָך אַ נס! און פּלוצלינג גיט דער אײזערנער מאַן אַ שלעפּ פֿון אונטערן פּרוכת אַ גרויסע שוואַרצע זאַך... ברוכקע איז אַ פֿאַרציטערטער געוואָרן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער איז געווען אָנגעשטרענגט אין דעם מאָמענט. פּלוצלינג האָט ער דערפֿילט אַ דערלייכטערונג. ניט עפֿענענדיק די אויגן האָט ער דערשפּירט, אַז דער מאַן איז פֿאַר־שוואונדן... די זאַך, וואָס האָט געדאַרפֿט געשען איז געשען. דער נס איז לעבן אים. אָבער ברוכקע איילט זיך ניט צו עפֿענען די אויגן, ער קאָן זיך ניט אַנטשליסן. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דער שטייפֿקייט פֿון דעם שוידערלעכן איינדרוק; דאָס בילד האָט זיך איינ־געקריצט אין זיין מוח און געשטאַנען פֿאַר אים איינגעפּאַסט ווי פֿון ששת ימי בראשית. פּונקט ווי די זעאונג האָט ער שוין אַמאָל געזען, גאָר אין די פֿאַרצייטיקע יאָרן... ער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק און מיט די נאָזלעכער האָט ער געשפּירט דעם ריח פֿון די לבנון בוימער...

„יידישער קעמפּער“, מאַי 23, 1947.

ב. ריווקין און זיין ערשטע פרוי ראָזע גאָטליב

ד״ר. יוסף וויינרעבע (באָסטאָן)

ברוך אברהמס יוגנט

דאָס פיינע שטעטעלע פון אַרום אַכט טויזנט איינוואוינער מיטן נאָמען יאַקאָבשטאַט, אין קורלאַנד, איז געלעגן אויף דעם טייך, דווינע. ווי עס ווייזט אויס, האָבן דאָס די דייטשן געבויט, ווייל די גאַסן זיינען געווען ברוקירט, דער געבוי פון די הייזער שיין, ריין, מיט אַ לוסט־גאָרטן אין מיטן שטעטל, וואו אַלע זומער פלעגט שפילן אַן אָרקעס־טער. דאָס איז געווען אַ קרייז שטאָט („אויעזד״), אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ קרייז געריכט („אויעזדני סוד״) ; אַ שול פאַר יידישע קינדער פון פיר קלאַסן ; אַ קרייז שול פון זעקס קלאַסן וואָס איז געווען געגליכן צו פיר קלאַסן גימנאַזיע ; אַ רעגירונגס־שול פאַר מיידלעך.

אויף דער אַנדער זייט דווינע איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער וועלט. דאָ האָט זיך געפונען דאָס שטעטל קרייצבורג, וויטעבסקער גובערניע, וואָס איז געווען, ווי עס זעט אויס, געבויט פון רוסן, אָדער ליטווינער, ווייל עס איז געווען שמוציק און אָן שולן פאַר קינדער.

ווינטער ווען דאָס אייז אויף דער דווינע איז געווען גוט פאַר־פראָרן פלעגן די יינגלעך פוןביידע שטעטלעך יאַקאָבשטאַט און קרייצ־בורג, שבת נאָך מיטאָג גיין האַלטן מלחמה אויפן אייז מיט שטיינער, מיט פלעקענער, און אַמאָל פלעגט זיך גיסן בלוט אויך. איך פלעג גיין קוקן בלויז אַלס אַ באַאָבאַכטער, אָבער ברוך איז קיינמאָל אַפילו ניט צוגעגאַנגען צום טייך זען ווי די יינגלעך ממיתן זיך. מערסטנטיילס פלעגן די יאַקאָבשטאַטער געווינען, ווייל זיי האָבן געהאַט בעסערע גע־נעראַלן און געזונטע חברה. מיין עלטערער ברודער, וואָס איז געווען אַ מין פירער האָט אַמאָל געקראָגן זיבן טעג טורמע פאַר וואַרפן שטיי־נער, מיט וועלכע ער האָט אויסגעבראָכן די פענצטער ביי אַ קרייצ־בורגער „אָקאָלאָדאָטשניק״, אַ מין פאָליציימאַן.

אין מיין פאַמיליע האָט מען ברוכן גערופן אַוורעמקע, ווייל זיין פולער נאָמען איז געווען ברוך־אברהם. איך בין געווען אַ שוואַך יינגל. און געדענק נאָר זאַכן אין עלטער פון אַכט־ניין יאָר. מער פון אַלץ

האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון ברוכס בר־מצוה. מען האָט זיך צוזאַמענגעקליבן פון אַלע אַרומיקע שולן אין דעם בעל־מלאכהשן בית־מדרש, שבת נאָכן דאַוונען הערן אבא שעפּטלס זונס דרשה. אַפילו פון דער רויטער שול אין וועלכער עס האָבן געדאַוונט די רייכע באַלע־באַטים פון שטאָט איז מען אויך געקומען. אויך פון דער ווייסער שול און פון דער קצבישער שול זיינען אַלע געקומען.

ברוכס לערער, משה לאַנדמאַן, אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער רויטער באָרד, איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ נייער קאַפּאָטע, די רויטע לאַנגע באָרד אויסגעקעמט ווי צו אַ חתונה. פון זיין געלבלעכן פּנים און צוויי בייזע אויגן האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען ווי שטאָלץ ער איז געווען מיט זיין תלמיד.

משה לאַנדמאַן איז אויך געווען מיין לערער. ער האָט אָבער פיינט געהאַט אָרעמע קינדער. איך בין געווען פון געבורט אַ געלינקטער. ער האָט באַמערקט ווי איך שרייב מיט דער לינקער האַנט. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיק האָלץ און דערלאַנגט אַ זעץ איבער דער האַנט. פון קלאַפּ איז זי גלייך אויפגעלאָפן, און איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געשוואָלענער האַנט גאַנצע צוויי וואָכן. אָבער מער מיט דער לינקער האַנט האָב איך ניט געשריבן ביז אויף היינטיקן טאָג.

הגם אַלע אַנדערע זאַכן טו איך מיט דער לינקער האַנט.

אַט דער גזלן וואָס האָט אַלע קבצנישע קינדער פיינט געהאַט, האָט ברוכן ליב געהאַט און עס האָט זיך אים זייער געוואָלט מאַכן ברוכן פאַר אַ רב.

משה לאַנדמאַן האָט געשמט פאַר אַ גרויסן קענער. און דערצו איז ער געווען דער פּרינציפּאַל פון דער יידישער רעגירונגס שול, וואו ברוך האָט געקראָגן זיין ערשטע דערציאונג. משה לאַנדמאַן האָט געשעצט ברוכס פּייאיקייטן און פלינקן קאָפּ. און ער האָט אים געגעבן אומזיסטע פּריוואַטע לעקציעס אין תנ״ך און גמרא.

וואָס ברוך האָט צו זיין בר־מצוה געזאָגט דאָס געדענק איך נישט. אָבער דער איינדרוק איז ביי מיר פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

ווען די באַלעבאַטים זיינען אַרויס פון דער בעל־מלאכהשער שול און זיך געלאָזט גיין אַהיים, געדענק איך, ווי זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, און זיך איבערגעוואָרפן מיט רייד איינער מיטן אַנדערן. ברוך האָט אַן אָפענעם קאָפּ. אַ באַלעבאַטישער ייד, פון דער רויטער שול, טענהט צו די בעל־מלאכהשע יידן: אי, אי! וואָס פאַר אַ מוח! משה לאַנדמאַן האָט געהאַפּט אַז ברוכן ווע

מען שיקן אין אַ ישיבה לערנען. אָבער ברוך האָט שוין דאַן געהאַט זיינע אייגענע פּלענער, און אידייען.

ברוכס עלטערן זיינען נאָך דער „דרשה" געקומען צו אונדז אין שטוב אויף „ברכה". דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייסן טיש־טוך, מען האָט געשטעלט בראָנפן און לעקעך, מען האָט געטרונקען, און צוגעביסן און זיך צוגעוואונטשן אַלדאָס גוטס.

מיין טייערער גוטער פעטער, אבא שעפטל, אַ שטילער מענטש, מיט אַ געל פּנים, און געלער באָרד, מיט צווי גוטע אומעטיקע אויגן, און וויניק רייד, האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן אַז ער שטאָלצירט מיט זיין זון ברוכן. אין האַרצן האָט ער זיך מסתּם איבערגענומען, אָבער קיינעם האָט ער עס ניט געלאָזט באַמערקן.

מיין מומע, איידע, האָט קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט אויף זייטיקע זאַכן. איז תּמיד געווען באַשעפטיקט מיט גיין איינקויפן שפּייז און דערנאָך עס קאָכן, פאַריכטן קליידער פאַר דער פאַמיליע, און טאָן אַלע אַנדערע שטוב־אַרבעטן.

אין אַ קורצער צייט אַרום, איז ברוך אַריין לערנען אין דער רעגירונגס שולע פון זעקס קלאַסן, נאָך אַן עקזאַמען איז ער אַריין אין פערטן קלאַס. ער האָט אַלץ באַקומען פּריי, ווייל ער איז געווען דער בעסטער שילער.

איך, אַלס יונגער יינגל, האָב ברוכן פאַרגעטערט און צו אים אַרויפגעקוקט, ווי אויף אַ גרויסן געלערנטן. איך פלעג אויך צו אים אין שטוב גיין זייער אָפט.

וואו האָט ברוך געוואוינט? אין אַ הינטער־שטיבל, אַן אַ פונדאַמענט. בעסער געזאָגט אין אַ קעלער, אָן אַ דיל (פּאָדלאָגע). דער דיל איז באַשטאַנען פון בלויזער ערד. און אויף יום־טוב פלעגט מען אים באַשיטן מיט געלן זאַמד. די גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון איין גרויסן קאַמער. דאָרט איז געווען די קיך, דער שלאָף־צימער, און דער עס־צימער און אַלע אַנדערע צימערן אַריינגערעכנט.

דאָרט האָט זיך ברוך, און נאָך פינף קינדער, ביי מיין גוטן פעטער אבא שעפטל און מומע איידע געהאָדוועט.

אויף וויפיל איך געדענק האָט ברוך מיט קיין קינדער קיינמאָל זיך ניט געשפּילט, ווען אַלע קינדער פלעגן אין די ווינטערדיקע טעג זיך גיין וואַרפן מיט שניי־גאָמעלקעס, לאָזן זיך צום טייך דורינע גליטשן, אָדער זומער זיך באָדן, פלעגט ברוך זיין פאַרנומען מיט זיינע ביכער, ער האָט געלייענט און שטודירט.

ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, פלעגט ער שטענדיק קוקן אויף די ווענט, אַלעמאָל פאַרטראַכט.

אײנמאָל זײנען מיר בײדע געגאַנגען אין אַ זומער־טאָג שפּאַצירן אין וואַלד. און ער האָט מיר דערצײלט וועגן דער קראַפט פון אַן אײ־דײע, ווי אַן אידײע קאָן באַצויבערן מענטשן און פעלקער, און קאָן מאַכן רעוואָלוציעס און ענדערן די געזעלשאַפט.

ווען ברוך האָט גראַדואירט פון שולע, האָט ער אַ געוויסע צײט געגעבן פּריוואַטע לעקציעס רײכע קינדער.

אין אַ צײט אַרום, איז ברוך אַוועקגעפאָרן קײן ריגע און דערנאָך אין ליבאַווע. ער האָט שטודירט אַלס עקסטערן. און געמאַכט אַ געוואַלדיקן פאָרשריט אין פילאָזאָפיע, אין דײטש. איך האָב געהאָפט אַז ברוך וועט אַרײן אין אַן אוניווערזיטעט, אָבער ער האָט ניט ליב געהאַט די דיס־ציפּלין און געוואָלט זײן פרײ. ער האָט געמאַכט באַקאַנטשאַפט מיט רבנים, ווי אויך מיט פּראָפעסאָרן. און אַלע זײנען געווען באַגײסטערט פון זײן ברײטן וויסן און אָריגינעלן דענקען.

אין דער צײט פון דער רעוואָלוציע אין 1905, איז ברוך געקומען צוריק אין זײן שטעטל יאַקאָבשטאַט, הגם ער איז געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער (און אויך גענויגט צום פילאָזאָפישן אַנאַרכיזם) האָט ער אָנטײל גענומען אין „בונד", די ײדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

אַ ביסל שפּעטער איז ברוך און זײנע חברים אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט זײ פאַרשפּאַרט אין תּפיסה. זיצנדיק אין תּפיסה האָט ברוך געפּרײדיקט פרײהײט און גלײכהײט און אָפּשאַפן אָרעמקײט. ער האָט געהאַלטן דאָרטן גאַנצע לעקציעס. די זשאַנדאַרן און פּאָליצײ זײנען געווען מערסטענס לאַטישן וועלכע האָבן פײנט געהאַט דעם צאַר. האָבן זײ זיך גערן צוגעהערט צו ברוכן, און זײנען געוואָרן זײנע גוטע פרײנט.

ברוך האָט קײנמאָל ניט געשטרעבט צו קײן קאַריערע און ווײניק זיך געקימערט וועגן קלײדער אָדער אַנדערע אויסערלעכע זאַכן. ער איז געווען אין באַצוג צו דעם זײער גלײכגילטיק. ער איז געווען אַ געבוי־רענער תּלמיד חכם, אַ פילאָזאָף, איך האָב אים פאַרגליכן צו ברוך שפּינאָזאַ. אַ מענטש פון אידײען. ער האָט געוואָלט אויסבעסערן די וועלט און אויסראָטן קנאה־שנאה צווישן מענטשן.

ברוך האָט שטאָלצירט מיט זײן פאָלק, מיט דער ײדישער קולטור און מיט אַלץ וואָס ײדן האָבן צוגעטראָגן צו דער מענטשהײט פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

איך האָב ברוכן אַמאָל געפרעגט זײן מײנונג וועגן אַנטיסעמיטיזם

און ער האָט מיר געזאָגט: די אורזאַכע פון אַנטיסעמיטיזם איז דאָס וואָס די גוים ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט דעם גלויבן וואָס די יידן האָבן זיי געגעבן. ער איז ביי זיי געבליבן שטעקן, ווי אַ ביין אין האַלדז.

אין אַ צייט שפּעטער, איז ברוך אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם אַמעריקאַניש־יידישן אַקטיאָר באָריס טאָמאַ־שעווסקי. ברוך האָט זיך שטאַרק געניוטיקט אין געלט. האָט ער זיך אָנגעבאָטן טאָמאַשעווסקין צו שרייבן פאַר אים אַ דראַמע, און צו דעם האָט טאָמאַשעווסקי צוגעשטימט. ברוך האָט אָנגעשריבן איין אַקט, און טאָמאַשעווסקי איז געווען אַנטציקט פון אים. ער האָט ברוכן געגעבן אין פאָרויס הונדערט אָדער צוויי הונדערט דאָלער. די דראַמע האָט ברוך ניט פאַרענדיקט.

ברוך איז געווען גוט צו מיר. איך בין געווען אַ שוואַך יינגל. ווען איך בין אַריין אין דער רעגירונגס קרייז־שול, פלעגט די היים־אַרבעט מיר פאַלן שווער. איך פלעג קומען צו ברוכן אין שטוב ער זאָל מיר העלפן מיט מיין היים־אַרבעט. ער האָט מיר אַלעמאָל אַרויסגעהאָלפן, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זיין מאַמע, נאָך אַ קריג מיט מיין מאַמען, האָט ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר איר, און צייטנווייז זי אַ ביסל אונטערגעשאָלטן. איך האָב געוואוסט, אַז די מומע אידע איז געווען גערעכט, הגם אין האַרצן האָט עס מיך געקרענקט. אָבער איך האָב גאָרניט געזאָגט. ברוך און איך פלעגן שוויגן און אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט.

איך דענק אַז דער קריג האָט זיך גענומען פון דעם וואָס מיין מוטער איז געווען איפּערזיכטיק פאַרוואָס ברוך איז אַזאַ באַגאַבטער בחור און איר זון — ניט. און טאַקע דערפאַר האָט מיין מוטער ברוכן ניט ליב געהאַט. און איך גלויב אַז טאַקע דערפאַר האָט מיין מוטער אַוועקגעגעבן דעם לעצטן גראָשן אויף מיין בילדונג. ניט געקוקט וואָס אונדזערע מאַמעס האָבן פון צייט צו צייט זיך אַ ביסל אונטערגעקריגט,— האָב איך ברוכן שטאַרק ליב געהאַט.

עס איז מיר געווען אַ ווייטיק אין האַרצן זיין פריצייטיקער טויט. אַן אידעלע און מער נאָבעלע נשמה האָב איך אין מיין לעבן ניט באַגעגנט. לאָמיר ערן זיין אָנדענק און העלפן אַרויסגעבן זיינע אָריגי־נעלע שאַפונגען.

„פרייע אַרבעטער שטימע“, יולי 6, 1951.

אבא שעפטל, איידע און יעקב, די עלטערן און יינגערער ברודער פון ב. ריוװקין

רודאָלף ראָקער

דער אינטעלעקט ב. ריווקין

דער אינטעלעקטועלער ווערטפולסטער מענטש אין יענעם לאָנדאָנער קרייז איז, בלי ספק, געווען ברוך ריווקין, וועלכער האָט אין לויף פון די יאָרן זיך פאַרשאַפט אַן אָנגעזעענעם נאָמען ווי אַ יידישער שריפטשטעלער. אויך ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער יונגער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, הגם ער האָט שוין דעמאָלט מסתמא געפילט, אַז דער אַנאַרכיזם אַנטהאַלט אין זיך אַ טיפערן אידייאישן אינהאַלט ווי דער באַרבאַרישער קאַמף קעגן אַ באַרבאַרישן סיסטעם, וועלכן ער האָט געקענט פון רוסלאַנד, האָט אים געקאָנט געבן. ווי דער רוב פון זיינע יונגע פריינט, האָט ער זיך לכתחילה באַצויגן היפש סקעפטיש צו דער באַוועגונג אין אויסלאַנד. אָבער ער איז געווען אַ זוכער, וועלכער האָט זיך ליב געהאַט צו גריבלען אין זאַכן, וועלכע זיינען געשטאַנען מחוץ פונעם ענגן אידייאישן קרייז, לויט וועלכע זיינע חברים פלעגן זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן לעבן. ס'איז אפשר געווען מער דאָס אינעווייניקסטע געפיל פון צונויפגעהעריקייט און די דערמאָנונג פון די בשותפות־אויסגעשטאַנענע סכנות, וועלכע האָבן אים פאַרבונדן מיט זיינע חברים פון דער היים, איידער אַ גייסטיקע ספאָנטאַנע קרובהשאַפט.

פונקט ווי יהודית איז אויך ער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו אונדז אין הויז און אויך צו אונדזערע פריינט אברהם און שרה פרומקין. מיר האָבן אים אויפגענומען פריינטלעך און פלעגן מיט אים פירן לאַנגע וויכוחים, וועלכע פלעגן זיך פאַרציען ביז אין דער שפעטער נאַכט אַריין. איך האָב באַלד באַמערקט, אַז מיינע ווערטער האָבן אים געמאַכט זיך פאַרטראַכטן און אַזוי ווי ער פלעגט אויך אָפט באַרירן ענינים, וועלכע זיינען געלעגן מחוץ די ראַמען פון סאָציאַלע פראָבלעמען, האָט מיר דאָס געגעבן די געלעגנהייט צו רעדן מיט אים אויך וועגן אַנדערע זאַכן. אַזוי האָט ער אין איינעם אַן אָוונט אַרויסגעפירט דעם שמועס

אויף דער אַלטער און תמיד נייער טעמע וועגן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם. איך האָב אים דעמאָלט דערקלערט, אַז בײדע זיינען נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר פאַרשידענע פּערספּעקטיוון, דורך וועלכע מיר זוכן צו דערקלערן די דערשיינונגען פונעם לעבן, הגם מיר דערגייען דורך דעם נישט צום סאַמע שורש פון די אמתע סודות. אַזוי ווי אונדזער אופן פון דענקען איז אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מיר זיינען אימ־שטאַנד זיך צו באַוועגן פאָרויס נאָר אויף די שטאַלצן פון אַליין־געשאַפענע באַגריפן, זיינען דעריבער אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם אפשר בלויז נייטיקע קעגנגעוויכטן, בכדי נישט צו פאַרלירן דעם גייסטיקן באַלאַנס. דער עיקר איז אַנצואווענדן יעדע געוואונענע דער־קענטעניש אויף די מאַטעריעלע און גייסטיקע זייטן פונעם לעבן, אָבער זיך איינצייטיק נישט איינצורעדן אַז מיר האָבן אין אונדזער רשות אַן אַבסאָלוטן אמת, לויט וועלכן מ׳איז אימשטאַנד צו געשטאַלטיקן דאָס לעבן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט אַביסל איבערראַשט, מחמת ער האָט זיך וואַרשיינלעך נישט געריכט אַזעלכעס צו הערן פון מיר. דערנאָך האָט ער אַביסל זיך קווענקלענדיק אַ זאָג־געטאָן:

— אָבער אויב דאָס איז אַזוי דער פאַל, קאָן מען דאָך אויך דעם אַנאַרכיזם נישט באַטראַכטן, ווי דעם סופיקן ציל פון דער צוקונפט.

— זיכער נישט! — האָב איך געזאָגט. און דאָס איז דערפאַר, ווייל פאַר דער צוקונפט קאָן מען בכלל נישט אָנצייכענען קיין שום סופיקן ציל. איך בין אַן אַנאַרכיסט, נישט דערפאַר, ווייל איך גלויב אין אַ באַשטימטן סופיקן ציל, נייערט דווקא דערפאַר, ווייל איך גלויב נישט אין דעם, ווייל איך בין גיכער איבערצייגט, אַז נאָר די פרייהייט קאָן פירן צו אַלץ ווייטערדיקע איינזעעניש און צו געזעל־שאַפטלעכע לעבנספאָרמען, בעת יעדער אַבסאָלוטיזם פונעם דענקען שאַפט בלויז נייע דאָגמעס און לייגט אויף אונדז אַרויף נייע קייטן. דאָ ליגט די סיבה פון יעדער טיראַניע.

מיינע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט אַן אָנזעעוודיקן איינדרוק, ווייל ער האָט אויך שפּעטער אַרויפגעפירט גאַנץ אָפט דעם שמועס אויף דער טעמע. אַזוי אַרום זיינען מיר ביסלעכווייז געוואָרן גוטע פריינט. דערמוטיקט דורך פרומקינען און מיר, איז ריווקין געוואָרן אַ רעגלמעסיקער מיטאַרבעטער אין „אַרבײטער פריינד״, ביז ער איז שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. אויך אין „זשערמינאַל״ האָט ער מיטגעאַרבעט און איך דערמאָן זיך נאָך היינט זייער שטאַרק אין צווי

פון זיינע בעסטע אַרבעטן, איינע „די פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע" און די צווייטע וועגן דער אידעאָלאָגיע פון די מאכאיעווצעס, אַ קליינע רוסישע רעוואָלוציאָנערע סעקטע, וועמעס נאָמען עס איז נאָך דעמאָלט אין אויסלאַנד לגמרי נישט געווען באַקאַנט און וועלכע איז ערשט באַקאַנט געוואָרן טאַקע דורך ריווקינס אַרטיקלען.

ריווקין איז געווען אַ היפּש עקסצענטרישער מענטש, אַ צוריקגעצויגענער כאַראַקטער און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביז צו זיין טויט. ער האָט אָבער געהאַט אַן אומאָפּפרעגבאַרע אָריגינאַליטעט אינעם דענקען און האָט זיך שטענדיק געיאָגט נאָך נייע דערקענטענישן. ער האָט אין לויף פון זיין לעבן געשאַפן אַ היפּשע צאָל גוטע אַרבעטן. הגם ער איז אין די לעצטע יאָרן געשטאַנען גאַנץ ווייט פון דער באַוועגונג, איז ער אָבער זיינע פרייהייטלעכע אידייען געבליבן געטריי ביז צום סוף.

רודאָלף ראָקער, „אין שטורעם", זז. 421—23, בוענאָס איירעס, 1952

אברהם רייזען

ב. ריווקינס נייער גאַנג אין פובליציסטיק און קריטיק

(דעראינערונגען און שטריכן)

די ערשטע יידישע פובליציסטן אין דער ראַדיקאַלער יידישער פרעסע אין אַמעריקע, נאָך פון די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ, זיינען פאַררעכנט געוואָרן מער צוליב דעם אינהאַלט פון די אַרטיקלען, צי אַפילו פון די שפּעטערדיקע ביכער, ווי צוליב דעם סטיל פון יעדן סאָציאַליסטישן צי ראַדיקאַלן שרייבער באַזונדער. וועגן אינדי־ווידועלן סטיל איז דעמאָלט אַפילו קיין רייד ניט געווען. ניט נאָר האָט זיך אַזאַ מין סטיל ניט געפאָדערט, נאָר פאַרקערט — עס איז געווען פאַרן שרייבער, פאַרן פובליציסט צי אַפילו קריטיקער אַ שטער. אויב אַפילו אַזאַ קאָלאָסאַלע פובליציסטישע קראַפט ווי ד״ר יצחק אריה הלוי איש הורוויטש, נאָך מיט איבער 45 יאָר צוריק, האָט זיך אויס־געצייכנט מיט אַ באַזונדער אופן פון זיין שרייבן, איז דאָס געווען מער מיט זיין פשטות, מיט זיין וואונדערלעך־קענען מסביר זיין די שווערסטע סאָציאַליסטישע און, שפּעטער שוין, אַפילו נאַציאָנאַלע פּראָבלעם; און אויך מיט זיין קלוגשאַפט און מיט זיין לויטערן הומאָר. אמת, דאָס הייסט שוין אפשר אויך אייגענער סטיל, אָבער ניט קיין אייגענע פאָרם פון אויסדרוק.

שאַרף און באַלערנד האָבן אויך געשריבן ב. פייגנבוים, פיליפּ קראַנץ און ש. יאַנאָווסקי, און אַנדערע. איך רעכן דאָ ניט אַריין דעם פּיאָנער און וועטעראַן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע אין אַמעריקע, אב. קאַהאַן, ווייל ער געהערט לויט מיין מיינונג מער צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור, ווי מ׳זעט עס פון גרעסטן טייל פון זיין פינף בענדיקן ווערק „בלעטער פון מיין לעבן״.

אין די ניינציקער יאָרן און אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט האָבן אַלע יידישע אַמעריקאַנישע פּובליציסטן געשריבן לויט דעם נוסח פון דער פּובליציסטיק, און אַפילו טיילוויַיז עסייאיסטיק, פון יענער צייט. אין אַמעריקע — און טיילוויַיז אַזוי אין אייראָפּע — אין דער יידישער פּרעסע האָט זיך געפּאָדערט, אַז דער לעזער זאָל קאָנען באַנעמען און אויב אַפילו דער ענין איז געווען אַ שווערער — איז דאָס געווען אָבער ניט די שולד פון דעם שרייבערס אופן פון שרייבן. אַזוי האָט יעדער פון די דערמאָנטע און באַדייטנדיקע ביט־דערמאָנטע זיין גרויסן פאַרדינסט פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער און ראַדי־קאַלער פּרעסע אין אַמעריקע.

אַ גאָר ספּעציעלן אָרט אין דער יידישער פּובליציסטיק פון יענער צייט (ביז 1911) פאַרנעמט דער גרויסער פּאָעט אברהם ליעסין־וואַלט. שוין ביי זיין אָנקומען אין אַמעריקע — אין 1897, אַלס עמיגראַנט־רעוואָלוציאָנער — האָט ער מיט זיינע ערשטע לייטאַרטיקלען און מיט זיינע פילע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" און שפּעטער — פון 1912 אַלס רעדאַקטאָר פון „צוקונפט" — זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אויך ווי אַ פּובליציסט. איבערהויפּט אָבער מער אויף פּאָליטישע טעמעס. און אויב אויך אויף אַנדערע, אייביקערע טעמעס און נאַציאָנאַלע מאָטיוון, געהערן זיי אָבער — מיט זייער פּאַטאָס און שטאַרקייט פון טאָן — מער צו פּאָעטישער פּראָזע. אַזוי אויך — אין אַן אַנדער אופן — דאַרף דערמאָנט ווערן מיט אָנערקענונג, אים צו לאַנגע יאָרן, דער באַרימטער יידישער געלערנטער דר. א. גינזבורג, וואָס האָט אויך — און ביז היינט — מיטגעאַרבעט אין אַלע יידישע ראַדיקאַלע צייטונגען און צייטשריפטן ווי אַ טאַלאַנטפולער פּובליציסט־פּעליעטאָניסט.

און מיט די פּאָר אויסנאַמען פון א. ליעסין און דר. א. גינזבורג אויף זיין אופן האָט אין דער שפּעטערער צייט (נאָך 1911) אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע ראָלע אין יידיש־אַמעריקאַנישער פּובליציסטיק און עסיי־איסטיק געשפּילט דער שאַרף אויסגעשפּראָכענער אינדיווידועלער שאַ־פער — ברוך ריווקין...

ב. ריווקין האָט אָנגעהויבן שרייבן אין לאָנדאָן. אין דעם אופן דערמאָנט ער די סאַמע ערשטע גרויסע שאַפער אויף אַנדערע געביטן: מ. ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד און עדעלשטאַט...

מיטן ליבן ברוך ריווקין האָב איך — טאַקע אין לאָנדאָן — זיך באַקאַנט אויף וויַיטשעפּל אין יאָר 1911 אין דער וואוינונג פון דער טייערער פאַמיליע — די פרומקינס — אברהם און שרה פרומקין ע"ה,

וואָס אברהם פרומקין אַליין איז געווען איינער פון די שענסטע סטיליסטן אין יידיש און אַפילו מיט זיינע בלויז איבערזעצונגען אַריינגעטראָגן אַ נייע פרישע כוואַליע אין דער יידישער סטיליסטיק בכלל, ווי עס וועט נאָך אונדז אין ליכטיקערע צייטן אויסקומען צו באַווייזן.

ברוך ריווקין איז אין יענער צייט נאָך קוים געווען באַוואוסט. ער האָט געשריבן וועכנטלעך אַן אַרטיקל פאַר דעם לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד" — „בריוו פון רוסלאַנד", לויט דעם אויסוואַל פון פאַסיקן מאַטעריאַל פאַר דעם „אַרבעטער פריינד", אונטער דער רעדאַקציע פון אונדזער גרויסן יידישן פריינד און פריינד פון דער מענטשהייט און קעמפער מיט פרייען וואָרט און מיט דער פען פאַר אַ פרייער מענטש־הייט — רודאָלף ראָקער, וואָס זיין טעטיקייט אין און פאַר דער יידישער ליטעראַטור, אַפילו מער ווי אַ קאָסמאָפּאָליט — איז געווען אין יענער צייט אַ ביז גאָר נויטיקע און וויכטיקע.

איך, בכלל אַ געטרייער לייענער אַפילו דאַן פון „אַרבעטער פריינד", צוליב די שיינע ליטעראַטור, וואָס אין יעדן נומער האָט זיך געפונען — האָב שוין געלייענט די „בריוו פון רוסלאַנד" אין צייט פון מיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע, אין אָנהייב 1909, און נאָכדעם שוין, באַזוכנדיק פּאַריז, און באַלד טאַקע לאָנדאָן, אין יענער צייט, אָנהייב 1911. ס'איז געווען סוף ווינטער, אָבער גענוג קאַלט נאָך אין לאָנדאָן... ברוך ריווקין האָט דאַן געלעבט אין גרויס נויט. אַז איך האָב באַזוכט די טייערע, ליבע, גאַסטפריינדלעכע פרומקין פאַמיליע וואו איך האָב שוין זיך באַגעגענט מיט נאָך אַזעלכע געסט, באַהעמען, האָט ברוך ריווקין נאָך זיינע ערשטע שאַפונגען, שוין דאַן — וויזיאָנערישע — געשריבן אין רוסיש. ער האָט מיר פאָרגעלייענט אַ דראַמע — שוין דאַן אַ משיח־דראַמע, אין רוסיש... איך האָב אויסגעהערט מיט גרויס איבער־טערעס, מיט שפּאַנונג, געוואָלט כאַפּן די הויפּט־אידעע, און בכלל געוואָלט אַריינדרינגען אין דעם מהות פון זיין טאַלאַנט... ס'איז אוודאי געווען פאַר מיר צו שווער. אָבער דערשפּירט האָב איך אַ נייע גרויסע שעפערישע קראַפט. ער האָט שוין, אמת, דאַן אויך געהאַט פאַרעפנטלעכט, טאַקע אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד", זיין ערשטע עסיי אין יידיש — וועגן דעם גרויסן פּאָעט יהואש. ברוך ריווקין האָט אים, יהואשן, געטייטשט און דערקלערט מער נאַציאָנאַל־פילאָזאָפיש, אויב אַזוינס איז דאָ, און אויב ס'איז אַפילו נישטאָ — האָט ברוך ריווקין מיט דער קראַפט פון זיין פאַנטאַזיע, מיט דעם שווערן, אָבער שטאַרק בילדלעכן און וויזיאָנערישן, אויסדרוק געקענט איבערצייגן אַז יאָ —

אַז ס'איז דאָ, איבערהויפּט — מיך, דעם שרייבער פון די שורות, וואָס איך האָב שטענדיק געדורשט נאָך אַ ניי וואָרט, אַ נייע פאָרמע, אַ נייעם סטיל — אין אונדזער יידיש.

אויף ברוך ריווקינס גרויסע מעגלעכקייטן האָב איך שוין געוואָרפן אַן אויג. איך האָב אים פאָרגעזאָגט, אַז זיין גרויסע צוקונפט איז אין אַמעריקע, וואוהין איך בין דאַן, פון לאָנדאָן, געפאָרן. געראָטן אים, ער זאָל קומען קיין אַמעריקע, און האָב אים אַפילו דאַן צוגעזאָגט אַ נייע צייטשריפט, וואָס איך אַליין וועל גרינדן...

געקומען אין אַמעריקע, אין אָנהייב 1911, האָב איך טאַקע צוגע־טראָטן צו דער אויספירונג פון מיין פּלאַן אָן קיין שום פּאַראיבלס אויף די אַנדערע צייטונגען, וואָס זיינען בכלל אידעאָלאָגיש געווען מיר נאָענט, ווי דער „פאָרווערטס", די דעמאָלדיקע מאָנאַטשריפט „צוקונפט", די וואָכנשריפט „פרייע אַרבעטער שטימע" — אַלץ צייטונגען און צייטשריפטן, וואָס האָבן געהערט צו דעם יידישן אַרבעטער אין אַמעריקע און אַנטייל נעמען אין זיי איז געווען אַ כבוד. דער בליק מיינער וועגן יידיש איז אָבער געווען אַ וויטערער. ס'איז געווען נאָך דער טשערנאָ־וויצער קאָנפערענץ (זומער 1908), און יידיש איז שוין — דורך דער אונטערגעשריבענער און אָנגעשריבענער רעזאָלוציע פון פינף: דר. חיים זשיטלאָווסקי, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, אסתר פרומקין און דער שרייבער פון די צייל — געוואָרן דערקלערט אַלס אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. און אויב פּרץ האָט אָנפאַנגס ניט געשטימט, איז ער אָבער ניט געווען קעגן; און שפּעטער טאַקע געוואָרן פאַר דער רעזאָלוציע, אויב ניט נאָך מער, און אויב ניט נאָך העכער — אַ דאַנק זיין באַנד „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן", וואָס זיינען (נאָך דער קאָנפערענץ) אָנפאַנג 1909 — דערשינען, צום ערשטן מאָל אין בוך־פאָרם; און אַנדערע גרויסע ליטעראַריש־קינסטלעריש־נאַציאָנאַלע פאַסירונגען אין יענעם יאָר און אוודאי נאָך שפּעטער...

האָב איך טאַקע סוף זומער, 1911, שוין אין ניו־יאָרק געגרינדעט מיין וואָכנשריפט „פאַר ליטעראַטור, קונסט, קריטיק און קולטור", מיטן סימבאָלישן טיטל „דאָס נייע לאַנד". דאָס האָט געזאָלט באַדייטן אי אַמעריקע, וואָס אין יענער צייט האָט זי נאָך טאַקע געהייסן דאָס נייע לאַנד — אַ דאַנק איר יונגקייט, אי דאָס נייע לאַנד — אַ לאַנד — די צייטשריפט הייסט עס — פאַר נייע אידייען, נייע פאָרמען, נייע שאַפונגען...

אוודאי האָב איך זיך געקליגט צו געבן דער צייטשריפט אַ נייעם

פנים, אַ נייעם אינהאַלט. פון די ניו־יאָרקער מיטאַרבעטער האָט זיך אָנפאַנגס געוויזן אין „דאָס נייע לאַנד" דער דאַן ייִנגערער און שאַר־פערער פּובליציסט א. וואָהלינער; אויך דער דאַן ייִנגערער קריטיקער — שכנא עפּשטיין מיט אַן אַרטיקל „די ייִדישע לירים". אין דריטן נומער איז שוין אויך געווען אַ שאַרף אַרטיקל פון צביון מכח דער ייִדישער פּרעסע אין אַמעריקע — אַן ענטפער א. וואָהלינערן, וואָס האָט גע־שטעלט העכער די ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע ווי אין רוסלאַנד. דאָס האָט צביון מיט רעכט ניט געקענט דערלאָזן, בפרט אין יענער צייט, ווען דער „פריינד" איז נאָך דערשינען, שוין אַפילו אין וואַרשע. און אַזוי ביז דר. נחמן סירקין — אַ ציוניסט און אַנטי־ייִדישיסט, ווי ס'הייסט היינט, איז שיער ניט געוואָרן — אויס מאַנגל אין אַ נייערן אינהאַלט פאַר „דאָס נייע לאַנד" — דער לייטאַרטיקל־שרייבער. אמת, מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל די פראַגע וועגן ייִדיש און וועגן ציוניזם ניט צו שאַרף באַרירן. האָט ער טאַקע, דר. נ. סירקין, געשריבן מער אויף נייטראַל־ייִדישע טעמעס: וועגן „דער באַדייטונג פון שבת", וועגן מאַזעס העס, וועגן „געוועזענעס און קומענדעס", וואו ער באַרירט, אמת, דעם ציוניזם, אָבער אויך זיינע דעמאָקראַטיקע פעלערן, למשל:

> ביי די בירגערלעכע קלאַסן האָבן ציוניזם און אַסימילאַציאָן, אַחוץ זייער ווירקלעכער אומפּראָדוקטיווקייט, געטראָגן אויף זייערע קליידער נאָך אַ מיאוסע לאַטע פון אַ ליגן, וועלכע האָט זיי געמאַכט אַזוי לעכערלעך. אין דער פּראָלעטאַרישער וועלט האָבן זיך ציוניזם און אַסימילאַציאָן אויסגעלייטערט פון זייער בורזשו־אַזער טומאה און זיך אויך צו אייגאַנדער דערנענטערט...

דאָס איז אַוודאי געווען דאַן כשר פאַר „דאָס נייע לאַנד", בפרט, אַז דער לענגערער פּאַראַגראַף האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער מיינונג, אַז

> ניט קוקנדיק אויף דעם לכתחילהדיקן ברודער־קאַמף צווישן דעם בונדיזם און דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, זיינען זיי אָבער ביידע געווען געזעצלעכע קינדער פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, און אין זייער שטרייט איז שוין געלעגן די מעגלעכקייט פון זייער צוקונפטיקן שלום...

מיט די אַרטיקלען פון דר. נ. סירקין, וועלכע איך האָב געדרוקט מיט דער גרעסטער טאָלעראַנץ און פאַרערונג צו אַזאַ ליכטיקער פּער־זענלעכקייט — האָב איך שוין ווי יוצא געווען מיט נייע פאָרמען אין

דער יידישער פובליציסטיק, אין דער פּאָעזיע, און אין דער באָוועליס־טיק, איז שוין געווען דוד איינהאָרן, מאַני לייב, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, דוד איגנאַטאָוו, מ. י. חיימאָוויטש, י. ר. איזלאַנד און אַנדערע. אַפילו מיר אַליין האָט גאָט געהאָלפן אָנצושרייבן אַזעלכע — ווי ס'האָט דאַן געהייסן מאָדערנע דערציילונגען, ווי „די הינקענדיקע טענצערין" און "אייזן", כאָטש איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דעם רעדאַק־טירן דעם שווער באַקומענעם מאַטעריאַל און מיט דער מאַטעריעלער זייט — צו באַקומען יעדע וואָך די הונדערט דאָלאַר צו באַצאָלן דעם דרוקער, דעם גוטן און איידעלן גרייזלען, וואָס איז אַפילו געווען מיינער אַ גוטער פריינד, נאָך פון די יוגנטלעכע יאָרן — אין מינסק. אָבער די זעצער — צווישן זיי דעם ליבן און געלערנטן און הויך־אינטעליגענטן פריינד באַנדעס און אַנדערע, און דעם קאָרעקטאָר, דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם פירער פון דער פועלי־ציוניסטישער באַוועגונג ברוך צוקערמאַן, האָט ער זיי אַלעמען געמוזט צאָלן פינקטלעך די דעמאָלט באַשיידענע שכירות. דערצו האָב איך אַליין געמוזט צאָלן געוויסע שרייבער האָנאָראַר און צווישן זיי טאַקע — דר. נחמן סירקינען, וואָס ווי עס זאָל ניט וואונדערן דעם איצטיקן לייענער — האָט ער אויף די פינף דאָלאַר האָנאָראַר פאַר אַן אַרטיקל יעדע וואָך אויסגעקוקט די אויגן. ווי אַ תלמיד חכם און אַ ייד מיט אַ הויכער נשמה בכלל, האָט ער וועגן געלט ניט פיל גערעדט, אָבער זיינער אַ רמז איז שוין געווען גענוג צו מאַכן זיכער, אַז דער טשעק אויף פינף דאָלאַר, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, זאָל חלילה ניט קומען צוריק. און איך בין טאַקע — באַקומענדיק אַ פּאָר נייע אַבאָנענטן — גלייך געלאָפן אַריינלייגן זייערע עטלעכע דאָלאַר, און דער יונגער בחורל פון באַנק — אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטערל — האָט שוין געשמייכלט און געוואוסט שוין, ווי נויטיק עס איז באַלד אַריינצושרייבן די ניי־אַריינגעלייגטע עטלעכע דאָלאַר...

אָבער ווי ניט ווי האָב איך מיט דער נייער פובליציסטיק אַ דאַנק דר. נחמן סירקינס אַרטיקלען, זיך שוין געפילט, ווי עפּעס טראַג איך דאָ טאַקע אַריין אין דער יידישער געדאַנקען־וועלט. דר. נ. סירקין, כאָטש דער סטיל זיינער דער יידישער איז געווען מאַנכע מאָל האַרבלעך, און אַפילו עטוואָס וואו־ניט־וואו פאַרדייטשט, האָט דאָך באַזעסן אָט דאָס נייע, דאָס פלאַמיקע וואָרט, דאָס וויזיאָנערישע, וואָס דער יידישער פובליציסטיק, איבערהויפּט אין אַמעריקע — האָט נאָך געפעלט. איר פולן אויסדרוק האָט זי דערגרייכט, ווען אין סוף

1911 איז ב. ריווקין אָנגעקומען אין אַמעריקע, און איך האָב אים גלייך איינגעלאַדן אַלס מיטאַרבעטער אין „נייעם לאַנד".

איך קען מיט רעכט באַהויפּטן, אַז ניט געקוקט וואָס אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָבן שוין דאַן געווירקט אַזעלכע גרויסע שריפט־שטעלער־קריטיקער, ווי ש. ניגער, ש. ראָזענפעלד, דר. עליאַשעוו־בעל־מחשבות, און הלל צייטלין — מער פילאָזאָפיש דאַן געשטימט — האָט אויך שוין געווירקט ווי אַ פּובליציסט — און אין אַמעריקע זיינען שוין געווען פיל שריפטשטעלער־פּובליציסטן און קריטיקער מיט גרויסע נעמען און טאַקע מיט פיל ערודיציע און באַגאַבונג — האָבן ב. ריווקינס ערשטע דריי אָפּהאַנדלונגען (פאַרעפנטלעכט אין „דאָס נייע לאַנד") — „דאָס פּראָבלעם פון יידישן פאָלקס־שאַפן" — הויך און ווייט אַריבער־געשטיגן אַלץ וואָס איז פריער געשאַפן געוואָרן אין פּובליציסטיק, מיט דעם אויסנאַם פון פּרצעס פאָעטיש־פּראָפעטישע אויפזאַצן, ווי „שרעק און האָפענונג", אָדער „דער דיכטער און דער לייענער", און אויסער ה. ד. נאָמבערגס וואונדערלעכע „פעליעטאָנען".

ב. ריווקין איז צו שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער אידייע אויף דער יידישער גאַס — זייענדיק אַליין נאָך אַ גרינער צווייג אויף דעם שוין הויך־אויפגעוואַקסענעם בוים פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע, מיט זיינע ערשטע פּרוכט — די גרויסע יידישע יוניאָנס, אָרדנס ווי דער „אַרבעטער רינג" און ד. גל.

די געדאַנקען פון ב. ריווקינען אָבער, זיינען געווען פאַרכאַפּנדיק, וויזיאָנעריש... איבערהויפּט אין דעם צווייטן טייל פון דער אָפּהאַנד־לונג דאָרט האָט שוין ב. ריווקין זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נביא, אין אַ וויזיאָנער, אין אַ העלזעער...

נאָך מער נביאותדיק, ממש ביז מקוים ווערן, איז געווען זיין ווייטערער, שוין שיער ניט פּאָליטישער אַרטיקל „דזשייקאָב שיפס מתנות". ליידער, ניט איצט איז די צייט צו רעדן וועגן דעם אינהאַלט פון אָט דער וואונדערלעכער וויזיע אין דעם דאָזיקן אַרטיקל פון ב. ריווקין ז"ל, בפרט אַז די נייע דזשייקאָבס שיפס זיינען שוין פיל קליגער און טאַקע אויך פאָלקסטימלעכער געוואָרן, ווי עס ווייזט די גרויסע אַרבעט פון „דזשאָינט". אָבער אין יענער צייט איז דער פלאַמיקער אַרטיקל פון ב. ריווקין געווען אַ פאַרזאָגונג און אַ העכערע באַלערונג — און ס'האָט געקלונגען ווי אַ קאַפּיטל פון די נביאים...

און אַזוי האָט ב. ריווקין שוין דאַן ניט נאָר געהויבן דעם פּרעס־

טיזש פון דער וואַכנשריפט „דאָס נייע לאַנד", נאָר אויך פון יידישן וואָרט, פון יידישן שאַפן, פון דער יידישער מחשבה...

אין שפּעטערע אַרטיקלען זיינע, אין יענעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שוואונגיקן און וויזיאָנערישן שאַפן האָט ער טיילוויז אויסער דר. נחמן סירקינען — בכלל אַ נאַציאָנאַל־טיפער דענקער — שוין געהאַט געלערנט די טעאָריע וועגן דער באַנייאונג פון דעם פאָלקס־גייסט און טאַקע ריכטיקער — פון פאָלקס־לעבן און שאַפן. אמת, דר. חיים זשיטלאָווסקי, אין זיין „די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע", האָט שוין די פּראָבלעם באַרירט, אָבער — ערשטנס, איז ב. ריווקין מער פאָדערלעך, מער יידיש — מיט אַ טיף רעליגיעז־פּראָפעטישן ציטער, און טאַקע אומקאָמפּראָמיסלעך, כאָטש קיינמאָל ניט אָנגערירט די הויפּט־עיקרים פון סאָציאַליזם, נאָר מיט גרויס אינטואיציע געפונען די וועגן צום אייביקן קוואַל פון יידישן לעבן... און צווייטנס, איז אין דער פלאַמיקייט פון זיין סטיל, אין דער בילדעלכייט פון זיין אויסדרוק, געווען מער קראַפט און מער נייקייט פון דער אידייע, און טאַקע פון דעם אינהאַלט... ווייל אָפט באַשטייט די נייע אידייע — אין דער נייער פאָרמע, אין אינדיווידועלן, אייגן־געשאַפענעם סטיל...

ב. ריווקין איז געווען פאַרשיידנאַרטיק, אָבער ניט ווידערשפּרעכיק; אַפילו אַלס ספּיריטואַליסט איז ער געווען ניט קיין פאַרניינער פון דער ריינער וויסנשאַפט, פון דעם ריינעם קוואַל פון לעבן און ריינער שטראַלי־קייט פון העכערן שכל, צו וועלכן מען קומט, אגב, אויך דורך אינטו־איציע, צי טאַקע — ניט מורא האָבנדיק פאַר אַ וואָרט — דורך רוח הקודש... און ב. ריווקין האָט געשאַפן דורך אינטואיציע... אַפילו דאָס וואָס ער איז שוין מיט יאָרן שפּעטער געווען געצוואונגען — צוליב מאַטעריעלע אומשטענדן — צו שרייבן, איז ענדלעך, נאָך די ערשטע צוויי־דריי פאַראַגראַפן, געוואָרן שאַפונג. אַפילו ווען ער האָט געשריבן וועגן טעאַטער, אַלס ממונה אויף דער טעאַטער־זייט, אין אַ טעגלעכער צייטונג, צו וועלכער ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן, און האָט זיך אונטערגעשריבן מיט אַ פּסעוודאָנים — א. ליליען... אויך אין אָט די אַרטיקלען האָט ער געשפּרודלט מיט אַפאָריזמען, געשפּריצט מיט פונקען פון העכערן אמת, און געבליצט מיט געדאַנקען און מיט מיינונגען, וועלכע האָבן אַן און פאַר זיך דערפרייט און דערפרישט מיט זייער שיינקייט, און שוין אויך באַלערנט און געוויזן דעם וועג צו אמתער, צו אומגעפעלשטער קונסט.

און אין באַגריף פון קונסט האָט ברוך ריווקין אַריינגענומען אויך דאָס שיינע און דאָס עכטע פון דער עטיק, עסטעטיק און פון דער רעליגיע. אַ פריינד פון די פאָלקס־מאַסן, צו וועלכע ער האָט — לויט זיין שטאַם, געהערט און צוליב דעם העכערן אמת, וואָס די פאָלקס־מאַסן באַזיצן, די אוממיטלבאַרקייט וואָס זיי פאַרמאָגן — איז ער אוודאי געווען אַ פרומער און אַ גלויביקער סאָציאַליסט. אָבער אַז עס איז געקומען צו דער פילאָזאָפיע, צו די העכערע אמתן, האָט עס אים ניט געשטערט צו גלויבן אין דער אינטואיציע, לויט דער טעאָריע פון דעם מאָדערנעם יידיש־פראַנצויזישן פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן. אגב, ב. ריווקינס קליינע עסיי וועגן אַנרי בערגסאָן — איז דערשינען אין דער ניו־יאָרקער וואָכנשריפט „די ליטעראַרישע וועלט", וואָס די ערשטע זיבן נומערן זיינען דערשינען דורך אהרן קאַרלין, אונטער מיין רע־דאַקציע אין די יאָרן 1912־1913, און די וייטערדיקע — אונטער ב. ריווקינס. זיין קליינע עסיי וועגן אַנרי בערגסאָן איז אַ „שעדעווער", אַ קליינס מייסטערווערק וועגן אַ גרויסן פילאָזאָף...

איבעריקס, דער מחבר פון דער קליינער עסיי, ווי אויך פון אַנדערע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען — ב. ריווקין — איז אַליין געווען איינער פון די גאָר גרויסע שעפער און דענקער — אין דער נייער יידישער ליטעראַטור.

זיינע ערשטע בענד געזאַמלטע שריפטן וועלן אין דעם זיכער איבערצייגן דעם טיפערן לייענער. און וועגן ב. ריווקין בכלל, וועגן זיין וואונדערלעכן לעבן און פרוכטבאַרן שאַפן, וועלן נאָך קומען גענוג אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, אי פון דעם שרייבער פון די שורות, אי פון נאָך אַנדערע שרייבער. ב. ריווקין האָט זיך עס ערלעך פאַרדינט...

„פרייע אַרבעטער שטימע", יוני 14, 1946.

י. חייקין

ב. ריווקין — דער מענטש פון אומרו

(זיין פערזענלעכקייט, זיין קאַריערע און זיין ביטערער מזל)

דאָס באַשיידענע ווערדל פון יידישן וואָרט ווערט אַלץ שיטערער. דער טויט קלייבט ניט איבער. מיטל־יאָריקע, עלטערע, פאַלן אַוועק איינער נאָכן אַנדערן. אַזוי די שרייבער, אַזוי די לייענער. און קיין נאָכוואוקס איז ניטאָ. פאַרשווינדט אַ לייענער, איז ניטאָ ווער עס זאָל אים פאַרבייטן; שטאַרבט אַ שרייבער, בלייבט זיין אָרט ליידיק. נאָך פוסטער ווערט די יידיש־שרייבערישע סביבה, ווען עס גייט אַוועק פון דער וועלט אַ פען־חבר מיט אַן אייגענער שאַרף אויסגעפּרעגטער אינדיווידואַליטעט, ווי ס׳איז געווען ב. ריווקין (ברוך אברהם וויינריב). ער איז אײַנגאַנצן אַלט געווען בלויז צוויי און זעכציק יאָר.

ווען ב. ריווקין איז געקומען קיין אַמעריקע, אין 1912, האָט ער שוין געפונען דאָ אַן איינגעפונדעוועטע יידישע פּרעסע. ער איז אָבער געווען פון פּיאָנערן־שטאָף, איז ער גיך געוואָרן דער פירנדיקער עסייען־שרייבער פון צווייטן דור יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע. ווען אויפקום עס פאַלט צונויף מיטן אָנהייב פון די „שריפטן", מיט דער קורץ־יאָריקער ליטעראַרישער שפּע פון די פאַרלאַגן פון י. ל. כהן, „אידיש" און מיט די פאַרלעגערישע אונטערנעמונגען פון מאַקס נ. מייזעל, דר. קאַרל פאַרענבערג, די „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט".

אַ זון פון אַן אָרעמען יידישן בעל עגלה אין קורלאַנד, אַן אייניקל פון אַ ברויז־אַרבעטער, האָט דער דאָזיקער קולטור מענטש פון אַזאַ יידיש האַרעפּאַשנעם יחוס, אָפּגעצאָלט זיין צינז צום פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם נאָך אין דער אַלטער היים, וואו ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף רוסיש, אין אַן אַנאַרכיסטישער שריפט. אויך אין זיינע וואַנדער־

יאָרן איבער די מעטראָפּאָליעס פון אייראָפּע איז ער געשטאַנען נאָענט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. נאָר ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש, איז ער אַפילו אין אַנאַרכיסטישן „זשערמינאַל" אין לאָנדאָן, גלייך אַרויסגעקומען מיט ליטעראַטור־קריטישע אַרבעטן.

אין אַמעריקע איז ער גיך צוגעשטאַנען צו די דעמאָלט־ייִנגסטע שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו באַנייען די היגע יידישע ליטעראַטור און אָפּצופּרישן די יידישע פּרעסע מיט זייערע מוסטער־אַרבעטן אין אַלערליי זשורנאַלן און זשורנאַלכעלעך. ער איז געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער „ליטעראַרישער וועלט"; איינער פון דער קאָלעגיע, וואָס האָט געפּרואווט פאָרזעצן אברהם רייזענס „דאָס נייע לאַנד". קיין ליטעראַרישע צייט־שריפט איז ניט דערשינען אין די לעצטע דרייסיק יאָר אָן ב. ריווקינס מיטאַרבעטערשאַפט. עטלעכע יאָר איז ער אויך געווען אברהם ליעסינס סעקרעטאַר און מיט־רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט".

צו דער טאָג־פּרעסע איז ב. ריווקין אַריבערגעגאַנגען אין 1917, ווען ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון „טאָג". ער האָט אינגיכן אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע מייסטערשאַפט אַלס פעליעטאָניסט, פּובליציסט, ווי ער האָט פריער זיך אויסגעצייכנט אַלס שרייבער איבער ליטעראַרישע טעמעס. עס איז ניט געווען קיין איינציקע צייטונגס־אַרבעט, וואָס זאָל פאַר אים זיין אומאינטערעסאַנט. און אַלץ וואָס איז אַרויס פון זיין פעדער האָט געטראָגן דעם שטעמפּל פון זיין אייגנאַרטיקן, איפּעטדיקן סטיל: צי עס איז געווען אַ כראָניק־ידיעה, אַ סטיליזירטער פעליעטאָן אויף אַ טאָג־טעמע, אָדער אַ פּובליציסטישע אַרבעט.

אויב אויף וועמען עס איז פון דער יידישער שרייבער משפחה איז געווען אָנגעמאָסטן דער כלל: „דער סטיל איז דער מענטש", — איז דער דאָזיקער כלל געווען אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט גילטיק, בנוגע ריווקינען. דער קורץ געבויטער, פעסטער ברוך אברהם, וואָס האָט געירשנט די פיזישע גבורה פון זיינע שווער־אַרבעטנדיקע על־טערן און אור־עלטערן, איז געווען אַ פאַנטאַסט. ער איז געווען אַ בעלן צו פאַרקריכן אין די נעפּלהאַפטע עסקים פון אַזוי־גערופענעם פּראַקטישן ספּיריטואַליזם, ווי ער איז געווען גרייט אינטואיטיוו נאָכצושפּירן די שאַפונגס־פּראָצעסן פון דיכטער, כדי אָנצואווייזן זיי דעם וועג צו די העכסטע טיפענישן פון זייערע שעפערישע אידייען און אידעאַלן. און אַלע זיינע איינפאַלן האָבן קלאָרט ניט בלויז זיין טראַכטן,

נאָר אויך זיינע מעשים. דער אומרו אין אים האָט באַהערשט זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. עס האָט אים געטריבן צו שטענדיקע עקספּערימענ־טאַלע בייטענישן.

אַזוי איז ער געווען איינער פון די ערשטע צו וואַרפן אַ באַקוועמע שטעלע אין „טאָג" ביים סוף פון 1919 און אַריבערגיין צו הערמאַן בערענשטיינס ניי־געגרינדעטן „היינט", וואו אים האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט קאָנען ברייטער אַנטוויקלען זיינע שריפטשטעלערישע כוחות. ווען דער „היינט" איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער באַצייטנס אימפּולסיוו געהאַט צעשטערט די בריק צוריק צום „טאָג" אַזוי גרינגלעך, אַז ער האָט געמוזט וואַרטן ביז עס איז דערשינען די צייטונג פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי „די צייט", אין 1920. דאָרטן האָט ער ווידער געטראָגן אויף זיך דעם פולן יאָך פון אַ כראָניק־שרייבער, פּובליציסט, לייט־אַרטיקלען שרייבער, ביז דאָס בלאַט איז אונטערגעגאַנגען אין עפּעס וויניקער ווי אַנדערהאַלבן יאָר אַרום.

אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן איז ב. ריוקין באַהערשט געווען פון געדאַנק צו גרינדן אַ זשורנאַל און פאַרלאַג „אַל אַמעריקע" (גאַנץ אַמעריקע), וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער היגער רעפּובליק אַרום אַן ענגלישן זשורנאַל מיטן דערמאָנטן נאָ־מען, צו אינפאָרמירן אַמעריקע וועגן דער גרויסער קולטור־ירושה, וואָס די מינדערהייטן קאָנען ברענגען צושטייער צום סינטעז פון אַ נייער אַל־אַמעריקאַנער קולטור, אָפּהיטנדיק דערביי זייערע באַזונדערע אינ־דיווידואַליטעטן. צו דעם דאָזיקן פּלאַן האָט געהערט ניט בלויז דער ציל צו הויבן די חשיבות פון די איבערגעוואַנדערטע פעלקערשאַפטן אין אַמעריקע בכלל, נאָר צו אַנטוויקלען און טאַקע אויסברייטערן די פיל־שפּראַכיקע קולטור־טעטיקייט ביי די מינאָריטעטן גופא, כדי דער גע־ווינשטער קולטור־פּלוראַליזם פון דער אידעאַליסטישער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ זאָל פולשטענדיק פאַרווירקלעכט ווערן אין דער היגער פרייהייט און קעגנזייטיקער אָנערקענונג.

איז פאַרשפּאַרט צו דערציילן, אַז ווייטער פון געשריבענעם פּראָ־יעקט און עטלעכע צענדליק גינסטיקע ענטפערס פון ליבעראַלע אַמע־ריקאַנער קולטור־מענטשן, האָט ריוקין ניט דערגרייכט מיט זיינע פּלע־נער. אויף אַ פּיל שמעלערן מאַסשטאַב האָט די „פאָרעין לענגווידזש אינפאָרמיישאָן סירוויס" געאַרבעט אין אַזאַ ריכטונג, נאָך פון 1918 אָן. אין די שפּעטערע יאָרן האָט לואי אַדאַמיטש, אַדער אַדאַמיק, ווי די אַמעריקאַנער רעדן אַרויס דעם נאָמען פון פּאָפּולערן קראָאַטישן

שרייבער פון ענגלישע ביכער, געהאַט און האָט נאָך איצט, אַ געוויסן דערפאָלג מיטן זשורנאַל „קאָמאָן־גראַונד", וואָס מיט זיך צו געווינען מער דרך־ארץ פאַר די איינגעוואַנדערטע מצד זייערע אַמעריקאַנער קינדער און מצד דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט בפרט. ריווקינען זיינען אָבער אויך אַזוינע דערפאָלגן ניט באַשערט געווען. אַ חוץ דעם, וואָלט אַזאַ דערגרייכונג אים סיי ווי ניט באַפרידיקט. מחמת, ער האָט גע־שטעלט דעם טראָפּ אויפן המשך פון קולטור־פּלוראַליזם אין אַמעריקע, ניט בלויז אויף טראָפּנס אָנערקענונג, וואָס זיינען געווען פאַרן „קאָמאָן־גראַונד"־ראַט פון אַדאַמיטשעס גרופּעס.

ביים סוף פון די צוואַנציקער און אָנהויב דרייסיקער יאָרן, איז ב. ריווקין געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער „יידישער וועלט" אין פי־לאַדעלפיע. מיטן פיאַנער און פיינעם שריפטשטעלער מ. קאַטץ, אַלס טעאָרעטישן שעף פון דער רעדאַקציע; אין דער חברותא פון אַזוינע עלטערע קאָלעגן, ווי אברהם פרומקין און הלל וויכניז, האָט זיך אויס־געדוכט אַז ריווקין וועט שוין איינזיצן אויף אַן אָרט. ער האָט טאַקע גיך דערוואָרבן זיך אַן אויסגעצייכנטע רעפּוטאַציע ביי די פילאַדעלפיער לייענער, צווישן וועמען ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. דער עיקר, זיינע פּתרון־חלומות אַרטיקלען, אונטערן פּען־נאָמען „מאַרק טאַלעראַנז". אָבער נאָכן איבערכאַפּן דעם אָטעם פון יאָרן פון האַלבער אַרבייטס־לאָזיקייט, האָט ב. ריווקינען אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק ציען צוריק קיין ניו־יאָרק, אַז ער האָט אויך די פילאַדעלפיער שטעלע פאַרלאָזן. איז ער געבליבן אָן אַ פאַרבינדונג מיט אַ טאָג־צייטונג גראָד אין דער שווערסטער צייט פון קריזיס, ווען די יידישע צייטונגען, ווי אַלע אַנ־דערע צייטונגען פון לאַנד, זיינען געווען געצוואונגען צו שניידן זייערע רעדאַקציע־בודזשעטן און פאַר צופעליקע מיטאַרבעטער אַפילו פון ב. ריווקינס רעפּוטאַציע און פאַרנעם, איז קיין אָרט ניט געווען.

אין די לעצטע פינף יאָר האָט ער זיך צוריקגעקערט אַלס שטענ־דיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג". ער האָט אויך געדרוקט אַרטיקלען אין „צוקונפט", אין „פעדער", אין „עפּאָכע" און אין אַ צאָל זאַמל־ביכער פון קאָלעגן שרייבער. זיין פּובליציסטיק איז געוואָרן שאַרף, טרעפלעך־וואָגיק. די „מאַרק טאַלעראַנז" אַרטיקלען אין „טאָג" זיינען די לעצטע יאָרן געווען ביז גאָר טשיקאַווע און אינטערעסאַנט, אַפילו פאַר יענע לייענער, וואָס האָבן זיין ספּיריטואַליזם ניט געקאָנט נעמען אַזוי ערנסט, ווי דער מחבר האָט עס געמיינט. זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן שרייבער און ליטעראַרישע ווערק זיינען געווען אַזוי חריפותדיק, וויזיאָנעריש, אַז הגם

ער האָט ניט געהאַט קיין שטענדיקן ליטעראַטור־שטענדער, האָט ער זיך דערוואָרבן די פּאָזיציע פון אַ פיל־געשעצטן קריטיקער מיט אַן אייגענער ליטעראַטור־פילאָזאָפיע, מיט וועמעס וואָרט די שרייבער, ווי די בעסערע לייענער, האָבן זיך שטאַרק גערעכנט.

דאָס שווערע לעבן פון צענדליקער יאָרן אומגעצוימטקייט, אומרו, אומאָפּהענגיקייט אין וואָרט און טאַט, האָט לסוף אונטערגעגראָבן ב. ריווקינס געזונט. אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ שוואַכער מענטש; אין די לעצטע חדשים — אַ שווערער חולה. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געראַנגלט קעגן אומפאַרמיידלעכן סוף. אַ חודש פאַר זיין טויט האָט ער נאָך אָפּגעהאַרעוועט אַן אָוונט אין רעדאַקציע פון „טאָג״ ביי דער זייער וויכטיקער, אָבער נאָמענלאָזער כראָניק אַרבעט. זיין טויט, שבת, דעם ניינטן יוני, אַ פערטל נאָך דריי אַזייגער ביי טאָג, איז שוין פאַר אים אַליין געקומען ווי אַ דערלייזונג פון פיל באַוואוסטלאָזע טעג.

האָט ב. ריווקין זיין חשבון מיט דער וועלט פאַרענדיקט. נאָר זיין משפחה, זיינע פריינט און קאָלעגן זיינען פיינלעך געטראָפן געוואָרן פון דעם צו־פריען פאַרלוסט. טויזנטער לייענער וועט אויספעלן דער טאַ־לאַנטפולער שרייבער, וואָס האָט פון זיי אַזוי אָפט געמאָנט דרך ארץ צו זיך אַליין, צום אייגענעם עבר, וואָס פאַרפליכט צו אַ געהויבענערן נאַציאָנאַלן עתיד. די אַמעריקאַנער יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן איר קאַליר־פולסטן קריטיקער, און אין די רייען פון די יידישע שריי־בער איז ליידיק געבליבן אַן אָרט, וואָס קיין אַנדערער קאָן ניט און וועט ניט פאַרנעמען.

„טאָג״, יוני 15, 1945.

ה. לייוויק

ב. ריווקין — אַ בן־ששים

(געשריבן צו ב. ריווקינס זעכציקסטן געבוירנטאָג)

יעדעס מאָל, לעצטנס, ווען מיר קומען זיך צענויף, אָדער ווען מיר שרייבן אַרטיקלען לכבוד אַ ליטעראַרישן יום־טוב פון אַ קאָלעגע, האַלטן מיר אין איין פאַרענטפערן זיך למאַי עס ליגט אונדז גאָר אין זינען צו פּראַווען יום־טובים אין אַזוינע מאַוימדיקע טעג ווי די היינטיקע — מוראַדיקע, דערהויפּט פאַר אונדז, יידן.

איך גלויב נישט, אַז עס איז נויטיק אויך דאָס מאָל אָנצוהייבן מיינע פּאָר ווערטער לכבוד מיין פריינט ב. ריווקינס זעכציק־יאָריקן יובל מיט אַזאַ מין פאַרענטפערן זיך. פשוט דערפאַר, ווייל איך טראַכט, אַז אויך ביי די אַנדערע ליטעראַרישע פייערונגען אונדזערע איז נישט נויטיק געווען צו זוכן פאַרענטפערונגען. אונדזערע אַלע אָוונטן האָבן קיינמאָל נישט געטראָגן קיין הוליאַנקע־כאַראַקטער, און האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט קיין לוקסוס־מאָלצייטן, נאָר מיט חברשע שמועסן, מיט רייד מער אָדער ווייניקער צוגעפּאַסטע צו יעדן אָוונט.

אויך דאָס מאָל טוען מיר אַזוי. אַפילו ווען די שטימונג ביי די מערסטע פון אונדז איז, ווי עס איז נאַטירלעך פאַר אונדזערע טעג, נישט אָנגעגרייט פאַר יום־טובדיקייט. ווען מיר זיך נויטן — נוצנדיק טאַקע ריווקינס אייגענע טערמינאָלאָגיע — אַריינצוצווינגען זיך, אַריינצוכישופן זיך אין יום־טוב.

און גראָד מיט אַזאַ מין ווילנס־קראַפט, דוכט זיך מיר, ווען מיר, ריווקינס פריינט און לייענער, מער ווי מיט אַנדערע מיטלען פאַרשאַפן אים נחת רוח, ווייל דורך דעם וועט באַוויזן ווערן די דירעקטע השפעה זיינע אויף אונדז. אַריינצוכישופן זיך — דאָס איז דאָך ריווקינס אַן אייגענער שליסל, מיט וועלכן ער עפנט־אויף, אָדער וויל אויפעפענען

פֿאַר אונדז, די גרויסע וועלט אַרום, און אויך זיין אייגענע וועלט. באַ־בוצן מיר זיך טאַקע מיט אָט דעם כישוף־שליסל זיינעם, און מיר גנבֿענען זיך אַריין אין זיין וועלט, אין זיין לעבן, און באַגריסן אים מיט זעכציק־יאָריקייט.

ריווקין האָט מיר אַפֿילו געזאָגט, אַז ער האַלט בכלל ניט שטאַרק פֿון אַזוינע יובֿלס, און נאָך מער האַלט ער ניט פֿון דעם, ווען עס האָט אַ שייכות מיט אים אַליין, און ער איז גרייט, זאָגט ער, אָוועקצופּטרן עס מיט אַ שפּאַס־ווערטל. אָבער אויך אין דעם פֿאַל איז אין פּלאַץ אָנ־צואווענדן זיין אייגענעם מעטאָד — דערפֿירן דערצו, אַז ער, אונדזער גוטער־פֿריינט ב. ריווקין, זאָל זיך אַליין אַריינשפּילען אין זיין איי־גענעם יובֿל־מאָמענט אַריין, ער זאָל אַליין אויפֿשפּילן זיין אייגנאַרטיקסט שפּיל פֿון דער טיפֿעניש פֿון זיין לעבן — אַן אויפֿשפּיל, אויף וועלכן ער איז אַזאַ זעלטענער מייסטער. וואָרים — וואָס איז אָט דאָס דאָזיקע וואָרט „אויפֿשפּילן", וואָס ריווקין האָט אַזוי ליב אָפֿט צו באַנוצן אין זיין רייכער שריפֿטשטעלערישקייט? און וואָס זיינען די אַלע קאָמ־בינאַציעס און ניואַנסן, וואָס ריווקין ציט אַרויס פֿון דעם דאָזיקן וואָרט, אויב ניט אַ פֿאַנאַנדערוויקלען די מיסטעריע פֿון זיין אייגן לעבן? — וואָרים וואָס האָט ב. ריווקין דען ניט אַריינגעחלומט אין אָט דעם אויפֿ־שפּיל־וואָרט? ער האָט אַריינגעחלומט אין דעם אי דעם בורא עולם און די מעשׂי בראשית, אי דעם באַרג סיני, אי דאָס אייביקע ירושלים, אי די וואונדער און וואונדן פֿון יידישן גלות, אי די משיח־געשטאַלט, אי די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אי די יידישע ליטעראַטור; אָבער מער פֿון אַלץ, קאָן מען טאַקע זאָגן, האָט ער זיין אייגן לעבן, זיין אייגענע טראַגיק, אַריינגעטאָן אין דעם סימבאָל פֿון אויפֿשפּיל.

עס איז דורך און דורך זיין מעטאָד אַזאַ, כדי אויפֿצולויכטן אין אמונה, אין דערהויבונג פֿון עקסטאַז, כדי שטענדיק אָנגערעגט צו זיין פֿון דער פֿאָרשטעלונג פֿון ריינעם וועלט־גייסט און פֿון גלויבן, אַז עס איז אויף געוויס פֿאַראַן טאַקע אַזאַ ריינקייט פֿון גייסט אויף דער וועלט. ריווקין גלויבט, און ווענדט־אָן דעם כּח פֿון זיין וואָרט כדי אויך אונדז צו מאַכן גלויבן, אַז אַזאַ קראַפֿט איז דאָ אין דער וועלט — אַ געט־לעך־אייביקע קראַפֿט — וואָס קומט אין שטענדיקער באַרירונג מיט אונדז, אין שטענדיקן קאָנטאַקט, און אַז מיר, כּל זמן אונדזער ווילן איז ניט פֿאַרטעמפּט, זיינען מסוגל דעם דאָזיקן ווילן אונדזערן נאָך מער אָנצופֿלאַמען, כדי אויפֿצושפּילן אין זיך אַליין די גאָט־ראָלע אין איר גאַנצער אויסשטראַלונג, און אין דער זעלבער צייט זאָלן מיר קאָנען

פֿאַרבלייבן אין די גרעניצן פֿון אונדזער אינעווייניקסטער שטילקייט, פּשטות און, דערהויפּט, איינזאַמקייט, וואָס דאָס מיינט: בלייבן שטענדיק אין דער אַטמאָספֿערע פֿון גײַסטיקער פֿרייהייט; און דער סאַמע טיפֿסטער אויסדרוק פֿון אָט דער פֿרייהייט איז דאָס שעפֿערישע וואָרט, וואָס געבערט מוסטער־געשטאַלטן — געשטאַלטן פֿון גוטס און גערעכטיקייט, פֿון העלע, ליכטיקע מעשׂים, וואָס הערן ניט אויף צו פֿאַרעמען דעם גורל פֿון דער וועלט און פֿון אונדזער לעבן אויף דער ערד.

איך האָב געזען ריווקינען אין אַ סך מאָמענטן, ווײַל מיר קענען זיך שוין אַ פּאָר צענדליק יאָרן. איך האָב אים געזען אין מינוטן זײַער שאַרפֿע, זײַער טראַגישע, מען קאָן זאָגן: תּהומיקע. און אין דער זעלבער צײַט זײַנען די שאַרפֿסטע מאָמענטן געוואָרן דורך זײַן האַלטונג אַזוינע פּשוטע, אַזוינע מענטשלעך־פֿאַרפֿאַלענע, אַז זיי קאָנען זיך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן און זיי באַשירעמען, לכּף זכות, אַפֿילו אַזוינע האַנדלונגען זײַנע, וואָס זעען־אויס אַמאָל צו זײַן ניט פֿאַרשטענדלעך, אָדער אַפֿילו ניט ריכטיק.

ריווקין דערשפּירט זייער אָפֿט דעם סוד פֿון מענטשלעכער פֿאַרפֿאַלנקייט און פֿון לעצטן עלענד, ווײַל ער שפּירט אין דערזעלבער צײַט אויך דעם סוד פֿון מענטשלעכער התרוממות אין אַ וועלט־רחבֿות, וואָס ער, דער מענטש אַליין, שפּרייט אויס מיט זײַנע אָרימע צוויי הענט.

איך פֿאַרגעס קיינמאָל ניט, ווען איך טראַכט וועגן ב. ריווקינען, אַ מאָמענט אַזאַ, וואָס איז גאָר ניט לײַכט צו דערציילן וועגן אים, אָבער איך דערצייל אים יאָ:

איך האָב געטראָפֿן איינמאָל ריווקינען — און דאָס איז געווען מיט לאַנגע, לאַנגע יאָרן צוריק, אין טעג טיף־טראַגישע פֿאַר אים, טעג אָנגעהויכטע מיט טויט און טרויער — איך האָב געטראָפֿן ריווקינען אויף סעקאָנד עוועניו און דוכט זיך, צוועלפֿטע גאַס. ער איז געשטאַנען אויפֿן מיטן גאַס, אָן אַ הוט, און געוויינט. עס איז געווען העלער טאָג. מענטשן אַרום זײַנען אים פֿאַרבײַגעגאַנגען. ער האָט זיי ניט געזען. ער האָט קיינעם ניט געזען אַרום זיך אין מיטן העלן טאָג, און קיינער האָט זיך אויך ניט אָפּגעשטעלט אויף זײַן געוויין. איך בין אָנגעקומען צופֿעליק און דערזען אים. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: ריווקין, ווײַנט ניט... ער האָט זיך שטאַרק, קענטיק, דערפֿרייט פֿון מײַן ווענדן זיך צו אים מיט די ווערטער: ווײַנט ניט. ער האָט אַרויסגערעדט מיט גרויס האַפּעדיקייט:

ב. ריווקין — אַ בן־ששים

— דער טויט וועט ניט גובר זיין. ניין! איך האָב גוזר געווען!
יענער מאָמענט האָט זיך איינגעקריצט אין מיר אויף שטענדיק. ער האָט געמאַכט אַ טיפע איבערקערעניש אין מיר אין מיין באַציאונג צו ריווקינען. איך האָב אים דערזען אין אַזאַ נאָענטקייט, אין וועלכער ניט אַזוי אָפט געלינגט עס צו דערזען אַ מענטשן. אונטער דער שיין פון יענעם מאָמענט זע איך די אמתע געשטאַלט פון ב. ריווקינען, זיין וויזיאָנערישקייט און זיין גלויבן אין דעם וואונדער־כח פון וואָרט — אַ וואונדער, וואָס ער זוכט אין אונדזער ליטעראַטור, אַ גלויבן, מיט וועלכן ער באַווירקט אונדזער ליטעראַטור.

„טאָג", 1943



1924. אויף אַ פאַרם לעבן פילאַדעלפיע ה. לייוויק, ווייצמאַן, דער באַלעבאָס
פון פאַרם, און ב. ריווקין

יעקב גלאַטשטיין

ב. ריווקין

אין די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן פלעגט זיך ב. ריווקין גאַנץ אָפט גוטמוטיק באַקלאָגן פאַר מיר, אַז ער קאָן שוין מער נישט שטורעמען און קלאַפּן אין טיש ווי אַמאָליקע יאָרן. ער האָט אַזש געלאַכט און הנאה געהאַט פון זיין הילפלאָזיקייט.

אָבער דער אמתער אמת איז, אַז זיין שטורעמען איז געווען אַ גוט־איינגעשטודירטע אַקטיאָרישע פּאָזע. דער מענטש ריווקין איז געווען אַ מענטש אָן גאַל. ער האָט לחלוטין נישט געקאָנט פיינט האָבן, ער איז געווען צוגעלאָזן צו קינד און קייט און ער איז געווען אַן עניו. אים איז פרעמד געווען גרויסהאַלטעריי און ער האָט זיך געפילט היימיש מיט פשוטע מענטשן, אָדער מיט שרייבער וואָס האָבן נישט געבלאָזן פון זיך און וואָס ער האָט זיי נישט צעבלאָזן. אין פילאַדעלפיע איז ער געוואָרן אַן אמתער פילאַדעלפיער שרייבער, אין שיקאַגאָ האָט ער זיך מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אַוועקצושטעלן שיקאַגאָ אויף דער מאַפּע פון דער יידישער ליטעראַטור און דערביי האָט ער געמאָנט אָנערקענונג פאַר דער דאָרטיקער גרופּע, מיט אַ סך אויפריכטיקן לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם. אין ניו־יאָרק האָט ריווקין זיך נישט שטאַרק געחברט מיט די גרויסע שרייבער, וואָס ער האָט, מער ווי אַ סך אַנדערע, געהאָלפן גרויס מאַכן. צעגרויסט אַ שרייבער האָט ער אַליין געקראָגן פאַר אים דרך ארץ און אים אויסגעמיטן, ווי אַ פשוטער מענטש מיידט נאַטירלעך אויס אַ גדול. אַליין האָט ער אויסגעזוכט אַ בראָנזווילער גרופּע, אָדער אַ וויליאַמסבורגער גרופּע און זיך געחברט מיט זיי ווי אַ גלייכער מיט גלייכע. ווי ער וואָלט געזאָגט: קינדערלעך, איר זענט טייערע יאַטן, אייך וועל איך קיינמאָל נישט אַרויפשרויפן צו הויך, טאָ לאָמיר זיין גוטע חברים. מיט זיי האָט ער געערן געגעסן, ביי זיי איז ער מיט

פאַרגעניגן געשלאָפן און מיט זיי, אָדער כאָטש אין זייער קעגנוואַרט, האָט ער ליב געהאַט צו טרינקען. אים איז שווער געווען מיט זיינע אייגענע געטער. ער האָט זיי געהאַלטן אין אָן אומהיימלעכער פאַר־היילִיקטקייט. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אָנברוגזן אויף זיינס אָן אייגענעם גדול.

איך וועל אים נאָך צוריקרופן. איר וועט זען, אַז איך וועל אים אַרונטערשלעפּן צו זיין אַמאָליקער מדרגה — האָט ער געזאָגט, אָבער ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געטאָן. ווייל די גרויסע, וואָס ער האָט גרויס געמאַכט זיינען געווען זיינע דראַמאַטישע פערזאָנען פון אַ פּייערלעכן ריטואַל. ריווקין איז געווען דער תמימותדיקער תרח, וואָס האָט טאָקע געגלויבט אין זיינע אייגענע האַנט־געשניצטע געטער. נישט נאָר האָט ער אין זיי געגלויבט, נאָר ער האָט פאַר זיי מורא געהאַט. ער האָט געוואוסט, אַז ער אַליין האָט זיי טאָקע אַריינגעלייגט דעם שם המפורש אונטער דער צונג, אָבער ער האָט געפילט, אַז צו־זאַמען מיט אים זיינען זיי מער ווי ער איז אָן זיי, און אָן זיי וועט ער זיין אָרימער, ווייל וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ שווערער קומט אים אָן צו שניצן נייע געטער, פאַר זיין יידישן פּאַסיאָן־שפּיל.

אַ סך מאָל האָב איך אים געזען לאַכן נאָך זיינע אימפּראָוויזירטע און פּעריאָדישע אויפברויזן. דאָס איז נישט געווען קיין היסטעריש געלעכטער, נאָר דאָס לאַכן פון אַ מייסטער, וואָס האָט ערשט אָפּ־געשפּילט אַ סצענע. כ׳האָב נאָך נישט געזען אַזוי פיינט האָבן אָן שנאה ווי ריווקין האָט פיינט געהאַט מענטשן. ער האָט פיינט געהאַט ווי אַ געדונגענער בלויז אויף עטלעכע מינוט. ער האָט נישט פאַר־מאָגט קיין הערנער, ער האָט ליב געהאַט זיין אָרעמקייט, זיינע אָפּ־געטראָגענע און צעקנייטשטע קליידער, זיין פּעטע קליינגעוויקסיקייט, זיין אָן־אָנשטעל. אָפט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער לאָזט שוין צו־פיל אַרונטער פון דער אייגענער ווערדע, האָט ער אויפגעשפּילט אַ חתונקע, גלאַט אַזוי אַז מען זאָל נישט מיינען ער איז אַ ליאַדע ווער.

ברוך אברהם וויינריב־ריווקין איז געקומען צו דער יידישער לי־טעראַטור אין עלטער פון אַכט און צוואַנציק יאָר. ער האָט שוין גע־האַט געשריבן עטלעכע יאָר רוסישע אַרטיקלען. ער איז דערפאַר נישט געקומען ווי אָן אָנפאַנגער אויף יידיש, נאָר ווי אַ פאַרזעצער. דער יאַקאָבשטאַטער יונגערמאַן וואָס איז פונקט ווי טשאַרלס לעם געווען אַ כבד־פה, איז, ווידעראַמאָל ווי לעם, געוואָרן אָן אויגנאַרטיקער עסיי־

איסט. לעמס אויפטו איז געווען דער בעלעטריסטישער עסיי. זיין קינסטלערישע פראזע, דערהויפט ווען ער האט זיך באהאלטן הינטער די „איליא עסייען", איז אין פארם געווען זייער נאענט צום שטייגער־ראמאן. אבער לעמס חכמה און זיין פערזענלעכקייט האבן זיין שרייבן צוגעגעבן א פיקאנטקייט, וואס האט נישט צו זיך קיין גלייכן אין דער ענגלישער ליטעראטור. אין א סך פון זיינע עסייען פילט זיך ממש די צונג־אויפגעבונדנקייט, וואס מען קריגט געוויינלעך נאך די ערשטע צוויי־דריי גלעזלעך משקה. און לעם האט נישט פיינט געהאט דעם ביטערן טראפן.

דער קורלענדער יונגערמאן, וואס איז שפעטלעך געקומען צו דער יידישער ליטעראטור, האט געהאט א שווערע אויפגאבע צו אונ־טערדריקן דעם רוסישן דייטש אין זיך. זיין יידיש איז נישט קיין שטייגער יידיש און ער האט דערפאר נישט געקאנט אנטוויקלען קיין בעלעטריסטישן סטיל. אבער אים האט זיך איינגעגעבן צו שאפן אן ארקעסטראלן סטיל פאר זיינע געדאנקען, וואס זיינען געריטן איינער אויפן אנדערן, און פון־צייט־צו־צייט איבערגעפארן איינער דעם אנ־דערן.

דער אמאליקער אנארכיסט האט פארלייגט א היפש שטיקל וועג, כדי צו דערבלאנדזשען צו גאט. ער האט געבראדזשעט דורך מיסטיק און כסדר געזוכט א יידישן ריטואל. וואלט ער געווען א פראטעס־טאנט, וואלט ער זיכער געווארן א קאטאליק. וואלט ער נישט גע־ווען אנגעהויבן ווי אן אנארכיסט, וואלט ער אפשר געווארן א פייער־דיקער חסיד; וואלט ער נישט געבארן געווארן אין קורלאנד, וואלט ער געקאנט ווערן א פייערדיקער מתנגד, וואס גלויבט אין יידישן גאט פון פשוטן יידישן בית מדרש. אבער ב. ריווקין איז געווען א גרויסער אקטיאר־רעזשיסאר און ער האט זיך גענומען שאפן א טע־אטראלישע יידישע אמונה. ער האט נישט געקאנט גענוג די יידישע ספרים, האט ער באשלאסן, אז די יידישע ליטעראטור דארף און מוז ווערן די אמונה פון מאדערנעם ייד, און כדי דאס צו ווערן מוז די יידישע ליטעראטור צושטעלן נייע הייליקע ספרים.

וועגן טשארלס לעם, וואס איז א לאנגע צייט געווען אן אומדער־פאלגרייכער שרייבער, האט זיינער א ביאגראף געזאגט, אז געווארן איז ער דערפאלגרייך, ווען ער האט זיך פארשטעלט און זיך היפנא־טיזירט, אז ער רעדט מיט א פרעמד קול. ווען ער האט אנגעהויבן שרייבן די „עסייס און איליא", האט ער גלייך געקראגן דעם נויטיקן

צוטרוי צו זיך אַליין. אים איז געווען לייכטער צו זיין עכט, ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ מאַסקע. ווייל בטבע איז לעם געווען אַן עניו און נישט קיין מענטש פון אָנשטעל. ווען ער האָט גערעדט אין זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער זיך געשעמט צו זיין גרויס. ווען ער האָט גענומען שרייבן אונטער אַ פּסעוודאָנים, האָט ער ערשט געקראָגן לשון.

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אין דעם טאָג ווען אַבראַמאָוויטש האָט אַנטדעקט — מענדעלען און ראַבינאָוויטש — שלום עליכמען, האָבן זיי אַנטדעקט צוויי גרויסע קינסטלער. אָן די צוויי פּסעוודאָנימען וואָלטן זיי געווען זעלבסטזיניקע שרייבער, זיי וואָלטן מורא געהאַט צו שטעלן אַ געוואַגטן טריט.

פּאַר ברוך ווײנריבן איז נישט גענוג געווען וואָס ער איז געוואָרן ריוווקין. ער האָט נאָך באַדאַרפט אַנדערע שלייערן און אַנדערע מאַסקעס, כדי צו פאַרלירן זיין זעלבסטזיניקייט. ער האָט עס געפונען אין אַ מיסטישן צוגאַנג צו דער ראָלע פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געבויט אַ משכן פאַר אַ פּאַסיאָן־שפּיל און אַליין איז ער געוואָרן דער רעזשיסאָר; און בלויז אין דער ראָלע איז אים באַקוועמער געווען צו זאָגן געדאַנקען און געפינען פאַר זיי פאָרם.

די ראָלע פון אַ קריטיקער, וואָס זוכט שטענדיק אידייען אין דער ליטעראַטור איז נישט אַלעמאָל קיין דאַנקבאַרע. פאַראַן געניאַלע קינסטלער, וואָס די גרוילע אידייען זייערע זיינען אַזוי אַריינצעוויגט און אַריינגעפלאָכטן אין זייער אַרבעט, אין זייער וואָרט און אין זייער פאָרם, אַז ווען מען נעמט דאָס אַלץ איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון אידייע, קאָן מען די אידייע קוים אָפּוועגן אויף אַן אַפּטייק וואָגשאָל. שעקספּירס „האַמלעט" איז טיפער און שענער פון אַלע דרשות אַרום „זיין אָדער נישט־זיין", וואָס יעדער פּובליציסט קאָן עס זאָגן, האָט עס געזאָגט און וועט עס זאָגן. די אידייע, וואָס ווערט אויסגעטיילט פון ווערק, ווערט אָפט טריוויאַליזירט און ס'באַקומט זיך אַ באַגאַטעל, אַ קליינליכקייט.

ס'איז זייער לייכט צו דערזען דאָס אידייאישע, וואָס בעטהאָווען האָט געזוכט אויסצודריקן מיט זיין דריטער, פינפטער, אָדער ניינטער ברידערלעכקייט־סימפאָניע. איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך פון אידייען איז עס לייכט־טראַכטעריי, אָבער דאָס קליינע אידייעלע, וואָס אַ פייגעלע קאָן אַוועקטראָגן, איז געוואָרן גרויסע קונסט. וואָרדסוואָרטהס לידער לאָזן זיך נישט בינדן דורך איין אידייע. קריטי־

קער מאַכן אָפּט דעם טעות, וואָס זיי זוכן אַ מין רויטן שנור, וואָס זאָל דורכגיין אַלע ווערק פון אַ שרייבער. שעפערישע שרייבער האָבן אָפּט אַ טבע צו באַשאַפן באַזונדערע, אויסטייל־עוודיק־באַזונדערע זאַכן, וואָס זאָלן קאָנען לעבן פאַר זיך אַליין. אָבער נאָך מער ווי קריטיקער לאָזן זיך שרייבער אָפּט פאַרפירן פון דער אַזוי גערופענער גרונט־אידייע, וואָס דער קריטיקער האָט זיי צוגעשריבן, און זייערע ווערק ווערן איינטאָניק און קאָנען בלויז הויזן צוזאַמען מיט אַנדערע ווערק, אונטער איין דאַך מיטן מחבר, און האָבן מורא זיך צו לאָזן אין וועג אַריין אַליין.

ווען ריווקין האָט זיך גענומען אָנהענגען יידישע שרייבער אידייען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ וועג, וואָס האָט אים אַליין געראַטעוועט, וואָס האָט אים געגעבן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַר אויסדרוק, אָבער וואָס איז פאַר דער ליטעראַטור נישט געווען קיין מזל־ברכה.

ריווקין האָט נישט געזען קיין מיסטיק אין אַ געוויינלעכן זון־אויפגאַנג און אין דעם גלייכן ענטפער פיר אויף יעדער צווי מאָל צוויי. די מיסטיק פון טאָג־טעגלעכקייט איז געווען פאַר אים צו ווייניק, אַז דאָס זאָל אים קאָנען סטימולירן און אויפירן זיינע געדאַנקען. זיין מיסטיק איז געווען אַ פּאַגאַניסטישע, אַ פאַרשטעלטע, אַ געשפּילטע. ער האָט געמוזט ווערן אַנדערש, כדי ער זאָל וואָגן צו זאָגן, דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. זיין יעדע ליטעראַרישע קריטיק איז געווען אַ סעאַנס, זיין רעדן איז געווען דאָס פרעמדע קול פון מעדיום. בלויז דאָס פרעמדע קול פון אַ מעדיום אין דער ליטעראַטור האָט ביי אים אויפגעבונדן די צונג, וואָס האָט גערעדט פייערלעך, פּראָפעטיש און אַנאַליזירט אַ ווערק, אָדער אָפּילו אַ קליין ליד, ווי מען ריכט אָפּ אַ גאַטעסדינסט.

אָבער ער האָט נישט ליב געהאַט די יידישע ליטעראַטור ווי זי איז געווען. ער האָט זי געמוזט פאַרפייערלעכן, גלאָמאַריזירן אַזוי צו זאָגן, און ער אַליין איז געווען אַ שטילער, אַן ערלעכער, אַן אויפריכטיקער, וואָס האָט ליבער געהאַט די וואָך, נאָר ער האָט געפילט, אַז ער מוז שאַפן אַ יום־טוב, כדי צו קאָנען דוכענען.

אַזוי גיך ווי ער איז געפאָרן קיין שיקאַגאָ און ער איז דאָרט אָפּגעווען עטלעכע חדשים, האָט ער גלייך גענומען דונערן קעגן דער העגעמאָניע פון דער ניו־יאָרקער יידישער ליטעראַטור און ער האָט די

שיקאַגער יידישע שריפטשטעלער געהאַלטן אין איין וואָרענען, אַז זיי דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר די ניו־יאָרקער יידישע שרייבער.

מיט אַנדערע ווערטער, אַז זיי זאָלן זיך נישט לאָזן אָנשרעקן מיט דער שרעק, וואָס ער אַליין האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן. ער האָט געקעמפט קעגן זיין אייגענעם טעמפּל און ער האָט זיך גענומען בויען אַ געשטאַלט האַלפערן, פון דעם סאַמע אַנטי־הייליקסטן יידישן שרייבער.

ער האָט זיך געזוכט צו ראַטעווען מיט וואָך און מיט אַ באַוואָרעניש קעגן זיין אייגן שבתדיק געשטאַלט פון ה. לייוויקן. ער האָט געוואָלט געפינען גלייכגעוויכט, צווישן זיך, דעם אויפריכטיקן און זיך, דעם טעאַטראַליזירטן.

ווייל ער איז געווען אַ שווערער שרייבער און ס׳איז אים אָנגעקומען קריעת ים סוף צו שרייבן, פונקט ווי ס׳איז אים אָנגעקומען קריעת ים סוף צו רעדן, האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט זיך אַליין און געשריבן לאַנג און שווער. ווער ווייסט וויפל שלאָפלאָזע נעכט ער האָט באַדאַרפט האָבן פאַר זיינע שווער־וואָגיקע אַרטיקלען. ער, וואָס האָט געבריליט ביים שרייבן מיט די ווייען פון אַ לייביכע וואָס גייט שווער צו קינד, האָט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן, אַז ער שרייבט טויזנטער ווערטער. דערביי איז נאָך צוגעקומען די עקשנות צו בויען ריזיקע וואָלקן־קראַצערס, צו מאַכן פון אונדזער ליטעראַטור, אַ גרויסע אַרכיטעקטור.

ער האָט געוואָלט אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק דורך איר ליטעראַטור, זיינע אַלע שעפערישע יאָרן האָט ער געווידמעט צו דער אידייע פון היפּנאָטיזירן דעם יידישן קינסטלער צו שאַפן געשטאַלטן וואָס זאָלן צוזאַמען ווערן דאָס איינציקע דערלייזערישע געשטאַלט פון אַ משיח.

די אידייען וואָס זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון זעלבסט־היפּנאָז האָבן געקלונגען גאַנץ גוט, ווען יידן האָבן נאָך געקאָנט רעדן פון אַ ליטעראַרישער דערלייזונג. לייוויקס „גולם״ איז אַ ווערק פון גרויסן קינסטלערישן פאַרנעם, אָבער ס׳איז שווער דערמיט צו דערלייזן אַ גאַנץ פאָלק. אַפּשיטא שוין, ווען ס׳איז געקומען אַ צייט, אַז מען האָט שוין נישט געקאָנט אַזוי לייכטזיניק און אַזוי ליטעראַריש־גלייכווערטלדיק רעדן פון דערלייזונג, ווען מיליאָנען יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן און ווען ליטעראַרישע געשטאַלטן האָבן נישט געקאָנט צוזאַ־

מענשטעלן די פיזיאָגנאָמיע פון אַ משיח, אַפילו נישט פון אַ פאַלשן משיח, וואָס זאָל כאָטש אַ בליאַסק טאָן מיט דערלייזונג.

ב. ריווקין האָט אויך אין די לעצטע יאָרן פּרובירט מאָגנען ביי דער יידישער ליטעראַטור גרויסע משיחישע געשטאַלטן, אָבער זיינע ווערטער האָבן נישט געהאַט דעם רעזאָנאַנס, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק. ער האָט זיך אַליין מער נישט גע־קאָנט איינרעדן, ווייל ער האָט שוין פאַקטיש מער נישט באַדאַרפט די מאַסקע פון פייערלעכן ריטועלן טעאַטער, כדי צו זיין עכט און גערעכט צו זיך אַליין.

דערפאַר איז ער געווען צופרידן, ווען ער האָט מיר געקאָנט זאָגן, אַז ער קאָן שוין נישט שטורעמען און קלאַפּן אין טיש ווי אין די אַמאָ־ליקע צייטן. ער האָט הנאה געהאַט נישט אַזוי פון נישט קאָנען שטורמען, ווי פון נישט דאַרפן שטורמען.

ער פלעגט זיצן ביים טיש און האַרציק לאַכן, שילדערן גוט־מוטיק, אויף זיין אַ־וואָרט־־אַ־וואונק־אופן, עוולות וואָס מען באַגייט קעגן אים, און רעדן וועגן זיינע שונאים מיט אַ סך פריינטשאַפט און זיי אַזוי לאַנג באַרעדן און אַרומרעדן אויף זיין שטייגער, אַז זיי האָבן געקראָגן פליגל און זיינען אַרומגעראַמט געוואָרן מיט וויכטיקייט און אָנערקענונג.

און אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער זיך שוין מער נישט גענוי־טיקט אין זיין רעזשיסאָר־ראָלע פון אַ הייליקן ליטעראַטור־שפּיל. ער האָט אין זיין עניוות, אין זיין אָרימקייט און אין זיין באַשיידן לעבן געפונען געגנוג הייליקייט. זיין טאָג־טעגלעכקייט איז אים געוואָרן ליב און קינסטלעריש־אומפאַרשטענדלעך, ווי די העכסטע מעטאַפיזישע דרשה וועגן קונסט.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער אָנגעשריבן אַ פיין אַפּשאַצעריש און אַנאַליטיש אַרטיקל אין דער „עפּאָכע" וועגן יונה ראָזענפעלדן. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער געפונען אַ פיינעם צוגאַנג צו אַלף כּצס לידער, אין די „געצעלטן". אַזעלכע אַרטיקלען האָבן געוויזן, אַז ער דאַרף מער נישט די פאַרוואַנדלונג, דעם אויפשפּיל און דעם אַרויפ־געצויגענעם פאַרהאַנג, כדי צו שרייבן וועגן ליטעראַטור.

ב. ריווקין האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין איין בוך, אפשר דער־פאַר, ווייל אַלע זיינע ביכער, וואָס זיינען טעכניש קיינמאָל נישט פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם, זיינען איין בענקשאַפט נאָך גאַנצ־

קייט, נאָך קינסטלערישער שלמות און נאָך דער ערלעכער פּשטות, וואָס ער האָט טיף אין זיך פֿאַרמאָגט.

ווען מען לייענט זיינע זאַכן, זעט מען דעם שווערן וועג פֿון קינסטלער, וואָס גייט צו זיך אַליין מיט שווערע טריט. פֿאַראַן אַ שפּאַנענדיקע לאַנגזאַמקייט אין זיין גיין, בהדרגהדיק גיין, דורך טעאַטער־שפּיל צום לעבן, דורך מיסטיק צו רעאַליטעט. און אַז מען לייענט אים וואונדערט מען זיך, אויף וואָס דער מענטש האָט עס באַדאַרפֿט אַזוי שפּילן רעליגיע, מיט אַזויפֿיל גאָט אין האַרצן, און אויף וואָס דער קינסטלערישער עסייאיסט האָט באַדאַרפֿט אַזוי פֿיל פֿרעמדע געשטאַלטן, ווען זיין אייגן אמת געשטאַלט האָט געוויטיקט מיט אַזויפֿיל אמתן ווייטיק פֿאַר דער יידישער טראַגעדיע.

דאָס אַלץ קאָן מען זען אין זיינע ווערק: זיין טיפֿע אויפֿריכטיקייט דורך דעם פֿייערלעכן טעאַטער־שפּיל, און זיין נאַציאָנאַלן ווייטיק, וואָס האָט מיט קינדישן גלויבן געקלאַפּט אין די טויערן פֿון משיח.

„יידישער קעמפֿער", יוני 22, 1945.

א. לעיעלעס

I

ב. ריווקין איז געווען אַ גרויסער מאמין

עס ווערט פינף יאָר זינט עס איז פון דער וועלט אַוועק ב. ריווקין.

עס וואָלט געווען טשיקאַווע צו הערן, וואָס ער וואָלט געהאַט צו זאָגן וועגן אַ סך, אַ סך זאַכן, וואָס רודערן אונדזערע געמיטער, טרייסלען די בלעטער פון אַלע אונדזערעביימער.

איז דאָך ב. ריווקין געווען פול מיט אידייען, מיט געדאַנקען, רעיונות. ממש ווי אַ מילגרוים, אָנגעפּיקעוועט מיט טראַכטונגען, חזיונות.

* * *

ווען איך קלער וועגן ב. ריווקינען, האָב איך די פאָרשטעלונג פון עפּעס אַזאַ איינגעשרויפטן מעכאַניזם, איינגעשרויפט ספּיראַליש, ענג־ענג, און פּלוצלינג גיט זיך עס אַ דריי־אויף מיט גרויס קראַפט.

די וויבראַציעס, וואָס באַגלייטן אַזאַ אויפראָלונג — האָב איך ווייטער די פאָרשטעלונג — ווירקן נישט בלויז אַקוסטיש אויפן אויער: רעש און רויש. אויך וויזועל, ס'הייסט אויפן אויג — אַ טומאַן אַזאַ, אַזוינע אויסטערלישע פיגורן און צייכנס, וואָס ער, ב. ריווקין, האָט אין זיי שטאַרק געגלויבט און מיט זיי באַווירקט אַנדערע.

* * *

ב. ריווקין איז געווען אַ גרויסער מאמין אין דער שליחות, אין דעם כישוף, אין דעם מיטאָס פון וואָרט. ממילא פון דער ליטעראַטור.

איר, דער ליטעראַטור, האָט ער אין זיין רעשיקער און נעפּלדיקער אָנ־ און אויפגעשפּאַנטקייט צוגעשריבן, ממש, מאַגישע כוחות:

במקום־רעליגיע, במקום־טעריטאָריע, וואָרט־מעשה, און וואָס ניט?

אָפּט האָב איך הערנדיק און לייענענדיק ריוווקינען געזען פאַר זיך די געשטאַלט פון איינעם פון די אור־אור־אַלטע ערשטע צויבערער, וואָס זענען אַזוי נתפּעל געוואָרן פון דעם נס, וואָס די מענטשלעכע צונג האָט געגומען אַרויסזאָגן באַשטימטע, באַטייטפולע, אַרטיקולערע ווערטער, אַז ער איז געוואָרן דער כהן פון דעם אַלץ־באַזיגערישן כח, וואָס שטעקט אין די שכלדיקע מענטשלעכע קלאַנגען.

ריוווקין האָט אַליין געלעבט מיט שטענדיקער אויטאָ־סוגעסטיע. אין סוגעסטירן אַנדערע, זיי מאַכן גלויבן אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געזען זיין הויפּט־פונקציע אַלס קריטיקער.

* * *

איך האָב אָפּט געהערט, אַז ב. ריוווקין איז אונדזער בעסטער קריטיקער. איך בין נישט געווען איבערצייגט, נישט מסכים.

נישט בלויז דערפאַר, וואָס מיר איז נישט געווען צום האַרצן דאָס אַריינטייטשן זיינס אין פאַרשידענע ווערק. דאָס אויך. איך האַלט בכלל נישט פון דער אַריינטייטש־מעטאָדע אין קריטיק. און — איין גאָט איז אַן עדות — ב. ריוווקין האָט געקאָנט אַריינטייטשן אַזוינס און אַזעלכעס, אַז די האָר האָבן זיך אָפּט געשטעלט קאַפּויר.

עס האָט נאַטירלעכערהייט געשמייכלט יענע, וועמען ער האָט מיט דער נעמלעכער מעטאָדע אָנגעטאָן כלערליי מאַגישע קרוינען. און — זעלבסטפאַרשטענדלעך — פאַרקערט.

נאָר נישט צוליב דעם אַליין האָב איך נישט געהאַלטן פון ב. ריוווקינס קריטיק.

מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז זיין שייכות צו ליטעראַטור איז — ווי זאָל איך דאָס זאָגן? — אַן אַ־ליטעראַרישע, אַפילו אַנטי־ליטעראַרישע.

אָט האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלייענט זיין נייסט בוך: „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע” (צונויפגעשטעלט פון זיין פרוי מינאַ באָרדאָ־ריוווקין, איקוף־פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1948). מיין איינדרוק איז פאַרבליבן.

דער אמת איז, אַ ב. ריוווקין האָט קודם־כל און אַלעמאָל געשריבן און דערציילט וועגן — נישט די שרייבער, וואָס ער דערמאָנט לרוב —

נאָר וועגן איין געוויסן שרייבער, דעם איינציקן, דעם אינטערעסאַנטן אידייען־אַנוואָרפער, המכונה ב. ריווקין.

* * *

די צייט האָט ב. ריווקינען געשאַנעוועט. זי האָט אים נישט געלאָזט זען אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט געמאָנט מיט שטורמיש מאָנעניש און וואָס האָבן געטראָפן מיטן פינגער אין הימל.

אַשטייגער: ער האָט מיט העכסטער היץ געפאָדערט „קאָאָפּעראַציע מיט סאָוועטישע יידישע שרייבער", אַלס די „דערלייזונג פון דער היגער יידישער ליטעראַטור". ס'האָט געהייסן, אַז דער רעזשים איז מיטן לייב און לעבן פאַר יידישער ליטעראַטור בלויז מיר אין אַמעריקע האָבן דאָס נישט געוואָלט איינזען, נישט געוואָלט אָננעמען יענע שרייבערס הענט.

דאָס איז דער לעצטער עסיי ב. ריווקינס אין יענעם בוך. ס'איז אַ גרויזאַמער גורל פאַר איינער פון זיינע אומצאָליקע „זעאונגען", ס'איז אַ איראָניע פון דעם לעבן איבער ב. ריווקינס „מחשבה־כמעשה", וואָס ער האָט געפּרעדיקט מיט זיין געווינלעכן וויכער, ווי אַן אמת, אַנטפּלעקט ממש מן השמים:

קאָאָפּעראַציע מיט סאָוועטיש־יידישע שרייבער. ער האָט עס געפּרע־דיקט ערשט סך־הכל מיט אַרום פינף יאָר צוריק.

ס'איז גענוג בלויז צו דערמאָנען:

די יידישע סאָוועטישע שרייבער — פאַרשוואונדן; דאָס יידישע וואָרט אין סאָוועטנלאַנד — אָפּגעמעקט, פאַרווישט, ליקווידירט, כמו ווי נישט געווען...

„טאָג", יוני 3, 1950.

II

ב. ריווקין, צו זיין זעקסטן יאָרצייט

ריווקין האָט אַ סך געחקירהט וועגען שבועות און אַנדערע יידישע יום־טובים.

דעצעמבער 1950 איז אַרויס זיין בוך „יידישע יום־טובים", צונויפ־געשטעלט דורך זיין פרוי, מינאַ ריווקין, און אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

דאָס בוך איז, לויט ב. ריווקינס שטייגער, אָנגעפּיקעוועט מיט געהויבענע מחשבות וועגן דעם סוד און יסוד פון דעם יידישן קיום, המשך און געשיכטע.

עס איז שטענדיק אינטערעסאַנט צו לייענען ב. ריווקינען. ער רעגט אָן, אַפילו ווען מען איז מיט אים נישט מסכים. ער גיט אַ צי אַרויף אויף אייך אַ פייערלעכע ערנסטקייט — אַפילו ווען איר שמייכלט אונטער דערביי.

* * *

אַרום שבועות האָט ב. ריווקין געשריבן אַרטיקלען, וואָס האָבן נישט בלויז געפלאַקערט און געוואָלקנט מיט אַלערליי געדאַנקען, נאָר אויך געמינצט נייע ווערטער און באַגריפן. אַ שטייגער:

„סיני'איזם (פון באַרג סיני) איז די קומענדיקע באַוועגונג, וועלכע וועט אַריינגעמען דעם ציוניזם אין זיך און געווינען ארץ־ישראל און נאָך מער — די וועלט אויך.

„דער סיני'איזם מוז קומען צו־הילף דעם ציוניזם, פונקט ווי פאַר־צייטן.

„פונקט ווי משה רבנוס „ציוניזם" האָט זיך פריער געמוזט אָננעמען מיט כח אויפן באַרג סיני, אום אַריינצופירן דאָס פאָלק ישראל אין קינפטיקן ארץ־ישראל".

עס קלינגט גאַנץ שיין, כאָטש ווען איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך

פון דערווירקלעכקייט, קלינגט עס אויך גאַנץ טשיקאַווע. נאָר נישט דאָס איז דאָך וויכטיק.

וויכטיק איז די אָנרעקונג, וואָס ב. ריווקין גיט. וויכטיק איז זיין פּרואוו זיך אַריינצוטיפן אין דעם עצם פון אַלע יידישע היסטאָרישע עטאַפּן און אין די יידישע אידייען־סימבאָלן וואָס צו זיי געהערן אויך די יום־טובים.

„יידישע יום־טובים" איז נישט דאָס איינציקע בוך ב. ריווקינס, וואָס איז אַרויס ערב זיין זעקסטן יאָרצייט.

אַ צווייט בוך איז „אונדזערע פּראָזאַאיקער", וואָס דער איקוף־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אין דעם איצטיקן יאָר — 1951.

אָט דער באַנד זאַמלט צענויף אַ ריי אַרבעטן ב. ריווקינס וועגן יידישע בעלעטריסטן. אָט זענען די שרייבער, וואָס וועגן זיי האָט ער בשעתו געשריבן פאַרשידענע אַרטיקלען: מענדעלי מוכר ספרים, י. ל. פרץ, לעאָן קאָברין, דוד פּינסקי, אברהם רייזען, יונה ראָזענפעלד, פּרץ הירשביין, דוד איגנאַטאָוו, י. אָפּאַטאָשו, י. י. זינגער, ברוך גלאַזמאַן, ב. עפּעלבוים, פ. בימקאָ.

די אַלע ביכער פון ב. ריווקינס ליטעראַרישן עזבון וואָלטן נישט מעגלעך געווען, ווען נישט די געטריישאַפט פון זיין אלמנה, פרוי מינאַ ריווקין, וואָס שרייבט, אגב, אַליין לידער.

נישט בלויז אַרבעט זי שווער און ביטער צונויפצוקלייבן די פאַנדן, וואָס איז נישט ווינציקער וויכטיק — זי קלייבט און שטעלט צענויף די ביכער פון צעוואָרפענע, צעזייט־און־צעשפּרייטע אַרטיקלען אין אומ־צאָליקע זשורנאַלן און צייטונגען.

די מי און אויפטו פון מינאַ ריווקין זענען ממש העראָאיש.

„טאָג", יוני 9, 1951.

מלך ראַוויטש

ב. ריווקין — פּאָרטרעט

אונטער דעם נאָמען ב. ריווקין איז ב. ריווקין לרוב באַקאַנט. אָבער אויך דאָס איז אַ פּסעוודאָנים. ער באַנוצט זיך מיט נאָך אַ האַלב אָדער גאַנץ טוץ פּסעוודאָנימען. לפּנים איז ער איינער פון די צעברעקלטסטע און צעוואָרפנסטע יידישע שרייבער און אַזוי אויך אינערלעך. אַזוי איז זיין שרייבן און אַזוי איז זיין ריידן. און מען וואָלט געקאָנט חושד זיין, אַז אונטער יעדן פון זיינע פּסעוודאָנימען איז ער עמיץ אַנדערש, באַהאַלט ער זיך, פעלשט ער די אַנדערע ריווקינס — ווי דאָס איז דער שטייגער פון רוב שרייבער, וואָס באַנוצן זיך מיט אַ סך נעמען. לאָזט זיך אָבער אויס פאַרקערט. ריווקין איז אין אַלע זיינע חלקים און ערשט דורך אַלע זיינע חלקים — אַ גאַנצער. ער איז אַ מיסטיקער־נאַטוראַליסט, אַ פרום־רעליגיעזער־אפּיקורוס, אַ סאָציאַליסט־קאָמוניסט, אַנאַרכיסט־דעמאָקראַט, ליבעראַל־רעאַקציאָנער, יידישיסט־העבראיסט, אַסימילאַטאָר־שאָוויניסט, זשורנאַליסט־רעפּאָרטער־זעער, און וואָס דען נישט? איז ער — הייסט עס — אַ מענטש פון קאָנטראַסטן? — ניין, ער איז שוין גאָר נישט קיין מענטש פון קאָנטראַסטן — אָט אַזוי איז ער. און אָט אַזוי איז ער גאַנץ. אַזוי זיינען אַלע מענטשן, נאָר אַלע מענטשן קענען זייערע נשמהדיקע דופּליקאַטן און טריפּליקאַטן האַלטן אין שטייגן הינטער שלעסער און ער — ריווקין — איז נאַכלעסיק אין דעם זינען, צעלויפן זיך אים אַלע מאָל אַלע זיינע חיות פון דער מענטשלעכער מענאַזשעריע, וואָס איז דאָ אין יעדן מענטש... איך האָט זיכער תרעומות אויף מיר פאַרוואָס איך שרייב אַזוי. וועגן ב. ריווקינען מעג מען אַזוי שרייבן, דאָס איז אין זיין סטיל. אויך ער שרייבט אַזוי אָפן. האָט ליב צו טראָגן אַ מלבוש מיט דער פּאָדשעווקע אַרויף.

זען און הערן ריווקינען רעדן עפנטלעך — דאָס איז דאָס גרעסטע טעאַטער. דאָס איז באמת אַ טעאַטער־שפּיל פון אַ מענטלעכער נשמה.

מען זעט די גאַנצע אַקציע, אַזוי ווי דאָס רעדערווערק פון אַ גרויסן זייגער אונטער אַ גלאָז. מען זעט דייטלעך ווי די רעדלעך פּאַרטשעפּען זיך איינס אין אַנדערן און אָט, אָט צעקלינגען זיי זיך. אַמאָל צעקלינגען זיי זיך אין אַ פּראַכטפולן סינטעז און אַמאָל פּאַרטשעפּען זיי זיך און בלייבן גאָר אינגאַנצן שטיין. אַזוי איז דער זייגער ריווקין.

ריווקין איז פון נידעריקן וואוקס און ער מאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט אין אַלע דימענזיעס געהאַט איין מאָס. ער איז נישט קיין דיקער און כאָטש ער איז יאָ אַ דיקער (ביי אים זיינען אַלע פיזישע און גייסטיקע סתירות מעגלעך) מאַכט ער אָבער נישט קיין איינדרוק פון אַ דיקן. אַלץ אין זיין קיילעכדיקן פּנים איז אויסדריקלעך, עפּעס אַזוי ווי אַן אינע־ווייניקסטע קראַפט וואָלט פון אינעווייניק אויס אַלץ אַרויסגעבלאָזן, אַזוי ווי די נאָז וואָלט אַ לאַדע מינוט געדאַרפט אָפּשפּרינגען, די אויגן אַרויס־שפּרינגען פון די אַרביטן, און אויך דאָס ביסל האָר אויף דעם קאָפּ מאַכט דעם איינדרוק, אַז אָט וועלן זיי זיך צעפליען. און אויך די ווערטער וואָס קומען אַרויס פון ריווקינס מויל, קומען מיט אַזאַ קראַפט ווי יעדעס וואָרט וואָלט געוואָרן אַרויסגעשאָסן. און קוים מיט איין שאָס אַרויס איז שוין דאָס צווייטע גרייט — אַזאַ מין ווערטער־מאַשינגעווער. יאָ עס איז אַ טעאַטער צו זען און הערן ריווקינען רעדן. דערביי פאַר־זשמורעט ער די אויגן און חוץ דעם, וואָס די האָר צעפליען זיך שאַרט ער זיי מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ און ער אַרבעט בכלל מיט די הענט ביים רעדן, דער עיקר האַלט ער אין איין טייטן מיט די וויַיז פינגער דאָ אין די אויגן פון די דערשראָקענע הערער (די וואָס הערן אים צום ערשטן מאָל) און דאָ אין די אויגן פון גאָט און דאָ גלאָט אַזוי צו איינער פון די טויבע ווענט פון דער בינע. דערביי גייט ער אַרום און אַרום יעדן טיש און טישל און שטול, וואָס שטייט אויף דער בינע. און אַזוי כסדר, ער הויבט אָן צו רעדן קרעשענדאָ און אַזוי ענדיקט ער. איינמאָל בין איך זייער בייז געוואָרן אויף אים בשעת זיינער אַ רעדע. געווען איז דאָס אין ניו יאָרק. נעבן מיר איז געזעסן אַן עלטערע פּאָלקס־פרוי, וואָס איז צופעליק געקומען צו דער אונטערנעמונג און זי האָט ממש נישט געוואוסט וואָס דאָ טוט זיך. האָב איך מיך אָנגעהויבן הויך צונויפרעדן מיט דער פרוי און כאָטש מיר זיינען געזעסן אין דער ערשטער ריי, און ווייניק מענטשן אין זאַל, האָט ריווקין דעם גאַנצן אויפשטאַנד קעגן אים נישט באַמערקט, אַזאַ ירידה האָט געקאָכט אין אים. איינמאָל האָט זיך דאָס גאַנצע פובליקום צעלאַכט בעת זיינער אַ רעדע. אָבער ער האָט נישט גענומען פאַר אומגוט. ביי זיין גאַנצן שטענדיקן

געבייזער איז ער זייער אַ גוטמוטיקער און פֿאַרגעבנדיקער, ער האָט אין זיך אַן אויפֿריכטיק רעליגיעזע נאַטור.

אַ שרייבער־ראָמאַניסט, וואָס איך האַלט פֿון אים שטאַרק, האָט מיר אַמאָל ריווקינען געלויבט אין הימל אַריין און איך האָב אַפּאָנירט. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט יענעם אָונט ריווקין שוין גערעדט וועגן מיין ווייניגקייט אַליין. קיין וואָרט האָב איך ווידער נישט פֿאַרשטאַנען און אויך מיין פֿריינט — נישט, און איך האָב מיך דורכגעקוקט מיט אים און טריאומפֿירט. אָבער אויף צו־מאָרגנס האָב איך געלעזן אַ פּאָליטיש־סטראַטעגישן אַרטיקל ריווקינס וועגן דער מלחמה. דריי מאָל — האָט ער דאָרט געזאָגט — וועט היטלער פּרובירן גיין אין דער ריכטונג פֿון ירושלים. צום דריטן מאָל וועט ער דעצידירנדיק געשלאָגן ווערן און זיין גרויסע מפּלה וועט זיך אָנהויבן. זינט דאַן זיינען שוין אַריבער גאַנצע דריי יאָר. ריווקינס ווערטער — איך ווייס נישט צי געדענקט ער זיי אַליין — זיינען געוואָרן ווי אַ נבואה. אָבער דאָס איז אפשר אַ צופֿאַל. נישט קיין צופֿאַל זיינען אָפּט זיינע הערלעכע הייד־אָריגינעלע איינפֿאַלן און קאָנצעפּציעס וועגן יידן און יידישקייט און יידישער גייסטי־קייט און לאָגיק, זין און ציל פֿון דער יידישער עקזיסטענץ אין דער וועלט. ריווקין שעפּט די אַלע זאַכן נישט פֿון דער פּוסטער לופֿט ווי דער מאַגיקער זיינע סטענגעס. ער שעפּט זיי פֿון גאָר טיפֿע קוואַלן, פֿון אַ ברייטן וויסן, אַן אַלגעמיינעם און אַ יידישן, ער שעפּט זיי פֿון אַ האַרמאָנישער נשמה — ווי אולטרא־פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען.

וואָלט אונדזער קולטור לעבן געווען באַזירט ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, וואָלט ריווקין געהאַט זיין קאַטעדרע און געווען דער אמתער צעטראָגענער פּראָפֿעסאָר, אַ קלאַסישער עקזעמפּליאַר, און ער וואָלט שוין לאַנג געהאַט אויפֿגעשריבן אַ ווערק, וואָס וואָלט אַנטהאַלטן דאָס געשלאָסענע סיסטעם פֿון זיין וועלט באַנעמונג. אַזוי אָבער איז עס צע־שפּרייט ווי שפּריי אויפֿן ווינט אין טויזנטער אַרטיקלען און צעבלאָזן ווי דער ווינט אַליין אין אַלע זייטן פֿון דער וועלט אין טויזנטער רעדעס.

„קענעדער אָדלער“, מאָנטרעאַל, יוני, 25, 1943.

ל. מ. שטיין

דערינערונגען וועגן ב. ריווקין

א

ב. ריווקין איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין שיקאַגאָ צוזאַמען מיט ה. לייוויק אין יאָר 1933, געקומען זיינען זיי פון קליוולאַנד פון דעם צוזאַמענפאָר פון דער „יידישער קולטור געזעלשאַפט".

מיר האָבן איינגעאָרדנט אַן אָוונט פאַר די געסט און מיר האָבן אויסגעהערט אַ באַריכט פון דער קאָנפערענץ. ריווקין האָט אויף אונדז געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. מיר האָבן אים צום ערשטן מאָל געזען און צום ערשטן מאָל געהערט ווי אַ באַריכט אָפגעבער. זיין אויסזען איז געווען ווי פון איינעם וועמען עס קימערט ניט ווי אַזוי ער גייט אָנגעטאָן. די האָר צעשויבערט, דאָס רונדע געזיכט מיט פאַרטראַכטע אויגן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דענקער וואָס איז פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, און דאָס אַרומיקע שטערט אים בלויז.

ריווקין הייבט אָן רעדן. די שטימע איז אַביסל הייזעריק, עס קומט אים אָן שווער אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען, פאַנגט ער אָן נאָכאַמאָל פון אָנהויב און ביסלעכווייז באַהערשט ער זיך. זיינע געדאַנקען זיינען אָפגעריסענע, ער איז ניט צוגעגרייט אָפצוגעבן אַ באַריכט, ער האָט אָבער אַ סך וואָס צו זאָגן אין אַלגעמיין וועגן דער „יידישער קולטור געזעלשאַפט", וועגן איר מהות, וואָס אירע פונקציעס דאַרפן זיין. גלייכצייטיק פילן, אָבער, אַלע, אַז דאָ און דאָרטן געלינגט ריווקינען צו אַנטוויקלען אַ רעיון, וואָס האָט אין זיך אָריגינאַליטעט. אַלע הערן זיך צו מיט גרויס געשפאַנטקייט.

איך קוק זיך גוט צו צו ריווקינען, עס איז מיר שווער נאָצופאָלגן זיין געדאַנקען גאַנג. דער רעדנער, אָבער, רייצט מיך. עפּעס פיל איך ווי ער וואָלט מיך היפּנאָטיזירט, און דערפאַר קאָן איך זיך ניט קאָנצענטרירן. איך נעם ניט אַראָפּ די אויגן פון ריווקינען, מיך

אַרט ניט, אין דעם מאָמענט, וואָס ער זאָגט, נאָר ווי אַזוי ער זאָגט עס. איך באַשליס ביי זיך, אַז איך דאַרף זיך נעענטער באַקענען מיט ריווקינען.

נאָכן אָוונט האָט לייוויק פאַרהאַלטן עטלעכע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געוואָלט דורכרעדן וועגן ריווקינען. אויף וויפיל איך געדענק זיינען עס געווען: וו. נאָטאַנסאָן, י. באַבינסקי, י. ח. פּאָמעראַנץ, די דובאָווס און איך מיט סאָניען. לייוויק דערקלערט אונדז, אַז ריווקין געפינט זיך אין אַ שווערער לאַגע, ער איז ניט פאַרבונדן מיט קיין צייטונג. דערפאַר פאָדערט אונדז לייוויק אויף, מיר זאָלן אין שיקאַגע פאַרהאַלטן ריווקינען כאָטש פאַר עטלעכע חדשים. ער בעט אונדז מיר זאָלן העלפן ריווקינען, און אים געבן די מעגלעכקייט צו ברענגען אין אָרדענונג אַ היפּש ביסל מאַטעריאַל, וואָס ריווקין האָט פּובליצירט אין צייטונגען און זשורנאַלן, נאָכדעם וועלן מיר זען ווי אַזוי אַרויסצוגעבן עס אין אַ בוך־פאָרם.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן באַבינסקי, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פון ריווקינען, אַז ער וועט העלפן. פּאָמעראַנץ האָט גלייך גענומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, וואָס מיר דאַרפן טאָן פאַר ריווקינען אין משך פון דער צייט וואָס ער וועט זיין אין שיקאַגע.

די אונטערהאַנדלונגען זיינען געפירט געוואָרן אין דער אָפּוועזנהייט פון ריווקינען וועלכן מ'האָט אָפּגעפירט אין האָטעל. עס איז גלייך באַשטימט געוואָרן צו שאַפן אַ סומע געלט צו שטיצן ריווקינען און געבן אים די מעגלעכקייט צוצוגרייטן דאָס בוך וואָס מיר האָבן בדעה אַרויסצוגעבן. לייוויק פילט זיך גערירט פון אונדזער גרייטקייט צו העלפן ריווקינען אַרויסגעבן זיינס אַ ווערק.

דאָ רופט זיך סאָניע אָפּ: וואָס האָט איר געטאָן מיט ריווקינען? אים איינגעאָרדענט אין אַ האָטעל? מ'קען אים דאָך אַליין ניט לאָזן. אויף אַזאַ מענטשן דאַרף מען דאָך אויפפּאַסן. ער וואָלט באַדאַרפט זיין אין אַ פּריוואַט הויז. און דאָס געלט, וואָס מיר שאַפן, זאָל גיין אויף אַרויסצוגעבן ריווקינס בוך.

אַלע זיינען געווען איינשטימיק. די פראַגע איז בלויז געווען, וועמענס גאַסט ער זאָל זיין. אויף וואָס סאָניע האָט גלייך געענטפערט: ער קאָן זיין ביי אונדז. איך האָב צוגעשטימט.

לייוויק האָט גוטמוטיק געשמייכלט, ער איז געווען צופרידן מיט דעם פּלאַן. מיר האָבן באַשלאָסן, גלייך צופאָרן צום האָטעל און ברענגען ריווקינען צו אונדז אין הויז.

מיר האָבן ריווקינען איינגעאָרדנט אין מיין ביבליאָטעק צימער. די ערשטע עטלעכע טעג איז ער געווען אומרואיק, ער האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ, ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוואוינט. האָט אָנגעהויבן שמייכלען פון צייט צו צייט, ער איז געוואָרן היימיש באַרעדעוודיק. איך האָב ריווקינען דערקלערט, אַז איצטער קאָן ער זיך נעמען צו דער אַרבעט און ברענגען אין אָרדנונג זיינע אַרטיקלען. ריווקין האָט מיך אָנגעקוקט פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס איך רעד, נאָכדעם האָט ער מיר געענטפערט, יאָ, אַט די אַלע זאַכן ליגן ערגעץ אין אַ זאַק, ער געדענקט ניט צי אויפן בוידעם, צי ערגעץ אין קעלער, ער דענקט אָבער, אַז ער קאָן זיך באַגיין אָן זיי. ער וועט זיך טאַקע נעמען גלייך צו דער אַרבעט. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז אונדזער פּלאַן צו פאַרהאַלטן ריווקינען אין שיקאַגע, כדי ער זאָל צוגרייטן אַ בוך צום דרוק, איז געווען בלויז אונדזערע אַ פאַנטאַזיע, איך האָב אָבער קיינעם גאָרניט געזאָגט וועגן מיין חשד. ווען מען פלעגט מיך פרעגן ווי גייט עס מיט ריווקינס אַרבעט, פלעג איך ענטפערן: ער שרייבט.

מיר האָבן באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ עפּנטלעכע לעקציע פאַר ריווקינען. ריווקין האָט זיך צו דער לעקציע געגרייט, ער האָט געשריבן און געסאָפּעט — געררויכערט איין סיגאַרעט נאָך אַ צווייטן און געהאַלטן אין איין שרייבן. אַ פּאָר טעג פאַר דער לעקציע, גיי איך אַריין אין ריווקינס צימער, איך זע אַז ער האָט שוין פאַרשריבן אַ דרייסיק אָדער פערציק זייטלעך. פרעג איך אים: ריווקין איר וועט לייענען די לעקציע פון דאָס געשריבענע? ענטפערט ער מיר: „ניין". ער מאַכט בלויז נאָטיצן. איך ברענג אים אַ פּעקל קאַרטלעך, און זאָג אים: פּילייכט וועט אייך זיין גרינגער ווען איר מאַכט קורצע נאָטיצן אויף די קאַרטלעך. ער קוקט מיך אָן און ענטפערט. „עס וועט ניט העלפן". פרעג איך אים ווייטער, און ווייז אים אָן אויף די פאַרשריבענע זייטלעך: און דאָס וועט העלפן? ענטפערט ער מיר אַביסל בייז, און גלייכצייטיק מיט זיין גוטמוטיקן שמייכל: „עס וועט אויך ניט העלפן". עס איז טאַקע אַזוי געווען, עס האָט ניט געהאָלפן.

איידער די לעקציע האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט ריווקין גוט באַטראַכט אַלע מענטשן, אַראָפּגענומען די ברילן, זיי צוריק אָנגעטאָן, און גענומען אַריינקוקן אין די פאַרשריבענע בויגנס, ער האָט ווידער אַראָפּגענומען די ברילן און גענומען רעדן. די טעמע איז געווען: „אונדזערע יום טובים". אָנגעפאַנגען האָט ער זייער רואיק, ער האָט דער־

קלערט ווי אַזוי מיר וואָלטן באַדאַרפט פּראַווען אונדזערע יום טובים. ער האָט באַהויפּט אַז מיר מוזן אַריינטראָגן אין זיי מער טעאַטראַליש־קייט און דערהויבנקייט. ביסלעכווייז האָט ער זיך געגומען היצן. מען האָט געקאָנט פילן, אַז ער אַליין ווערט באַהערשט פון דער טעמע, און צעהיצטערהייט האָט ער געקלאַפּט מיט זיינע פויסטן אין טיש. די פאַרשריבענע זייטלעך זיינען זיך צעפלויגן איבערן זאַל. ער האָט זיי געפּרואווט אויפהויבן, זיינען אים די ברילן אַראָפּגעפאַלן. מיר האָבן אים אַלע געהאָלפן צוזאַמענקלייבן די פּאַפּירן. ריוווקין וויל זיי ברענ־גען אין אָרדענונג, אָבער גלייך גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, רוקט זיי אָפּ אין אַ זייט. ער האָט פאַרענדיקט די לעקציע אָן די נאָטיצן.

נאָך דער לעקציע האָט מען געשטעלט פראַגן. ריוווקין האָט זיך געבייזערט ענטפערנדיק. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז מען האָט אים ניט ריכטיק פאַרשטאַנען. עס איז דאָך אַזוי קלאָר, וואָס מיר דאַרפן טאָן, וואָס שרעקן מיר זיך פאַר גראַנדיעזע אונטערנעמונגען? און כדי די פראַגע פרעגערס זאָלן אים בעסער פאַרשטיין, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון דער פּלאַטפאָרמע, און גענומען מיט יעדן פון זיי איינטענהן, אַז מיר מוזן זיך אַליין דערהויבן. קליינע מענטשעלעך פאַר־מעסטן זיך קליין, מיר זיינער, אָבער, אַ גרויס פאָלק, מיר האָבן זיך ניט פאַר וואָס צו שרעקן פאַר גרויסע זאַכן. מיר דאַרפן וויזן דער וועלט, אַז מיר יידן זיינען אַ גרויס פאָלק, און מיר קאָנען עס טאָן. מיר דאַרפן — בלויז וועלן, עס פעלט אונדז דער ווילן, עס פעלט אונדז מוט. ריוווקין איז געווען זייער אינטערעסאַנט אין די מאָמענטן, עס האָט געשטראָמט פון אים אַ סך ענערגיע. אַלע האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

ב

ריוווקין באַקענט זיך מיט אונדזערע שיקאַגער שרייבער און דיכ־טער, יעדער איינער פון זיי וויל ריוווקין זאָל וועגן אים שרייבן, זיי קוקן צו אים אַרויף ווי צו אַ דערלייזער, זיי ברענגען אים זייערע ביכער, זיי וואַרטן מיט אומגעדולט אויף זיינס אַ מיינונג. אין שיקאַגע איז צו יענער צייט אַרויסגעגאַנגען דער זשורנאַל „שיקאַגע". מ. זאַלאַטאַרעוו איז געווען דער רעדאַקטער, ער באַשטעלט ביי ריוווקינען עטלעכע אַרטיקלען, און זאָגט אים צו, אַז ער וועט אים גוט באַצאָלן פאַר דער אַרבעט. ריוווקין נעמט זיך מיט אימפּעט צו לייענען די ביכער פון

אונדזערע דיכטער. ער בורטשעט לייענענדיק, ווערט בייז, ליגט זיי אַוועק אין אַ זייט, נעמט זיך ווידער צום לייענען, און שרייט אויס אויפן קול בייזלעך: „גיי שרייב וועגן זיי! אַז זיי קאָנען גאָרניט שרייבן"! ער באַרואיקט זיך, נעמט ווייטער לייענען און פאַנגט אָן שרייבן. פאַרשרייבט אַ צאָל זייטלעך און ווערט איינגעדרימלט. כאַפּט זיך האַסטיק אויף, כאַפּט אַ ביס, און שרייבט ווייטער, רויכערט איין סיגאַרעטל נאָך אַ צווייטן, טרינקט אַ גלאָז קאַווע און שרייבט ווייטער ביז ער ווערט איינגעדרימלט. דאָס מאָל כאַפּט ער זיך אויף זייער בייז, לויפט אַרום איבערן צימער, און רעדט צו זיך אַליין: — „זיי זאָגן דאָך גאָרניט, עס פעלט זיי טאַלאַנט. יאָ, איך וועל זיי אויסלערנען ווי צו שרייבן, איך וועל זיי צווינגען". אָט אַזוי אַרום האָט ריווקין אָנגע־שריבן עטלעכע אַרטיקלען פאַר דעם זשורנאַל „שיקאַגע".

ווען ריווקין האָט שוין פאַרבראַכט אין שיקאַגע אַ זיבן־אַכט וואָכן, בין איך געווען געצוואונגען צו דערקלערן באַבינסקין און נאַטאַנסאָנען, אַז ריווקין אַרבעט ניט אויף צוזאַמענשטעלן זיין בוך. נאַטאַנסאָן ליגט פאַר, אַז פיליכט וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז ריווקין זאָל קומען צו אים יעדן טאָג פאַר אַ פּאָר שעה, וועט ער זען ווירקן אויף ריווקינען ער זאָל זיך נעמען צו דער אַרבעט. ריווקין איז ניט איינגאַנצן צופרידן מיט דעם פּלאַן. ער גיט זיך אָבער אונטער, מיט אַ שמייכל: „נו, גוט! נאַטאַנסאָן, הייסט עס, וועט מיר העלפן, ער האָט שוין זיך געהאָלפן, וועט ער איצטער מיר העלפן". איך לאַך, און בעט ריווקינען ער זאָל צוגיין פאַר אַ פּאָר טעג, עס איז דאָך ניט ווייט פון אונדז. ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן, איז פון דעם גיין צו נאַטאַנסאָנען גאָרניט געוואָרן.

ריווקין האָט זיך דערוויל באַקענט מיט טשערניאַווסקען, וואָס האָט דיריגירט אַן אָרקעסטער אין איינעם פון די גרעסטע קינאָ־טע־אַטערס. טשערניאַווסקי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק צו שאַפן מוזיק פאַר אַ יידישן פּעדזשענט. ריווקין, ווי עס ווייזט אויס, האָט וועגן דעם געוואוסט, ווייל זיי האָבן זיך ביידע עטלעכע מאָל גע־טראָפן, און אָנגעפאַנגען אויסצואַרבעטן פּלענער. ריווקין האָט זיך אונ־טערגענומען צו שאַפן די ליברעטאָ, און טשערניאַווסקי די מוזיק. ריווקין איז געווען דער פּאַסיקער מענטש, צוזאַמענצושטעלן אַזאַ שפּיל. אַזוי האָט טשערניאַווסקי געדענקט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דער־וואוסט. ריווקין האָט מיר וועגן דעם גאָרניט דערציילט. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז פאַרנומען מיט עפּעס אַ וויכטיקער אַרבעט, אָבער וואָס דאָס איז האָב איך ניט געפרעגט.

איינמאָל אין אַ אָוונט, קומט צו מיר צו ריווקין, און בעט מיך איך זאָל מיט אים צוגיין צו טשערניאַווסקין. ער דערציילט מיר, אַז ער האָט אָפּגעמאַכט מיט טשערניאַווסקין, אַז ער וועט אים צושטעלן דעם „שלום עליכם ספּעקטאַקל״ אין פינף אָדער זעקס וואָכן. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז ריווקין מוז יעדע וואָך קריגן באַצאָלט ער זאָל קאָנען אָנגיין מיט דער אַרבעט. האָט אים טשערניאַווסקי פאַר אַ פּאָר וואָכן באַצאָלט איצטער וויל ער מער ניט צאָלן. עס איז שוין באַלד אַריבער צוויי וואָכן און ער האָט גאָרניט געקראָגן פון טשערניאַווסקין. איך זאָג צו ריווקינען, אַז איך וועל מיט אים צוגיין, איך בעט אים אָבער ער זאָל מיר ווייזן וואָס ער האָט שוין פאַרטיק, איך זאָל וויסן וואָס איך האָב צו טאָן. איך זע, אַז ריווקין איז ניט צופרידן מיט מיין פאַרלאַנג. ער ווייזט מיר אָן אויפן טיש: „אָט האָב איך פאַרצייכנט אַ פּאַק מיט מאַטעריאַל״. איך זע עטלעכע ביכער אין יידיש און ענג־ליש מיט אַ היפּשער צאָל פאַרשריבענע זייטלעך פּאַפּיר. מיר גייען צו טשערניאַווסקין אין טעאַטער.

טשערניאַווסקי האָט אונז פיין אויפגענומען. איך פרעג אים, פאַר־וואָס גיט ער ניט ריווקינען די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן די אַרבעט? ריווקין זיצט פאַרכמורעט, און קוקט אין אַ זייט. טשערניאַווסקי דער־קלערט מיר, אַז ריווקין האָט מיט אים אָפּגערעדט, אַז יעדע וואָך וועט ער אים צושטעלן אַ טייל פון דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, און זיי וועלן דיסקוטירן צוזאַמען ווי אַזוי ווייטער אָנצוגיין, ווייל עס איז דאָך רעכט, אַז מען זאָל צוזאַמענשטעלן אַ ספּעקטאַקל וועלכער לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט דורכפירן. וויל ער דערפאַר זען וואָס ריווקין האָט אויפגעטאָן פאַר די עטלעכע וואָכן, ער איז ניט קיין רייכער מאַן, און דערפאַר קאָן ער זיך ניט דערלויבן צו צאָלן פאַר עפּעס וואָס ער ווייסט ניט וואָס דאָס איז.

ריווקין איז בייז, און ער נעמט שרייען: „איך האָב שוין כמעט אַלץ פאַרטיק, איך דאַרף די אַרבעט בלויז צוזאַמענשטעלן. וואָס? איך זאָל אים לייענען? ער קאָן זיך פאַרלאָזן אויף מיר. איך זאָל אים לייענען וויל ער?״ איך באַרואיק ריווקינען און הייב אָן דער־קלערן טשערניאַווסקין, אַז די אַרבעט פאָדערט נאָכצוקוקן אַ סך ביכער, מאַכן נאָטיצן, נאָכטראַכטן. אַזאַ אַרבעט קאָן מען דאָך ניט נעמען אָוועקזעצן זיך און אָנשרייבן. ער איז דאָך אַליין אַ קינסטלער, מוז ער דאָך עס פאַרשטיין. ריווקין כאַפּט זיך אויף ווידער, און שרייט: „ער וויל איך זאָל אים לייענען?! וואָס זאָל איך אים לייענען?! איך

האַלט דאָך עס אין צוגרייטן". טשערניאַווסקי שלאָגט אים איבער: „איך פאַרשטיי, אַז ער האַלט אין צוגרייטן, איך וויל אָבער וויסן וואָס ער גרייט צו. מיר דאַרפן דאָך אַרבעטן צוזאַמען. אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט". ריווקין ווערט אויפגערעגט: „אָפּגערעדט? אַזעלכע זאַכן קאָן מען ניט אָפּרעדן. עס מוז דויערן אַביסל צייט. איך אַרבעט"!

איך רוף אָפּ טשערניאַווסקין אין אַ זייט, און בעט אים ער זאָל האָבן איינזעעניש מיט ריווקינען. איך טענה: גיט אים אַביסל מער צייט, איר זעט דאָך, אַז ער אַרבעט, באַצאָלט אים וואָס ער פאָדערט. איר וועט נאָך אויפפירן דעם ספּעקטאַקל. טשערניאַווסקי ווערט ווייכער, ער גייט צו צו ריווקינען און גיט אים עטלעכע אַסיגנאַציעס. מיר גייען אַהיים. ריווקין שווייגט פאַרטראַכט. איך פרעג אים גאָרניט. וואָס עס איז געוואָרן פון דער אַרבעט — ווייס איך ניט.

עס זיינען געווען מאָמענטן ווען ריווקין האָט זיך געפילט גוט. אין אַזעלכע אָוונטן ביי אַ גלעזל טיי, פלעג איך זען גאָר אַן אַנדער ריווקינען. ער פלעגט זיך וויצלען, לאַכן, אַרויסזאָגן זייער שאַרפע און אָריגינעלע מיינונגען וועגן אַ צאָל שרייבער. וועגן שרייבער פון וועלכע ער האָט ניט געהאַלטן, פלעגט ער מאַכן אַזעלכע באַמערקונגען, אַז מיר פלעגן אַלע לאַכן. זיי זיינען געווען זייער טרעפלעך, און ער אַליין פלעגט שמייכלען מיט אַ מאָדנער גוטסקייט. אין אַזעלכע אָוונטן פלעג איך דערפילן, אַז ריווקין איז אין גרונט גענומען אַ ווייכער גוט־האַרציקער מענטש, זיין געזיכט פלעגט אויסקוקן גאָר אַנדערש. ער איז געווען אַ צעשטראַלטער. אָט דער ריווקין איז מיר פאַרבליבן זייער ליב און נאָענט.

א. אַלמי

ריוקין און ראַוואַקאַנאַ

ווען ריוקין וואָלט געבוירן געוואָרן אין אינדיע, וואָלט ער אפשר געהייסן ראַוואַקאַנאַ און ער וואָלט געזעסן, ווי אַ בודהאַ, די פיס פאַרלייגט הינטער זיך, פאַרטיפט אין געדאַנקען וועגן די סודות פון דער וועלט; ער וואָלט געווען דער גרעסטער באַוואונדערער פון די מופֿתים, וואָס די פאַקירן באַווייזן, אָדער אפשר וואָלט ער אַליין געווען אַ פאַקיר, צי אַ יאָגי, געלעגן יאָרן־לאַנג אויף אַ ברעט מיט שאַרפע טשוועקעס, טועם געווען אַ כזיתל ברויט יעדן צווייטן טאָג — און צופרידן געווען. רו און פרידן וואָלטן געוויגט זיין נשמה — פרידן מיט זיך און מיט דער וועלט און מיט די מענטשן אַרום.

פאַרוואָס עפּעס אינדיע? מחמת דער תוך פון ריוקינס אידייען און גלויבונגען, איז אַן אינדישער: אָקולטיזם, קלערוואָיאַנס, קרישטאָל־מעדיטאַציע, אָפּשפּרעכענישן און מעסיאַניזם. אמת, מעסיאַניזם איז דאָך אויך — ניין, דערהויפּט — יידיש. ריכטיק. אָבער ריוקינס משיחיזם איז בשום־אופן נישט קיין יידישער, נאָר אַן אינדישער. יידן זיינען בטבע סקעפּטיקער. אַ יידישער משיח מוז ברענגען אַ צייכן פון הימל, שפּאַלטן ימים, אָפּשטעלן די זון, לעבעדיק מאַכן טויטע, בקיצור, באַווייזן עפּעס אַן אוניווערסאַל וואונדער, אַנדערש וועט ער העכסטנס ווערן אַ רבי, אַ „גוטער ייד", אָדער גאָר אַן „אותו איש" — דערפאַר איז דער נוצרי מיט אַלע זיינע נסים, וואָס די קריסטלעכע עוואַנגעליע דערציילט וועגן אים, געבליבן פרעמד זיין אייגן פאָלק, בעת די גאַנצע וועלט האָט זיך געוואָרפן אויף די קני פאַר אים.

פאַר ריוקינען, ווי פאַר די הינדוסן, ווי פאַר די אומות־העולם בכלל, איז אָבער גענוג, אַז איינער זאָל פאַרוואַרפן אַ שטריק צו די וואָלקנס און קריכן אויף אים, אָדער זיך לאָזן לעבעדיק באַגראָבן אויף עטלעכע טעג, צי דערציילן, אַז זיינס אַ ליד איז אים דיקטירט געוואָרן פון גאָט, אָדער אַ מלאך, צי נאָך מער — אָדער וויניקער: ער זאָל פּרעפּלען

אומפארשטענדלעכע שפרוכן — און ער, ריוקין, איז שוין איבערצייגט, ער איז שוין גרייט צו בלאָזן דעם גרויסן שופר: משיח! משיח! פאַר אים, ווי פאַר דער הינדואיזירטער אַנאַ בעזאַנט, איז אַפילו רעכט אַ קרישנאַמורטי. אַ נס, וואָס קרישנאַמורטי אַליין האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון זיין משיח־מיסיע און אָפן פּראָקלאַמירט: איך בין נישט קיין משיח, נאָר אַ דיכטער!

איז אָבער ריוקין געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, יאָרן פאַרבראַכט אין ענגלאַנד און צום סוף געוואָרן אַ תושב אין אַמעריקע — איז זיין פון אינדיע־פאַרבלאָנדזשעטע נשמה אין אים געקומען אין קאָנפליקט מיט דער קולטור און ציוויליזאַציע פון אָקצידענט, פון דעם מערב, וואָס ווייס נישט פון אָריענטאַלישער מנוחה און דבקות; פון דעם „אָונט־לאַנד״, וואָס איז אַגרעסיוו, פול מיט סתירות, מיט אומרו, מיט קאָנפליקטן, מיט קעגנזייטיקע אינטערעסן, אין קאַמף אויף אַלע פראָנטן.

דער אייראָפּיאיש־אַמעריקאַנישער ווירבלווינט האָט ריוקינען פאַר־כאַפּט און ער איז מבולבל געוואָרן. אַ מענטש, וואָס איז אָריינגעטאָן אין אָקולטיזם, מעסיאַניזם און קלעירוואָיאַנס־גלויבונגען, וואָס מוזן אומבאַדינגט האָבן מעדיטאַציע, פאַרטיפונג, שטילקייט, שוויגן, צווינגט אים דער אַ ר ו ם צו האַנדלען אַנדערש, צו גיין להיפוך זיין נאַטור; און דאָס ברענגט אים אין כעס אַריין, מאַכט אים נערוועז, צעטראָגן — און ריוקין איז פול מיט אימפּעט, כסדר „אַנגעצויגן״, פּולווערדיק, קאָן נישט פאַרטראָגן קיין אַנדער מיינונג, איז תמיד גרייט אָנצופאַלן. מיר דאַכט זיך, אַז ווען אַפילו ריוקין איז מיט זיך אַליין אין הויז און מעדיטירט, שפּרינגט ער פּלוצים אויף, כאַפּט אַ געדאַנק און גיט עס מיט כעס אַ שליידער אין דער וואַנט אַריין. וואָרעם אַזוי איז עס שוין: דער, וואָס איז אין קאָנפליקט מיט זיך, מוז אויך זיין אין קאָנפליקט מיט דער וועלט.

אָט־דעם שאַרפן ווידערשפּרוך צווישן ריוקינס אידייען און ריוקינס אויפפיר און האַנדלונגען, קאָן מען נאָר דערקלערן דערמיט, וואָס ער, ריוקין, ציט צו זיין נשמה־שורש, וויל כסדר זיין ראַוואַקאַנאַ און — קאָן עס זייער זעלטן באַווייזן. די אייראָפּיאיש־אַמעריקאַנישע ווירק־לעכקייט איז קעגן אים, איז ער קעגן איר. די מענטשן אַרום אים, קענען נישט דולדן אַינעם, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט „משוגענע אידייען״, קאָן ער זיי נישט פאַרטראָגן. זייער ניכטערקייט, ציניזם, סקעפּטיציזם און זעלבסטצופרידנקייט רייצן אים כסדר, איז ער שטענדיק אויפגערעגט

און יעדע קליינינקייט צינדט אים אָן. צי ס'האַנדלט זיך מכח אַ גרויסן אמת, ריוווקינס, אַן אידיאישן ענין, אָדער אַ גרייז אין זיינס אַן אַרטיקל — דער אויפקאָך איז דערזעלביקער. רעלאַטיוו איז עס דאָך טאַקע אַלצאיינס: אַן עוולה אין אַן עוולה און אַן אמת אין אַן אמת. נאָר נישט אַלע נעמען זיך דאָס צום האַרצן. אדרבא, ס'רוב מענטשן מאַכן שלום מיט דער וועלט און מיט זיך. מילא, זאָל זיין אַזוי, זאָל זיין אַנדערש — ס'לוינט זיך נישט צו נעמען די גאַל. אַפילו די אינטעליגענץ, די זוכנדיקע, סקעפּטישע — אויך זי גייט אַרום מיט אַ צופרידן שמייכעלע אויפן פּנים — צופרידן, וואָס מ'איז סקעפּטיש, וואָס מ'איז ציניש, וואָס מ'קען זאָגן „עט" און מ'וויס, אַז ס'איז נישט כדאי צו פּטרן דאָס קורץ לעבן אויף פּרינציפּן און אידיאישן פּעדאַנטיזם. יאָ — יאָ, ניט — ניט.

ריוווקין קאָן נישט זיין גלייכגילטיק. ריוווקין איז נישט סקעפּטיש.

ריוווקין איז ניט ציניש. ריוווקינס דערשיינונג איז אַ פּראָטעסט קעגן די אַלע זאַכן, וואָס ברענגען זעלבסטצופרידנקייט און באַרואיקונג; פאַר ריוווקינען איז דאָס לעבן נישט קורץ. פאַר אים איז דאָס לעבן — אייביק. קאָן ער דעריבער נישט לעבן ווי אַ שמעטערלינג מיטן טאָג, מיט דער רגע. פאַר אים איז דער היינט אַ רינגעלע אין דער אייביקייטס־קייט, אָן אָנהייב, אָן סוף. פאַר אים איז די עקזיסטענץ — קאַרמאַ, וואו יעדע סיבה האָט איר פּועל־יוצא און יעדער פּועל־יוצא — זיין סיבה; און יעדער געדאַנק און יעדע טאַט, אַפילו יעדע כוונה, האָט אַן עפעקט אויפן גאַנג פון דער וועלט, פון דעם אוניווערס. אויך איז אַ גרויסער ציל דאָ אין דעם אַלעם און יעדער פון אונדז מוז העלפן דערנענטערן זיך צו דעם ציל. צינישע צופרידנקייט, אָדער צופרידענער ציניזם, זיינען דוחה דעם קץ — דעם קץ ווי ריוווקין — און די הינדוסן — פאַרשטייען אים.

דערפאַר זיינען אויך ווערטער נישט סתם — ווערטער... ווערטער זיינען דעם געדאַנקס האַמערס. מיט זיי האַמערן מיר איבער די יצירה — און האַמערן אַזוי־אַרום אַריין אונדזער וואונטש, אונדזער ווילן. ס'איז נישט ריוווקינס אַנטדעקונג, אָבער ער איז אַ מוראדיקער מאמין אין אָט־דעם ווערטער־קולט. וואָס איז אַ תּפילה? נישט ווי דער פרומער ייד, אָדער גוי, מיינט: אַ ווענדונג, אַ בקשה צו גאָט. ס'איז מער ווי דאָס — ס'איז אַן אויסטענהן זיך מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט און מיט דער אייביקייט. און די גלויביקע תּפילה באַשאַפט און צעשטערט. אַפילו גאָט אַליין עקזיסטירט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל

מ׳גלויבט אין אים. אַן דעם מענטשלעכן וואָרט, אַן דעם מענטשלעכן גלויבן — איז קיין גאָט נישטאָ...

אַנדערסענס מעשהלע מיטן נאַקעטן קיניג, קריגט, לויט ריוקינען, אַ גאַנץ אַנדער אויסטייטש: דער קיניג איז טאַקע נ י ש ט נאַקעט. ער איז אין בגדי־מלכות, ווייל דאָס פאָלק זעט אים אין בגדי־מלכות. און דאָס איז ריוקינס משיחיזם: אויב מיר גלויבן אין משיחן, איז ער דאָ, קענען מיר אים זען און הערן. און ער זוכט דעריבער משיחן אומעטום און דערהויפּט אין דער יידישער ליטעראַטור. די ליטעראַטור איז ביי אים הייליקע ווערטער, אַ תפילה, און דאָס מינדסטע שטיקל רמז אויף משיחן אין אַ ליד, אין אַ דערציילונג, אָדער אין אַ ראָמאַן, וואַרפט אים אַריין אין חסידישער התלהבות. זיין משיח איז נישט פון פלייש און בלוט. זיין משיח איז אַן אַבסטראַקטער, אַן אידייאישער. אַזוי לאַנג וועלן מיר רעדן און שרייבן פון אים, טראַכטן און דאַכטן פון אים, ביז — מיר וועלן אים באַשיינפּערלעך דערזען. ער וועט שוועבן איבער המונים און זיי פירן צו אַ ליכטיקן ציל.

אויך ריוקינס אַקולטיזם איז אַזוי: נישטאָ קיין פּאַרטיקע, פאַר אַלע־מען און אויף אַלעמאָל אַנגעגרייטע „צווייטע עקזיסטענץ״ — מיר אַליין מוזן — און קענען — זי באַשאַפן. יעדער באַשאַפט זיך זיין אייגענעם חלק עולם הבא... מען מוז שווער האָרעווען אויף דעם, ממש מיטן שוויס פון פּנים. און נאָר דער, וואָס גלויבט אין השארת־הנפש, רעדט וועגן דעם, שרייבט וועגן דעם, איז אין דעם אַריינגעטאָן בלב ונפש, — נאָר דער גרייט זיך צו אַ „יענע וועלט״, אַ גייסטיקן קיום, נאָכדעם ווי דער ערדישער הערט אויף.

ווי ס׳איז דערפון צו זען, איז דאָס וואָרט ביי ריוקינען דער סאַמע עיקר: מיטן וואָרט קאָן מען באַשאַפן און צעשטערן וועלטן, אויסשמידן זיך אַן אומשטערבלעכע נשמה, צושטעלן אַ משיח פאַר דער וועלט. ווי דער אַפּאָסטאָל יוחנן גלויבט ער, אַז „אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט״ און אַז „דאָס וואָרט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פלייש״. און ווייל דאָס וואָרט איז ביי אים אַזוי היפּער־וויכטיק — דערפאַר קאָן ער דערפון אויף קיין איין רגע נישט אָפּטרעטן, דערפאַר איז ער געפאַנגען ביים וואָרט; דערפאַר זוכט ער אין יעדן וואָרט פּרדס, רזין־דרזין. אויף איין געפליגלט ווערטל ביי אַ דיכטער וועט ריוקין אויפבויען אַ הונדערט־שטאָקיקן בנין, אָנשרייבן מכח דעם אַ גאַנץ בוך. אָט אין דעם שטעקט זיין שוואַכקייט אַלס ליטעראַטור־קריטיקער. און דאָס איז, אגב, די שוואַכקייט פון די אַלע, וואָס קענען נישט זען אין דער קונסט אַ

זעלבסטשטענדיק — עסטעטיש — געביט, קונסט צוליב קונסט, אַ צוועק אין זיך גופא, נאָר בלויז אַ מיטל צו אַ צוועק — אַ פילאָסאָפישן, פּראָלעטאַרישן, אָדער מעסיאַניסטישן — גלייך שיינקייט אַליין וואָלט נישט געווען אַן אינטעגראַלער חלק פון דער יצירה; גלייך שיינקייט גופא, דאָס נהנה זיין מזיו השכינה, וואָלט נישט געווען קיין וואונדערלעכע עקספּרעסיע פון דעם אוניווערסאַלן געשען און אַ גרויסע — עסטעטישע — איבערלעבעניש פאַרן מענטש.

„בריקן״, 1935.

אברהם רעגעלסאָן

ב. ריווקין (מאַרק טאַלעראַז)

וועקער פון וואונדער און גלויבן

דער יידישער שרייבער ב. ריווקין (מאַרק טאַלעראַז) איז געווען פון די אָריגינעלסטע מענטשן אין אונדזער גאַס — און דערפאַר, אַ ניט־געקרוינטער מצד די אָפיציעלע רום־פאַבריקאַנטן. איך וואָג נביאות־צו־זאָגן אַז זיינע געדאַנקען און שפּראַך־מטבעות וועלן נאָך אויפגעכאַפּט ווערן, און אויסגעפּויקט ווערן, און צעלייגט ווערן אויף אַלע טעלערלעך — אויף אַ פאַרקריפּלטן אופן פון גראַפאָמאַנען, אויף אַ פּרוכט־געבנדיקן אופן פון דענקענדיקע מענטשן.

ריווקינס הויפּט־עובדא איז געווען צו וועקן וואונדער, צו מאַכן אונדז פילן אַז די וועלט איז רייך, סודותפול און באַלעבט. און ער האָט זיין שרייבער־באַרוף געהאַט איינגעטיילט אין צוויי סובּ־פונקציעס — יעדערע אונטער אַן אַנדער אונטערשריפט: וואונדער אין אונדזער נשמה אַלס אַ יסוד פאַר גלויבן, איז געווען די טעמע פון מאַרק טאַלעראַז. די ענערגיע פון גלויבן אַלס אַ טרייבקראַפט צו מעשים, איז געווען די טעמע פון ב. ריווקין.

מאַרק טאַלעראַז האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צענויפצוזאַמלען פון פאָלקס מויל — אַלע וואונדער־דערשיינונגען און „נסים" אויף דעם ראַנד פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט: טעלעפּאַטיע און פאַנטאַסמאַגאָריעס, און חלומות וואָס ווערן מקויים, און היילונגען פון קרענק דורך אַ צדיק אָדער אַ ויידע־באָבע וואָס קומען צו חלום מיט אַ ברכה אָדער אַ „באָבסקע" רפואה. זיין צוועק אין אָט־דער זאַמלונגס־אַרבעט איז צו ווייזן אַז דעם מענטשנס נשמה איז אַזאַ רייך־באַגאַבטע און וואונדערלעכע אַז זי קען גאָרניט שטאַרבן. בעת טאַלעראַזעס ציל־פּונקט איז די איבערנאַטירלעכע אומשטערבלעכקייט, האַלט זיך אָבער זיין שרייבן אין די ראַמען פון דאָס נאַטירלעכע: קיינמאָל וועט ער ניט

מודה זיין אין אַן אַריינמישונג פון „יענער וועלט", אויב ער קען געפינען פאַר אַ דערשיינונג אַ פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון „דער וועלט".

טאַלעראַז האָט מחדש געווען דעם פּרינציפּ פון אַן איבערבאַוואוסט־זיין אַלס אַ צוגאָב צו דעם אָנגענומענעם פּרינציפּ פון אַן אונטער־באַוואוסטזיין. ביידע אָפּערירן „הינטער די קוליסן" פון דעם נאָרמאַלן באַוואוסטזיין. דער אונטערבאַוואוסטזיין איז צוגעקניפּט צו פּריסטער קינדהייט, צו דעם לעבן אין דער מוטער טראַכט פאַרן געבורט, צו דאָס וואָס איז חיה און אינסטינקט אין דעם מענטשן. דער אויבער־באַוואוסטזיין איז צוגעקניפּט צו די העכערע מאָראַלישע געבאָטן, צו זעלבסט־משפּט, צו דעם שיקזאַל פון דער אומה, צו גאָט.

דער מעכאַניזם פון ברכות און קללות ווירקט אויף דעם מאָראַלישן שטח. די קללה פון אַ צדיק ווערט מקויים, ווייל דער פאַרשאָלטענער איז מאָראַליש סענסיטיוו, און ער פירט אויף זיך אַליין אויס דעם אורטייל וואָס דער צדיק האָט אויף אים אַרויסגעגעבן. די ברכה פון אַ צדיק ווערט מקויים, ווייל זי דערהויבט דעם געבענטשטן צו זיין אייגענער זעלבסטווירדע. זי גיט זיין נשמה אַ זין, זי זאָל וועלן לעבן און שאַפן, און אַ גלויבנס־כח, זי זאָל קענען לעבן און שאַפן.

איינע פון טאַלעראַזעס אָריגינעלע השגות איז דער געדאַנק וועגן אַ השגחה־דאַך. דאָס איז אַ פּאָעטישער אויסדרוק פאַר דער צוזאַמענ־פאַלונג פון דעם מענטשנס זעלבסט־משפּט מיט גאָטס משפּט איבער אים, פון פּסיכישער זעלבסט־פירונג מיט קאָסמישער צוקונפטס־באַ־שטימונג. אין דעם השגחה־דאַך ווערט באַשטימט צי איינער זאָל לעבן צי שטאַרבן. דער אינדיווידועלער השגחה־דאַך (אין דעם אויבער־באַ־וואוסטזיין פון יעדן איינעם פון אונדז) איז איינגעפּאַסט און אויפגעהאַלטן אין אַ ברייטערער און העכערער ראַם: אַ השגחה־דאַך וואָס הויערט איבער המונים: אַ צוג מיט פּאַסאַזשירן, אַ שיף מיט אַ טויזנט ים־רייזנדיקע, אַ שלאַכטפעלד, אַ גאַנץ פאָלק.

מאַרק טאַלעראַז רעדט אָפט וועגן גייסטיקע ענינים אין דעם לשון פון דער פיזישער וועלט: טעלעפּאַטיע איז אַ ראַדיאָ־פאַרבינדונג, א. ד. ג. אָבער די פריערדיקע הנחה איז אַז די פיזישע וועלט איז אַליין ניט טויטע מאַטעריע נאָר וואונדער־ענערגיעס וואָס גייען אין געטלעכע שליחותן. פון דער אַנדער זייט האַלט ער אַז געדאַנק און גייסט האָבן ממשותדיק־פיזישע אָנבינדונגען. זיי לעכצן נאָך פאַרקערפּערונג און טאַט. יעדער אָפּשפּריץ פון כוונה אָדער מחשבה, יעדעס שטיקעלע

גלויבן און ווילן, ווערט גלייך אַ זעלבסטשטענדיקער כח, וואָס לויפט אָפּ פאַר זיך — אַט ווי ליכט־שטראַלן און ראַדיאָ־כוואַליעס — און האָט זיין ווירקונג אויף אַנדערע נשמות, אָדער קומט צוריק צו דער נשמה וואָס האָט אים אַרויסגעשיקט. דערפאַר דאַרפן מיר זייער אָפּ־געהיט זיין מיט דער ריינקייט פון אונדזערע געדאַנקען...

און פון מאַרק טאַלעראַז, דעם בעל־מופת, צו ב. ריווקין, דעם ליטעראַט.

דערפרישונג איז ריווקינס מאָס אין ליטעראַרישער קריטיק. קיין זאַך האָט ריווקינען ניט אַזוי דערצאָרנט ווי די קריטיק פון „קונסט לשם קונסט". אַט־דער צוגאַנג שטאַמט פון פּריצים און הערשער, וואָס ניט נאָר זיי באַרויבן דעם פויער און אַרבעטער פון זייער פּראָצע, כדי אַליין צו לעבן אין פוילקייט, נאָר זיי ווילן נאָך באַפּוצן זייער רויב־לעבן, און אויספילן זייער לאַנגווייליקייט מיט פיין־שמעקעריי, מיט מוזיק און שיינע ווערטער וואָס פאַרפליכטן צו גאָרנישט. ביי יידן, וואו אַט־דער צוגאַנג איז ניט אָריגינעל, קען זיך אַזאַ קונסט־קריטיק ניט האַלטן אַפילו אויף דער פּריצישער מדרגה פון פיין־שמעקעריי. שנעל ווערט זי דעגענערירט צו ביליק־פּאָליטישע מאַנעווערס: זינגען שבחים צו דעם תקיף, דעם שטעלע־האַלטער, דעם קעלבערשן אָפּגאָט פון ראַקעטירער־געזעמל. טאַלאַנט און וויסן האָבן פאַר זיי קיין באַדייט ניט.

אַנשטאָט די פּרעמדע, פּרוכטלאָזע פּריצים־פאַרוויילונג, שטעלט ריווקין פאַר דעם יידישן קינסטלער די העכערע נבואהשע אויפגאַבע צו שאַפן ווידיע אַלס צוקונפטס־אַנוויזונגען פאַר דער מענטשהייט, צו אויספאָרמירן געשטאַלטן אַלס דוגמה־של־מעלה (אַ העכערן מוסטער) פאַר אונדזער אייגענער איבערגעשטאַלטונג, אין אונדזערע יחידים און אונדזערע המונים.

ווי אחד־העם, איז ריווקין ניט אינטערעסירט אין דעם אַרכעאָלאָגישן אמת פון משה רבנו (צי משה האָט טאַקע געלעבט, דעם דאַטום פון זיין געבורט, א. ד. ג.). ער איז אינטערעסירט אין דעם היסטאָרישן אמת פון משהן — ווי די משה־געשטאַלט, וואָס לעבט אין דעם פאָלקס דמיון, האָט באַווירקט די געשיכטע פון דער אומה אין אַלע דורות.

מרדכי מ. קאַפּלאַן, אחד־העמס אַ תלמיד, ווענדעט אָן דעם זעלביקן פּרינציפּ אויף גאָט אַליין. ניט דער קאָסמישער וועזן פון גאָט. (צי ער עקזיסטירט בכלל, און ווי ער עקזיסטירט אין זיינע געהיימענישן) דאַרף אונדז אָנגיין, נאָר ווי דער גאָט־געדאַנק האָט באַווירקט די יידישע געשיכטע און דעם יידישן לעבן אין אַלע דורות.

ריווקין נעמט אָן דעם דאָזיקן פּרינציפּ סיי וועגן משהן סיי וועגן גאָט, נאָר ער גייט זיך אָבסאָלוט פּאַנאַנדער מיט אחד־העם און מיט פּראָפעסאָר קאַפּלאַן אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פּרינציפּ. אַרויס־גייענדיק פון דעם גלויבן פון דעם וואונדער־פּרעדיקער, מאַרק טאַלעראַנ (ד. ה., ריווקינס אַנדערע העלפט), אין דער מאַטעריאַליזאַציע פון גייסט, האַלט ריווקין אַז די משה־געשטאַלט, די אליהו־געשטאַלט, די געשטאַלטן פון אַלע נביאים און חכמים און צדיקים — ועל כולם, די גאָט־וויזיע, אויסגעוויטאָקט און באַרייכערט פון דעם פאָלק ישראל אין טויזנטער איבערלעבענישן, תפילות און תחנונים, האָבן אָן אייגענעם זעלבסטשטענדיקן, ממשותדיקן לעבן. דער גאָט פון ישראל איז אַ פאַקט, אַ ווירקלעכער כח, וואָס דאַרף איינגעשפּאַנט ווערן און אויס־גענוצט ווערן פאַר דעם פאָלקס צוקונפט־בוי.

דער מיטל פאַר דער איינשפּאַנונג און דער אויסנוצונג — דער רער דורך וועלכן די השפעה פליסט, — איז אַנגעגליטע אמונה.

אַ ליבלינגס־וואָרט ריווקינס (בנוסח ר׳ לוי יצחק) איז געווען: „גאָט דאַרף אָנגעשטעלט ווערן צו שמירן די רעדער". אין דעם טעאָ־רעטישן צוגאַנג צו דעם גאָט פון ישראל, איז ריווקין געווען נאָענט צו דעם מקובל, רבי יהונתן איבעשיץ, וואָס האָט געהאַלטן אַז מלכא קדישא (דער הייליקער מלך, ישראלס גאָט) איז ניט דער „אין־סוף" נאָר אַן אַרויסקוועלונג, אָדער כח־אַרויסמעלקונג, וואָס דאָס פאָלק ישראל מעלקט אַרויס פון דעם „אין־סוף".

זוכנדיק די יסודות פון לעבנס־בויענדיקער אמונה פאַר אונדזער צייט, האָט ריווקין דערגרייכט אייגנאַרטיקע סינטעזן. ער פאַרט צוזאַמען זאַכן וואָס, אויפן ערשטן בליק, ווייזן זיי אויס צו זיין פאַלגע היפוכים, אָדער אַמווייניקסטנס, פרעמדע איינע צו די אַנדערע.

אָרטאָדאָקסיע און וועלטלעכקייט. — די אָרטאָדאָקסיע האָט אויפ־געהיט די גלויבנס־פּאָטענצן פאַרן יידישן פאָלק. אָט־די פּאָטענצן פאַר־מאָגט זי נאָך אַלץ. זי האָט געזינדיקט דערמיט וואָס זי האָט זיך אויס־געטאָן פון וועלטלעכקייט, פון די פליכטן פון עולם הזה; זי גיט גאָרניט אַרויס פון אירע כלים, נאָר האַלט זיי אַלס אַ פאַרגליווערטן צערעמאָניאַל. וואָס דאַרף זי טאָן? אויפקלאַפּן אירע כלים, אַז זייער אמונה־ענערגיע זאָל זיך אַריינגיסן אין די היינטיקע לעבנסנויטן פון פאָלק. די וועלטלעכקייט האָט געזינדיקט, וואָס זי האָט זיך אָנטזאָגט פון דער אמונה־ירושה, און מיט דעם האָט זי זיך געמאַכט אימפּאָטענט. צום סוף איז די וועלטלעכקייט אַליין געוואָרן אַ מין וואָרט־צערעמאָניאַל,

וואָס ברענגט ניט צו קיין מצוות, צו קיין מעשים. וואָס דאַרף זי טאָן? זיך באַהעפטן מיט רערן צו די אַלטע אמונה־קוואַלן, און פון זיי שעפּן כוח צו דער ניי־שאַפונג פון דעם מענטשן.

קבוצה און קאַלכאַז. אַנדייטונגען אויף דער ניי־שאַפונג, אָדער איבערפאָרמירונג פון דעם מענטשן האָט ריווקין געזען אין דער ארץ ישראלדיקער קבוצה און אין דעם סאָוועטישן קאָלכאָז. אונטער דער אייב־הילונג פון די צוויי פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, האָט ער געפונען דעם איין ניצוץ פון אַ דראַנג צו דעם קאָלעקטיוו פון פרייע יחידים, צו דער אויסבילדונג פון דעם מענטש וואָס קאָאָפּערירט אַנשטאָט דעם מענטש וואָס פאַרכאַפּט. דאָ איז די הײם פון אַ גלויבן וואָס פירט צו מעשים פון לעבנס־אָפּפרישונג, פון זעלבסט־באַנייאונג. אין אָט־דער שפּאַרונקע פון קבוצה און קאָלכאָז, דאַרפן די אמונה־פּאָטענצן פון דער אָרטאָ־דאָקסיע און די קונסט־כלים פון דער וועלטלעכקייט זיך אַריינגיסן. די שפּאַרונקע וועט זיך אויסברייטערן צו ווערן אַ ליכטיקייט איבער דער גאַנצער מענטשהייט.

ווער עס האָט געזען ב. ריווקין, ווי זיין נידעריקער וואוקס ווערט דערהויבן, און זיינע דינע פּאַסמעס האָר ווערן צעשויבערט, און זיין קינדעריש־כיטרער שמייכל גייט אַריבער אין אַ שטרענגקייט פון אויפ־רעגונג, בעת ער שפּרינגט אויף פון אַ שטול צו רעדן וועגן אַ פאַרווירטער געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג, האָט געוואוסט אַז דער מענטש האָט דעם ערלעכן נביאישן פונק אין זיך. שפּאַצירנדיק בחברותא, פלעגט ריווקין אַוועקשפּאַנען ווייט פאַרויס, אַליין מיט זיינע געדאַנקען, און לאָזן הינטער זיך זיין חברטע (די דיכטערין מינאַ באָרדאָ־ריווקין) און ווער עס איז געגאַנגען מיט אים. און איינמאָל נעמט ער און שפּאַנט אוועק — ווייט פאַרויס, וואו מען קען אים ניט דערגרייכן...

„קוריער", שיקאַגאָ, 25טן סעפּטעמבער, 1946.

י. א. ראָנטש

ב. ריווקין — דער אָנצינדער פון יידישן וואָרט

1

פון אַלע שרייבער אויף דער יידישער גאַס איז ער, דוכט זיך, געווען דער שוימיקסטער, דער קאַכיקסטער, דער וואָס האָט זיך צום שטאַרקסטן געגומען צום האַרצן דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. עס וועט אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר עס איז געווען אַ ביטערער אמת, אַז די וואָס האָבן זיך מאַטעריעל און באַלע־באַטיש איינגעפונדעוועט אין יידישן צייטונג־קרייז, — וואָס איז ביי אונדז אויך במילא דער ליטעראַרישער קרייז, — די האָבן זיך באַצויגן צום צושטאַנד פון יידישן וואָרט גאַנץ גלייכגילטיק; און ב. ריווקין, ער, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען באַזאָרגט מאַטעריעל, ער האָט זיך תמיד געריסן אַ פּאַלע. ער האָט געקעמפט, ער איז געווען אומרואיק, ער האָט געמאָנט, געפּאָדערט, געקלאַפּט מיט ביידע פויסטן אין טיש — ניט פאַר זיך, חלילה, ווי אַנדערע שרייבער, נאָר פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין פון בעסערן וואָרט. ער האָט זיך אָנגענומען יענעמס קריוודע, ניט זיין אייגענע.

„דער כוח פון טאַלאַנטלאָזיקייט איז חוצפּה", האָט ריווקין געשריבן. ער האָט דערקלערט מלחמה ביידע — אי דער טאַלאַנטלאָזיקייט, אי דער חוצפּה, וואָס פּאַראַדירט ביז היינטיקן טאָג מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ אין דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער סביבה.

אַנדערע שרייבער האָבן זיך געראַנגלט צו געפינען טעמעס, געזוכט מיט ליכט דאָס וואָרט, וואָס איז ערגעץ־וואו נעלם געוואָרן. פאַר ריווקינען איז דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אַלע זיינע פאַזן געווען אַ שפּרודלדיקע טעמע. און ווען ס'איז געקומען צום וואָרט איז עס שטענדיק אַריבער די ראַנדן, געווען אָנגעזאַפּט מיט אינהאַלט און שאַרפזין, מיט זאַלץ און פעפער, מיט אַ יש.

בלעטערט די דיקע העפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און איר געפינט דאָרט ניט ריווקינען. און דוקא דאָרט איז זיין פּלאַץ געווען, דוקא דאָרט וואָלט ער זיך געקאָנט אַנטפּלעקן אין זיין פאַר־שערישקייט. אפשר דערפאַר וואָס זיין צוגאַנג איז געווען אַ סאָציאַל־שעפערישער, אפשר דערפאַר איז ער געווען „טאַבו" אין דער ייוואָ. ער האָט אַריינגעבלאָזן אַ לעבעדיקן אָטעם אין געשיכטע, אין סאָציאָ־לאָגישע טעזעס, אין דער ליטעראַטור־געשיכטע און אין דער ליטעראַטור קריטיק. און דאָס האָט „ייוואָ" ניט געטויגט. וואָלט ער זיך געגריבלט אין שמות, אין דאַטעס, אין ציפערן, וואָלט זיין וואָרט געגאַנגען אויף שטאָלצן, וואָלט ער מסתם געווען אַ פּערסאָנאַ גראַטאַ. נאָר ניט ריווקין. ער איז געווען צו־שעפעריש, צו־אייגנאַרטיק, צופיל האָט פון אים געברויזט מיט פּערזענלעכקייט און אידייען־ענערגיע.

אַ לעבן לאַנג געווידמעט זיך צום יידישן וואָרט און זיינע פּערל זיינען צעשאָטן איבער זאַמל־ביכער און זשורנאַלן. ניט נאָר איז ניטאָ קיין געזאַמלטע ווערק זיינע, נאָר עס איז ניט פאַראַן קיין איין בוך זיינס. און ער האָט תמיד מקרב געווען יעדן אָנפאַנגער וואָס האָט געהאַט אין זיך דעם פונק פון טאַלאַנט; ער האָט ליב געהאַט דעם סיים הספר; דער ערשטער געווען צו באַגריסן דעם נייעם מחבר מיט זיין דער־שינענעם ווערק.

ריווקין איז געווען פאַרליבט אין דער ליטעראַטור, דערפאַר איז ער געווען סענסיטיוו צו איר, דערפאַר האָט אים ווי געטאָן פון באַ־גאַנגענע קעגן איר עוולות, דערפאַר האָט ער געליטן ניט בלויז עטיש, נאָר אויך מאַטעריעל.

2

מיט אַן אַכט יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט ריווקינען אין דער יידישער שרייבערס גרופּע פון פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט. ריווקינס מאַטעריעלע פאַרדינסטן זיינען געווען גאָר קליינע, דאָך האָט ער זיך געפילט גוט מיט זיין אָרעם שטיקל ברויט, מיט וועלכן די רעגירונג האָט אים ווערכנטלעך פאַרזיכערט. דאַן זיינען געוואָלדיק געשטיגן זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט פאַרטיק געמאַכט אַ ווערק, וואָס איז געבליבן אַ ביישטראַג צו אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור־קריטיק, אָט דער קריטיק, וואָס שטעלט ניט קיין אָטמעטקעס און פירט ניט קיין קליינל־חשבונות

מיטן שרייבערס סאָציאַלע אָנשויאונגען. ריווקינס אַרבעט אין די „זאַמל־ביכער" — „גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע" איז אַ געלונגענער פאַרזוך אָפּצושאַצן אונדזער ליטעראַטור פון אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט.

איר קענט זיין ניט איינשטימיק מיט זיינע טעאָריעס און אויס־פירן, נאָר איר מוזט זיך רעכענען מיט זיין פּערזענלעכקייט וואָס דרינגט אַרויס פון די שורות, איר לערנט פון זיין קאָלאָסאַלער ערודיציע און איר ווערט נשתומם פון זיין פענאָמענאַלן זכרון.

3

דאָ ווילט זיך איבערגעבן אַ פּאָר שטריכן צו דער כאַראַקטער שטודיע פון דער אויסערגעוויינלעך רייכער פּערזענלעכקייט ריווקין.

ווען איך האָב איבערגענומען די אָנפירערשאַפט איבער דער גרופּע און פאַרגעלייגט פאַר דער אַדמיניסטראַציע דעם פּלאַן פון לאַנדסמאַנ־שאַפט בוך און מיט דער הילף פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין איז גע־לונגען איבערצוגייגן אויף דער אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט געפעלט ביי די שרייבער דער ווילן פאַר קאָלעקטיווער אַרבעט לטובת דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אָן אַרבעט וועגן די לאַנדסמאַנשאַפטן האָט געדאַרפט זיין. אָנשטאָט צו באַווייזן עפּעס געמיינשאַפטלעכעס האָבן די שרייבער אין זינען געהאַט יעדער זיין אייגענע אַרבעט. איינער האָט געוואָלט איבערזעצן דעם זוהר, דער צווייטער דעם תהילים, דער דריטער האָט געוואָלט אַז די מלוכה זאָל אַרויסגעבן זיין באַנד לידער און אַ פערטער — זיין ראָמאַן. די רעגירונג־אינסטאַנץ האָט אָבער געוואָלט — אינגאַנצן אויפלייזן די יידישע שרייבער גרופּע, אויב זי וועט ניט זיין דערוואַקסן גענוג איינ־צוזען, אַז עס איז נויטיק צו פונקציאָנירן און צו פּראָדוצירן ווי אַ גרו־פּע, אַזוי ווי די ניט־יידישע שרייבער גרופּעס פון פּראָיעקט.

דער ערשטער וואָס האָט פאַרשטאַנען די געפאַר וואָס האָט אונדז געדראָט איז געווען ב. ריווקין. גראָד ער וואָס איז געווען און גע־קאָנט ווייטער זיין זעלבסטשטענדיק, אויסער דער גרופּע, — גראָד ער איז געווען דער ערשטער זיך פריוויליק אָנצושליסן אין דער קאָלעקטיווער אַקציע צו שאַפן דאָס לאַנדסמאַנשאַפט בוך. ער האָט געוויזן דעם נויטיקן ביישפּיל פאַר די איבעריקע און ווי עס איז געווען זיין שטייגער האָט ער מיט זיין אימפּולסיוון טעמפּעראַמענט, בקולי קולות

אַרגומענטירט מיט זיינע קאָלעגן וועגן דער נויטיקייט פון „לאַנדס־מאַנשאַפט" בוך.

איך געדענק ווי דער הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר איז דערנאָך צו־געקומען צו מיר און מיך געפרעגט פאַרוואָס ווייגרעבע (דאָס איז געווען ריווקינס אמתער נאָמען) איז געווען אַזוי אויפגערעגט; וואָס האָב איך אים אַזוינס געטאָן? ערשט ווען ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס האָט ער געהאַט געזען ריווקינען אין אַ צושטאַנד פון קרעאַטיווער אינספּיראַציע — ערשט דאַן האָט ער פאַר ריווקינען באַקומען גרויס אָפּשיי און אים ליב געקראָגן.

אין „לאַנדסמאַנשאַפט" בוך האָט ריווקין די הויפּט־אַרבעט („די סאָציאַלע ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן"). דער לייענער פון בוך וועט באַמערקן, אַז דאָס זיינען „קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער אַרבעט". בעת אַנדערע שרייבער האָבן פּשוט פאַרבראַכט — קעגן די אינטערעסן פון דער עקזיסטענץ פון דער גרופּע — וואָכנלאַנג קיין שטאָך אַר־בעט ניט געטאָן, האָט ריווקין יעדע וואָך אַריינגעבראַכט פינף מאָל אַזויפיל אַרבעט וויפיל עס איז נויטיק וועגן. ווייל פריער פון אַלץ איז ער געווען אַ מענטש וואָס האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דרך־ארץ פאַרן שעפערישן וואָרט. ער איז געזעסן גאַנצע נעכט און צוגעגרייט זיין אַרבעט. ער האָט זי געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט זיין גע־בענטשטן טאַלאַנט. ווייל ער איז געווען אַן אמתער שרייבער.

ווען מיר האָבן אין 1939 צוגעגרייט דאָס ווערק „יידישע פאַמיליעס און פאַמיליען קרייזן פון ניו־יאָרק (אַרויסגעגעבן פון י. ל. פּרץ שריי־בער פאַראיין) האָט זיך איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע. און נאָך אין אַ שאַרפערער פאָרם. די אַדמיניסטראַציע האָט ניט געוואָלט האָבן די נעמען פון די שרייבער אויף די פון זיי צוגעגרייטע קאַפּיטלען. די נעמען האָבן געדאַרפט דערשיינען ווי אַ גרופּע. בלויז די פאַררעדע האָט געדאַרפט טראָגן דעם נאָמען פון דעם רעדאַקטאָר פון דער גרו־פּע. דאָס זיינען אַלץ געווען רעגולאַציעס וואָס זיינען געקומען פון וואַ־שינגטאָן און וואָס זיינען געווען חל פאַר די שרייבער־גרופּן איבערן לאַנד.

אויף אונדזער גרופּע האָט דאָס געווירקט נעגאַטיוו. אויב איך האָב אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל אין בוך, וויל איך דערויף האָבן מיין נאָמען, אַניט אינטערעסירט מיך די אַרבעט ניט... מיטינגען און מיטינגען. אַרגומענטאַציעס.

ווידעראַמאָל איז עס געווען ריווקין וואָס האָט באַגריפן דעם קאַ־

לעקטיוון ווערט פון דער אַרבעט און ער האָט בייגעטראָגן צום בוך דאָס סאַמע בעסטע קאַפּיטל (קאַפּיטל איינס: דער פונדאַמענט פון דער יידישער פאַמיליע).

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זיך געטראָפן מיט ריווקינען איז געווען מיט אַ יאָר צוריק, שפּעט ביינאַכט אין סאָבוועי. ער האָט גע־טראָגן אַ פּאַק צעקנייטשטע צייטונגען אונטערן אָרעם. איך האָב גע־חלשט אַ דרעמל טאָן, נאָר ריווקין איז געווען וואַך, ווי תּמיד.

שטענדיק געווען וואַך איז ב. ריווקין. עס וואָלט געווען שטאַרק נויטיק צו האַלטן וואַך זיין אָנדענק דורך אַרויסגעבן זיינע ווערק.

מינא באָרדאָ־ריווקין

I

ווי און ווען האָט ריווקין געאַרבעט אויף די „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״?

א

ריווקינען איז שווער געווען זיך אַוועקזעצן אַרבעטן. האָט ער זיך, אָבער, שוין געזעצט ביים טיש, פלעגט ער אַרבעטן כמעט אָן אַן איבעררייס אַ דריי אָדער פיר טעג, ביז שפּעט אין די נעכט, און זיך ניט קאָנען שיידן מיט דער אַרבעט; ער האָט זיך ניט פאַרגונען אַ פּאָר שעה רו. איך פלעג זיך ביי אים בעטן ער זאָל כאָטש אָפּכאַפּן דעם אָטעם. פלעגט ער זאָגן, ער קאָן עס ניט טאָן, ווייל דער קאָפּ אַרבעט סיי ווי סיי ביים אים אָן אַן אָפּשטעל און לאָזט אים ניט רוען.

ריווקינס בעסטע אַרבעטס־שטונדן זיינען געווען פון דריי פאַרטאָג, ווען אַלץ אַרום איז געווען שטיל און רואיק. און אַז דער זייגער האָט געוויזן אויף זעקס, האָט ריווקין מיך געוועקט אויפשטיין און זיך זעצן איבערשרייבן זיינע שוין פאַרטיקע דריי זייטלעך; און בשעת מיין אַרבעט וועט ער פאַר מיר צוגרייטן נאָך אַ צאָל זייטלעך. אַזוי פלעגן מיר אַרבעטן, נאָכקומען איינער דעם אַנדערן, ער מיט דער פּען און איך אויף דער שרייב־מאַשינקע.

און אַז ער האָט שוין פאַרענדיקט אַן אַרבעט און איך האָב עס שוין איבערגעשריבן, ערשט דאַן האָט ער עס צעשניטן אויף שורות און ווערטער און עס געקלעפּט. אַרויסגענומען שטעלן און צוגעגעבן נייע, געמעקט, געקירצט אין אייניקע פלעצער, און פאַרלענגערט אין

אַנדערע. פּלעג איך האָבן טענות צו אים, ווייל נאָכן קלעפּן האָב איך עס באַדאַרפט אויף דאָס ניי איבערשרייבן. האָט ער ווי געוואָלט זיך פאַרענטפערן. פּלעגט ער צוגיין נאָענט און אַריינרעדן אין מיר:

— דו ווייסט אַז מיר קענען זיך ניט פאַרגינען אַ לייכט לעבן? די גוים, זיי קענען זיך פאַרגינען לעבן לייכט. אָבער מיר מוזן אַרבעטן, אַרבעטן, ביז מיר וועלן אויסאַרבעטן אַ מעטאָד אַזוי אַז מיר זאָלן גיין איבער זייערע קעפּ. אויב ניט זיינען מיר „קאַפּוט"! מיר שאַפן אַ ליטעראַטור ביי אַ טעריטאָריעלאָזן פאָלק, וואָס טראָגט זיין טעריטאָריע־לאָזיקייט האָט עס זיך דווקא איינגעעקשנט צו רעכענען זיך פאַר אַ פאָלק און בלייבן אַ פאָלק, וואָס דערפון פאָלגט שוין במילא, אַז דער קיום פון דער יידישער ליטעראַטור איז אַנאָרמאַל, ווי אַנאָרמאַל עס איז דער קיום פון פאָלק גופא. דעריבער קומט אונדז אויס צו אַר־בעטן שווער.

דאַרפסטו דאָס פאַרשטיין און ניט מאַטערן מיך... עס איז קיינמאָל ביי אונדז נישט געווען קיין נאָרמאַלע סביבה, וואו ליטעראַטור זאָל קאָנען ווערן דער הויפּט־אינסטרומענט אויף צו אָרגאַניזירן אונדזער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

— ווייסטו שוין פאַרוואָס איך מוז אַזוי שווער אַרבעטן! מיר מוזן גיין אויף אַ שפּעציעלן וועג. דאַרפן מיר אויסאַרבעטן אַ ברייטערן פאַרנעם. איז וויפיל איך זאָל ניט זאָגן איז ניט גענוג, ניט גענוג. דו פאַרשטייסט פאַרוואָס איך אַרבעט שווער? און די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען און זשורנאַלן פאַרשטייען עס ניט. מוז איך שמוגלען מיינע אידייען אויך איבער זייערע קעפּ. מוז איך אַרבעטן און איבער־אַרבעטן. איז עס גאָר ניט קיין לייכטע זאַך פאַר מיר. און נאָך שווערער איז וואָס איך האָב ניט וואו צו דערריידן ביזן סוף, בין איך געצוואונגען אויסזוכן אַ וועג ווי אַריינצוגנבענען מיינע געדאַנקען. און וואָס ברייטער איך פאַרנעם זיך, אַלץ ענגער מאַכט מען מיר.

איינמאָל האָט ריווקין צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט צער אין זיין קול:

— זיי טרייבן טריטווייז די ליטעראַטור אין קבצנות אַריין. און אויב מען וועט זיך ניט ראַנגלען, וועלן זיי מיט דער צייט זי אַריינ־שפּאַרן אין אַ דלות־קלעם, פון וועלכן קיין אויסוועג וועט ניט זיין. אָבער לכל הפּחות גיבן זיי דיר צייט אויף צו ראַנגלען זיך מיט זיי.

און ביים וואָרט ראַנגלען זיך האָט ער אַ שטרעק געטאָן זיך מיט דער האַנט אין דער הויך, און אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין רונדן געזיכט, און ער שרייט אויס:

— דאַרף עס דיר ניט פאַלן שווער. ווייל פון איבערגעשריבענעם מאַנוסקריפּט איז עס מיר לייכטער צו טאָן!

איך האָב אים אויסגעהערט און נאָך מער ווי פאַרשטאַנען אים טיף מיטגעפילט.

האָט זיך ביי אונדז געפירט אַ סדר פון אַ מין וואַרשטאַט. און פאַר דעם צוועק איז אַלע מאָל געווען צוגעגרייט אויף ריווקינס שרייבטיש אַ שער, און קלעפּאַכץ. ווען ריווקין האָט באַדאַרפט מאַכן אַ גרעסערע אַרבעט, פלעגט ער אַ צוויי דריי טעג מאַכן נאָטיצן. אַרומגיין איבערן צימער אָדער ליגן אויפן סטודיאָ-קויטש שטונדן לאַנג — און טראַכטן.

אַז איך פלעג זען ווי ריווקין גייט אַרום איבערן צימער אַ צעשטרויי-טער, פלעג איך אים אונטעריאָגן, ער זאָל זיך זעצן שרייבן. פלעגט ער זיך ביזערן אויף מיר. און אויסשרייען:

— דו ווייסט דען ווי מיין קאָפּ אַרבעט? איך האָב אַ גאַנצן בוך אין קאָפּ, און דאַרף עס אַריינפּרעסן אין צען זייטעלעך. איז עס אומ-געהייער שווער.

גיב איך אַן עצה:

— שרייב! טראַכט ניט וועגן די זייטלעך וואָס מען האָט דיר באַוויליקט:

ריווקין מיט פאַרדרוס:

— אַ דאַנק דיר! דאָס טו איך דאָך אַליין. אָבער ביים אַריינפּרעסן אַ בוך אין אַ קאַפּיטעלע, טו איך זיך אָן אַ שיער שאָדן.

פּלוצלונג פלעגט ער מיט אַן אימפּעט אַריינלויפן אין צווייטן צימער, דאָס פּנים צעלויכטן, אַז איך האָב אים דערזען אין אַזאַ צושטאַנד, בין איך שוין רואיקער געוואָרן, ווייל דאָס זיינען געווען סימנים, אַז ער וועט זיך שוין זעצן שרייבן. און איך פלעג צוגיין אַ קוק טאָן אויף זיין שרייבטיש, אויב ער האָט אויפן בייגעלע פּאַפּיר שוין אָנגעשריבן, אַמאָל אין אַ ווינקל פון דעם זייטל פּאַפּיר און אַמאָל אין מיטן, זיין נאָמען ב. ריווקין, האָב איך געוואוסט אַז ריווקין שרייבט שוין טאַקע. איידער ער האָט אָוועקגעשטעלט זיין נאָמען, האָט ער זיך גאָר געקאַנט אַ הויב טאָן און צופאָרן אין קאַפע אויף איסט בראָדוויי.

אַזוי האָט ריווקין געאַרבעט בכלל, און אַזוי האָט ער אויך געאַרבעט אויף „די גרונט-טענדענצן".

ב

אָבער ווען האָט ער געשריבן „די גרונט־טענדענצן" און אונטער וועלכע אומשטענדן?

אין 1936 איז ריווקין אַרויף אויפֿן שרייבער פּראָיעקט. אַלע טאָג האָט ער באַדאַרפֿט גיין זיך מעלדן אין אָפּיס.

דאָס גיין זיך מעלדן יעדן טאָג אין אָפיס האָט ביי ריווקינען צוגענומען די גאַנצע וואָך. און נאָך ערגער איז געווען, וואָס דאָס גיין זיך מעלדן אין אָפּיס פֿלעגט אים פּטרן דעם טאָג, און שווער מאַכן זיין שטימונג. פֿלעגט ער זיך שטענדיק כעסן און אויסשרייען ביים עפֿענען די טיר:

— זיי פֿאַרסמען מיך און איך קען זיך ניט נעמען פֿאַר דער אַרבעט!

איין טאָג קומט ריווקין אַהיים אַ צעטראָגענער. און נאָך אויפֿן שוועל הויבט ער מיר אָן אויסצודערציילן די מעשה:

— מינאָ, אויסגעצייכנט! אין אָפּיס האָט מיך דערוואָרט אַ גרויסע איבעראַשונג. טרעף וואָס? — מען רופֿט מיך צו איינעם פֿון די רעדאַקטאָרן. האָב איך שוין געמיינט מען גייט מיך שטראָפֿן פֿאַר האַלטן צו לאַנג מיינע אַרטיקלען. ערשט עס שטעלט זיך אַרויס, אַז איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אין דער „קרעאַטיוו גרופּע" וועלכע באַשטייט פֿון פֿיר שרייבער: דריי ניט יידן און איך דער איינציקער ייד: אויפֿן פּראָיעקט זיינען געווען בסך־הכל 300—400 שרייבער, יידן און ניט יידן.

— איך בין דער איינציקער שרייבער פֿון דער יידישער סעקציע, וואָס קען זיצן אין דער היים און שרייבן מיינע אייגענע ווערק...

באַלד בייט זיך ריווקינס גוטע שטימונג, די אונטערשטע ליפּ טוט זיך ביי אים אַ קרים:

— דו ווייסט, עס איז מיר אַביסל אומאָנגענעם צו זיין פּריווילעגירט קעגן אַנדערע. דאָס איז דאָך ש. צ. זעצער, וועלכער האָט דער ערשטער געשטעלט די פֿאָדערונג, מען זאָל אים דערלויבן זיצן אין דער היים און שרייבן אייגענע ווערק. דערנאָך האָבן אַ צען שרייבער פֿון די בעסערע זיך צענויפֿגערעדט און ש. זעצער האָט געשריבן דעם מעמאָראַנדום. —

ריווקין זעצט זיך ביי זיין שרייבטיש. גראָבט איין דעם קאָפּ אין

צייטונג. ער שווייגט אַ פּאָר מינוטן. און אַט טוט ער זיך אַ הויב אויף פון שטול, ווי עפּעס וואָלט אים אַ טראָג געטאָן:

— ער איז דאָך אַ קראַנקער מענטש, און אַז ער וועט זיך דערוויסן, דאָס איך בין אויסגעקליבן געוואָרן, וועט ער זיך פּאַראיבלען. דעם אמת געזאָגט, בין איך גאָט די נשמה שולדיק. איך האָב זיך אַמווינציקסטן געשטופּט. איך האָב דערוואַרט מיין גאולה פון מיין „אל־אַמעריקע־פּלאַן" — אַחוץ ש. זעצערן, האָבן ל. שאַפּירא און אבא גאָרדין געמאָגט זיצן אין דער היים, און פּאַרפאַסן זייערע ביכער.

— ווען איך האָב געזאָגט דעם „טשיף־עדיטאָר", אַז מיר איז אומ־באַקוועם; אַז איך וואָלט גערן אָפּגעטראָטן די פּריווילעגיע ש. זעצערן, האָט ער זיך צעשריען אויף מיר: זייט ניט קיין נאַר, עס איז אַן עקספּערימענט, און מיר קלייבן אויס ווען מיר געפינען פּאַר פּאַסיק.

און ריווקין טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— נו, פּאַרפאַלן! — אין זיין טאָן איז געווען אַזויפיל אומצופרידנ־קייט, ווייל עס וועט מוזן בלייבן דערוויילע אַזוי.

ריווקינס שטימונג פלעגט זיך בייטן מינוטטוויין. באַלד האָט זיך צעגאָסן אַ מאַטע־ליכטיקייט אויף זיין פּנים. — נו, — טוט ער זיך אַ טראָג אין זיין צימער, און גיט אַ שאַר זיינע האָר פון קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, און פון זיינע פּאַרקלעמטע ליפּן האָבן זיך אַרויסגעריסן עטלעכע ווערטער: — וועל איך מיר זיצן אין דער היים און אַרבעטן אומגעשטערט.

ריווקין האָט דעם רעדאַקטאָר פון פּראָיעקט פּאַרגעלייגט, אַז ער וועט זיך זעצן אַרבעטן אויף „די גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". און דער רעדאַקטאָר האָט זיין פּלאַן אָנ־גענומען.

דאָס וואָס דער פּראָיעקט האָט געצאָלט ריווקינען, האָט ניט גע־קלעקט אויף דירה־געלט. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען איבער־צורייסן זיין שרייבן און זיך נעמען פּאַר קליינע עסייען אום צו פּאַר־זאָרגן דעם חודש דירה־געלט. אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשמייעט, דאָ, דאָרט אָפּזעצן אַן אַרטיקל, אַזוי אַז דער טאָג פלעגט אַוועקגיין, און די אַרבעט פלעגט בלייבן פּאַר דער נאַכט. פלעגט אונדז אויסקומען אַר־בעטן ביז דריי פּאַרטאָג.

דאָס וואַרפן זיך פון איין אומפּאַרענדיקטער אַרבעט צו אַ צוויי־

טער און דאָס ניט זיכער זיין מיטן מאָרגן, האָט ריוואַקינען געקאָסט אַ סך געזונט און זייער פיל געשטערט אים אין זיין אַרבעט.

אונטער אַזעלכע אומגינציקע אומשטענדן האָט ריוואַקין זיך גע־זעצט שרייבן „די גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״.

ריוואַקין האָט די אַרבעט פאַרגעשלאָגן י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויקן פאַר די „זאַמלביכער״. זיי האָבן עס גערן אָנגענומען.

אָבער פאַר אַזאַ אַרבעט האָט זיך געפאָדערט אַ בודזשעט פון עט־לעכע הונדערט דאָלאַר, אום דער שרייבער זאָל קאָנען רואיק זיצן און אַרבעטן.

אָבער ריוואַקין איז אַפילו מיט אַ פּאָר חדשים דירה געלט ניט פאַרזאָרגט געווען. איז עס אים אָנגעקומען זייער שווער. און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ריוואַקין זאָל זיך אָפּזאָגן פון אָט דער אַרבעט.

אָבער ה. לייוויק האָט זיך איינגעעקשנט אַז ער מוז אַרויסקריגן די אַרבעט פון ריוואַקינען. האָט ער געהאַלטן אין איין קלינגען צו אונדז, און אונטעריאָגן ריוואַקינען, ער זאָל זיך זעצן אַרבעטן. לייכט איז עס לייוויקן ניט אָנגעקומען אָוועקזעצן ריוואַקינען צו דער אַרבעט. האָב איך אים געמוזט אַרויסהעלפן, און ווירקן אויף ריוואַקינען. הגם איך האָב גוט געוואוסט אַז ריוואַקין וועט ניט קאָנען זיצן רואיק און אַר־בעטן. ווייל מיט די אַכצן דאָלאַר אַ וואָך פון פּראָיעקט האָט אַפילו דאָן אַ פאַמיליע פון דריי ניט געקאָנט אויסקומען.

ריוואַקין אָבער האָט תמיד אויסגעמידן ווי צו טאָן לייוויקן. ער פלעגט אַלעמאָל פאַרהיטן זיין געזונט.

דעם טאָג וואָס לייוויק האָט געקלונגען צו אונדז, און געפרעגט וואָס הערט זיך מיט דער אַרבעט, יענעם טאָג פלעגט ריוואַקין אַר־בעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך האָב אַזוינע שפּעטע שטונדן ניט געקאָנט אַרבעטן אויף דער שרייב־מאַשינקע, ווייל איך פלעג מיט מיין קלאַפּן אויף דער שרייב־מאַשין שטערן די שכנים דעם שלאָף.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט לייוויק ווידער געקלונגען. איך זאָג ריוואַקינען, אַז לייוויק וויל צו אים רעדן. ענטפערט ריוואַקין אין גע־איילן, זאָג אים: איך האַלט אין מיטן אַ זאַץ. איך האָב לייוויקן צו־געזאָגט אַז איך וועל אים קלינגען אַזוי גיך ווי ריוואַקין וועט האָבן דעם ערשטן קאַפּיטל פאַרטיק.

לייוויק האָט אויף מיין קלינגען זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן.

שפּעטער מיט אַ וואָך האָט לייוויק ווידער געקלונגען, דאָס מאָל איז ער שוין געווען ברוגזלעך און ער זאָגט: איך בין שוין קראַנק מינ־טערן ריווקינען, ער זאָל געבן דעם קאַפּיטל. ריווקין שרייט פון זיין צימער: „זאָג אים, אַז מאָרגן וועט ער קריגן דעם קאַפּיטל, דו וועסט אים ברענגען".

ריווקין האָט געזאָגט אַז ער וועט האָבן דעם קאַפּיטל פּאַרטיק גלייך אין דערפרי, אָבער איך רעד אָפּ מיט לייוויקן אויף איינס אַזייגער ער זאָל וואַרטן אין דרוקעריי.

דריי אַזייגער האָט ריווקין פאַרענדיקט דעם קאַפּיטל. געקומען בין איך אין דרוקעריי פיר. עס איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג. די דרוקעריי איז געווען אויף דער פערטער גאַס, דעם נאָמען געדענקט איך ניט.

די היץ איז געווען אומדערטרעגלעך. לייוויק האָט זיך אַזוי אָפּ־געפּייניקט דריי שעה וואַרטנדיק אויפן קאַפּיטל. מסתמא האָט ער געטראַכט אַז איך וועל אינגאַנצן ניט קומען. און זיין וואַרטן און בראָטן זיך אויף דער זון איז אומזיסט. און איך האָב אויך געטראַכט, אַז מיין יאָגן זיך איז אומזיסט, ווייל ער וועט אַזוי לאַנג ניט וואַרטן.

אַז איך האָב דערזען לייוויקן פון דער ווייטן זיצן אויף אַ שטול לעבן דער וואַנט פון דער דרוקעריי פאַרלייגט איין האַנט אויף דער אַנדערער און די זון האָט געלאַכט מיט פייער איבער זיין ווייסן קאָפּ, האָט מיר זיך אויסגעוויזן אַז לייוויק איז אַ צעשטראַלטער, אַ צע־זוניקטער; און מיין געמיט איז מיר לייכטער געוואָרן.

אָבער אַז איך בין נעענטער צוגעקומען, האָב איך לייוויקן דערזען אַן אומגעדולדיקן. ער האָט מיט אַן אויפגערעגטער שנעלקייט ביי מיר גענומען דעם קאַפּיטל פון דער האַנט, און מיר זיינען אַריין אין דרוקעריי. לייוויק האָט ברוגזלעך אַרויסגערעדט: איך בין שוין קראַנק מינטערן ריווקינען, איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין.

איך בין געווען פול מיט ווייטיק און פאַרדרוס. ווייל איך האָב געוואוסט גוט די סיבה פון ריווקינס פאַרשפּעטיקטן זיך מיט דער אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָט מיך געערגערט וואָס לייוויק האָט באַדאַרפט אַזוי לאַנג וואַרטן. אָבער איך האָב לייוויקן גאָר ניט געקאָנט ענטפערן אויף זיין ברוגזן זיך. בין איך כמעט ווי אַרויסגעלאָפן פון דרוקעריי. מיט געאיילטע טריט האָט זיך לייוויק געלאָזט צו דער טיר און גערופן מיך אויף צוריק. אָבער מיין האַרץ איז געווען אַזוי פאַר־קלעמט, אַז איך האָב ניט געקאָנט זיך אָפּרופן.

ווען איך בין אַהיים געקומען האָב איך געטראָפן ריווקינען זיצן אין קיך די הענט צעשפּרייט אויפן ווייסן טישטעך. זיינע גרויסע בלויע אויגן זיינען קלענער געוואָרן פון מידקייט, ער האָט געריכערט און געטרונקען שוואַרצע קאַווע. איך גיי צו צו אים און בעט זיך ביי אים ער זאָל גיין זיך צולייגן. ריווקין האָט אַ הויב געטאָן זיינע מידע אויגן, אַ קוק געטאָן אויף מיר און זאָגט: „איך בין אַזוי מיד, אַז איך קאָן ניט שלאָפן". און ביי די רייד פרעגט ער מיך: „וואָס האָט לייוויק גע־זאָגט — ער האָט זיך געכעסט?" און ער טוט זיך אַ הויב אויף פון שטול, און רעדט אַרויס מיט פאַרקלעמטע ליפּן: „זאָלן זיי מיר געבן אַ דזשאָב! איך זאָל ניט דאַרפן זיך וואַרפן פון איין אַרבעט צו דער צווייטער".

צוויי קאַפּיטלעך האָט ריווקין אָנגעשריבן. זיי זיינען געווען געדרוקט אין די „זאַמלביכער" נומער צוויי און דריי. אין יאָר 1937 דער ערשטער קאַפּיטל און אין 1938 דער צווייטער קאַפּיטל.

* * *

דער פּראָיעקט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. מען האָט גענומען אָפּזאָגן שרייבער.

י. א. ראַנטש איז דאַן געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער גרופּע. האָט ער געעצהט ריווקינען ער זאָל אַרויף אויף רעליף; דערנאָך וועט ער צוריק קאָנען אַרויפגיין אויפן שרייבער פּראָיעקט.

געקומען איז ריווקין פון אָפיס אין אַ געדריקטער שטימונג. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק „רעליף". מיר איז עס אויך דערווידער געווען. אָבער עס איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה. און מיר באַשליסן עס צו טאָן.

איך און ריווקין גייען אַריין אין אַ געביידע אויף טרימאָנט עוועניו, נעבן דער דריטער עוועניו. די געביידע האָט אויסגעזען ווי אָן אי־מיגראַנטן הויז, און ניט ווי אַ פּלאַץ, וואו מען גייט זיך פאַרשרייבן אויף רעליף.

די לאַנגע בענק אַרום די קאַלטע פינצטערע ווענט, זיינען באַזעצט מיט מענטשן. פרויען האָבן געהאַלטן קליינע קינדער אויף די הענט. עס האָט זיך געטראָגן דער געוויין פון די קינדער איבער דעם גאַנצן האָל און קאָרידאָר.

דער אויפפּאַסער האָט אונדז אָנגעוויזן אין אַ ווינקל פון צימער אויף אַ שמאָלער באַנק. ריווקין האָלט אין איין האַנט דעם הוט און אין

דער צווייטער דעם סיגאַרעטל. דער אויפפּאַסער פרעגט ריווקינען זיין נאָמען. ער זאָגט אים און דער אויפפּאַסער פאַרשרייבט, און טראָגט עס אַוועק אין אַ דערבייאיקן צימער, און אונדז הייסט ער וואַרטן ביז מען וועט אונדז רופן.

אָפּגעזעסן זיינען מיר אַ פּאָר שעה. ריווקין איז אומגעדולדיק. ער הויבט זיך אַלע מינוט פון פּלאַץ.

ענדלעך האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקטער קול: „מר. וויינרעבע!" (ריווקין). איך און ריווקין זיינען אַריין אין קליין צימערל, וואו עס איז געזעסן אַ קלוירק, וואָס פרעגט אויס אַלע דעטאַלן. ווי לאַנג ריווקין איז אָן אַ דזשאַב, און וואו האָט ער פריער געאַרבעט, וויפיל ער האָט פאַרדינט, ווען ער האָט געאַרבעט, און וואָס האָט ער געטאָן מיטן געלט וואָס ער האָט פאַרדינט. ריווקין דערציילט וואו און ווען ער האָט געאַרבעט, און וויפיל ער האָט פאַרדינט. דער קלוירק טוט זיך אַ כאַפּ: פאַרוואָס האָט איר ניט געשפּאָרט קיין געלט? ריווקין מיט כעס: „דיאַוועל!" און טוט זיך אַ הייב פון שטול: „איר ווייסט, איך בין אַ גרויסער יידישער שרייבער!" דער קלוירק הייסט ריווקינען זיך אַוועקזעצן. אָבער ריווקין איז גרייט אַוועקצוגיין. איך בעט אים ער זאָל זיך באַרואיקן. ריווקין טוט אַ קוק אויף מיר ווי בלאַס און צע־שראָקן איך בין און ער זעצט זיך צוריק אויפן שטול.

אָנגעזאָגט האָט מען ריווקינען, אַז ער זאָל די עלטערע טאָכ־טער ניט אָנגעבן, ווייל זי האָט געאַרבעט און פאַרדינט פינף און פער־ציק דאָלאַר אַ וואָך. דער קלוירק פרעגט ריווקינען, וויפיל קינדער ער האָט? ריווקין ענטפערט: אַ זון. — אייער זון אַרבעט? — ניין! וויפיל נאָך קינדער האָט איר? ריווקין ענטפערט: „אַ טאָכטער וואָס לערנט זיך". — מער קיין קינדער האָט איר ניט?

ווען עס איז געקומען צו פאַרלייקענען זיין עלטערע טאָכטער, וואָס האָט געאַרבעט, האָט ריווקין אַ כאַפּ געטאָן די פּאַפּירן פון טיש, און אַ שליידער געטאָן צום קלוירק, און האָט אויסגערופן צו מיר: „קום!" איך האָב גענומען מיין מאַנטל און מיר האָבן זיך געלאָזט צו דער טיר.

אָט די אינקוויזיציע האָט מיך אַריינגעלייגט קראַנק אין בעט אויף גאַנצע צוויי וואָכן.

ריווקין האָט מיך געהאַלטן אין איין טרייסטן: „שרעק זיך ניט, עס וועט זיין בעסער".

II

מיט געלט אין קעשענע . . .

איך קום קיין שיקאַגאָ. געווען איז עס אין 1934. ריווקין באַגעגנט מיך אויפן וואָקזאַל, און מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים זאָגט ער צו מיר:

„דו הערסט! איך האָב אין שיקאַגאָ געמאַכט אַ סומאַטאָכע; ניט געשריבן זיי, אַז איך קום, ניט געדונגען זיך, ניט אָפּגעמאַכט. דער גאַנצער טאַראַראַם איז פאַרלאָרן געגאַנגען! זיי האָבן דאָ ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט מיר". אויף ריווקינס פּנים צעגיסט זיך אַ ברייטער שמייכל, און באַלד האָבן דריי קנייטשן איינגעשניטן זיין הויכן שטערן, און ס'דאַכט זיך אַז זיין שטערן איז קלענער געוואָרן. און ער רעדט אַזוי שטיל אַרויס: „און אפשר האָבן זיי גאָר מורא געהאַט, אַז דער גדול איז גאָר קיין גדול ניט? דו ווייסט! מיר דאַכט זיך אַז דער קבלת פּנים איז טאַקע קיין קבלת פּנים ניט געווען. אַראָפּגעלייענט האָב איך פון זייערע פּנימער זייער צווייפל: אפשר איז דער גדול קיין גדול ניט? ריידן האָב איך צו זיי גערעדט ווי אַ גדול; והאַ־ראיה, אַ סך פון זיי האָבן מיינע רייד ניט פאַרשטאַנען. און שרייבן שרייב איך דאָך נאָך מער ווי אַ גדול: מען פאַרשטייט דאָך נאָך ווייניקער".

ריווקינס ערנסטער אויסזען איז ווי אַ וואָלקן הינטער אַ שמייכלדיקער זון פאַרגאַנגען. אַ מילדער שמייכל האָט באַלויכטן זיין געזיכט. ער האָט זיך געפרייט. גיב איך אַ פרעג ריווקינען, וואָס פרייט ער זיך. צעלאַכט ער זיך ווי אַ קינד:

„אָבער פון דאָס ביסעלע וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען, האָבן זיי, דאַכט זיך, איינגעזען אַז עס איז דאָ גאָר אַ סך צו פאַרשטיין ביי מיר. אָבער דער עיקר האָט זיי געפעלט די ,מאַרקע', דער ,לעיבל'".

ריווקין האָט זיך האַסטיק אַ טראָג־געטאָן און אָט איז ער שוין מיט אַ גאַס אין פאָראויס פון מיר. אָפּגעגאַנגען אַ גאַס, בלייבט ער שטיין צוּוואַרטן פאַר מיר. איך האָב זיך דערנענטערט צו אים. איך בעט ריווקינען

זיין רואיק, ווייל אַלץ וועט זיך איינשטעלן. ריווקין האָט מיט דער איבערשטער ליפּ פאַרקלעמט די אונטערשטע ליפּ, און רעדט אַרויס מיט אַן אויסגעשריי:

„ניטאָ קיין פירמע, וויסן זיי נעבעך ניט דעם פּרייז. און וויסן ניט ווי זיי זאָלן זיך האַלטן צו מיר. ביי זיי איז דאָך אַ כבוד אַפּצוגעבן כבוד"... רעדט ער מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, „דאָס איז דאָך זייער גאַנצע חיונה פון גדולים..." ביי די ווערטער איז ער בייז געוואָרן. „דו ווייסט? עס מאַכט ביי זיי ניט אויס ווי גרויס דער גדול איז; יאָ אַ גדול, צי ניט קיין גדול, דער עיקר איז ניט וואָס איינער איז, וואָס ער האָט, נאָר וואָס ער קריגט; זיין אמתער ווערט ווערט באַשטימט לויט זיין פּרייז; און לויט דעם וויפיל זיין פּרייז איז אויפן גדולים־מאַרק... זיי אַליין וויסן ניט פון קיין פּרייז פאַר אַ גדול, זיי האָבן ניט קיין אייגענעם פּרייז"...

איך רייס איבער ריווקינען אין מיטן זיינע רייד, און זאָג:

„אַוודאי האָסטו זיי געדאַרפט לאָזן וויסן פריער, אַז דו קומסט, ניט זיך אַריינשטעלן ווי ניט קיין געלאַדענער אויף אַ חתונה".

ריווקין ווערט פאַר אַ ווײַלע שטיל־שטיל. און באַלד קוקט ער מיר אַריין אין די אויגן און זאָגט: „אַ דאַנק דיר! איך זאָל וואַרטן ביז זיי וועלן געוואויר ווערן פון ניו־יאָרקער גדולים בערזע מיין פּרייז?!" און ער רוקט זיך נאָך נעענטער צו צו מיר:

„דו ווייסט דען ניט, אַז ניו־יאָרק טיילט אויס צו גדולים פּאַספּאָרטן! ניו־יאָרק גיט זיי פירמע, ניו־יאָרק שטעמפּלט זייער פּרייז, און איך בין ניט קיין געפּרייזטער גדול. און ניט קיין ,געלעיבלטער' פון ניו־יאָרק"... און ריווקין בייסט, בייסט מיט די ציין זיין אונטערשטע ליפּ. און די ווערטער זיינען געבליבן האַלבע צווישן די ציינער. „אָן אַ פּרייז איז גאָר קיין סחורה ניט! אַזוי אויך אַ גדול אָן אַ לעיבל. און דאָס האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט: ווען איינער פאַרמאָגט אַ סך, גיט מען אים נאָך אַמאָל אַזויפיל; ווען איינער האָט ווייניק, נעמט מען דאָס ווייניקע אויך פון אים צו".

און באַלד רייסט ריווקין אַליין זיך איבער דעם געשפּרעך, און זאָגט צו מיר:

„דו הערסט, מינאַ! די מעשה איז גאָר ניט אַזוי קורץ. איך בין געבליבן שטעקן דאָ נאָך אַלע מיינע העלדישקייטן. און געבליבן בין איך דאָ שטעקן, טרעף פאַרוואָס? ווייל איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס אַרויסצופאָרן פון דאַנען. דערפאַר ביסטו אַהער געקומען..." — און

ער שמייכלט דערביי צו. „ווען מיר זען טאַקע דאָ עפּעס אויפצוטאָן, איז גוט וואָס מיר זיינען צוזאַמען. וועל איך זיך אָ נעם טאָן אויף אַ גרויסן שטייגער שרייבן. און דו וועסט מיר העלפן, איבערשרייבן מיינע זאַכן אויף דער שרייב־מאַשינקע, און עס וועט אונדז גוט זיין... יאָ, טשערניאַווסקי האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל אָנשרייבן אַ שלום עליכם ספּעקטאַקל. איך האָב דאָ גאַנץ היפּשלעך אַריינגעאַרבעט. איצט אַז דו ביסט דאָ, וועט עס גיין מיט אַן אימפּעט. נאָך די וואָך וועל איך אים צושטעלן דעם ערשטן אַקט. אַרבעטן ביי טאָג און ביי נאַכט. און עס וועט זיין געלט... און אונדז וועט זיין גוט..."

צוויי טעג און צוויי נעכט איז ריווקין אָפּגעזעסן, און האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן אַקט.

ניט קיין אויסגערוטער, לאָזט ער זיך פאָרן צו טשערניאַווסקין. אים דערלאַנגען דעם ערשטן אַקט (ריווקינס אַן אויסדרוק). קיין „קאַר־פער" האָט ריווקין ניט. וואָס טוט מען? ריווקין טוט זיך אַ כאַפּ: „דו ווייסט? איך וועל פאָרן צו טשערניאַווסקין מיטן זעלביקן טיקעט אויף וועלכן איך בין געקומען אַהיים פון טאַלטשינען".

צען אַזייגער אין דער פרי איז ריווקין אַוועקגעפאָרן צו טשערניאַווסקין. דערוואַרט האָט ריווקין צו קריגן פון טשערניאַווסקין פופצן דאָלאַר. געקראָגן האָט ער פון טשערניאַווסקין צוואַנציק דאָלאַר. געקומען איז ריווקין אַ היים אַ פריידיקער. נאָך איידער ער האָט גוט געעפנט די טיר האָט ער אויסגעשריען:

„וואונדער איבער וואונדער, מינא! טשערניאַווסקי האָט מיר דער־לאַנגט צוואַנציק דאָלאַר. איך בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן, אָפּגעגעסן עפּעס... דעם אמת געזאָגט האָב איך ניט געוואָלט עסן, נאָר כדי צו בייטן אַ צענערל איך זאָל האָבן „קאַרפער" אויף צוריקוועגס... דערנאָך האָט עס מיר פאַרדראָסן: איך האָב ניט באַדאַרפט עסן. בעסער וואָלט געווען ווען איך קויף סיגאַרעטס אויף אויסצובייטן די צען דאָלאַר".

פון די צוואַנציק דאָלאַר האָט ריווקין אַוועקגעשיקט דער טאָכטער קיין ניו־יאָרק צען דאָלאַר, אַ וואָך דירה־געלט באַצאָלט. הכלל, פון די צוואַנציק דאָלאַר איז אים געבליבן פיר דאָלאַר.

מיט אַ זיכערער שטימע האָט ריווקין אַ זאָג געטאָן צו מיר:

„מיט געלט אין קעשענע וועל איך האָבן כוח זיצן רואיק און ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט"...

„פרייע אַרבעטער שטימע", יוני 4, 1948.

III

ב. ריווקינס אָפּגעשפּאַרטע דריי הונדערט דאָלאַר

אין 1939 האָט ריווקין אָנגעפאַנגען פונדאַסניי אַרבעטן אין דער באַנייטער טעגלעכער פילאַדעלפיער צייטונג „אידישע וועלט״. מיר האָבן זיך אָבער קיין פילאַדעלפיע ניט אַריבערגעצויגן, ווייל די עקזיסטענץ פון דער צייטונג און ריווקינס אַרבעט אין איר איז ניט געווען קיין זיכערע זאַך. האָבן מיר אָנגעהאַלטן אונדזער וואוינונג אין די בראָנקס, ניו־יאָרק.

שבת שפּעט ביינאַכט, אָדער זונטיק גאַנץ פרי, פלעגט ריווקין געוואוינטלעך קומען אַהיים. אָבער אָפט פלעגט פּאַסירן אַז ער פלעגט זיין קליינעם געהאַלט פאַר דער אַרבעט ניט קריגן, אַזוי אַז ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפן אַ בילעט, פלעגט ער יענע וואָך דורכלאָזן.

דריי חדשים זיינען אַזוי אַוועק און ריווקין איז נאָך אַלץ די גאַנצע צייט פאַרטאָן מיט דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט״, ער שרייבט, ער העלפט די באַלעבאַטים מאַכן פּלענער, דורכפירן פאַרשיידענע פאַרזוכן אַלץ מיט דער אַבזיכט אַוועקצושטעלן די צייטונג אויף די פיס אַזוי, אַז זי זאָל ווערן אַן ערשט־ראַנגיקע צייטונג און קענען פאַרנעמען אַן אויבנאָן פּלאַץ אין דער צייטונגס־וועלט אין ניו־יאָרק. און אין פילאַדעלפיע זאָל בלייבן בלויז אַן אָפּטיילונג פון איר.

קיין שכירות האָט ער ניט געקראָגן רעגלמעסיק. אַזוי אַז עס איז ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן קיין דירה־געלט, האָט מען מיך און ריווקינס טאָכטער, איוועט, וואָס איז געגאַנגען אין האָנטער קאָלעדזש, אַרויסגעשטעלט פון אונדזער וואוינונג. דאָס ביסל מעבל וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט האָב איך אַוועקגעשטעלט אין „סטאָרעדזש״. די טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, האָב איך איינגעאָרדנט ביי מיין יינגערער

שוועסטער איוואַ. אַליין האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט זוכן עפּעס אַ צימערל, צו האָבן וואו דעם קאָפּ צוצושפּאַרן. אַז מען זוכט, געפינט מען, זאָגט דאָס פאָלק אַ ווערטל. פאַר דריי דאָלער אַ וואָך האָב איך געקראָגן עפּעס אַ „קאַטוך״, אַזאַ מין „מקום־מנוחה״.

* * *

שווערע צייטן טרעטן שווער, אָבער זיי רוקן זיך פאָרט. פיר וואָכן שפּעטער דערהאַלט איך אַ בריוו פון ריווקינען. ער שרייבט מיר: — „דו ווייסט! עס לוינט זיך מיר ניט פּטרן צייט און הוצאות אויף שלעפּן זיך פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק, הין און צוריק, און זיך שטיקן אין דעם ענגן צימערל״.

אַלזאָ, ראָט ער מיר בעסער זיך איינצופּאַקן און קומען אויף באַזעצן זיך קיין פילאַדעלפיע.

איך טו עס.

איך קום אַראָפּ מיט מיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט, פאַרפאַר גלייך אין רעדאַקציע, דאָס איז דער איינציקער אַדרעס וואָס איך האָב. לאָז איבער מיינע זאַכן, און אָן לאַנג וואַרטן לאָזן מיר זיך אַרויס זוכן אַ צימער. ריווקין טראָגט זיך פאַראויס, איך האַלט אים קוים נאָך, און פריינט טאַבאַטשניק, וואָס האָט דעמאָלט אויך געאַרבעט אין דער „אידישער וועלט״ מיט ריווקינען, שטייט ניט אָפּ. דורכגעשפּאַנט אַ פּאָר גאַסן, נאָך עטלעכע ניט געלונגענע פּאַרזוכן, געפינען מיר אַ גאַנץ ניש־קשהדיקן צימער. שוין מושוות געוואָרן מיט דער באַלעבאָסטע מכוח דעם רענט פאַר אַ חודש. אַלץ איז גוט. אָבער די באַלעבאָסטע שטייט אין פאַרלעגנהייט און וואַרט. פאַרשטיי איך דאָך שוין וואָס עס מיינט, רוף איך אָפּ ריווקינען אַנאַזייט, און זאָג אים שטילערהייט:

— ברוך, גיב איר אַן אַדערויף.

ריווקין גיט אויף מיר אַ קוק מיט באַוואונדערונג און מיט אַ בייזער שטימע גיט ער מיך אַ פרעג:

— און צוליב וואָס האָב איך געשלעפּט טאַבאַטשניקן אַהער? פאַרשטייסט דען ניט! ער זאָל גוט זאָגן פאַר מיר, און די באַלעבאָסטע זאָל וואַרטן ביז איך וועל קריגן מיין געהאַלט.

פריינט טאַבאַטשניק פאַרזיכערט די באַלעבאָסטע אַז נאָך די וואָך וועט ריווקין באַצאָלן פאַר דעם צימער, ווייל ער דאַרף קריגן שכירות פון דער צייטונג. ער שפּאַרט ניט קיין ווערטער, און דערציילט דער באַלעבאָסטע וועגן ריווקינס גאָר געהויבענעם פּלאַץ אין דער יידישער

ליטעראַטור. בקיצור, עס ווירקט. די באַלעבאָסטע איז ווילִיק צו וואַרטן ביז סוף וואָך.

נו, האָבן מיר שוין אַ „דירה אויף באָרג".

איצט פּלאָגן מיר זיך שוין ביידע, צוזאַמען אין פריידן און אין לײַדן.

די פינאַנציעלע לאַגע פון דער „אידישער וועלט" איז געוועזן אַזאַ טרויעריקע, אַז זי פלעגט צאָלן אירע מיטאַרבעטער אומגעפער אַזוי, אַ וואָך געצאָלט, און צוויי וואָכן איבערגעהיפּט. אַזוי אַז די פאַר־וואַלטונג איז ריווקינען שוין געווען שולדיק אַ סומע פון דריי הונדערט דאָלאַר.

איך זע דאָך שוין וואו מיר האַלטן דאָ, גיב איך איינמאָל אַ זאָג צו ריווקינען:

— וואָס איז דער תכלית?! וואָס וועלן מיר זיך דאָ אויספּלאָגן?

ריווקין פאַרטראַכט זיך אַ פּאָר מינוטן.

ער גייט צו נעענטער צו מיר און שרייט מיר אַריין אין פּנים:

— דו וואָלסט וועלן אין דיין לעבן אָפּגעשפּאָרט דריי הונדערט דאָלאַר?! איך האָב דאָך אָפּגעשפּאָרט גאַנצע דריי הונדערט דאָלאַר! דו באַגרייפסט עס גאָרנישט?!

איך קוק אים אָן, באַוואונדער זיין באַגייסטערונג פאַר זיין גרויסן פינאַנציעלן אויפטו. גיב אים אַ גלעט איבערן קאָפּ און צעלאַך זיך:

— דו גלויבסט נאָך אַלץ אַז זיי וועלן דיר באַצאָלן דעם חוב?

דאָ ווערט ער שוין אין כעס און שרייט אויס:

— וואָס הייסט ניט באַצאָלן ?! זיי קומען דאָך טאַבאַטשניקן צוויי מאָל אַזוי פיל!

וואָס האָב איך אים געקאָנט אויף דעם ענטפערן?

די צייטונג האָט אין אַ קורצער צייט אַרום זיך צוגעמאַכט, און די חובות זיינען טאַקע געבליבן אויף זייערע ביכער.

אַט־אַזוי האָט ריווקין אָפּגעשפּאָרט דריי הונדערט דאָלאַר...

„פרייע אַרבעטער שטימע", יוני 10, 1949.

IV

ברוך ריווקין — דער מאַן פון בטחון

אַ מילדער ווינטל האָט זיך געשאַרט שטיל איבער די שפּיצן פון די ביימער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָטעמען מיט לעבן. די וועווערקעס האָבן פאַרשייט געגלאָנצט מיט די אויגן, געשפּרונגען אויפן גראָז און באַלד אַ קלעטער געטאָן אויף די צווייגן פון די ביימער, ווי זיי וואָלטן זיך געפרייט מיט דעם אָנקום פון פרילינג.

איך און ריווקין זיצן אויף אַ באַנק אין האַמבאָדלט־פּאַרק אונטער אַ בוים. ס'איז געווען אין 1934. ריווקין איז אויפגעלייגט. נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס און פאַררייכערט. דער רויך ווערט באַגלייט מיט זיין דינעם שמייכל. נאָך עטלעכע מינוטן טראַכטן, נעמט ער אַרויס אַ צווייטן פּאַפּיראָס, און אַזוי רויכערט ער איין פּאַפּיראָסל נאָך אַנדערן.

אויסגערויכערט דעם דריטן פּאַפּיראָסל, שיינט ער אויפגעלויטערט, ווי אַלע זיינע פּלענער וואָלטן אים איצט קלאָר געוואָרן:

און באַלד ווענדט ער זיך צו מיר:

— דו ווייסט, מינא, עס איז גוט, וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק.

איך ענטפער אים:

— ערגער ווי אין ניו־יאָרק קען דאָך נישט זיין.

ריווקין טוט זיך אַ הויב אויף און שרייט אויס:

— בעסער ווי אין ניו־יאָרק!

איך שמייכל צו, וואָס ער איז אַזוי באַגייסטערט פון זיין רייזע. הגם ערגעץ וואו האָט זיך ביי מיר פאַרגנבעט אַ נישט־צופרידנקייט מיט ריווקינס אַלע פּראָיעקטן און אַנערקענונגען סיי אין קליוולאַנד און סיי אין שיקאַגע, אָבער זעענדיק ווי ריווקין פרייט זיך, טראַכט איך, פאַרוואָס

זאָל איך פאַרשטערן זייַן שמחה? הער איך זיך אויפמערקזאַם צו צו זיינע באַגייסטערטע שילדערונגען פון די דערפאָלגן, וואָס ער האָט געמאַכט אַלס לעקטאָר. אַז ריווקין האָט פאַרמאָגט אידייען, און האָט אַלעמאָל עפּעס נייעס אַרויסצוברענגען, דאָס האָב איך געוואוסט, און נאָך מער ווי געוואוסט, דערפילט עס ביי מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים: זיין שעפערישער גייסט האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין הויכן שטערן.

אָבער אַז ריווקין קען ווערן אַ דערפאָלגרייכער לעקטאָר, דאָס האָט זיך מיר נישט געגלויבט. ווייל ער האָט געהאַט אַ סך צו זאָגן, איז אים געווען שווער צו קאָנטראָלירן זיינע געדאַנקען. און ער האָט ניט איינמאָל געזאָגט צו מיר, אַז אַפילו ביים שרייבן לויפט די פען ביי אים צו האַסטיק, און ער קען זיך נישט אָפּשטעלן ביז זי שעפּט ניט אויס דעם גאַנצן ענין. און ביים ריידן איז דאָך אַוודאי און אַוודאי געווען אַזוי. און קיין צופרידענער איז ריווקין קיינמאָל נישט געבליבן נישט נאָך זיינער אַ לעקציע און נישט אַפילו ביים שרייבן. עס האָט זיך אים אַלע מאָל געדוכט, אַז ער האָט נישט גענוג געזאָגט, נישט גענוג!

נאָך אַ פּאָר מינוט שוויגן זאָגט ריווקין:

— מינאַ, עס איז גוט געווען, וואָס איך בין אַראָפּגעפאָרן קיין קליוולאַנד. איך בין אָנגעקומען פונקט צו דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ — פאַר זיי אַלעמען גאָר אומגעריכט. און עס איז באמת געווען פאַר זיי אַ פריידיקע איבעררּאַשונג — דעמזעלביקן טאָג מיט אַ פּאָר שעה פריער זיינען שוין געהאַט אָנגעקומען לייוויק פון ניו־יאָרק און שאַפּירא פון שיקאַגע. איך און לייוויק האָבן געטראָגן די קאָנפערענץ אויף פליגלען, מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַ דער־עפענונגס־וואָרט און אַ שלוס־וואָרט און מיט אַ רעפעראַט וועגן טעאַטער. און איך אַליין האָב אויך גענומען דאָס וואָרט אַמאָל זעקס. איך האָב גערעדט מיט היץ און גלאַנץ.

הער נאָר, הער! זיי, פון דער מיטל־וועסט, זיינען געווען מיינע שאַרפסטע פּראָטעסטאַנטן צוליב מיין סימפּאַטיע צום לינקיזם, ווען איך האָב רעדאַקטירט „אידיש.״ איך האָב זיי איצט איבערגעוואונען. זיי זיינען געוואָרן מיינע איבערגעבנסטע פריינט. פון מיטל־וועסט זיינען געווען אומגעפער זיבעציק דעלעגאַטן, און בסך־הכל צוויי הונדערט און אפשר מער. עס זיינען פאַרטראָטן געווען שיקאַגע, מילוואָקי, דעט־ראָיט, גרענד־רעפּידס, קליוולאַנד און פּיטסבורג; קולטור־פאַראיינען,

שולן, דראַמאַטישע גרופּן און פּרויען־לייען־קרייזן. און פון אַלעמען האָב איך באַקומען איינלאַדונגען איך זאָל קומען צו זיי. עס וועלן זיין פאַר מיר צוגעגרייט אָוונטן און לעקציעס.

שיקאַגע האָט צוגעזאָגט אַממערסטן; דאָ איז דער צענטער פון גאַנצן ראַיאָן מיט צענדליקע מעגלעכקייטן — פון פריער נאָך, און איצט פון די נייע פריינטלעכע פאַרבינדונגען, וואָס איך האָב מיר געשאַפן. לייוויק איז שוין דאָ געווען און ער האָט פאַר מיר צוגעגרייט אַן אָוונט. די דראַמאַטישע געזעלשאַפט האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג איך זאָל אַרבעטן פאַר איר און העלפן איר מיט רעפּערטואַר. איך דענק, אַז איך וועל מיט איר דורכפירן אַן יידישן פּעדזשענט, און אפשר אויך מיינע אַן אייגענע פּיעסע.

איך בין פול מיט זיכערקייט און גלויבן; אויפן וועג נאָך פאַרנדיק פון פילאַדעלפיע, זיינען אין מיר צייטיק געוואָרן, ווי פון זיך אַליין, מיינע פּלענער; אין קליוולאַנד, ריידנדיק אויף דער קאָנפערענץ פון קולטור־געזעלשאַפט, האָב איך זיי פאַוואָלינקע צוגעגרייט פאַר דעם פּלאַן פון אַלע מיינע פּלענער. און דאָ איז דער ריכטיקער אָרט אָנצו־הויבן; פון דאַנעט וועל איך זיך אַרויסלאָזן איבער די שטעט; איך וועל אַרויסרופן אַ כוואַליע פון אַ באַוועגונג, און וועל זי נעמען רוקן אויף ניו־יאָרק.

— דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט מיט דריי דאָלאַר קיין קליוולאַנד, אויף גאָטס באַראָט — אין ריזיקע, מיט אַ גלויבן, און עס האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. צום שלוס פון דער קאָנפערענץ האָבן זיי מיר אומגעקערט מיינע הוצאות: פינף און צוואַנציק דאָלאַר!

— מינאַ, איך האָב ווירקלעך אָנגעמאַכט אַ שטורם דאָ, דאָס זאָגן אַנדערע, נישט איך. און דאָס שענסטע איז, וואָס איך אַרבעט אין גאַנצן אין איינקלאַנג, מיט מיינע אידייען, אָפּן און אָן שמוגלעריי. און איך האָב נאָך נישט אויסגענוצט אַלע מיינע געלעגנהייטן: ס'וועט זיין נאָך מער!

— גערעדט דריי מאָל: דינסטיק ביי נאַטאַנסאָנען אין הויז — וועגן דער פאַראייניקטער טעאַטער געזעלשאַפט. דאָנערשטיק פאַר דער נאַטאַנסאָן־באַבינסקי גרופּע — וועגן דער באַנייאונג פון די ימים־טובים; און פרייטיק פאַר דער קולטור־געזעלשאַפט — וועגן האַלפּערינען. הער, מינאַ, זיי טוען אַרבעט, ווירקלעך: אָט האָבן זיי שוין אַראַנזשירט צוויי לעקציעס פאַר יאַנואַר, איינע דעם 21־טן, און סוף חודש אַ צווייטע. פאַר איין לעקציע האָבן זיי מיר באַצאָלט פופצן דאָלאַר, און זיי אַר־

בעטן אויס פאַר מיר אַ טור איבערן ראַיאָן: מילוואָקי און גרענד־רעפּידס.

ווייטער, גרייט זיך דער זשורנאַל „בריקן" מיט אַ גרויסער לעקציע פאַר מיר — זיי האָבן מיר געשיקט צען דאָלאַר — און די חודש־שריפט „שיקאַגאָ" האָט באַשטעלט דריי אַרטיקלען, וואָס איך דאַרף צושטעלן ביז דינסטיק — פאַר פינף און צוואַנציק דאָלאַר. זאָגן זאָגט מען מיר, אַז דער רעדאַקטאָר מאַיער זאַלאַטאַרעף, זאָגט־צו און באַצאָלט נישט. אָבער ל. שטיין נעמט זיך אונטער אַרויסצוקריגן ביי אים דאָס געלט, אַניט גיט ער די אַרטיקלען נישט, און אַז שטיין זאָגט, איז געטאָן...

ביי דער נאַטאַנסאָן־באַבינסקי גרופּע האָב איך נאָך מער געפּועלט: איך האָב זיי געוואונען, און זיי פאַרפליכטן זיך מיר אַרויסצוגעבן אַ זאַמל־שריפט — און זיי זיינען יידן וואָס קאָנען לייכט שאַפן געלט.

דאָס איז עס וועגן וואָס איך האָב געחלומט — און עס ווערט מקוים.

— — — — — — — — — — — —

דער סך־הכל פון די „גליקן":

נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר פון שווערער אַרבעט אין שיקאַגאָ האָט ריווקין נישט געהאַט אויף רייזע־קאָסטן צו קומען צוריק קיין ניו־יאָרק.

„פרייע אַרבעטער שטימע", יוני 9, 1950.

V

אַ וויכוח צווישן פינף שרייבער

1936. אַ פרייטיק נאָכמיטאָג. ריווקין און איך זיצן אין קאַפע ראַיאַל ביי אַ טישל. ריווקין טוט אַ רוק אַרויף די דיקע ברילן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגערוקט נענטער צום שפּיץ נאָז, און וואַרפט אַ בליק צו די אַרומיקע טישלעך, אַרום וועלכע עס זיינען געזעסן עלטערע שוישפּילער, פּרויען און מענער. צווישן זיי האָבן זיך דורכגעוואָרפן עטלעכע יינגערע שרייבער.

באַלד קומט אַריין נח נאַכבוש. נאָך אויפן שוועל שרייט ער אויס: האַלאָ, ריווקין! נאַכבוש ווי אַלעמאָל מיט אַ שמייכל אויף זיין פּנים דערנענטערט זיך צו אונדזער טישל און פרעגט גוטמוטיק:

— וואָס מאַכט איר, ריווקין?

ריווקין דרייט אויס דעם קאָפּ צו מיר, ווי מיט פאַרדרוס: גיי דערצייל זיי וואָס איך מאַך. צום טייוול! אַלע מיט דערזעלביקער חכמהלע: ריווקין, וואָס מאַכט איר?

נאַכבוש: ריווקין, קומט לאָמיר אַרויף צו ל. שאַפּיראָ. ער איז ניט געזונט.

ריווקין טוט אַ כאַפּ זיך פּאַק מיט צייטונגען פון טיש אין איין האַנט, און דעם הוט אין דער צווייטער, ווענדט ער זיך צו נאַכבושן און צו מיר:

— קומט, לאָמיר גיין אים געזונט מאַכן.

ל. שאַפּיראָ האָט דאַן געוואוינט אויף סעקאָנד עוועניו. טאַקע ניט וויט פון קאַפע ראַיאַל, אין אַ שיינער גרויסער געביידע, מיט צוויי־ברייטע גלעזערנע טירן.

ביים אַריינגאַנג בין איך געבליבן שטיין אַ פּאָר מינוטן אַ פאַר־וואונדערטע, ווי קומט צו אַ יידישן שרייבער צו וואוינען אין אַזאַ שיין הויז? און איך ווענד זיך מיט דער פראַגע צו ריווקינען.

ריווקין ענטפערט: מיין קינד, מיין קינד! מיר וועלן נאָך וואוינען אין אַ שענערער דירה און טאַקע אין גיכן. דו וועסט זען.

דער עלעוויטאָר (ליפט) האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף דעם פערטן אָדער פינפטן שטאָק.

נאַכבוש גייט אַרויס דער ערשטער פון דעם „קעסטל", ווי איך פלעג עס רופן. ער קלאַפּט אָן אין ל. שאַפּיראָס טיר. שאַפּיראָ עפנט. נאַכבוש ווענדט זיך צו אים:

— שאַפּיראָ, איך פיר אייך געסט!

ריוקין פאַלט אים אַריין אין די רייד.

— מיר זענען געקומען אייך געזונט מאַכן.

דאָס צימער איז אָרעם מעבלירט, אַ שרייב־טישל לעבן ברייטן פענצטער; וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער צווייטער עוועניו. ביי דער וואַנט אַ בעטל צום שלאָפן. ביי אַ טישל אַ פּאָר שטולן צום זיצן. אין אַ ווינקל פון צימער האָט געשוואַרצט אַן אייוועלע צום קאָכן.

שאַפּיראָ האַלב קראַנק, האַלב געזונט: אַן אָפּגעצערטער. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער קימערט זיך ניט פאַר זיין גוף, נאָר פאַר דער נשמה.

שאַפּיראָ: ריוקין, וואָס ווילט איר, קאַווע אָדער אַביסל משקה?

ריוקין: איר האָט וואָס צובייסן?

— קאָלבאַסע ווילט איר?

ריוקין האָט זיך צעשמייכלט: גיט אַהער!

שאַפּיראָ טראָגט צו דריי גלעזלעך, ווי עס ווייזט אויס האָט ער מער ניט געהאַט, און אַ האַלבע קאָלבאַסע און לייגט זי אַוועק אויף אַ טעלער, גיסט אָן די גלעזלעך משקה: — לחיים! ריוקין, שאַפּיראָ און נאַכבוש טרינקען אויס די גלעזלעך. נאָך דעם ערשטן גלעזעלע דערפילט זיך שאַפּיראָ לעבעדיק און מונטער.

ריוקין: קומט, שאַפּיראָ, אויף איסט בראָדוויי אין מילערס קאַפע.

שאַפּיראָ, אָן אַ הוט, אָן אַן אויבערשטן מאַנטל, לאָזט זיך צו דער טיר: קומט.

מיר גייען אַרונטער, נעמען אַן אויטאָבוס, און אָט זיינען מיר שוין דאָרט. מיר זעצן זיך לעבן אַ טישל, און טרינקען קאַווע.

לייוויק קומט אַריין אין קאַפע און גייט צו צו אונדזער טישל, על שטרעקט אויס זיין האַנט ריוקינען. ריוקין האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, ברומט, ווי ער וואָלט עפּעס סודותדיקעס געוואָלט אַנטפּלעקן אין טעפעלע קאַווע, און מערקט ניט לייוויקס האַנט, וואָס האָט זיך איבערן טישל געצויגן צו אים.

איך מאַך ריוקינען אויפמערקזאַם: לייוויק גיט דיר אַ האַנט.

ריווקין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און ווי אַ שולדיקער גע־שמייכלט פּאַטערלעך צו ליוויקן. לייוויק האָט די האַנט שעמעוודיק צוריקגעצויגן און שטיל אונטערגעמורמלט: נו, גוט, נו גוט...

ש. צ. זעצער נאָך אים אבא גאָרדין קומען אַריין און זעצן זיך לעבן אונדז.

ריווקין איז אומרואיק געוואָרן, ער רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן. און עס פאַרבינדט זיך אַ געשפּרעך, דעם אינהאַלט גיב איך דאָ איבער ווי עס איז פאַרנאָטירט געוואָרן אין ריווקינס נאָטיץ־בוך:

אבא גאָרדין: צוריק צו די נביאים! דאָס דאַרף זיין אונדזער רוף און אויסרוף.

— ריווקין: צוריק צו די נביאים! וואָס מיינט איר צוריק צו די נביאים?

— אבא גאָרדין: אָ־דאָס מיין איך: מען דאַרף איינפלאַנצן אין סאָציאַלן לעבן די דערהויבענע אַספּיראַציעס פון אונדזערע פּראָפעטן, פאַרקערפּערן אין סאַמע געביין פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס די באַשטרעבונגען פון די פּאַרציייטיקע יידישע טרוימער און זעער. און אַזוי אַרום וועלן מיר העלפן איבערגעשטאַלטיקן די צורה פון דער גאַנצער געמיינזאַמקייט, ענדערן דעם אויסזען פון קאָלעקטיוון צוזאַמענ־לעבן. ווי אויך, צום סוף, איבערפורעמען דעם גאַנצן פיר פון דער וועלט, מאָדערלירן די קאָסמאָס־הנהגה לויט די מוסטערן געשאַפן פון די נביאים. מיט איין וואָרט: פאַרוואַנדלען דעם באַשאַף און באַשטאַנד אין אַן אויסגעהאַלטן עטישן סיסטעם, וואָס דאָס איז דער צוזאָג פון יידישער נבואה.

— ריווקין: איר רעדט צו אַבסטראַקט. מען דאַרף דעם יידישן עולם געבן קאָנקרעטע זאַכן.

— אבא גאָרדין: אָט־דאָס, ריווקין, איז טאַקע אונדזער אויפגאַבע: מיר דאַרפן מאַכן באַקאַנט און צוגענגלעך צו די השגות פון דעם היינטיקן יידן און מענטשן די אידעאַלן פון די יידישע נביאים, ריכטיק אויסטייטשן זייערע אידייען, און דורך דעם דערנענטערן די שעה פון דער פאַר־ווירקלעכונג פון זייערע באַגייסטערטע פאַרויסזאָגונגען. בקיצור, מיר דאַרפן זיך באַמיען צו זאָגן אויף אַ מאָדערנעם לשון, אין אַנגענומענע פאַרשטענדלעכע טערמינען, וואָס באַטייט דעם נביאס אחרית הימים. און דעמאָלט וועלן די מאַסן זען ווי פאַרבלאָזט, נעבעכדיק, מינימאַל עס קוקן אויס די מאַקסימום־פּראָגראַמען פון די ראַדיקאַלסטע פּאַרטייען פון אונדזער צייט.

— ריווקין: איר רעדט און רעדט טרוקענע קאָפּ־ און מוח־רייד. די פראַגע שטייט פאַר אונדז קאָנקרעט: ניט וואָס מיר האָבן געטאָן, נאָר וואָס דאַרפן מיר איצט טאָן. אויב גיין צוריק צו די נביאים, דאַרפן מיר געשטאַלט־געבער ווערן און אויספורעמען אַ נייעם מענטשן בצלם אלקים. אַזוי האָבן געטאָן די נביאים: זיי זיינען קינסטלער־שפּילער געווען אויף זעאונגען און געשטאַלטן. קינסטלער־שפּילער אין דעם גרויסן יידישן זין פון וואָרט: מענטשן־באַשאַפער. וואָס האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אָבער און ווידער דאָס פאָלק באַשאַפן און איבער־געשאַפן: אָט איז מעשה־בראשית, און אָט איז מתן־תורה. פון יעדן אומגליק, פון יעדן חורבן האָבן זיי אַ זעאונג אַרויסגעקראָגן, און דאָס פאָלק פאַר די הערצער אַריינגעצויגן אין דער זעאונג. ביז זיי האָבן אָנגעצונדן די זעאונג פון משיחס צייטן און משיחן.

אויף גלויבן און האָפענונג האָבן זיך געטראָגן די יידישע דורות זינט דעם גרויען באַגינען פון אונדזער פאָלק. דאָס וואָרט משיח איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אַ געהיימער קראַפט, וואָס האָט אָנגעטריבן די רעדער פון דער יידישער געשיכטע און האָט אַרויסגעגעבן אַ ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם פינצטערן גלות־וועג. די פראַגע איז: וואָס זאָל אונדזער ענטפער זיין היינט צו טאָג, קאָנקרעטע מעשים דאַרפן מיר!

— אבא גאָרדין: איר ווילט קאָנקרעט? אָט האָט איר עס: די אַרבעט פון דעם יידישן יידן, פון דעם יידישן ראַדיקאַל דאַרף באַשטיין אין דעם, וואָס ער וועט זען צו גרינדן אַן עטישן אַלוועלטלעכן יידן־פאַרבאַנד, שאַפן אַ „גוי־קדוש", אַ פאָלק וואָס באַזירט זיין געמיינדע־לעבן אויף עטישע יסודות. מיר דאַרפן איבערראַנייס אויפבויען דאָס יידישע הויז, רעסטאווריר‌ן דעם בית־המדרש און דעם יידישן פריוויליקן בית־דין, מיט איין וואָרט, שאַפן אַ ראַדיקאַל־יידישקייט לויט דעם מוסטער פון יבנה מיט איר‌ע חכמים...

— לייוויק: מיר זיינען יידישע שרייבער און דיכטער. פּאָליטישע ענינים זיינען ניט אונדזער געביט. אונדזער אויפגאַבע איז צו טראָגן דאָס יידיש וואָרט, שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור וואָס זאָל דערהויבן אונדזער יידיש לעבן. מיר האָבן איין כלי־זיין און דאָס איז אונדזער וואָרט, אונדזערע פּאָעטישע זעאונגען. מיר דאַרפן זיך פאַרטיפן אין אונדזער געמיט, זיך וואַכזאַם צוהערן צו אונדזער אינעווייניקסטן קול. און אָפּגעהיט דאַרפן מיר זיין; און שרייבן ניט מער ווי וועגן עיקר־זאַכן, דער נויטיקסטער עיקר איז דער קיום פון אונדזער פאָלק. און בצימצום זאָל זיין אונדזער וואָרט, און געלייטערט און געהייליקט. אַזוי

אַז עס זאָל זיך אַריינדרינגען אין מאָרגן אַריין, און פון מאָרגן צוריק אין היינט אַריין. דאָ ליגט אונדזער גבורה: אין אונדזער וואָרט.

— ריווקין: ליטעראַטור אַליין איז ניט גענוג. מיר דאַרפן אויס־שמידן אַ געווער צו אָפּענטפערן דער וועלט. דער ייד איז פון טויזנט יאָר געוואוינט געווען אָנצושפּאַרן זיך מיטן קאָפּ אויפן ספר. פון ספר האָט ער דערוואַרט ער זאָל אים געבן אַ לעבנס־אינהאַלט. און ניט בלויז אונטערהאַלט.

— ש. צ. זעצער: זיי מיינען אַז פּאָעזיע איז אַלץ. אידייען זיינען שעפערישער. אין די נביאים האָט געלעבט דאָס טיפע באַוואוסטזיין, אַז דער געניוס פון יידישן פאָלק דאַרף ניט זוכן דאָס פעלד פאַר זיין התגלות, פאַר זיין שאַפנדיקער קראַפט איבער די וועגן, וואָס פירן צו גרויסער פּאָליטישער מאַכט, נאָר איבער די וועגן וואָס פירן צו דערהויבענעם גייסטיקן לעבן, אַז די אַמביציעס און שטרעבונגען פון יידישן פאָלק דאַרפן ניט זיין צו ווערן אַ גרויסע און שטאַרקע אימ־פּעריאַליסטישע מלוכה, נאָר צו זיין אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש. ניט צו זיין אַ שרעק פאַר די פעלקער — דאַרפן די יידן שטרעבן, נאָר אַן אור לגוים, אַ ליכט פאַר די פעלקער, אַ גייסטיק מוסטער געבן. זייער אַמביציע דאַרף ניט זיין צו באַהערשן די וועלט דורך אייזן און בלוט, נאָר דורך זייער גרויסער קולטור, דורך זייערע עטישע אידעאַלן און פירונגען.

די נביאים האָבן געוואוסט, אַז די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון יידישן פאָלק צו ווערן אַ גרויסע פּאָליטישע מאַכט וועלן מוזן זיין אַ דורכפאַל, אַז זיי וועלן אויף דעם וועג פאַרשווענדן זייער ענערגיע אומזיסט און אומניסט, בעת זייער אָנשטרענגונג צו ווערן אַ גוי קדוש קען געקרוינט ווערן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג. אויף דעם געביט פון גייסט און מאָראַל קענען די יידן דערגרייכן די העכסטע שלימות.

— ל. שאַפּיראָ: מיך לאָזט שרייבן מיינע ווערק. פּאָליטיקער, וואָס ווענדן זיך צו די מאַסן, זאָלן טאָן דאָס זייעריקע, דערפילן דעם געבאָט פון טאָג און נאָכקומען דעם וואונטש פון די מאַסן. מיר זיינען קינסטלער, און די אויפגאַבע פון קונסט איז צו געפינען אין דעם געוויינלעכן לעבן דאָס אומגעוויינלעכע, צו אַנטפּלעקן דעם טיפן זין און אמת פון לעבן.

„פרייע אַרבעטער שטימע״, אויגוסט 3, 1951.

VI

שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

ריווקין זיצט אין צימער ביי זיין אַרבעטס־טיש. אין צימער איז שטעל. ריווקין איז פאַרטאָן אין זיינע נאָטיצן. און פּלוצלינג אַ גערויש אין צימער, הין און צוריק שפּאַנט ער איבערן צימער, מיט דער האַנט אַרויף שאַרט ריווקין אַראָפּ די האָר פון קאָפּ. ער וויגט זיך ווי אַ שיף אויפן ים.

איך לויף אַריין צו אים אין צימער.

— ריווקין, וואָס האָט פּאַסירט?

ער ענטפערט מיר ניט, און פּלוצלינג שרייט ער אויס:

— איך האָב פאַרלוירן אַ געדאַנק!

יאָגט זיך ריווקין איבערן צימער כאַפּן דעם געדאַנק. ס'געפעלט מיר ריווקינס יאָגן זיך נאָכן געדאַנק. איך גיי אַרויס מיט אַ שמייכל. אין אַ ווײַלע אַרום ריווקין רופט מיך:

— קום אַהער! קום אַהער!

איך גיי ניט אַריין, נאָר לויף אַריין. ריווקין לויפט מיר אַנטקעגן און שרייט אויס:

— איך האָב אים.

זיין פּנים האָט זיך צעשטראַלט ווי ביי אַ קינד, וואָס פאַרלירט עפּעס און פרייט זיך ווען ער געפינט עס. בכלל האָט ריווקין פיינט געהאַט צו פאַרלירן עפּעס, אַפילו די קלענסטע זאַך. האָט ער, צום ביישפּיל, ערגעץ איבערגעלאָזן אַ בליישטיפט אָדער אַ העפטל פּאַפּיר אין ווערט פון פינף סענט, פלעגט ריווקין אויסגעבן צען סענט אויפן פאָרן, און אַ האַלבן טאָג אין צוגאָב, אָבער ער פלעגט עס אָפּזוכן און ברענגען אַהיים. און דאַן ערשט האָט ריווקין זיך באַרואיקט.

דער פאַרלוסט, דער פאַקט גופא, האָט אים געמאַכט אומרואיק. און אַזוי לגבי אַ סך זאַכן. אַ שערעלע, אַלץ וואָס האָט, כאָטש אומ־

דיקערט, באַלאַנגט צו זיין אַרבעט־שטייגער, איז געווען ביי ריווקינען זייער אָנגעלייגט, ווערטפול.

אַמאָל פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אַז איך האָב אַרויסגעוואָרפן אַ קעסטעלע מיט שוועבעלעך, נאָך ניט קיין אויסגענוצטע. האָט עס אים ניט געלאָזט רוען און געשטערט צו אַרבעטן. האָט ער געוואָרפן די אַרבעט און געזוכט און געזוכט, ביז ער האָט דאָס קעסטעלע געפונען און מיט די אייגענע אויגן געזען, אַז קיין שוועבעלע איז שוין דאָרט ניט געווען. און אַזוי אויך מיט אַנדערע זאַכן.

***

ניט לאַנג פאַר זיין אַוועקגיין פון אונדז, לאָזט זיך אַוועק ריווקין אין שטאָט אַריין. ער געזעגנט זיך מיט מיר און גייט אַוועק. ס'נעמט ניט לאַנג און ער קומט צוריק. די אויגן אַראָפּגעלאָזט. איך פרעג:

— וואָס האָט פּאַסירט?

ענטפערט ער מיר מיט אַזאַ קינדערשער שולדיקייט:

— דער באַן האָט ביי מיר אַראָפּגעכאַפּט דעם הוט.

רוף איך זיך אָפּ (ווי יעדע פרוי וואָלט מסתם געענטפערט):

— וואָס עס האָט געזאָלט זיין דיר, זאָל אויסגיין צום הוט!

אָבער ריווקינען האָט עס באַאומרואיקט: וואָס הייסט? דער באַן איז טאַקע אַזאַ גרויזאַמער — אונטערכאַפּן ביי אים דעם הוט!? — איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ריווקין האָט מסתמא קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן ביז דער צוג וועט קומען, האָט ער זיך איינגעבויגן, און מיט די אויגן געוואָלט אונטעריאָגן דעם באַן. נו, פאַרשטייט זיך, דער באַן איז נאָך זייער גוט געווען צו ריווקינען, וואָס ער האָט בלויז אַראָפּגעכאַפּט ריווקינס הוט און איבערגעלאָזן ריווקינען אויף דער פּלאַטפאָרמע...

* * *

איך פלעג ריווקינען, צייטנווייז, ווען איבערצייגן, אַז ווען מ'גיט זיך אַוועק אומזיסט, שאַצן עס מענטשן ניט אָפּ. ריווקינס ענטפער איז געווען:

— וואָס איך מיין אויף אַן אמת, טו איך עס, ווייל עס איז אַן אמת, ווען מען באַצאָלט דערפאַר, וואָלט עס שוין ניט געווען „געטאָן אויף אַן אמת". צווייטנס, האָב איך קיינעם ניט געלאָזט אָנזאַמלען קיין כבוד, און קיינער האָט ביי מיר קיין כבוד ניט געקאָנט פאַרדינען. ניט

איך זוך כבוד און ניט איך מאָן כבוד. איך וואַרט ניט, מ'זאָל מיר אַנטקעגנטראָגן דעם „גוט־מאָרגן!" און ווען ס'פאַלט מיר איין זאָגן „גוט מאָרגן!", ווען כ'זע, אַז אײנעם פאַלט שווער דער „גוט מאָרגן", טראָג איך אים די באַגריסונג אַנטקעגן. איך וואַרט ניט אויף כבוד מען זאָל מיך איינלאַדן. ווען עס פאַלט מיר איין, קום איך. קאָן מען טאַקע קיין ריכטיקע צערעמאָניעס פאַר מיר ניט מאַכן.

אָבער איך טענה פאַרט צו ריווקינען, אַז אַזוי קאָן מען זיך ניט האַלטן. ריווקין ענטפערט:

— מען דאַרף ניט זיין שאַקלדיק. מען דאַרף קענען שטיין פעסט אויף די פיס. מען דאַרף האָבן אויסדויער. מען דאַרף גלויבן! דאָס איז אונדז ביידן אַ „טעסט", אַן עקזאַמען געגעבן געוואָרן — מיר זאָלן אויסהאַלטן, אויסדויער אין צוטרויען, און גלויבן, גלויבן; יעמאָלט ערשט וועלן מיר האָבן אונדזער באַלוינונג פאַרדינט. מען דאַרף קענען ריזיקירן, אַבי נאָר פון נשמה־חורבן אויסגעהיט צו ווערן.

— די ערשטע ריזיקע־טריט האָסטו געמאַכט, זאָגט ער צו מיר ווייטער, איצט דאַרפסטו זיך ווייטער איבן אין ריזיקע און אמונה צוזאַמען מיט מיר. ערשט אויף אַזאַ אופן קריגט מען צו אינערלעכן וואָג און ווערט, טיפע קוואַליטעט. אַ נשמה־חלום איז ניט בלויז אַ דינע פלעווקע אויף דער אויבערפלאַך פון דער נשמה. מען דאַרף זיך נאָר קענען האַלטן, וועלן דאַן שוין זאַכן מקוים ווערן, און די מאַטעריעלע אומשטענדן שפּילן אויך צו.

— הערסט, מינאַ, לערן זיך, איב דיין נשמה־אמונה אין גלויבן!

* * *

ריווקין האָט געהאַט אַן אומגעהויער ערנסטע באַציאונג צו מענטשן אָדער ציטונגען, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך גלויבן, אידעאַלן. איך וויל דאָ איבערגעבן אין קורצן ריווקינס באַציאונג צו דער „פריע אַרבעטער שטימע". געהאַלטן האָט ריווקין, אַז דער אַנאַרכיזם האָט אַזעלכע זאַמען, וואָס קענען דינען צו לעבנס־באַפרוכפערונג און גייסטיקער עשירות — וויטאַמינען אַזעלכע, וואָס האָבן בכוח צו טרייבן פאָראויס אַלע אינדיווידועלע און געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פּראָצעסן. איך פלעג אים אַמאָל שטעלן אַזאַ פראַגע:

— וואָס טוט אויף דער אַנאַרכיזם?

— ס'זיינען פאַראַן — ענטפערט מיר דערויף ריווקין — בוויטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס, וואָס דער אַנאַרכיזם וואָלט געקאָנט

זיי אויפהייבן און מאַכן זיי גיין אַ גאַנג, און ־דערצו האָט נאָך דער אַנאַר־כיסט מעלות: מען קאָן אים מאַכן פאַר אַ צדיק.

און אַזוי אויך פלעגט ער מיט וואַרעמקייט זיך פאַרהאַלטן צו אַנ־דערע צייטשריפטן, וואָס האָבן געדינט צו אַן אידעאַל. איבערהויפּט האָט ער ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו רעוואָלוציאָנערע געשע־ענישן: דאָס פלעגט אים אַ הייב טאָן אין דער הייך. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו שטעלן זיך אין דינסט.

„פרייע אַרבעטער שטימע“, יוני, 1946.

VII

ב. ריווקין ביי דער אַרבעט

ריווקינס בעסטע אַרבעט־צייט איז געווען דריי אַזייגער פאַרטאָג. ביי דער אַרבעט איז ריווקין קיינמאָל ניט געזעסן רואיק. עס פלעגט אים עפּעס ווי הייבן פון שטול. ער פלעגט זיך לאָזן גיין אַהין און אַהער איבערן צימער, און האָט זשעסטיקולירט, ווי ער וואָלט אויסגעשפּילט אַ מיסטעריעזע מעלאָדיע מיט די הענט, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעצויגן דורך עפּעס אַ כּישוף, געדאַנקען פון זיין מוח און פון זיין גאַנצן מהות. און אַז ער האָט דעם געדאַנק אַרויסגעקראָגן, פלעגט ער אויסשרייען אין דער הויך, ווי אָפּצוגעבן דעם געדאַנק אַ ברוך־הבא...

איך געדענק אַ פאַל, נאָך פון דער צייט ווען מיר זיינען געווען אין שיקאַגאָ. מיר האָבן געוואוינט אין אַ „מעבלירטן צימער" אויף קאַליפאָרניאַ עוועניו. מיט אַ שטאָק נידעריקער האָט געוואוינט אַ יונגע פּאָרפאָלק, אַמעריקאַנער געבוירענע. איין פרימאָרגן איז ריווקין געזעסן שטיל, זיך צוגעגרייט צו אַן אַרבעט. ווען ריווקין פלעגט מאַכן באַטיצן, האָט מען אים ניט געהערט — אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער...

יענעם פרימאָרגן בין איך אַרונטער נאָך צייטונגען, דאָס יונג ווייבל, די אונטערשטע שכנה, באַגעגנט מיך אויפן גאַנעק. מיר באַגריסן זיך. זי פרעגט מיך, פאַרוואונדערט: וואָס איז דער מער מיט מר. ריווקין, ער האָט היינט ניט געדאַוונט? — איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ריווקינס אַרומגיין איבערן צימער און פּלוצלינגדיקע אויסגעשרייען פלעגט זי אַנדערש ניט קאָנען פאַרשטיין ווי נאָר אַז ריווקין דאַוונט אַלע אינדערפרי.

* * *

ריווקינען פלעגן אָנקומען ביכער פון עלטערע און יינגערע שרייבער, ביכער וואָס האָבן באַדאַרפט קריטיקירט ווערן; אויך ביכער, וואו ס'איז

שווער געווען צו געפינען אַ ווערטפולן וואָרט אָדער געדאַנק. אָבער ריווקין האָט אַלעמאָל געוואָלט העלפן אַ נייעם שרייבער.

ריווקין פלעגט אַ בוך פון אַ יינגערן שרייבער לייענען עטלעכע מאָל. יעדע שורה איז געווען אונטערגעשטראָכן מיט זיין האַנט. ניט איינמאָל פלעגט ער מיר זאָגן, אַז ער ווייסט אויף וואָס פאַראַ זייט די שורה געפינט זיך.

אַ יונגן שרייבער האָט ריווקין קיינמאָל ניט אַרונטערגעריסן. אָפט־מאָל פלעג איך טראַכטן, אַז ריווקין איז ניט גערעכט: פאַרוואָס ניט זאָגן, אַז דער אָדער יענער שרייבער טויג ניט? איך פלעג עס אויך זאָגן ריווקינען. ער פלעגט שמייכלען און ענטפערן — אַ דאַנק דיר. אַ גרויסער אויפטו! איך זוך ביי אים אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. איך זאָל אים קענען אַ שטויס טאָן, אַ טראָג טאָן אין אַ געוויסער ריכטונג.

און ריווקין פלעגט טאַקע אוועקגעבן אַ סך צייט אויף אַ בוך פון אַ יונגן שרייבער, וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן.

* * *

פּאַסירן פלעגט, אַז ריווקין האָט ניט געפונען (אין אַ בוך פון אַ יונגן שרייבער) עפּעס ווערטפולעס. פלעגט ער, אַן אויפגערעגטער, אַריינלויפן אין מיין צימער מיט אַ געשריי: „אַנשיקעניש! איך דער־לייג צו דעם קאָפּ!"

איך ווער אויף ריווקינען אין כעס, פאַרוואָס ער גיט אוועק אַזוי פיל צייט אומזיסט. ריווקין גייט אַוועק אין זיין צימער, זעצט זיך ביים שרייבטיש. און דאָ דערהער איך, אַז ער רופט מיך און איך גיי אַריין. אַרום זיין מויל האָט זיך געשנירלט אַ גוטמוטיקער שמייכל. ריווקין זאָגט צו מיר: „קום אַהער: דו פאַרשטייסט, איך נעם זיינע קליינע געדאַנקען און צעאַרבעט זיי. מאַך זיי גרויס, ווייל זיי ווי מ׳קען פון קליינע געדאַנקען מאַכן גרויסע".

דאָ ווערט שוין ריווקין אין כעס אויף מיר: — צו וואָס זאָל איך עס טאָן? וויבאַלד זיי זיינען קליין, זאָלן זיי בלייבן ווי זיי זיינען?! דו ווייסט וואָס איך טו פאַר אַ שרייבער?! איך גנבע אַרויס די סעקרעטן פון רעליגיע, און גיב זיי איבער צו די קינסטלערישע שרייבער: דאָרט זיינען פאַראַן נייע אויפטוען. דו ווייסט, אַז דאָס איז אַ נייער וועג, ווי אַזוי מ׳קאָןריידן וועגן רעליגיע צו אומגלויביקע!

„דו ווייסט, די צרה מיט אַ סך שרייבער האַלט איך, קומט דערפון וואָס זיי זיינען אינערלעך אויסגעליידיקט געוואָרן פון די אַלטע באַגריפן,

און צו די נייע באַגריפן ניט צוגעקומען. דו פאַרשטייסט, מיין גאַנג איז גאָר אַ נייער".

* * *

ריווקין טוט זיך אַ הייב פלוצלינג פון שטול און שאַרט מיט דער האַנט די האָר אַראָפּ און אַרויף, און שפּאַנט אַהין און צוריק מיט אַזאַ אימפּעט איבערן צימער, אַז ס'הייבט מיר זיך אָן אויסוויזן, אַז די ווענט ציטערן. אַזוי האָט ער אָנגעשטימט דעם צימער מיט אימפּעט...

און באַלד קומט ריווקין צו צו מיר: „זיי רואיק, האָב נאָר געדולד! אָט ווי נאָר כ'וועל זיך פאַרזיכערן כאָטש אויף אַ האַלב יאָר אָנצוגיין, וועל איך נעמען סיסטעמאַטיש אַרבעטן אויף מיין דראַמע, און אויב מ'וועט זי אויפפירן, און ס'וועט זיין אַ דערפאָלג, בין איך אַוועק־געשטעלט.

„דו הערסט, מינא, ביי מיר זיינען דאָ צוויי שטימונגען: איינע אַ ניכטערע, אַ פּאָרזיכטיקע, וואָס הייסט באַאורטיילן אַלץ מיט לאָגיק. זי זאָגט מיר, איך זאָל ניט זיין איבעראיילט, כ'זאָל אָפּלייגן. אַ צווייטע שטימונג, די בעסערע, איז די שטימונג פון אמונה: דאָס איז אין איינ־קלאַנג מיט דער פילאָזאָפיע פון מיין בוך „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע". עס איז דער גרונט־פּרינציפּ מיינער: צו ריזיקירן אויף אמונה. זאָל נאָר אָן אָנהייב זיין, וועט דאָס איבעריקע שוין צוקומען, און אַלץ וואָס איך אונטערנעם, וועט זיך לאָזן דערגרייכן צען מאָל שנעלער..."

„פרייע אַרבעטער שטימע", יוני 27, 1947.

VIII

ב. ריווקינס פערזענלעכקייט

אום צו דערקענען די קאַלירפולע פערזענלעכקייט פון ריווקינען, האָט מען באַדאַרפט לעבן און זיין נאָענט מיט אים אין אַ משך פון יאָרן, ערשט דאַן האָט מען געקאָנט אויפנעמען די קינסטלערישע, ווי אויך די קינדערשע נאַאיווע שטריכן פון זיין כאַראַקטער.

ריווקינס גוטמוטיקע נאָכגעביקייט האָט מיך ניט איינמאָל געמאַכט צו גלויבן, אַז איך קען טאָן מיט אים וואָס איך וויל; און איך האָב טאַקע גענומען אים זאָגן דעות: אַזוי און אָט אַזוי! אָבער דאָס אַלץ בנוגע אויסערלעכע זאַכן: ווי אָנצוטאָן זיך אָדער אויסבינדן ריכטיק דעם שניפּס. און ער, ווי אַ קינד, האָט אַלץ אויסגעפאָלגט.

גאָר אַנדערש אָבער האָט ער רעאַגירט, ווען איך פלעג זיך מישן אין זיינע שרייבערישע ענינים. דאָ פלעגט ער אויפברויזן ווי דער ים אונטער אַ שטורם, און שרייען אַזוי אַז די ווענט האָבן ממש געציטערט.

דער כעס פלעגט ביי ריווקינען לאַנג ניט אָנהאַלטן. אַז ער האָט זיך באַרואיקט, איז ער צוגעקומען צו מיר און שטיל, נאָכגיביק געזאָגט: דו ווייסט, מינאַ? מען קען מיר ניט זאָגן ווי אַזוי איך זאָל שרייבן! איך האָב אידייען, דאַרף איך זוכן אַ וועג ווי זיי דורכצוטראָגן דורך מיינע אַרטיקלען.

איך קוק אויף אים און שווייג. אָבער מיין שווייגן האָט אים באַאומרואיקט. איז ער אַוועק צו זיך אין צימער און געלעגן אַ פּאָר מינוט אויף דער קושעטקע, און באַלד נאָך אַמאָל אַריין צו מיר און אויסגעשריען:

— דיין שווייגן שטערט מיר אין דער אַרבעט: זאָג, וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

איך קנייטש מיט די אַקסלען, און ענטפער אים:

— איך זאָג דיר דען ווי דו זאָלסט שרייבן? איך האָב געוואָלט מאַכן דיר אויפמערקזאַם אויף דעם וואָס דו פאַרגעסט אַז דו ביסט אַ לעבעדיקער מענטש און דאַרפסט דאָך האָבן אויף דער הוצאה; דו אַרבעסט דאָך אָן באַצאָלט.

ריווקין האָט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געמיינט, און האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ ווי ער וואָלט זיך געשעמט, וואָס עס קריכן מיר אין קאָפּ אַזוינע פּראָזאאישע זאַכן, און ער ענטפערט:

— שרעק זיך ניט!

דעם טאָג האָט ריווקין שוין מער ניט געאַרבעט.

ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און גענומען אין האַנט דעם הוט און איז אַוועק.

אַרום פינף אַזייגער ריווקין איז געקומען אַהיים, אַן אומעטיקער. איך פרעג:

— וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק?

ער רופט מיך צו צו זיין שרייבטיש, און מיט אַ קינדערשער שולדיקייט זאָגט ער:

— איך דאַרף האָבן צען דאָלאַר.

ריווקין האָט דאַן געאַרבעט אויפן שרייבער פּראָיעקט. און פאַר־דינט דריי און צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. אַז איך האָב דערהערט אַז ער וויל צען דאָלאַר איז מיר קאַלט געוואָרן. אינגאַנצן האָט ער די וואָך מיר געגעבן דריי און צוואַנציק דאָלאַר בעט ער ביי מיר צען צוריק. דאָס איז געווען אַ זאַך וואָס ריווקין האָט עס קיינמאָל פריער ניט געטאָן. אַז איך פלעג אים געבן צוויי דאָלאַר אין קעשענע פלעגט ער אַ קוק טאָן אויף די צוויי דאָלאַר און שמייכלען, און דערביי זאָגן: זי מאַכט מיך פאַר אַ גביר!

איך וויל אים ניט איבערפרעגן צו וואָס ער דאַרף דאָס געלט. איך נעם אַרויס צען דאָלאַר און גיב אים. ער האָט אָנגעטאָן זיין מאַנטל און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. און איך באַגלייט אים. ביים צומאַכן די טיר ברומט ריווקין שטיל אַרויס: „גאַרדין האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן דעם חודש דירה־געלט" — און איז אַוועק.

ווי אבא גאַרדין דערציילט מיר איצט האָט ריווקין אים געבראַכט פאַרן חודש דירה־געלט, עטלעכע און צוואַנציק דאָלאַר. אָבער ער האָט ביי אים דאָס געלט ניט גענומען. גאַרדין האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער האָט ריידנדיק מיט ריווקינען בלויז דערמאָנט, אַז היינט דאַרף

ער באַצאָלן דירה־געלט, און ריווקין האָט עס אויסגעטייטשט, אַז עס מיינט ער האָט ניט מיט וואָס צו צאָלן, און ריווקין האָט זיך אָפּ־גערופן: „איך וועל פרעגן מינאַן". גאָרדין איז געווען טשיקאַווע צו זען צי ריווקין איז טאַקע אַזוי חבריש אים אויסצובאָרגן פאַר אַ חודש דירה־געלט. און אַז ריווקין האָט עס געטאָן, האָט אים גאָרדין שטאַרק באַדאַנקט; זיי האָבן צוזאַמען געגעסן מיטאָק און ריווקין מיט די פּאָר דאָלאַר איז אַוועק. ווי איך פאַרשטיי עס איצט, האָט ריווקין דאָס איבעריקע געלט אויסגעליען ביי אנדערע שרייבער און עס געבראַכט גאָרדינען. דאָס איז געווען אין 1937.

2

איינמאָל איז ריווקין אַהיים געקומען עלף אַזייגער אין אָוונט. ער איז אַריין אין שטוב, שטייט און טוט זיך ניט אויס, האַלט דעם הוט אין דער האַנט. און קוקט אַראָפּ צום דיל. און דורך די פאַרשלאָסענע ליפּן האָבן זיך געזיפּט אַ פּאָר שטילע ווערטער: גיב מיר צוויי דאָלאַר! איך פרעג ריווקינען צו וואָס ער דאַרף די צוויי דאָלאַר. ער שווייגט. הגם עס איז געווען סוף וואָך, און איך האָב ניט געהאַט מער ווי צוויי דאָלאַר מיט עפּעס קליינגעלט, גיב איך אים די צוויי דאָלאַר.

ריווקין איז אַוועק. אין אַ שעה אַרום ריווקין איז דאָ צוריק. און איך פרעג אים ניט וואָס ער האָט געטאָן מיט די פּאָר דאָלאַר. איך האָב געמאַכט קאַווע און עפּעס צובייסן און אַריינגערופן ריווקינען אין קיך צו כאַפּן אַ ביים. ריווקין טרינקט די קאַווע און בייסט צו און שמייכלט אונטער. — דו ווייסט אויף וואָס איך האָב באַדאַרפט די צוויי דאָלאַר? אַן אָרעמע פאַמיליע האָט ניט געהאַט פאַרוואָס צו קויפן אַ פלעשל מילך די קינדער. און איך טראַכט: און איך האָב יע פאַרוואָס צו קויפן אַ פלאַש מילך? און באַלד פאַרענטפער איך זיך אַליין די פראַגע: קינדער זיינען בילכער.

ריווקין האָט יענע נאַכט געזעסן ביז פאַרטאָג. אָנגעשריבן אַן אַרטיקל און זיך ניט צוגעלייגט, נאָר גלייך נאָך פרישטיק אַוועקגעטראָגן דעם אָנגעשריבענעם אַרטיקל אין „אידישן קעמפער". דער רעדאַקטאָר האָט ריווקינען באַצאָלט אין פאָרויס. מיט אַ שמייכלדיקער מידקייט אין די אויגן איז ריווקין געקומען אַהיים. מיר אָפּגעגעבן דעם צענערל און זיך געלייגט שלאָפן.

3

איך גלויב עס איז געווען סוף 1937. ריווקין איז שוין געווען אַראָפּ פון שרייבער פּראָיעקט, ווייל „די קרעאַטיווע גרופּע" האָט זיך אויפ־געלייזט. עס זיינען געבליבן די, וואָס זיינען פאַרדעם געווען אויף „רעליף".

ריווקין פלעגט אָנשרייבן אַן אַרטיקל און עס אַוועקטראָגן ערגעץ אין אַ זשורנאַל צום פאַרקויפן. אַזוי פלעגן מיר דורכקומען די וואָך. אָבער אויף דירה־געלט איז ניט געווען. דריי חדשים זיינען מיר שוין געווען הינטערשטעליק.

אין אַ פרימאָרגן קלאַפּט מען אָן אין טיר, איך עפן, אַ הויך געשטאַלטיק פערזאָן מיט אַ ברייטן הוט אויפן קאָפּ לאָזט זיך אַריין. מיט ריווקינען האָט ער זיך באַגריסט ווי אַלטע באַקאַנטע.

ער זעצט זיך אויף אַ שטול און הויבט אָן דערציילן ריווקינען אַז ער האָט אָפּגעדרוקט זיינס אַ דראַמע אין אַ געוויסער פעריאָדישער שריפט, און די קריטיק האָט עס צו נישט געמאַכט.

בעט ער ריווקינען ער זאָל לייענען זיין דראַמע, און שרייבן וועגן איר, אַפילו אַרונטעררייסן; אַבי ריווקין זאָל שרייבן. און לייגט פאַר ריווקינען פאַר דער אַרבעט צוויי הונדערט דאָלאַר. ריווקין טוט זיך אַ הויב פון שטול, און לויפט צו נאָענט צו דעם שרייבער, און שרייט אויס: איר ווייסט אַז ווען מען באַצאָלט מיר פאַר אַן אַרבעט זאָגט זיך אָפּ מיין פען צו אַרבעטן. ביי די ווערטער האָט ריווקין זיך געכעסט, אַזש געריסן די האָר פון קאָפּ. דער שרייבער האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט. און אַלס שטראָף געמאָנט צען דאָלאַר ביי ריווקינען וואָס ער האָט ביי אים געבאָרגט מיט אַ פאָר יאָר צוריק.

ריווקינס פנים האָט זיך פאַרענדערט, זיין שטימע געבראָכן.

איך בין צוגעגאַנגען צום שרייבער, ווענעס נאָמען איך וויל ניט דערמאָנען און אים געזאָגט: — קיין צען דאָלאַר האָבן מיר ניט. אָבער איך נעם זיך אונטער אייך אויסצוצאָלן דעם חוב. דאָס מיינט צוויי דאָלאַר אַ וואָך. ער האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאָג. איך מאַך מיט אים אָפּ אויף דאָנערשטיק צוויי אַזייגער בייטאָג אין „קרוסיידער" אויף דער 14טער גאַס. צי איך האָב אים אויסגעצאָלט די גאַנצע סומע, דאָס געדענקט איך ניט, אָבער אַ טייל האָב איך זיכער אים אָפּגעגעבן.

IX

ווי אַזוי איך האָב צענויפגעשטעלט ריוווקינס ביכער

(געלייענט צום אָנדענק־אָוונט אַראַנזשירט פון „פען קלוב"
דעם 18טן אָקטאָבער, 1952)

זעכצן יאָר האָב איך געאַרבעט מיט ריוווקינען, עליו־השלום. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין איבערשרייבן אַלע זיינע כתבים אויף דער שרייב־מאַשין.

ווען ריוווקין איז אַוועק פון אונדז אין יאָר 1945, האָב איך די שרייבמאַשין פון מיין טיש ניט אַראָפּגענומען. באַלד נאָך „שבעה" האָב איך אונטערגענומען די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון צענויפזאַמלען אַלע זיינע פאַרעפנטלעכטע און נאָך ניט פאַרעפנט־לעכטע שריפטן און זיי צענויפגעשטעלט אַזוי אַז מען זאָל זיי קאָנען אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם.

דאָס ערשטע בוך וואָס איך האָב צוגעגרייט צום דרוק איז געווען „יידישע דיכטער אין אַמעריקע", ערשטער באַנד. איך האָב דאָס בוך געבראַכט צו פריינט לייוויקן. ער האָט אַ בליק געטאָן דאָס ווערק, און ער האָט מיר דערקלערט אַז מע דאַרף אויסשטעלן די עסייען לויט דעם עלטער פון די פּאָעטן. און מיר האָבן עס גלייך געטאָן. ער האָט אויסגערופן די נעמען פון די דיכטער לויט דער כראָנאָלאָגיע און איך האָב דערלאַנגט ריוווקינס אַרטיקלען וועגן זיי.

דאָס בוך האָט לייוויק איבערגעגעבן דעם פאַרלאַג „ציקאָ", און אַ דאַנק זיין רעקאָמענדאַציע האָט די „ציקאָ" זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן דאָס ווערק.

לייוויק האָט זיך אויך געווענדט צו אבא גאָרדין, ער זאָל אָנ־

שרייבן פאַרן בוך אַ קורצע ביאָגראַפיע פון ריווקינען. איך האָב דערפון ניט געוואוסט. ווען דאָס בוך איז שוין געווען איינגאַנצן אויפגעזעצט, און גאָרדין האָט זיין אַרבעט נאָך ניט געהאַט צוגעשטעלט, האָט לייוויק מיך אָפּגערופן און געבעטן אַז איך זאָל צופאָרן צו גאָרדינען און זען ער זאָל זיך צואיילן און ניט פאַרהאַלטן דאָס דערשיינען פון בוך.

איך האָב עס גלייך געטאָן, און גאָרדינען איבערגעגעבן לייוויקס פאַרלאַנג. גאָרדינס ענטפער איז געווען: זאָל לייוויק באַשטעלן עס ביי עמיצן אַנדערש. איך בין ניט געזונט און קען זיך ניט אָפּגעבן מיט גיין אין ביבליאָטעק און אויסגעפינען דעטאַלן פון ריווקינס לעבנס־געשיכטע.

האָב איך די אַרבעט גענומען אויף זיך, און גאָרדינען צוגעשטעלט די נויטיקע אינפאָרמאַציע, אַזוי אַז דאָס האָט אים פאַרשפּאָרט אַ סך אַרבעט. און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער טאַקע פאַרפאַרטיקט זיין קורצן ביאָגראַפישן אַרטיקל און אים צוגעשיקט צו לייוויקן. עס איז אַריין אין בוך „יידישע דיכטער אין אַמעריקע" ווי אַ מין אַריינפיר.

אין דער זעלביקער צייט האָב איך זיך פאַרנומען מיט אַ צווייטן בוך און דאָס איז „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע". דאָס צוזאַמענשטעלן פון אָט־דעם בוך איז מיר אָנגעקומען, פון איין זייט, פיל לייכטער און, פון דער צווייטער, פיל שווערער, הגם דער הויפּט־טייל פון בוך אַ „גלויבן פאַר אומגלויביקע" איז געווען אַ גאַנצע אַרבעט, וואָס ריווקין האָט פאַרענדיקט און געהאַט גרייט צו דרוק נאָך אין יאָר 1936. וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן איז בלויז איבערשרייבן. אָבער דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די שוועריקייטן: דאָס איז געווען אַ מאָנאָגראַפיע פון איבער הונדערט זייטן, אום צו מאַכן אַ בוך פון דריי הונדערט זייטן האָט מען געדאַרפט צוגעבן אַ צאָל עסייען וועגן שרייבער און בלויז וועגן אַזעלכע וואָס האָבן באַהאַנדלט יידישע רעליגיעזע ענינים. אַזוי אַז אָט־די עסייען האָב איך געמוזט אויסזוכן און אָפּקלייבן פון פאַרשיידענע זשורנאַלן.

אַז איך האָב שוין געהאַט פאַרטיק די אַרבעט, האָב איך עס אַוועקגעטראָגן צו דוד איגנאַטאָוון און אים געמאַכט אַ פאָרשלאָג אַז דער „דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד" זאָל עס אַרויסגעבן. דוד איגנאַטאָוו האָט דאָס בוך אָנגענומען. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך אים אָפּגערופן אויסצוגעפינען צי מען האָט שוין גענומען זעצן דאָס בוך. האָט ער מיך געבעטן אַריבערקומען אין „היאַס". אַז איך בין געקומען האָט ער מיר אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, אַז דער „פאָנד" קען עס ניט אַרויסגעבן. פרעג איך דערשטוינט: — פאַרוואָס? ס'טייטש?

איר האָט דאָך עס אָנגענומען! זאָגט איגנאַטאָוו צו מיר, אַז אַ שרייבער, וועמעס נאָמען ער האָט ניט געוואָלט אָנרופן, האָט אים אָפּגערופן און אים פאַרזיכערט, אַז דאָס אייגענע בוך זעצט זיך שוין אין „ציקאָ" פאַרלאַג. אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז עס הויבט זיך ניט אָן, אַז די „ציקאָ" האָט אַ בוך וועגן פּאָעזיע און דאָס איז אַ בוך וואָס באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון גלויבן, האָט ער מיין דערקלערונג ניט אָנגענומען, און האָט מיר אומגעקערט דעם מאַנוסקריפּט.

איך בין אַרויס פון „היאַס" אַ דערשלאָגענע. און ניט געוואוסט אויף דעם מאָמענט, וואָס צו טאָן, צו וועמען זיך ווענדן.

שטייענדיק אַזוי אין פאַרלאָרנקייט, פאַלט מיר איין, אַז איך זאָל זיך ווענדן צו גאָרדינען. איך האָב געוואוסט אַז גאָרדין איז געווען אַ גוטער פריינט פון ריווקינען און איז אויך אַ פריינט פון דוד איגנאַטאָוון, טראַכט איך אפשר פון דאָרטן וועט קומען די הילף.

בין איך אַוועק צו פריינט גאָרדינען מיטן בוך.

אַ קוק־טוענדיק אויף מיר האָט גאָרדין גלייך געזען אַז איך בין אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע.

און ער פרעגט מיך: וואָס קען איך טאָן פאַר אייך? — אַז איך האָב אים קלאָר געמאַכט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער מיך געבעטן אים איבערלאָזן דעם מאַנוסקריפּט און ער וועט אַליין זיך שוין זען מיט איגנאַטאָוון און באַזייטיקן די מיספאַרשטענדעניש. ער האָט אויך גענומען אויף זיך דאָס רעדאַקטירן פון ווערק.

איז דאָך בוך דערשינען אין „דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור פאָנד" אין אַ פּראַכטפולער אויסגאַבע מיט פילע צייכענונגען אין יאָר 1947, אַ פּאָר וואָכן פריער פון די „יידישע דיכטער אין אַמעריקע" וואָס דער „ציקאָ" פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן.

אָט אַזוי האָב איך באַוויזן מיט דער הילף פון ריווקינס פריינט צו באַזאָרגן צוויי ביכער.

אָבער דאָס האָט מיך נאָך ניט צופרידן־געשטעלט, און איך האָב זיך גענומען פאַר נאָך אַ וויכטיק ווערק פון ריווקינען און דאָס איז „די גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". צענויפגעשטעלט דאָס בוך, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן אַ פאַרלאַג. איז מיר איינגעפאַלן זיך גאָר ווענדן צום „איקוף". שטעלט זיך אַרויס, אַז דער „איקוף" פאַרלאַג פאַרלאַנגט אַ ספּאָנסער, וואָס זאָל אַריינטראָגן די סומע פון פינף הונדערט דאָלאַר. האָב איך נאָך אַ היפּשער אָנ־

שטרענגונג געקראָגן אַ ספּאָנסער, ריווקינס אַ שוואָגער. איז שוין אַלץ גוט! פּאַסירט אַן אומגליק: דער שוואָגער, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען דאָס פאַרשפּראָכענע געלט מאָנטיק אין דער פרי, קריגט שבת אַ האַרץ אַטאַקע און שטאַרבט. און איך בין געבליבן הענגען מיטן בוך צווישן הימל און ערד.

וואָס זאָל איך טאָן, עס איז דאָ אַ געלעגנהייט אַרויסצוגעבן ריווקינס אַ דריטן בוך, אָבער וואו נעמט מען אַזאַ גרויסע סומע? בין איך אַוועק צו מיין שוועסטער און שוואָגער, רבקה און איזידאָר ראָס, און זיי פאַר־טרויט מיין ביטערע לאַגע. האָבן זיי געקראָגן אַ „געזעלשאַפט" דאָס מיינט אַ סאָסייעטע וואָס באַרגט אַ מיטגליד געלט אָן פּראָצענט. אויף זייערן אַ פריינטס גוטהייסן האָב איך געקראָגן פינף הונדערט דאָלאַר און זיך פאַרפליכט אויסצוצאָלן דעם חוב אין משך פון אַ יאָר. אַזוי אַז איך האָב אַליין געספּאָנסערט דאָס בוך „גרונט־טענדענצן".

האָב איך שוין באַזאָרגט דאָס דריטע בוך, האָב איך גענומען צונויפשטעלן דאָס פערטע: „קריטישע עסייען וועגן אונדזערע פּראָזאַ־איקער"; און גלייכצייטיק האָט זיך אָרגאַניזירט אַ „ב ריווקין בוך־קאָמיטעט" אין וועלכן יוסף אָפּאַטאָשו האָט געטאָן איבערגעגעבענע אַרבעט.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סומע פון קאַרגע טויזנט דאָלאַר. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג צו דעקן די הוצאות פון אַרויסגעבן אַ בוך פון דריי הונדערט און צוואַנציק זייטן.

וואָס זאָל מען טאָן? האָב איך פאָרגעלייגט דעם קאָמיטעט איבער־צוגעבן דאָס בוך דעם „איקוף". איך האָב אָבער דעם קאָמיטעט ניט אויסגעזאָגט אַז דער „איקוף" האָט זיך שוין אונטערגענומען אַרויס־צוגעבן ריווקינס אַ בוך און עס האַלט נאָך ווייט פון דערשיינען. דער קאָמיטעט האָט מיין פאָרשלאָג אָנגענומען, און איך האָב אויך דאָס בוך איבערגעגעבן דעם „איקוף".

דערווייל האָב איך פאַרפאַרטיקט צום דרוק ריווקינס מאָנאָגראַפיע „יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג", וואָס איז דערשינען אין אָנפאַנג 1948 אין גרשון פּאָמעראַנץ עססיי ביבליאָטעק אין טאָראָנטאָ. עס איז אַ דע־לוקס אויסגאַבע.

דאָס בוך „גרונט־טענדענצן" איז דערשינען אין סוף פון זעלביקן יאָר, דאָס הייסט אין 1948.

„אונדזערע פּראָזאַאיקער" אין יאָר 1951. האָבן מיר פינף ביכער.

דאָס זעקסטע בוך „יידישע יום־טובים" האָב איך אַרויסגעגעבן אויף מיין אייגענעם חשבון. דאָס מיינט פון די ראָיעלטעס וואָס איך האָב געקראָגן פון די פאַרלעגער, און מיט דער הילף פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד" איז דערשינען ריווקינס גאָר וויכטיק ווערק, וואָס ווייזט אָן אַ וועג ווי אַזוי צו באַנייען און באַלעבן אונדזערע יום־טובים.

ווען ריווקין וואָלט געוואוסט, אַז נאָך זיין אַוועקגיין וועלן דער־שיינען זיינע זעקס ביכער, וואָלט אים דאָס שיידן זיך מיטן לעבן פיל לייכטער געווען.

זיינע לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט אין פולער פאַרצווייפלונג, זיינען געווען: מיינס אַ בוך וועלן זיי קיינמאָל ניט אַרויסגעבן.

ב. ריווקין און זיין צווייטע פרוי מינא באָרדא־ריווקין

צווייטער טייל

קריטישע עסייען

ש. ניגער

I

קריטיק — „ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג״

„ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג״ איז אַ ביסל אַ טרוקענע, דערפאַר אָבער אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון דעם קריטיקערס הויפּט־פונקציעס. זי שטאַמט פון אַ שרייבער, וואָס איז גראָד ניט געווען טרוקן, און קורץ — אַוודאי ניט: דאָס איז דער אַזוי פריצייטיק פאַרשטאָרבענער ב. ריווקין, אין זיין בוך „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור״ (צונויפגעשטעלט פון מינאַ באָרדאָ־ריווקין, איקוף־פאַרלאַג, 1948), לייענען מיר: „עס איז ניטאָ קיין גרעסערע סתירה, וואָס זאָל אַרבעטן אַזוי להיפּוך די לעבנס־אינטערעסן פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי די סתירה צווישן דער ליטעראַטור און דער ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג — דער קריטיק״. (ז. 274). און, כדי מיר זאָלן זיין זיכער, אַז דווקא אונדזער קריטיקער־ענטוזיאַסט האָט גענומען אָט דעם, אַביסל צו טעכנישן, אויסדרוק זייער ערנסט און, אַז דאָס איז ניט געווען ביי אים סתם אַזוי אַ ווערטל, ווי היפּשע עטלעכע אַנדערע, גלייכע אָדער קרומע, ווערטלעך, „באָן מאָס״, וואָס זיינען אַרויסגעשוואומען אויף דעם שוימיקן שטראָם פון זיין שרייבן, ווען ער האָט זיך צעכוואַליעט, — וויל איך ציטירן, וואָס ער שרייבט מיט אַ פּאָר זייטלעך ווייטער. דאָרט זאָגט ער וועגן דער יידישער קריטיק, אַז זי איז „ספּעציעל באַרופן צו זיין ניט נאָר אַ מיטשאַפערין, נאָר אויך אידייאישע פירערין פון דער ליטעראַטור, די אָרגאַניזאַטאָרין פון איר באַוואוסטזיין, איר שפּייזערין מיט אידייען א. אַז. וו.״ (ז. 267). ס׳איז, הייסט עס קלאָר, אַז די קריטיק — אין יעדן פאַל, די יידישע קריטיק — דאַרף, לויט ב. ריווקינען, ניט זיין באַשיידן, און אַנגאַזשירן זיך אַליין פאַר דער יידישער ליטעראַטורס („איין דאָלאַר אַ יאָר״) פאַרוואַלטערין. דאָס

פֿאָדערן די לעבנס־אינטערעסן פֿון דעם יידישן וואָרט גופֿא, ניט נאָר אונדזער קריטיקערס — אַביסל צו גרויסע און צו הייסע — אַמביציעס. די יידישע ליטעראַטור וויל, זי חלשט, ממש, אַז ער זאָל איינוויליקן צו נעמען אויף זיך דעם שווערלעכן עול פֿון אַ ליטעראַרישן „צאַר״ — והוא ימשול בה, און ער זאָל אין איר, איבער איר קאָמאַנדעווען. זי וואַרט און קען זיך ניט דערוואַרטן, ביז יעדער יידישער קריטיקער וועט, ענדלעך, ווערן, וואָס ב. ריווקין, ע״ה, איז געווען, אָדער וואָלט געקאָנט זיין, ווען מען זאָל אים לאָזן. אויב דאָס זאָל, חלילה וחס, ניט געשען, וועט די בלינדע ליטעראַטור, נעבעך, בלאָנדזשען, ניט האָבנדיק קיין פֿירער; איר באַוואוסטזיין וועט בלייבן ניט אָרגאַניזירט און — וואָס עס איז דאָס ערגסטע — זי וועט, פּשוט, אויסגיין פֿון אידייאישער בלוטאָרעמקייט, פֿון גייסטיקן ניט־דערעסן. ובכן — פֿון איר טובה וועגן מוז דער קריטיקער, דער פּאַרוואַלטער, דער פֿירער, וואָס איז, ווי מיר ווייסן, שטענדיק אויסן נאָר יענעמס טובה, ווערן איר אידייען־שפּייזער. ער מוז איר צושטעלן גייסטיקן פּראָוויאַנט, שוין ניט גערעדט וועגן אַמביציע.

און ב. ריווקין איז געווען אַ נאה מקיים, ניט נאָר אַ נאה דורש. ער האָט זיין לערע פֿון פּאַרוואַלטונג און פּראָוויאַנטירונג קריטיק פּראַק־טיצירט. דערביי האָט ער זיין גייסטיקע באַשפּייזונג־פּאָליטיק געפֿירט מיט אַ ברייטער האַנט, בשפֿע, ניט אויפֿן שטייגער פֿון צנע.

עדות זיינען די פֿיר ביכער, וואָס זיינען אַרויס נאָך זיין טויט: „אַ גלויבן פֿאַר אומגלויביקע״, צונויפֿגעשטעלט פֿון מינאַ באָרדאָ־ריווקין, רעדאַקטירט פֿון אבא גאָרדין און אַרויסגעגעבן פֿון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פֿאָנד (ניו־יאָרק, 1947); „יידישע דיכטער אין אַמעריקע״, ערשטער באַנד, (ציק״א ביכער פֿאַרלאַג, ניו יאָרק, 1947); דאָס שוין פֿריער דערמאָנטע בוך „גרונט טענדענצן פֿון דער יידישער ליטעראַטור״; און „יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג״, פֿאַרלאַג גרשון פּאָמעראַנץ עסיי־ביבליאָטעק, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1948).

פֿון די דאָזיקע אַלע ביכער, ווי אויך פֿון די שריפֿטן, וואָס זיינען נאָך אין בוך־פֿאָרם ביז איצט ניט אַרויס, קאָן מען זען, אַז די דיעטע, וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער ליטעראַטור־פֿירער האָט באַשטימט פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ ביסל מאָנאָטאָן (כמעט אַלע יידישע שרייבערס, מעגן זיי זיין ווי פֿאַרשיידן איינע פֿון די אַנדערע, מעגן זיי האָבן געהערט צו די פֿאַרשיידנסטע עפּאָכעס און ריכטונגען, האָט ער באַזאָרגט מיט די זעלביקע געריכטן: „גרויס־תּכלית״, „כמו־טעריטאָריע״,

„געשטאַלט־געבונג", „מענטש־שאַפונג", „משיחיזם"). אָבער די עצם גייסטיקע „שפייז" האָט ער ניט געקאַרגט. די חלקים אָדער פּאַרציעס וואָס ער האָט אויסגעטיילט, האָבן פאַרנומען הונדערטער און הונ־דערטער דרוק־זייטן.

מיט קליינע אויסנאַמען זיינען זיי אַלע פול מיט דעם ליטעראַטור־פאַרוואַלטערס אינסטרוקציעס — און מיט פאַרגלייכונגען צווישן זיי און די ווערק פון די פאַרוואַלטעטע שרייבערס. די פאַרגלייכונגען האָבן געזאָלט ווייזן, ווי ווייט דער אָדער יענער שריפטשטעלער האָט אויס־געפירט אָדער ניט אויסגעפירט דעם פאַרוואַלטערס, ד. ה., דעם קריטי־קערס ניט פינף־יאָריקע, נאָר פערמאַנענטע אידייען־פּלענער.

נעמט, אַ שטייגער, משה לייב האַלפּערן. לויט ב. ריווקינס מיינונג איז ער געשטאָרבן „אויפן האַלבוועג צו גאונות". פאַרוואָס עפּעס אויף דעם האַלבוועג? סטייטש, ער איז, לויט ריווקינען, געווען „אַ קינסט־לערישער געשטאַלט־געבער פון געבורט, וואָס מיט איין שנעל פון זיינע שפּיץ־פינגער פלעגן געשטאַלטן זיך נעמען טראָגן אין דער לופטן, שטייגנדיק אין אַ ספּיראַל צו דער קרוינענדיקער יידישער גרויס־געשטאַלט" („גרונט־טענדענצן"... ז. 277). פאַרוואָס־זשע איז די קרוינונג ניט געקומען? פאַרוואָס איז דעם פּאָעטס גאונות געבליבן „אויפן האַלב־וועג"? איז דער תירוץ: עס זאָל זיך אינמיטן האָבן אַריינגעמישט די פאַלשע קריטיק, — די קריטיק, וואָס איז ניט פון פאַרוואַלטערישן מין און ראַנג — „און אין רעכטן מיטן איז די פּראָצעסיע (צו דער קרוינונג) צעשאָטן געוואָרן..." די שלעכט־ (אָדער גאָרניט־) פאַרוואַלטנדיקע קריטיק האָט ביי משה לייב האַלפּערן געפונען „צוערשט בונטאַרישקייט, דערנאָך איינגעשטילטקייט, וואָס דאָס איז ביי איר אַ סימן געווען פון זיין „רייף ווערן", — וואָס דאָס מיינט, אַז ער איז שוין ראוי געווען אַלט צו ווערן און צו שטאַרבן, און ער איז געשטאָרבן, פריצייטיק אומגעקומען, אַ פאַרהונגערטער גייסטיק און מאַטעריעל" (דאָרט ז. 277).

ווי איר זעט, איז — לויט דער דאָזיקער שיטה, — החיים והמות ביד הלשון פונעם קריטיקער. איז ער אַ גוטער ליטעראַטור־פאַרוואַלטער, פירט ער דעם שרייבער — צו קרוינונג; אויב אָבער ניט, פירט ער אים — אין רעכטן מיטן גאַנג צו גאונות — אין אַ פונקט פאַרקערטער ריכטונג, ער פאַרהונגערט אים גייסטיק און לאָזט אים פריצייטיק אומקומען, גאָר פּשוט.

וואָלט מען אפשר געקאָנט פרעגן: וואו איז געווען אַזאַ געניטער און טרייער ליטעראַטור־באַשפּייזער, ווי ב. ריווקין אַליין? ער איז

געווען משה לייבס אַ צייט־חבר; פּאַרוואָס־זשע האָט ער אים ניט באַזאָרגט מיט אידייען־שפּייז באַצייטנס? מילא, מאַטעריעל האָט ער אים ניט געקאָנט העלפן; אָבער פאַרוואָס האָט ער אים גייסטיק געלאָזט פאַרהונגערן? אָבער... איך האָב ניט דערמאָנט דעם מ. ל. האַלפּערן־פאַל, כדי צו פרעגן קשיות. כ'בין נאָר אויסן געווען צו ברענגען אַן אילוסטראַציע פון דעם פאַרוואַלטערישן צוגאַנג צו ליטעראַריש־קריטישער דיאַגנאָסטיק. כ'האָב געוואָלט ווייזן, אַז לויט אָט דעם צוגאַנג, איז די קריטיק, וואָס נעמט אויף זיך אַליין די התמנות פון ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג, אַזוי מעכטיק, אַז אַן איר ווענדט זיך דער גורל — און דער גאַנג צו גאונות — פון דער גאַנצער ליטעראַטור, ניט נאָר פון אַזוינע איינציקע פאַרשטייערס אירע, ווי משה לייב האַלפּערן, ע"ה.

יאָ, לויט ב. ריווקינס זעלבסט־זיכערע דערקלערונגען קומט אויס, אַז די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט געליטן און ליידט (און קומט־אום!) — ווייסט איר, פון וואָס? דערפון, וואָס... דר. חיים זשיטלאָווסקיס גייסטיקע דיעטע פאַר יידישע שרייבערס האָט נאָר טיילווייז, אָבער ניט אינגאַנצן געשטימט מיט ב. ריווקינס אידייען־מעניו. נאָך גרעסער איז די שולד, וואָס עס טראָגט, לויט די זעלביקע דערקלערונגען, דער שרייבער פון די שורות. ער האָט גאָר אינגאַנצן ניט מסכים געווען מיט דעם פאַרשטאַרבענעם ליטעראַטור־פאַרוואַלטערס אידייען, האָט ער, ממילא, נאָך מער שאָדן געבראַכט דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דעם פּונקט וויל איך דאָ ניט אָנרירן. עס וואָלט געווען נויטיק צו ציטירן צופיל שטעלן פון ב. ריווקינס צענדליקער אָפּהאַנדלונגען, כדי אים צו אילוסטרירן. דערביי וואָלט איך געמוזט דעשיפרירן מיין אַנאָנימיטעט, ווייל דער פאַרשטאָרבענער קאָלעגע — כ'ווייס באמת ניט, פאַרוואָס — האָט אויסגעמיטן צו דערמאָנען מיין נאָמען. איז גלייכער צו נעמען פאַר אַ ביישפּיל ב. ריווקינס מיינונג וועגן דעם אומגעהויערן דעפיציט, צו וועלכן עס האָט געפירט זשיטלאָווסקיס יידישע „ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג" — און בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַביסל אָפּגעקערט פון ב. ריווקינס תורה. ווען ער וואָלט געווען טריי ריווקינס מעטאָד פון משיחישער געשטאַלט־געבונג און וואָלט געפירט יידישע שרייבער אויף אירע וועגן, וואָלט שוין לאַנג געקומען די גאולה. די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט וואָלט געהאַט אַזאַ יידישע ליטעראַטור, ווי די, וואָס זי דאַרף האָבן, די יידישע ליטעראַטור וואָלט געהאַט אַ יוגנט, וואָס וואָלט איר געהאָלפן שטופּן דעם כמו־משיח־אָדער כמו־טעריטאָריע־וואָגן, א. אַז. וו., א. אַז. וו. זשיטלאָווסקי

האָט זיך אַריינגעמישט מיט זיין אידעאָלאָגיע פון וועלטלעכקייט, מיט זיין גויאישער עסטעטיק — און אַלץ קאַליע געמאַכט...

אַזוי שטאַרק איז געווען ריווקינס גלויבן אין דעם וואונדער־טועדיקן כח פון דער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס ווערט „ליטעראַטור־פּאַרוואַלטונג"!

וויל זי, קאָן זי העלפן די גרונט־טענדענצן פון אונדזער ליטע־ראַטור; וויל זי ניט, קאָן זי זיי צעשטערן, ניט נאָר שטערן. זי קאָן זיי צעשטערן, כאָטש לויט ריווקינען זיינען זיי ניט סתם אַזוי טענ־דענצן, נאָר ממש „די עקזיסטענץ־געזעצן פון דער יידישער ליטעראַטור" (ז. 273) „ דער קריטיקער, אָט דער „ליטעראַטור־פּאַרוואַלטער", איז (וויזט זיך אַרויס) מעכטיקער, ווי די עצם „עקזיסטענץ־געזעצן" פון דער ליטעראַטור.

והראיה: „גראַד אין אַמעריקע", לייענען מיר אין ריווקינס „גרונט־טענדענצן", האָט די יידישע ליטעראַטור זיך גענומען משיחיזירן"... „פון אַמעריקע אַרויס האָט די יידישע ליטעראַטור זיך אָנגעשטעקט מיט דעם דראַנג צו אַ וועלט־דראַמע אָדער צו אַ וועלט־ראָמאַן אַרום אַ יידישן וועלט־גבור אָדער וועלט־דערלייזער" (ז. 267). אַלץ איז, אַזוי ווי אינעם פאַל פון משה לייב האַלפּערן, געווען אין רעכטן מיטן גאַנג צו „קרוינונג", אָט־אָט, נאָך אַ רגע, נאָך אַ האָר — און אונדזער קאָלעקטיווער יוסף דילה רינה, אונדזער משיחיזירטע ליטעראַטור וואָלט גובר געווען ליליתן וכל כת דילה, — איז געקומען דער — פון איר אונטערגעשיקטער — דר. זשיטלאָווסקי מיט זיין „גויאישער" קונסט, וואָס לויט ריווקינען איז זי ניט קיין אַנדער זאַך ווי „די פעלשונג פון אמת פאַר דעם געגנוס פון פריצים, וואָס זייער איינציקע פונקציע אין לעבן איז געניסן" (ז. 273). „און די אימיטאַטאָרישע אידעאָלאָגיע האָט גע־נומען געפאַנגען די יידישע ליטעראַטור, איינענגענדיק זי אין אַ קלעם, וואָס האָט געשטערט און געשעדיקט" (דאָרט).

ווי גרויס דיין כח איז, שטן!

בלויז די מאַכט פונעם „ליטעראַטור־פּאַרוואַלטער" קאָן זיך מיט אים פאַרגלייכן.

גיט נאָר, אַדרבה, אַ קוק, וואָס דאָ איז פאַרגעקומען: פון איין זייט, ניט קיין קלענערע זאַך, ווי די „משיחיזירונג" פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס שטיצט זיך אויף דער „גרונט־אַנדערשקייט פון דער יידישער פסיכיק", און פון דער אַנדער זייט — זשיטלאָווסקיס טריפהנע „אימיטאַציע" — און זי געווינט! פון איין זייט לאָזן כמעט אַלע אַמערי־

קאַנער יידישע פּאָעטן, ראָמאַניסטן און דערציילערס זיך זאָלבן פון ב. ריוווקינען פאַר עכטע משיח־געשטאַלטער און מיט יעדן ווערק זייערן גרייטן זיי „פאַרן פאָלק אַ גרויסע געשטאַלט־געבערישע ראָליע פאַר אַ קינפטיקן אויבער־נצחון, וואָס צו אַט דעם ענדציל איז דער יידישער קיום דורך די צייטן געוועזן אָנגעפּאַקוסט" (ז. 274). און פון דער אַנדער זייט קומט די „אימיטאַציע־קריטיק" און מאַכט אונדזער ליטעראַטור נוצלאָז און צו גאָרניט טויגנדיק" (ז. 275). אַ קליין שדעלע, אַ שרע־טעלע, עפּעס אַ שטיקל „אימיטאַציע" טריאומפירט איבער אַן ענד־ציל, וואָס די געשיכטע אַליין האָט „אָנגעפּאַקוסט"! עס פאַרטרייבט פון דער יידישער ליטעראַטור אי דעם עלטערן דור, אין די יוגנט (ז. 280)... פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ שוואַרץ־גבורה?

די פראַגע ווערט נאָך הארבער, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז ב. ריוווקין איז איינער פון יענע יידישער ליטעראַטור־טעאָרעטיקער, וואָס ווי שטאַרק זיי זאָלן ניט גלויבן אין דער שעפערישער פערזענלעכקייט, האַלטן זיי, אַז איבער איר שטייט דער כלל, דאָס פאָלק, — דערהויפּט ביי אונדז יידן. מיט יעדן יידישן שרייבערס מויל, אויב נאָר ער איז ניט קיין פאַרפאַלענער „אימיטאַטאָר", רעדט „די גרונט־אַנדערשקייט פון דער יידישער פּסיכיק", און וואָס איז שייך דער יידישער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען „איז זי באַרופן צו אָרגאַניזירן און צוזאַמענהאַלטן דעם באַוואוסטזיין פון פאָלק" (ז. 163)... איר „העכסטע אָנשטרענגונג איז איבערצונעמען די פונקציע פון דער יידישער רעליגיע צו געבן דעם יידישן פאָלק אַ כמו־טעריטאָריע פאַר אַ גייסטיקן אָנהאַלט" א. אַז. וו. (ז. 274).

אמת, עס איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי די פונקציע פון דער יידישער רעליגיע איז טאַקע צו זיין פאַר יעדן אַ כמו־טעריטאָריע (די יידישע רעליגיע האָט „פונקציאָנירט", ווי מיר ווייסן, אויך דאַן, ווען יידן זיינען געזעסן יעדער אונטער זיין ווינשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים אינעם לאַנד פון די אָבות, און ביי אמת רעליגיעזע יידן וועלן מיר נישט פועלן, אַז אין מדינת ישראל, אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, האָט די יידישע רעליגיע שוין מער נישט וואָס צו טאָן). נאָך אַ גרעסערער ספק איז, צי קאָן דאָס קינסטלערישע וואָרט שפּילן די ראָליע פון גאָטס וואָרט, און צי איז בכלל די עובדה פון ליטעראַטור „איבערצוכישופן וואָרט אין טאַט". אָבער די אַלע פראַגן לאָז איך דערווייל אָפּן. דערווייל אינטערעסירט מיך נאָר די פראַגע, וואָס איך האָב פריער געשטעלט, — די פראַגע: ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען,

אַז דער זעלביקער ב. ריווקין, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין דער ראַליע, וואָס דאָס פאָלק, זיין פּסיכיק, זיין גייסט, זיין גורל שפּילט אין דער ליטעראַטור, — זאָל האַלטן, אַז דער קריטיקער איז און קאָן זיין דער פּאַרוואַלטער פון דער ליטעראַטור, ד. ה. דער, וואָס פירט זי פאַרן האַנט, אויב זי איז זוכה דערצו, אויפן ריכטיקן וועג און אויך דער, וואָס פירט זי אַראָפּ פון דרך הישר, — און עס העלפט איר ניט קיין שום זכות אָבות! ממה־נפשך: איז די קאָלעקטיווע דערפאַרונג פון אונדזער פאָלק, זיין געשיכטע, זיין גורל, די „גרונט־אַנדערשדיקייט פון זיין פּסיכיק", דער טיפּסטער קוואַל פון אונדזער ליטעראַרישער שעפע־רישקייט, — איז ווי קאָן קומען איין מענטש, דער קריטיקער, מעג ער זיין וואָס פאַר אַ מר בר רב אשי, — און מאַכן אַ תל פון דער ליטעראַטורס אַלע „גרונט־טענדענצן" און „עקזיסטענץ־געזעצן"? איך וואָלט ב. ריווקינען געקאָנט פאַרשטיין, ווען ער זאָל זאָגן וועגן דעם „ליטעראַטור־פּאַרוואַלטער", דעם קריטיקער, אַז ער קאָן אָט די טענ־דענצן אָדער געזעצן פאַרשטאַרקן, פאַרטיפן, אָבער — צעשטערן זיי און אַפילו נאָר שטערן זיי — פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ כוח?

נישט ווייסנדיק ווי אויסצוגלייכן אָט די סתירה, מוז איך זיך באַנוגענען מיט קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז ב. ריווקינס ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן זיינען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי פאַרמאָגן ליכט, נישט נאָר היץ, — באַזירט אויף צוויי יסודות, וואָס ער האָט נישט באַוויזן זיי אויסצוגלייכן און פאַרבינדן. דער ערשטער יסוד איז: „די פונקציע, וואָס זי (די יידישע ליטעראַטור) האָט איבערגענומען פון דער יידישער רעליגיע — צו מאָביליזירן דעם יידן פאַר אויסדויער און ווידערשטאַנד" (ז. 195). דער צווייטער יסוד איז דער גלויבן אינעם כוח, אינעם כישוף פונעם וואָרט, ווען אַפילו עס איז דאָס וואָרט פון אַ יחיד, וואָס פאַרמאָגט עקסטאַז: „ווען איינער איז אין עקסטאַז", איז פאַר אים אַ וואָרט — כישוף. דאָס אַרויסגערעדטע וואָרט איז ווי אַ באַפעל: עס „זאָל געשען — און עס געשעט" („אַ גלויבן פאַר אומ־גלויביקע", ז. 111).

צו יעדן פון ב. ריווקינס צוויי גרונט־טעזיסן איז כדאי זיך אומצו־קערן, — און איך וועל עס טאָן אין אַ באַזונדערן אַרטיקל.

„טאָג", אויגוסט 14, 1949.

II

„משיחיסטישע קריטיק״

ב. ריווקין, וואָס פיר זאַמלונגען פון זיינע ליטעראַריש־קריטישע שריפטן זענען דערמאָנט געוואָרן אין אַ פריערדיקן אַרטיקל, האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיין גלויבן אין דעם מענטשנס, דעם יחידס, פאַרבאָרגענע כוחות. אָבער נאָך מער אמונה האָט ער געהאַט אין דעם פאָלקס באַהאַלטענע קוואַלן, גאָר באַזונדערס אין די שעפערישע מעגלעכקייטן פון דעם יידישן פאָלק און זיין רעליגיע: זי קען, לויט איינעם פון ריווקינס פיינע שפּראַכלעכע איינפאַלן, „אַריינזען גאָט אין אַ ליידיקן מדבר״ („אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״, ז. 222). און אויב זי קען עס — פאַרוואָס זאָלן מיר עס נישט קענען? אונדז פעלט די תמימות פון דעם גלויביקן? אָבער דאָס — האָט ריווקין גערעכנט — איז נישט קיין שטער. מיר האָבן נישט קיין תמימות — האָבן מיר חכמה און כישוף פון קינסטלערישן וואָרט. האָבן מיר די פעאיקייט פון „מענטש־שאַפונג״, אָט „די יידישע גרונט־פעאיקייט אַרויסצוגעבן פון זיך מוסטער־געשטאַלטן און צו האַנדלען, פאַרקוקנדיק זיך אויף זיי״ („גרונט־טענדענצן...״, ז. 211).

איז עס באמת טאַקע אַ ספּעציפיש־יידישער כשרון? האָבן ניט די אומות העולם זייערע אייגענע „מוסטער־געשטאַלטן״ — זייערע העלדן און זייערע הייליקע? וואָס־זשע דען, ווען מען זאָגן, — זיי האַנדלען נישט, פאַרקוקנדיק זיך אויף זיי? נו, און מיר יידן גייען אַלעמאָל אין די פוס־טריט פון אונדזערע מוסטער־געשטאַלטן?

דער פאַרשטאָרבענער ענטוזיאַסט פון „מענטש־שאַפונג״ און „געשטאַלט־געבונג״ האָט, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע, נישט ליב געהאַט צו שטעלן אַזוינע פראַגעס. פאַר זיינע טעאָריעס האָט זיך בעסער געפּאַסט צו גלויבן, אַז מיר זענען אַן אויסנאַמפאָלק אין אַלע פרטים. און לויט זיין מיינונג, זענען מיר אַן אויסנאַם אויך אין דעם פרט, וואָס מיר

האָבן גאָר אַ באַזונדערן טאַלאַנט פאַר „ירושה־פאַרוואַנדלונג", ווי ער האָט עס אָנגערופן. קענען מיר, הייסט עס, לייכט איבערזעצן די פּסי־כישע כוחות, וואָס אונדזער אמונה האָט אין משך פון דורות איז אונדז אָנגעזאַמלט, — אויף דער שפּראַך פון ליטעראַטור, פון קונסט, — און אונדזער נייע ליטעראַטור קאָן אויף אַזאַ אופן פאַרנעמען דאָס אָרט פון אונדזער אַמאָליקן רעליגיעזן גלויבן, ווערן זיין יורשטע. פאַרוואָס נישט?

אויב זי קען ווערן אַ „כמו־טעריטאָריע", פאַרוואָס זאָל זי נישט קאָנען ווערן אויך אַ „כמו־רעליגיע"?

און מיט דעם גאַנצן אימפּעט און מיט דער גאַנצער אומגעהויערער באַרעדעוודיקייט פון זיין פּען, — פון זיין פּען, וואָס איז געווען אַלץ מער אימפּעטיק און אַלץ מער באַרעדעוודיק, וואָס מער אומבאַהאָלפן און שטאַמלדיק ער איז געווען מיט זיין מויל, — האָט זיך ריווקין געפּלייסט אַריינצוזען, ווינציקסטנס אַריינצורעדן, אויב נישט גאָט, איז גלויבן — גלויבן פאַר אומגלויביקע — אין דער ליידיקייט פון אַ מדבר. ער האָט פאַרגעסן אַז דער מדבר, אין וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט אַמאָל אַריינגעזען גאָט, איז — ווינציקסטנס פאַר יענע יידן — ניט אינגאַנצן געווען ליידיק: דאָרט איז געווען דער סנה, דער דאָרן, וואָס האָט געברענט און איז נישט פאַרברענט געוואָרן; דאָרט איז געווען דער באַרג סיני, וואָס האָט געברענט אין פייער, געדונערט און געבליצט, און אויף דעם „קליינעם באַרג" איז געווען דער גרויסער און שטראַ־לנדיקער משה... ריווקין האָט געגלויבט, אַז יעדער שעפערישער מענטש און אַז, פריער ווי אַלץ, ער אַליין האָט אין זיך עפּעס אַ ניצוץ פון סיניס פלאַמפייערדיקייט און פון משהס שטראַלנדיקייט. און מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין — אָפּטמאָל באמת — עקסטאַטישן וואָרט, מיט דעם ניט־מיד־ווערנדיקן כוח פון זיין פּענס צעהיצטע ענטוזיאַזמען האָט ער געפּרוווט אַריבערשפּרייזן איבער אַלערליי תהומות — אויך איבערן תהום, וואָס ליגט צווישן די צוויי גרונט־טעזיסן, וואָס איך האָב דערמאָנט צום שלוס פון פריערדיקן אַרטיקל, — צווישן דעם טעזיס, אַז די שעפערישע פּערזענלעכקייט איז נישט מער ווי אַן אינסטרומענט פונעם פאָלקס קיום און אויסדויער, פון איין זייט, און דעם גרונט־געדאַנק, אַז זי, די קרעאַטיווע אינדיווידואַליטעט, קאָן, פון דער אַנדער זייט, איבערשאַפן דאָס פאָלק אין איר אייגענעם פורעם און לויט איר אייגענער געשטאַלט — מיט איר „געשטאַלט־געבונג".

„געשטאַלט־געבונג", „מענטש־שאַפונג", איז, לויט ב. ריווקינען, נישט בלויז די פונקציע און די פעאיקייט פון ליטעראַטור; דאָס איז

מער נאָך די עובדה און די שליחות פון דער „ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג״ — דער קריטיק.

אַזוי ווי די קונסט בכלל און די וואָרט־קונסט בפרט איז נישט, לויט ריווקינען, אַ וועלט, וואָס שאַפט אירע אייגענע, אינטענסיווע און באַדייטונג־פולע רעאַליטעטן, נאָר וואָס דען? זי שאַפט איבער (אָדער דאַרף איבערשאַפן) די אַרומיקעווירקלעכקייט — פון וואָרט כישופט זי אַרויס טאַט, — אַזוי איז די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור־קריטיק צו געשטאַלטיקן די ליטעראַטור — אָנצייכענען פאַר איר פּלענער, שרייבן פאַר איר רעצעפּטן, באַזאָרגן זי מיט שפּייז און מיט אַלע נויטיקע וויטאַמינען...

וואָס איז געווען ריווקינס אייגענער פּלאַן פאַר דער יידישער ליטעראַטור פון אונדזער צייט? וואָס איז געווען דער באַטעמטסטער וויטאַמין, וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט?

משיחיזם.

„משיחיש״ איז די יידישע ליטעראַטור סיי־ווי, אָבער איר „פאַרוואַלטונג״, די קריטיק, האָט זי געדאַרפט מאַכן, ווי מען זאָגט אויף ענגליש, „משיח״־באַוואוסטזיניק...

וואָס האָט דאָס געמיינט פּאַקטיש און קאָנקרעט?

אויף דער פראַגע איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן. ביי זיין גאַנצער עלאָקווענץ, ביי אַלע זיינע שפּראַכלעכע פעאיקייטן, האָט ב. ריווקין נישט באַוויזן אונדז צו געבן קלאָרע און באַשטימטע דעפיניציעס. כמעט אַלע זיינע אַלטע און ניי־געשאַפענע טערמינען זענען אַזוי צעשוואומען, אַזוי מטושטש, אַז אַט האָבן זיי איין מיין און אַט אַן אַנדערן. און אַמאָל טרעפט, אַז מען ווייסט בכלל נישט וואָס זיי מיינען... וואָס מיינט ריווקינס „משיחיזם״?

אין פלוג איז משיחיזם אידענטיש מיט דעם דראַנג צו אויסלייזונג, מיט דעם גלויבן אין גאולה. אָבער ריווקין באַנוגענט זיך מיט ווינציקער. אַזוי ווי רעליגיע איז ביי אים לאו דוקא — עס איז רעכט „כמו־רעליגיע״; אַזוי ווי אַ „כמו־טעריטאָריע״ איז פאַר אים שוין אַ טעריטאָריע, ווערט משיחיזם ביי אים אויך זייער לייכט רעדוצירט צו „כמו־משיחיזם״.

איז רעכט ביי אים צו זען אין דעם עפּיזאָדישן וואַלד־צדיק פון י. אָפּאַטאָשוס „טענצעריין״ אַ „משיח של מעלה״, וואָס האָט אין זיך סימנים פון אַ „טעריטאָריע של מעלה״ — סימנים, וואָס ווייזן, אַז די יידישע ליטעראַטור (שוין נישט נאָר אָפּאַטאָשו אַליין — די גאַנצע

יידישער ליטעראַטור — ש. נ.) אין אַמעריקע „גייט דעם טראַקט פון „כמו־טעריטאָריע" צו „במקום־רעליגיע" און נאָך ווייטער: צו קינסט־לערישן עקוויוואַלענט פון רעליגיע"... („גרונט־טענדענצן...", ז. 174).

דער הויפּט־העלד אין איגנאַטאָווס ראָמאַן „אין קעסלגרוב" איז, פּראָסט־פּשוט, „בבחינת אויסלייזער" (זייט 176).

היינט ווער רעדט נאָך פּרצס ר' שלמה פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס רעדט בפירוש וועגן וועלט־דערלייזונג, — ער איז דאָך געוויס שוין „אַן אָנגעצילעוועטער משיח־וואונק" (זייט 260).

און ווען אַנדערע מאַכן משיחן אַליין (מעג עס אַפילו זיין אַ משיח שקר) פאַר דעם הויפּט־העלד פון זייערע דראַמעס — דאַן קאָן שוין ריווקין, פשוט, קאָנסטאַטירן אַ פאַקט: „משיח־דראַמעס האָבן זיך גענומען מערן, אָנזאָגנדיק משיחס־צייטן (דאָרט). און עס מאַכט נישט אויס, וואָס די דראַמעס גופא האָבן דאָס רוב גאָר „אָנגעזאָגט", אַז משיח איז נישט געקומען, אַבי משיח איז (אין אינהאַלט־פאַרצייכעניש) פאַראַן צווישן די דראַמאַטיס פּערסאָנע.

ריווקינס משיח קומט צו רייטן נישט אויף אַן אייזעלע, נאָר אויף אַ „געשטאַלט פון געשטאַלט־געבער". און ס'איז ביי אים נישט קיין תוכיקער אונטערשייד, פון וואַנען „די געשטאַלט" נעמט זיך — „פון די אַלט־היימישע דעקאָראַטיווע משיח־דראַמען, פון ספר אַרויס" צי פון דעם שרייבערס געמיט, ווי ביי. ה. לייוויקן, וואָס נעמט זיין משיח־געשטאַלט פון זיך אַרויס, פון די געבורטסווייען פון דער געשטאַלט אין אים, דעם פּאָעט, גופא". אַלץ־איינס קאָן ריווקין ווערן אַן אליהו הנביא און ברענגען די בשורה, אַז „גראָד אין אַמעריקע האָט די יידישע ליטעראַטור זיך גענומען משיחיזירן" (ז. 267).

דער פאַקט, וואָס ה. לייוויק האָט נאָך אין מינסקער טורמע, אין 1908, אָנגעשריבן אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „די קייטן פון משיח", אָדער דער פאַקט, וואָס אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָט ריווקין אַליין געלאָזט פּרצס ר' שלמהן, ווייט נישט קיין אַמעריקאַנער גוטער־ייד, „אָנזאָגן משיחס צייטן", — איז נישט מער ווי אַ פאַקט — און מיט טרוקענע פאַקטן האָט זיך אונדזער קריטיקער־עקסטאַטיקער נישט אַלעמאָל גערעכנט. ער האָט זיך גערעכנט מיט זיי נאָר דאַן, ווען ער האָט זיי געקאָנט „אויפשפּילן"...

אין קיין זאַך האָט אונדזער גלויביקער־אומגלויביקער (און אומ־גלויבלעכער) קריטיקער נישט אַזוי שטאַרק געגלויבט, ווי אין „שפּיל" (איינגעשלאָסן וואָרט־שפּיל) און אין „אויפשפּילונג". („יאָ", לייענען מיר

ביים אים אויף ז. 272, „אויך רעליגיע איז שפּיל. יעדע אָנשעפּונג פון רוח הקודש איז שפּיל; אַ וואַגונג און צוטרוי, אַ ריזיקע, אַ גלויבנס־אַקט, אויפגעשפּילטער גלויבן").

אויך „משיחיזם", זיין „גרונט־טענדענץ", איז פאַר אים עפּעס אַזוינס וואָס, אָנשעפּנדיק זיך מיט רוח הקודש, קאָן מען עס „אויפשפּילן" — און עס מאַכט נישט אויס אויף וואָס פאַר אַן אינסטרומענט און ביי וואָס פאַר אַן אַקאָמפּאַנימענט.

ב. ריווקינס „משיחיסטישע" ליטעראַטור־קריטיק איז, נוצנדיק זיינע אייגענע ווערטער, „אַ דערנענטערונג צו דעם מעטאָד פון רעליגיע, וועלכע איז קונסט אין דירעקטער אָנווענדונג אויפן לעבעדיקן לעבן. צוויי לענדער", לייענען מיר ווייטער, „גיבן אונדז ביישפּילן: סאָוועט־רוסלאַנד און, להבדיל אלף הבדלות, נאַצי־דייטשלאַנד, וואו ליטעראַטור איז דירעקט אַרויפגעשפּילט געוואָרן אויף געזעלשאַפטלעכער בויאונג מיט גרויס עפעקט. ווען די יידישע ליטעראַטור וועט אַרויפשפּילן דערלייזערישע געשטאַלטגעבונג אויף געזעלשאַפטלעכער בויאונג, וועט דער עפעקט זיין נאָך אַ גרעסערער" (ז. 281, אויך ז. 261).

„דערלייזערישע געשטאַלט־געבונג" אָדער „משיחיזם" ווערט, אין לעצטן סך־הכל, רעדוצירט צו דער ליטעראַטור־טעאָריע און ליטעראַטור־פּראַקטיק פון „סאָוועט־רוסלאַנד און, להבדיל אלף הבדלות, נאַצי־דייטשלאַנד".

דאָס איז די טעאָריע (און די פּראַקטיק) פון „אַרויפשפּילן ליטעראַטור אויף געזעלשאַפטלעכער בויאונג אָדער מיט אַנדערע, ווינציקער „אַרויפגעשפּילטע" ווערטער, די טעאָריע, וואָס דערקלערט, אַז דאָס ציל איז געזעלשאַפטלעכע (היטלעריסטישע, סטאַליניסטישע אָדער, להבדיל אלף הבדלות, יידיש־דערלייזערישע, — „משיחיסטישע") בויאונג; ליטעראַטור איז בלויז אַ מיטל — אַ „געשטאַלט־געבעריש", אַ „מענטש־שאַפנדיק" מיטל, דאָך — בלויז אַ מיטל.

נאָך די אַלע „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגישע", כמו־וויסנשאַפטלעכע, כמו־רעליגיעזע, כמו־משיחיסטישע רעדערייען, קומען מיר צוריק צו דעם פּרימיטיוויזם פון די אַלטע קונסט־פאַרלייקענערס און די נייע קונסט־פאַרגוואַלדיקערס, צו די אַלע, וואָס האָבן זיך נישט געשעמט און שעמען זיך נישט איבערצולאָזן פאַר דער ליטעראַטור נאָר איינע פון אירע עלעמענטאַרסטע און איינזייטיקסטע פונקציעס: די פונקציע פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

ווען עס איז מיר ענדגילטיק קלאָר געוואָרן די קריטישע נאַקעט־

קיט פון אַט דעם קעניג פון פאַרוויקלטער, פאַרנעפּלטער און שיער־ניט מיסטישער פּראָזעאָלאָגיע, בין איך אַליין פאַרחידושט געווען. סטייטש, האָב איך געטראַכט — אַזויפיל און אַזוינע — נייע „שעפערישע" הנחות — און אַזאַ טריוויאַלער שלום! ווי איז עס מעגלעך?

די קשיה איז נאָך הארבער געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערמאָנט ווי שטאַרק דער „משיחיסטישער" קריטיקער האָט זיך איבערגענומען מיט דער אָריגינאַליטעט פון זיין ליטעראַטור־פילאָזאָפיע און איר ביי־געבאַקענער טערמינאָלאָגיע: האָט ער זי דאָך אָפט אַזוי אַנטקעגנ־געשטעלט דער „אימיטאַציע־קריטיק", „דער קריטיק, וואָס האָט קיין טערמין ניט צוגעטראַכט, וואָס זאָל באַצייכענען די גרונט־שיטה, וואָס פרעסט זיך דורך דער יידישער ליטעראַטור", א. אז. וו. (ז. 274); האָט ער דאָך אַזוי שטאָלצירט מיט זיין קענען צוטראַכטן טערמינען און אויסטראַכטן כמו־טערמינען. זיינע חסידים האָבן דאָך געכאַפּט — און כאַפּן — אַזוינע התפעלותן פון זיינע אויפגעשפּילטע רייד און צעשפּילטע עקסטאַזן; זאָל פון אַט דעם גאַנצן באַרג מיט — אָפט גאַנץ געלונגענע — ווערטער און ווערטלעך זיך אויסלאָזן אַ פלאַך טייכל פון — ליטע־ראַטור, ווי אַ מאַרש פאַר אַזאַ אָדער אַן אַנדער קאַמפּס־אַרמיי? ווי קאָן עס געמאָלט זיין?

האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלייענט אַלע וואַריאַציעס פון ב. ריווקינס ליטעראַטור־קריטישן קרעדאָ און האָב זיך גאָר באַזונדערס שטאַרק פאַרטיפט אין אַזאַ אַרבעט זיינער, ווי „דאָס ליד ווערט גלייך מקוים" — און (כ'האָב זיך נישט געקאָנט העלפן) — כ'האָב געמוזט בלייבן ביי דעם פריער געמאַכטן אויספיר.

וואָס ב. ריווקין זאָל נישט האָבן געמיינט מיט אַזוינע אויסדרוקן, ווי „נביאישער גאַנג" אָדער „דאָס ליד, וואָס ווערט גלייך מקוים", — פאַקטיש האָט זיין קאָמפּליצירטע דיאַלעקטיק געפירט צו אַ הכשר אויף דעם — לחלוטין נישט נביאישן — גאַנג פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור מינוס אירע צוואַנג־מיטלען.

פאַקטיש האָט ב. ריווקין אַליין נישט געקאָנט מאַכן קיין אַנדער אויספיר, ווי — אַז „דאָס ליד זאָל אים (דעם לעזער־עולם) אָניאָגן אויף דער פּאָזיציע, וואו ער שטייט — אין פראָנט פון אַ זיך אָנרוקנ־דיקער וועלט־סכנה; עס זאָל אים אָנלאָדן, באַוואָפענען צו דעם וועלט־געראַנגל, וואו ער פאַרנעמט אַזאַ געפערלעך אָרט", א. אַז. וו. („יידישע דיכטער אין אַמעריקע", ז. 24).

פאַקטיש איז זיין ציל געווען ניט דאָס קינסטלעריש־שעפערישע

וואָרט, וואָס איז, ווי יעדער אויסדרוק פון קונסט, אַליין פאַר זיך אַ טאַט, אַן אינעווייניקסטע געשעעניש, כאָטש זי האָט און קאָן האָבן אַ גרויסע שייכות אויך צו אַנדערע, דרויסנדיקע, טאַטן און געשעענישן, — נאָר עפּעס אַ מין שפּרוך־ (אָדער אָפּשפּרוך־) וואָרט — „דאָס מאַגישע ליד, וואָס מאַכט תיכף ומיד דאָס וואָרט צו טאַט" (דאָרט, ז. 32).

דאָס איז, לויט מיין איינדרוק, דער סך־הכל פון ב. ריווקינס ליטעראַטור־פילאָזאָפיע. און אויב ס'איז אַ צו־מאַגערער און אַ צו־טריוויאַלער תמצית, איז עס ניט מיין שולד. ווי דער לעזער זעט, בין איך זיך סומך, ווי ווייט מעגלעך, אויף ריווקינס אייגענע רייד. אָבער — אפשר פאַרשטיי איך זיי נישט ריכטיק, קוק איך אַריין אין אַ פּאָר אַריינפירנדיקע „ווערטער" צו „אַ גלויבן פאַר אוימגלויביקע" — פון אבא גאָרדין. ער האָט די דאָזיקע זאַמלונג עסייען רעדאַקטירט, און צו ריווקינס בוך „יידישע דיכטער אין אַמעריקע" האָט ער געשריבן אַ באַגייסטערטן ביאָגראַפיש־קריטישן אַריינפיר. איז ער זיכער פריי פון פאַראורטיילן אָדער פניות. דאָך שרייבט ער אין זיינע דערמאָנטע „אַ פּאָר אַריינפירנדיקע ווערטער": „יידישע ליטעראַטור־שאַפונג איז ביי אים, ביי ב. ריווקינען, געווען אַן עבודה. ער האָט זיך געקריגט מיט די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון בעלעטריסטיק איז — צו אַמוזירן. ער האָט געלערנט, אַז זי דאַרף דעם יידישן לייענער מדריך זיין"... (ווי דער לעזער זעט — כמעט דער אייגענער פּשט, וואָס איך לערן אין ריווקינס טעאָריע פון ליטעראַטור־קריטיק)... „אָבער מיט וועלכע מיטלען? ווי אַזוי?" פרעגט אבא גאָרדין. און זיין ענטפער איז: „דורך דעם שאַפן העלדישע געשטאַלטן, וואָס וועלן דינען ווי מוסטערן פון עטישן העראָאישן אויפפיר".

הייסט עס, דאָס אייגענע, וואָס די פּראָלעטאַרישע קריטיק פאָדערט פון שרייבער: דאָס אייגענע, וואָס יעדע קעמפערישע און יעדע דידאַק־טישע קריטיק פאַרלאַנגט פון ליטעראַטור.

אמת, זיי נוצן נישט ריווקינס „גרויס־תכליתדיקע", „מענטש־שאַ־פנדיקע", „געשטאַלט־געבנדיקע" טערמינאָלאָגיע, און אבא גאָרדין האָט, אַזוי ווי איך, אפשר צופיל פאַראיינפאַכט דעם ריווקיניזם, בעת זיין אייגענע טבע איז — צו נעמען, פאַרקערט, איינפאַכע, עלעמענטאַרע זאַכן — און זיי אַביסל „אויפשפּילן", צעבלאָזן, צעפלאַמען, צעפלאַקערן. אָבער אויב דאָס זאָל זיין פאַראיינפאַכונג, האָט ב. ריווקין ע"ה געקראָגן מדה כנגד מדה, ווייל ער איז געווען דער ערשטער צו סימפּליפיצירן זיינע קעגנערס מיינונגען. דערביי האָט זיין פאַראיינפאַכונג נישט איינ־

מאָל געגרענעצט מיט פאַרקריפּלונג... אָט ווי ער האָט, אַשטייגער, כאַראַקטעריזירט די קונסט, ווי עס זאָל זי האָבן פאַרשטאַנען דר. חיים זשיטלאָווסקי און אַנדערע „אימיטאַציע־קריטיקער": דאָס איז „די קונסט", האָט ער איבערגעזאָגט מיט זיינע ווערטער די חכמה פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער קריטיק; דאָס איז „די קונסט פון וואויל־טאָג־פעלקער, וואָס פאַרמאָגן ספּעציעלע וואוילטאָג קלאַסן — קיניגן און פּריצים און גבירים־אדירים, וועלכע (וואָס) אין געיעג נאָך מער וואויל־טאָג, האָבן זיי געמאַכט די קונסט פאַר זייער אייגענער משרתטע — פאַר אַ וואוילטאָג און גענוס־צושטעלערין. אַ רשע, וויל אויך האָבן דעם גענוס פון פילן אַ האַרעלע ווי אַ צדיק. זייער קונסט איז עבודה זרה צו אַ קורטיזאַנע א. אַז. וו., צו באַפרידיקן פּריצישע תאוה" („גרונט־טענדענצן", ז. 273)... איז דאָס באמת די ניט־יידישע און די יידיש־„אימיטאַטאָרישע" קונסט? און דאָס אַלץ, וואָס מען קאָן געפינען אין די „פּריצישע" ווערק פון פּושקין, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, פּרצן און ביעלינסקי? איז דאָס די גאַנצע ירושה פון אַלע ניט־יידישע ליטעראַטורן אין אַזיע און אייראָפּע? אָבער — פאַרפאַלן — דאָס איז דער קורצער אויספיר, וואָס מען מוז מאכן לויט ב. ריווקינס לאַנגע דער־קלערונגען. מעגלעך, אַז עס איז אַ פאַראיינפאַכטע פאָרמולירונג, אָבער — קיין פאַרקריפּלונג איז עס נישט...

און דאָך טראָגט עס אַזאַ געהויבענעם נאָמען ווי „משיחיזם", און זיין נביא איז געווען און איז אַ „מוסטערגעשטאַלט פון שעפערישער קריטיק"!

„טאָג", אויגוסט 28, 1949.

דר. א. מוקדוני

I

ב. ריווקין — דער טעמפּעראַמענטפולער ליטעראַטור־קריטיקער

די ליטעראַרישע ימים טובים, די ליטעראַרישע פּאַראַדן און אַפילו די גאַנצע קריטיק האָבן „פאַרכאַפּט" פאַר זיך די דיכטער און די נאָווע־ליסטן אונדזערע.

זעלטן ווען אַ שרייבער ניט קיין דיכטער און ניט קיין נאָוועליסט איז זוכה מען זאָל אים פייערן, מען זאָל אים יובלן, אָדער מען זאָל זיך סתם אומקוקן אויף אים.

אַן אויסנאַם זיינען בלויז די ניט־דיכטער און די ניט־נאָוועליסטן, וואָס פירן רביאישע טישן און האָבן זיך באַוואָרנט מיט חסידים.

אָט האָב איך צווישן פיל ליטעראַרישע ימים טובים אונדזערע באַמערקט אַ שטילע, אַ באַשיידענע און עפּעס אַ שטאַמלענדיקע נאָטיץ וועגן אַ יום טובל לכבוד ב. ריווקין צו זיין דרייסיק יעריקער ליטע־ראַטור טעטיקייט.

אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע נאָטיץ פאַררוקט ערגעץ אויף דער „שאר־ירקות פּיידזש" אין דער צייטונג.

אין ערגעץ קיין אָפּהאַנדלונג, אין ערגעץ קיין אַרטיקל, אין ערגעץ אַפילו ניט אַ שטיקל ביאָגראַפיע פון דעם בעל היובל.

און ב. ריווקין איז איינער פון אונדזערע ליטעראַטור קריטיקער און עסייאיסטן, וועלכן מען קען ניט פאַרזען און וועלכן מען קען ניט איגנאָרירן.

ב. ריווקין איז דער סאַמע אימפּעטיקער יידישער ליטעראַטור

קריטיקער און עסייאיסט ביי אונדז, ער איז כסדר פריש און אָריגינעל, כסדר קאָכיק און ברויזנדיק.

ער האָט די יידישע ליטעראַטור־קריטיק ממש אָפּגעפרישט און באַנייט.

ער קומט כסדר מיט נייע אידייען, מיט פרישן אימפּעט און מיט צאַפּלדיקע אָנשויאונגען, ער צעכוואַליעט און צעבויטעט דאָס שטילע וואַסער פון אונדזער ליטעראַטור קריטיק.

אים פעלט סיסטעמאַטישקייט, פּלאַנירונג און קאַלטער ישוב־הדעת, אָבער דאָס אַלץ איז זיין באַזונדערער חן, זיין באַזונדערע ליב חן־פינטל און זיין באַזונדערע אייגנאַרטיקייט.

ער איז אַ קריטיקער מיט אַן עילוי־אישער תפיסה און שאַרפקייט; ער טייטשט אַריין אין אַ דיכטער אָפט זיינע אייגענע אידייען, אָבער ער דערהויבט דעם דיכטער, ער איז אָפט צו פּלפּולדיק, אָבער ער מאַכט דעם שריפטשטעלער וואַגיק, ער איז אָפט ניט אויסגעהאַלטן, אָבער ער פאַראינטריגירט אייך כסדר מיטן ווערק פון דעם, אָדער יענעם שריפטשטעלער.

ער איז אויך אַ שאַרפע שריפטשטעלערישע פערזענלעכקייט און ער קען זיך ניט מאַכן פאַר קיין נעלם ווען ער גייט צו צו אַ ווערק פון אַן אַנדער שריפטשטעלער.

ער פאַרמאָגט ניט די קאַלטע און די טויטע אָביעקטיוויטעט פון אַ וויוויסעקטאָר.

ער גיט אייך דאָס ווערק פון שריפטשטעלער ווי ער, ב. ריווקין, זעט עס, ווי ער, ב. ריווקין, דערשפּירט עס און ווי ער, ב. ריווקין באַנעמט עס.

און דאָס איז דער אמתער קריטיקער, דאָס איז דער שעפערישער קריטיקער, דאָס איז דער קריטיקער־קינסטלער.

ב. ריווקין איז אַ געוואַגטער, אַ דרייסטער און אַ מוטיקער קריטיקער, ער האָט קיין מורא ניט צו זיין אַליין, צו צעגיין זיך מיט דער אָנגענומענער מיינונג און ניט צו דאַוונען בציבור.

ער ווייסט ניט פון קיין שאַבלאָנען, פון קיין קאָנאַניזירטע מיינונגען און פון קיין אָנגענומענע תורות, ער איז זיך קיינמאָל ניט סומך אויף אויטאָריטעטן, אויף אָנערקענטע שיטות און מעטאָדן.

ער האָט כסדר זיין צוגאַנג, זיין מעטאָד און זיין באַנעמונג.

און זיי זיינען ניט אויסגעקעפּטע אָדער אויסגעמוטשעטע, ניין, זיי זיינען, וואָלט איך געזאָגט, אויסגעאימפּעטעוועטע פון זיין טעמפּעראַמענט.

און דאָ קומען מיר צו דער הויפּט־אייגנשאַפט זיינער.

ב. ריווקין איז אַ קריטיקער פון לויטער טעמפּעראַמענט.

אַזעלכע קריטיקער קענען מאַכן גאָר אַ סך פעלערן, אָבער בכלל פירט זיי זייער טעמפּעראַמענט כסדר אויפן ריכטיקן וועג.

און וואָס זייער טעמפּעראַמענט שיסט אַרויס איז אי אמתדיק און אי אינטערעסאַנט.

אָפּט שטייגט איבער זיין טעמפּעראַמענט דעם טעמפּעראַמענט פון שריפטשטעלער, וועלכן ער באַהאַנדלט, שלעפּט ער מיט זיך דעם שריפטשטעלער, באַרגט אים אויס זיין טעמפּעראַמענט, אָבער פעלשט אים ניט.

קריטיק איז ניט מחויב צוצופּאַסן זיך צו יעדן שריפטשטעלער באַזונדער, קריטיק איז אַ זעלבסטשטענדיקער ליטעראַרישער צווייג און מוז טראָגן דעם חותם פון קריטיקער ווי דאָס ווערק פון אַ דיכטער מוז טראָגן דעם חותם פון דיכטער.

ב. ריווקין איז אַ וואונדערלעכער יידישער סטיליסט, אמת זיין צעשויבערטקייט, זיין אימפּעט און זיין גרויסע באַרעדעוודיקייט שאַדן זיין סטיל אַ היפּש ביסל, אָבער כסדר בליצט זיין סטיל מיט אָריגינאַליטעט, כסדר שלאָגט פון זיין סטיל אַ וואַרעמקייט און כסדר רייסט זיך פון אים אַרויס אימפּעט און טעמפּעראַמענט.

ב. ריווקין קען זיך פאַרליבן אין אַ שריפטשטעלער, ווי יעדע ליבע דויערט זי ניט לאַנג, אָבער די צייט פון פאַרליבטקייט אין אַ שריפטשטעלער איז די שענסטע שריפטשטעלערישע צייט זיינע.

פאַרליבטקייט — דאָס איז אויך איינע פון ב. ריווקינס וואונדערלעכע אייגנשאַפטן.

ער האָט זיך פאַרליבט אין עטלעכע שריפטשטעלער און האָט וועגן זיי אָנגעשריבן זיינע בעסטע ליטעראַטור קריטישע עסייען.

און עס איז דאָ געשמאַקע תמימות אין ב. ריווקינס ליטעראַטור קריטישע עסייען, עס איז די תמימות פון אַ קינסטלער.

לאָמיר אים ווינטשן לאַנגע יאָרן פון פרוכטבאַרער שאַפונג און אַז ער זאָל בלייבן אַזוי אימפּעטיק, אַזוי טעמפּעראַמענטפול און אַזוי פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי איצט.

„מאָרגן זשורנאַל", מאַי 1, 1940.

II

ב. ריווקין — אַ וואָרט אויף זיין פרישן קבר

ער איז געווען אַ טיפּישער יידישער עילוי.

און ווי יעדן יידישן עילוי האָט אים אויך געפעלט גייסטיקע דיסציפּלין; דער מוח האָט געאַרבעט מיט אַ גוואַלדיקער אינטענ־סיוויטעט, אָבער אָן אַ דיסציפּלין, אָן אַ סיסטעם און אָן אָן אָרדנונג.

געדאַנקען פלעגן עפּעס ווי אַרויסקנאַלן, אַרויספּלאַצן פון אים.

געדאַנקען אָן אַ שיעור, און כסדר אָריגינעלע, כסדר יידישע, אָבער כסדר נישט געבונדענע און נישט געקייטלטע.

די גרעסטע שוועריקייטן האָט ער געהאַט צו קייטלען זיי און צו צוזאַמענבינדן זיי.

אַ גוואַלדיקע גייסטיקע שפע, אָבער ער האָט זי נישט געקאָנט בוכהאַלטעריזירן, סיסטעמאַטיזירן און אַרויסלייגן זי אויפן פּאַפּיר לויט די אָנגענומענע כללים פון קאָמפּאָזיציע.

ער איז געווען אַ קריטיקער, אַ בליציקער, אַ שאַרפזיניקער, אָבער דאָס בוך, וואָס ער האָט קריטיקירט, איז געווען אַ נעבן־זאַך, ער האָט פון דעם צעשויבערטן גרויסן אוצר פון זיינע געדאַנקען גענומען אַ געדאַנק און אים אַריינגעטייטשט אין בוך.

איז עס געוואָרן זיין בוך.

נישט דעם פאַרפאַסערס.

און נישט אַלע מאָל פלעגט איר זיך כאַפּן, אַז דאָ שרייבט ב. ריווקין וועגן ב. ריווקינען און נישט וועגן אַ בוך פון דעם, אָדער יענעם מחבר, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַ גוואַלדיקן כח צו אַריינטייטשן זיך אין יענעם אַזוי, אַז איר פלעגט זיין זיכער, אַז דאָס בוך רעדט עס צו אייך און נישט ב. ריווקין.

און די געדאַנקען זיינע זיינען כסדר געווען אַבסטראַקטע, זיי האָבן מיטן יידישן טאָג טעגלעכן לעבן נישט געהאַט צו טאָן.

האָט אַ בוך געקאָנט זיין קאָנקרעט, ממש אַ שטיק טאָג טעגלעך

לעבן, האָט דאָס בוך געקאָנט האָבן מענטשן לעבעדיקע, איר האָט זיי ממש געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט. ב. ריווקין האָט אָבער אַלע מאָל באַוויזן צו מאַכן פון אים אַן אַבסטראַקציע, אַרויסנעמען פון אים דאָס ווירקלעכע, דאָס קאָנקרעטע און דאָס טאָג טעגלעכע און מאַכן פון אים עפּעס לופטיקס, עפּעס מוחשעס און עפּעס געדאַנקלעכס.

דער קאָפּ, דער עילויאישער מוח האָט געאַרבעט מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט און מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט און דאָס געפיל האָט נישט געקאָנט אָניאָגן דעם מוח, פלעגט דאָס געפיל כסדר אָפּשטיין, דער געדאַנק האָט כסדר גאַלאָפּירט.

יאָ, דאָס געפיל איז נישט אַזוי פליגלדיק און נישט אַזוי גאַלאָפּירנדיק ווי דער געדאַנק; דאָס געפיל איז נישט אַזוי לייכט־פוסיק ווי דער געדאַנק.

האָט איר געהאַט פאַר זיך כסדר געדאַנקען־בליצן, איינפאַלן און מוחשע שאַרפע המצאות, צו וועלכע דאָס געפיל האָט אַזוי גוט ווי קיין שייכות נישט געהאַט.

די געדאַנקען זיינען אָבער אַלע מאָל געווען ביז־גאָר יידיש.

זיין שאַרפער מוח האָט געאַרבעט אין אַ גערדיכטער יידישער אַטמאָספער, ער איז קיינמאָל נישט אַרויס פון די יידישע דלד אמות.

די נישט־יידישע וועלט איז אים געווען פרעמד, אין גאַנצן פרעמד.

ער האָט גייסטיק מיט איר קיין מגע ומשא נישט געהאַט.

ער איז נישט געווען קיין למדן, ניין, ער איז נישט געווען קיין גריבלער אין יידישע ספרים, ניין, אָבער ער איז געווען דורכאויס אַ ייד און דעריבער איז זיין דענקן געווען דורכאויס יידיש.

* * *

ער האָט געמאָנט יידישע ליטעראַטור־קריטיק, דאָס הייסט, אַ ריין יידיש־קריטישן צוגאַנג אין דער קריטיק.

ער האָט אַפילו נישט געוואָלט האָבן די איינגעשטעלטע, די אָנגענומענע אין אַלע ליטעראַטורן ליטעראַרישע טערמינאָלאָגיע און די ליטעראַרישע־אָנגענומענע נאָמענקלאטור; די אָנגענומענע נעמען פון די ריכטונגען און שטרעמונגען אין קונסט און אין ליטעראַטור ווי סימבאָליזם, אימפּרעסיאָניזם, עקספּרעסיאָניזם א. אַ. וו.

ער האָט געזוכט יידישע נאָמענקלאַטור.

אים האָט זיך אין גאַנצן איינגעגעבן צו אויסקומען אָן דער פרעמד־

דער ליטעראַרישער טערמינאָלאָגיע און אָן דער פרעמדער ליטעראַ־רישער נאָמענקלאַטור.

אָבער אים האָט זיך נישט איינגעגעבן צו שאַפן אַ ריין יידישע טערמינאָלאָגיע און נאָמענקלאַטור, צו דעם האָט אים געפעלט סיסטעם, אָרגאַניזאַציע און הרחבת־הדעת.

ער איז געווען דער יידישיסטישער שרייבער.

און נישט אויס פרינציפּ, נישט אידעאָלאָגיש.

ער האָט פּשוט פאַרמאָגט אַ דורכאויס יידישן מוח, שאַרפן, עילוי־אישן יידישן מוח. ער האָט געדענקט יידיש, אַנדערש האָט ער נישט געקאָנט דענקען.

ער פלעגט שרייבן לאַנגע אַרטיקלען, אָבער ער איז געווען דער גרעסטער בעל־מקצר, דער גרעסטער בעל־צמצום.

אַ געדאַנק פלעגט אַרויסבליצן ביי אים אין וועלכע פינף־זעקס ווערטער, אָדער אין עטלעכע שורות.

די אריכות פון זיינע אַרטיקלען איז געווען די ראָם בלויז צום געדאַנק, ער האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן געדאַנק, ער האָט אַרויסגעבליצט צו קורץ און צו שאַרף, האָט ער אים אַרומגעלייגט מיט ווערטער.

און ער איז געווען אַ וואונדערלעכער אויסהאַמערער פון קורצע, שאַרפע, קלאָרע און פיל זאָגנדיקע ליטעראַטור־קריטישע זאַצן, אָדער סענטענצן.

אָבער זיי זיינען אויך אַרויסגעקומען שטאַרק צמצומדיק, שטאַרק קאָנדענסירט, פלעגט ער זיי אויך מוזן אַרומלייגן מיט ווערטער, און עס האָט זיך באַקומען אריכות, וואָס די אמתע סיבה אירע איז געווען צמצום, בליציקער און שאַרפער צמצום.

* * *

ווי אַלע יידישע עלוים איז ער געווען דער אומבאַהאָלפנסטער מענטש אין לעבן.

ער האָט זיך אַליין, ווי מען זאָגט וואולגאַר־סוחריש, ניט געקאָנט פאַרקויפן.

אַ פיקאַנטער זשורנאַליסט, אַ פרוכטבאַרער און אַן אָריגינעל יידישער זשורנאַליסט האָט ער זיך ניט געקאָנט האַלטן אין צייטונגען.

דער מוחשער טעמפעראַמענט האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן די

ציַיטונגס דיסציפּלין און דער עיקר — די דעה־זאָגער איבער אים א. אַ. וו.

דער פאַרשטאָרבענער דר. א. קאַראַלניק און איך זענען אַמאָל געשיקט געוואָרן פון פּרץ־פאַראיין צו אויספּרעסן אַ סכסוך צווישן אים און אַן אַרויסגעבער פון אַ ציַיטונג אין פילאַדעלפיע.

האָט דער אַרויסגעבער געהאַט איין טענה און נעמלעך — ער זאָגט, אַז איך עס זיין ברויט, און איך זאָג, אַז ער עסט מיין ברויט, ער זאָגט, אַז ער האַלט מיך אויס און איך זאָג, אַז איך האַלט אים אויס; זאָג איך אים אַמאָל עפּעס וועגן זיינעם אַן אַרטיקל, שניידט ער מיך אָפּ — איר עסט סיי־ווי אומזיסט מיין ברויט, ווילט איר נאָך אַ דעה האָבן איבער מיר?...

אונדזער מיסיע איז געווען אַ דורכפאַל.

און ווען איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט ריווקינען אויף פיר אויגן און האָב אים איבערגעגעבן די טענות פון דעם בעל הבית, אַז ער, ריווקין, אָנערקענט אים ניט פאַר קיין בעל־הבית און האַלט זיך גאָר פאַרן אמתן בעל הבית, האָט ער מיר אויסגעהערט און אַ פרעג געטאָן ערנסט:

— און ווי מיינט איר? יענער וואָלט דאָך געשטאָרבן פאַר הונגער ווען ניט איך, ד. ה. ווען ניט מיר שרייבער, ער איז דאָך אַ טויגעניכטס, אַ לא יוצלח.

די לאָגיק איז געווען אויף זיין זייט, דער מוח האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט די זאַך־לאַגע, און דאָס וואָס די וועלט האַלט יענעם פאַרן בעל־הבית גייט אים ניט אָן.

ער איז יאָרן און יאָרן געווען אַרבעטסלאָז, אין גאַנצן אַרבעטסלאָז.

אים איז פאַרויסגעגאַנגען אַ נאָמען פון איינעם, וואָס קען זיך ניט איינלעבן מיט קיינעם.

און דאָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ שקר; ער האָט די לעצטע יאָרן געאַרבעט אין „טאָג" און האָט זיך גוט איינגעלעבט אין דער ציַיטונג.

מעגלעך, אַז די נויט האָט אים אַביסל געבראָכן.

און אָט דער מענטש, וואָס זאָל האָבן ניט געקאָנט אויסקומען מיט מענטשן איז געווען דער מילדעסטער קריטיקער, דער קריטיקער מלמד־זכותניק, ער האָט כסדר אויסגעזוכט דאָס ביסעלע גוטס אין אַ בוך און האָט זיך אין גאַנצן ניט אָפּגעשטעלט אויף די הינטערשטעליקייטן, ווי זיינען אים ניט אָנגעגאַנגען.

ער האָט געפונען כסדר עפּעס גוטס.

אגב האָט ער, ווי געזאָגט, כסדר זיך אַליין אַריינגעטייטשט אין ביכער.

און דאָס בוך האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, עס האָט זיך געלאָזן אַריינטייטשן ריווקינען אין אים, ער האָט פאַרמאָגט אַ כוח אַזאַ.

ער פלעגט ווערן אַ שותף צום בוך וועגן וועלכן ער האָט געשריבן.

און דאָס בוך פלעגט קיינמאָל ניט פאַרלירן פון דער דאָזיקער שותפות.

זיינע אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן אַ בוך איז געווען אַן אַריינגאַנג אין אַ שותפות מיטן מחבר.

און אַ סך מחברים פלעגן בלייבן ביים שותפות, זיי פלעגן שרייבן נייע ביכער לויט דער שותפות פון ריווקינען אין דעם פריערדיקן בוך.

* * *

ווי אַ טיפּישער עלוי האָט ער ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין ווערק, קיין סיסטעמאַטישע ווערק, אָדער אַרבעטן.

ער האָט איבערגעלאָזן צעוואָרפענע בליציקע געדאַנקען און שאַרפע, צמצומדיקע דעפיניציעס אַרומגעלייגט מיט ווערטער.

דער עלוי קען זיך ניט קאָנצענטרירן, קען ניט אָרגאַניזירן זיין גייסטיקע בעל-הביתישקייט, קען ניט אַריינקוועטשן אין אַ בוכהאַלטעריע זיין גייסטיקע שפע.

האָבן טינטלערס פּאַליצעס מיט זייערע ביכער, ברוך ריווקין האָט ניט קיין בוך, קיין איינציק בוך.

ער אַליין איז געווען דאָס בוך, און מיט אים איז עס אַוועק פון דער וועלט.

ער אַליין איז געווען אַ ווערק, אַ פאַרביק און פאַרכאַפּנדיק ווערק.

עס איז געווען וואונדערלעך צו הערן אים רעדן אַמאָל; דאָ האָט איר געזען דאָס נעמלעכע, די ווערטער פלעגן ניט קאָנען אָניאָגן די געדאַנקען וואָס ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגן, און עס פלעגן זיך באַקומען אַרויסקנאַלונגען פון זאַצן, וואָס זיינען ווייניק געבונדן און געקייטלט צווישן זיך.

אָבער יעדער זאַץ באַזונדער האָט געהאַט אַ בליציקן אינהאַלט.

און דאָס וואָס ריווקין האָט געזאָגט איז געווען איינגאַנצן זיינס.

און דאָס מערקווירדיקסטע איז וואָס דער דאָזיקער שאַרפער בעל-מוח איז גאָר געווען אין עצם אַ מיסטיקער.

נאָך דער שאַרפקייט און קלאָרקייט פון מוח איז כסדר נאָכגעגאַנגען אַ וואָלקנדל פון מיסטיק.

ער האָט זיין מיסטיק אויך געזוכט צו באַמוחן, אָבער ער פלעגט זיך כסדר כאַפּן צוריק.

זיין מיסטיק איז גראָד געווען אַ פּשוטע, אפשר אַ צו פּשוטע, ער איז פון מיסטיק אַוועק צו פּתרון־חלומות, ניט על פּי זיגמונד פרויד, נאָר על פּי ברוך ריווקין.

* * *

אים האָט זיך ניט געלעבט גוט ביי אונדז.

די סיבה איז געווען אַ פּשוטע — ער איז געווען אַ פּערזענלעכקייט, אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט.

און פּערזענלעכקייטן קענען זיך ניט צופּאַסן צו קיינעם, אַלע דאַרפן זיך צופּאַסן צו זיי.

איז ווער וועט זיך עס צופּאַסן צו אַ יידישן שרייבער אין אַמעריקע ? !

האָט ער געהאַט, פאַרשטייט זיך, תרעומות אויף מענטשן, אָבער קיין מאָל ניט געטראָגן קיין בייזע שנאה צו מענטשן.

ער איז ניט געווען פאַרביטערט ווען אַפילו ער האָט געדונערט און געבליצט קעגן מענטשן.

ער איז ניט געווען פאַרביטערט ווען אַפילו ער האָט געדונערט און זיי האָבן אים דאָס שטיקל ברויט אויף זיין אויסקומעניש ניט געגעבן, אָבער ער האָט געגלויבט אין זיי, מיסטיש געגלויבט, און זיי געגרויסט און געקרוינט.

און דעריבער האָט ער קיינמאָל ניט געאיכהט.

אָט אַזאַ איז ער געווען ברוך ריווקין, פון אויסן האָט ער אויס־געזען ווי אַ מענטש פון לויטער סתירות, אָבער אין תוך איז ער געווען דער אויסגעהאַלטנסטער מענטש צווישן אונדז.

ער איז אַוועק פון אונדז, דער צווייטער אין איין וואָך, וואָס איז אַוועק פון אונדז, צוויי ברוכס — ברוך גלאַזמאַן און ברוך ריווקין אין איין וואָך.

און אין אַמעריקע שטאַרבן יידישע שרייבער מיט אַ שרעקלעכן טויט, זיי שטאַרבן אָן גייסטיקע יורשים.

איז דער וויטאָק און דער צער אַ דאָפּלטער.

„מאָרגן זשורנאַל“, יוני, 1945.

III

ב. ריווקינס ווערק

ב. ריווקין האָט באַקומען זיין בעסטע ליטעראַרישע מערכה ערשט נאָך זיין טויט:

ער האָט איבערגעלאָזן זיין געטרייסטן יורש, זיין פרוי מינא ריווקין, אַליין אויך אַ שרייבערין, און זי האָט, פאַרשטייט זיך, מיט דער הילף פון קאָמיטעטן און קהלשע פאַרלאַגן, אַרויסגעגעבן זעקס ביכער זיינע.

האָב איך אַ בלעטער געטאָן אַ פּאָר ביכער — דער גרעסטער טייל פון די ווערק זיינען דאָך מיר באַקאַנט — איז מיר אויסגעקומען שווערלעך צו אַרויסשיילן פון דעם ברויזנדיקן ים פון ווערטער און געדאַנקען אַ קלאָרע און סיסטעמאַטישע ליטעראַטור־קריטישע און רעליגיעז־פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע.

און דאָס האָב איך געזאָגט, אגב אורחא, אין פאַרבינדונג מיט אַן אַנדער בוך.

האָב איך באַקומען אַ ביטער בריוול פון מינא ריווקין. אָבער אין דעם ביטערן בריוול איז געווען אַזויפיל טרייקייט צום אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן און אַזויפיל גלויבן אין זיין טאַלאַנט און אין די אידייען, וועלכע ער האָט געפּרעדיקט, אַז איך האָב זיך דערפילט ממש זינדיק.

האָב איך אַ נדר געטאָן דורכצולייענען ב. ריווקינס ווערק און שרייבן וועגן זיי.

דאָס האָט גענומען צייט און דעריבער די פאַרשפּעטיקונג.

דער ערשטער איינדרוק מיינער איז געווען בלויז האַלב אַן אמתער; דעם צווייטן האַלבן אמת האָב איך אָנגעטאַפּט ביים לייענען מיט פאַר־טיפונג די זעקס ביכער, וואָס זיינען אַרויס נאָך זיין טויט.

און דער צווייטער האַלבער אמת האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם ערשטן האַלבן אמת.

ב. ריווקין איז געווען אַן אַבסטראַקטער דענקער. ער האָט אויס־

געפּאַנטאַזירט אידייען. ער האָט רעאַליטעט פּשוט ניט סובל געווען. זי איז פאַר אים געווען גראָבע סאַטירע, וואָס איז עלול צו מטמא זיין דעם מענטשן וואָס רירט זיך בלויז צו צו איר.

ער האָט זיך כסדר עפּעס געראַטעוועט פון רעאַליטעט אין די אָרעמס פון אַבסטראַקציע.

און אין דער אַבסטראַקציע האָט ער זיך געפילט ממש ווי ביי זיין טאַטן אין ווייגאָרטן; איך וואָלט געזאָגט — ווי אין זיינע אבות־אבותיוס ווייגאָרטן.

דאָס איז געווען זיין וועלט, אין וועלכער ער איז געווען אויסערסט בריהש.

ער איז צוגעגאַנגען צו ליטעראַטור אַבסטראַקט, אָבער דאָ און דאָרט מיט אַ רעאַלער פּאָדשיווקע, וואָלט איך געזאָגט.

די יידישע ליטעראַטור איז פאַר אים אַ כמו־טעריטאָריע.

יידן האָבן אין גלות געשאַפן גייסטיקע טעריטאָריעס.

ער רופט די דאָזיקע טעריטאָריע אָפט — „ארץ־ישראל של מעלה". אגב, אַ זייער געלונגענער אויסדרוק, אַ סך געלונגענער ווי „כמו־טעריטאָריע".

ניט האָבנדיק קיין טעריטאָריע, האָבן יידן געשאַפן אַ גייסטיקע טעריטאָריע, אַן ארץ־ישראל של מעלה, אָדער אַ ליטעראַרישע טערי־טאָריע.

אַן אייגענע טעריטאָריע מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ טעריטאָריע — אַן אייגענע, אַ דורכאויס אייגענע ליטעראַטור.

און די דאָזיקע טעריטאָריע האָט אירע טענדענצן, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין געזעצן, אין פעסטע געזעצן.

און ווער עס זינדיקט קעגן די דאָזיקע געזעצן, ווערט באַשטראָפט, ער ווערט פאַרטריבן פון דער דאָזיקער יידישער טעריטאָריע, ד. ה. זיין טאַלאַנט ווערט געמינערט און ער טרייבט זיך אַליין אַרויס.

קורץ — די טענדענצן פון דער ליטעראַרישער טעריטאָריע גיבן דעם ווידערשפּעניקן אַ לויף־צעטל.

שלום אש איז געווען פון די ערשטע גרויסע בויער פון דער כמו־טעריטאָריע, פון דער יידישער ליטעראַרישער טעריטאָריע.

אָבער ער האָט געזינדיקט, שטאַרק געזינדיקט קעגן די געזעצן פון זיין אייגן ליטעראַריש לאַנד.

ער האָט געשוואַרצט כסדר די גרענעץ אין אַ פרעמד לאַנד אַריין...

* * *

ווייטער אַביסל ווערט עס נאָך קלערער:

די יידישע ליטעראַטור, שרייבט ב. ריווקין, איז די אַנזאַמלערין און היטערין פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם.

די נאַציאָנאַלע פאָרם איז אויך אַ פורעם, אין וועלכן עס שמעלצט זיך אַריין און שמעלצט זיך אַרויס די נאַציאָנאַלע פאָרם.

דאָס איז אַביסעלע פשטלדיק, אָבער עס איז דאָ אַ געזונטער קערן אין דעם דאָזיקן געדאַנק.

צו דער נאַציאָנאַלער פאָרם געהערט אויך דאָס יידישע געפיל פאַר יושר.

ער האַלט, אַז סאָציאַליזם איז דער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן יושר, ער איז אַן אָפּגלאַנץ פון דער משיח־באַוועגונג ביי יידן.

און דעריבער האָט ער געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור.

ער האָט ניט דערלעבט צו זען דעם סוף פון דער יידישער כמו־טעריטאָריע אין סאָוועט־רוסלאַנד און אַפילו פון דער רעאַלער יידישער טעריטאָריע — ביראָ־בידזשאַן.

פון דער אַנדער זייט פּאָלעמיזירט ער מיט די יידישע מאַרקסיסטן, וואָס זעען אין דעם יידישן קיום בלויז אַן עקאָנאָמישע פונקציע, און ווען די פונקציע וועט ווערן איבעריק, וועלן יידן ווערן איבעריק ווי אַ פאָלק...

זיין הויפּט־אַרגומענט קעגן די מאַרקסיסטן איז — די יידישע רעליגיע.

די יידישע רעליגיע האַלט זיך שטאַרק און יידן לעבן אַזוי גאַנצע צוויי טויזנט יאָר, ניט קוקנדיק אויף די שאַרפע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור. זי האַלט זיך אַפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד.

איז ווי וועלן דאָס די מאַרקסיסטן דערקלערן?

און אָט זיינען יידן אין דעם אַמעריקאַנעם שמעלץ־טאָפּ, וואָס טוט און קאָכט־איבער און געשטאַלט־איבער מענטשן מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט.

זיי ראַטעווען זיך אין דער כמו־טעריטאָריע פון רעליגיע און אין דער כמו־טעריטאָריע פון דער יידישער קולטור.

הייסט עס, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט גאָר אַ גרויסע נאַציאָנאַל־יידישע מיסיע, זי בויט פאַר יידן אַ כמו־טעריטאָריע אין יעדער פרעמ־דער טעריטאָריע.

מען מוז זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ שטיק קאָנקרעטער אמת אין דעם דאָזיקן אַבסטראַקטן געדאַנק.

אפשר איז דער נאָמען כמו־טעריטאָריע ניט דער ריכטיקער נאָמען.

אָבער ב. ריווקין האָט, ווי געזאָגט, אין אַרבל אַן אַנדער נאָמען, אַ מער פּאַסנדיקן, און דאָס איז — ארץ ישראל של מעלה.

יידן, הייסט עס, פירן מיט זיך אַ שטיק ארץ ישראל, זיי האָבן ארץ ישראל אין גלות.

דאָס איז, אמת, ניט דאָס קאָנקרעטע ארץ ישראל; דאָס איז דאָס גייסטיקע ארץ ישראל, אָבער דאָך ארץ ישראל.

עס זיינען דאָ קלענערע טענות צו דער דאָזיקער אַבסטראַקטער טעאָריע; די גרעסטע טענה איז:

זי איז ניט ניי — די יידישע רעליגיע האָט זי שוין לאַנג פּראַקטיצירט און פּאַקטיש דורכגעפירט — די תורה איז די יידישע טעריטאָריע אין גלות פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

ב. ריווקין, הייסט עס, האָט גענומען ביי דער יידישער רעליגיע אַ געדאַנק, אַ קאָנקרעטן, ווייל רעליגיע איז פּאַקטיש געגאַנגען מיט יידן אין אַלע גלותן און האָט פאַר זיי געשאַפן זייער טעריטאָריע. און פאַר דער דאָזיקער אַבסטראַקטער טעריטאָריע האָבן זיי געקעמפט און זיך מוסר־נפש געווען, אפשר מער ווי פאַר אַ קאָנקרעטער, רעאַלער טעריטאָריע.

אָבער דער פאַרדינסט פון ב. ריווקין איז, וואָס ער האָט אָנגעטאָפּט אין דער יידישער ליטעראַטור די נייע כמו־טעריטאָריע; ער האָט אָנגעטאָפּט די נאַציאָנאַל־יידישע מיסיע אין דער ליטעראַטור, ד. ה. אין דער וועלטלעכער קולטור.

ער האָט עס געמאַכט פאַר דער מיסיע פון דער אידישער וועלטלעכקייט, וואָס איז געוואָרן קאַלט צו רעליגיע.

די יידישע וועלטלעכקייט, הייסט עס, האָט אויסגעבאָרגט ביי דער רעליגיע איר כמו־טעריטאָריע.

און דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט.

ניט אַ ליטעראַטור בלויז פון שיינקייט וועגן, פון עסטעטיק וועגן, נאָר אַ ליטעראַטור וואָס שפּאַנט זיך איין אין דעם וואָגן פון יידישן קיום.

דאָס איז איינער פון זיינע הויפּט־געדאַנקען.

עס האָט געקאָנט געזאָגט ווערן קירצער און אָן אַזאַ אימפּעט, אָבער

אריכות און אימפעט זיינען די צוויי ליטעראַרישע הויפּט אייגנשאַפטן פון ב. ריווקין.

* * *

אַ צווייטער זייל פון זיין דענקען איז — יום־טובדיקייט.

אַ גאַנץ בוך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון זיינע עסייען וועגן יידישע יום־טובים.

יידישע יום־טובים געהערן אייגנטלעך צו זיין כמו־טעריטאָריע, אָדער צו זיין ארץ ישראל של מעלה.

ער גייט דורך אַלע יום־טובים אונדזערע, דעקט־אויף זייער גרויסן עטיש־נאַציאָנאַלן תוך.

די עסייען זיינע וועגן יידישע יום־טובים זיינען, לויט מיין מיינונג, דאָס בעסטע וואָס ער האָט געשאַפן.

ער פאַרשטייט דעם יום־טוב אין טיפן יידישן זינען — יעדער יידישער יום־טוב איז אַ גרויסע עטיש־נאַציאָנאַלע איבערלעבונג; אַן איבערלעבונג, וואָס שטאַרקט דעם יידן, וואָס דערהויבט אים גייסטיק און, דער עיקר — ער גיט אים יידיש־נאַציאָנאַלע נארונג פאַר די וואָכעדיקע טעג.

ער ברענגט אַרויס אויך די שיינקייט פון די יידישע יום־טובים.

ראש־השנה און יום־כפור דריקן אויס דעם יסוד פון יידישן גלויבן און, נעמלעך — „די וועלט איז ניט הפקר, עס איז דאָ אַן אויג, וואָס גיט אַכטונג אויף די פעלקער, מיט ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט צום יידישן פאָלק, און דאָס דאָזיקע אויג וועט דערפירן דעם יידן צו דעם ענטגילטיקן נצחון".

יום־כפור איז דער העכסטער טאָג פון תשובה.

דאָס הייסט, אַז יעדער ייד איז אַ בעל־תשובה.

ניטאָ קיין יחידישע בעלי־תשובות, דאָס פאָלק איז אַ בעל־תשובה.

אַ פאָלק איז אַ בעל־תשובה, און שלאָגט זיך „על חטא".

און פאַר אים איז חנוכה דער נאַטירלעכער נס.

„ווי האַלטן מיר זיך ווי אַ פאָלק אין סאַמע פייער פון סכנה?"

און דער ענטפער איז:

על פי נס.

איז דער נס חנוכה אייגנטלעך אַ נס, וואָס פּאַסירט מיט אונדז יאָר־איין יאָר־אויס פאַר די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָר.

און אַלע יידן גלויבן אין דעם נס פון ארץ־ישראל, סיי די וועלט־לעכע און סיי די רעליגיעזע יידן.

און דער נס איז געשען (ב. ריווקין איז געשטאָרבן פאַרן נס).

און דאָ קומען מיר צו נאָך אַ דריטן זייל פון זיין פילאָזאָפיע.

יאָ, ער האָט געהאַט אַ פילאָזאָפיע.

ער האָט זי פאַרפלייצט דאָ און דאָרט מיט ווערטער, אָבער זי שווימט דאָך אַרויס קלאָר און דייטלעך.

דאָ מאַכט ער אַ סאַלטע־מארטאלע, ער גיט אַ שפרונג גאָר אין אַנדער וועלט, אָבער די אַנדערע וועלט איז געבונדן מיט דער וועלט, מיט דער אַבסטראַקטער וועלט, וואָס ער האָט אויפגעבויט.

* * *

און דאָס איז — טעאַטער.

ער איז ניט קיין טעאַטער־קריטיקער, ניט קיין טעאַטער־קענער און אפשר אַפילו ניט קיין טעאַטראַל, אָבער ער האָט געשפירט טעאַטער, ווי ער האָט געשפירט יום־טובדיקייט.

טעאַטער איז יום־טוב.

און ווי אַלעמאָל דערשרעקט ער זיך ניט פאַר קיין גוזמא. ער האַלט הפּנים, אַז גוזמא זעט אויס בלויז אין סאַמע אַנהויב גוזמאדיק, אָבער ווען מען געוואוינט זיך צו איר צו, ווערט אויס גוזמא.

יאָ, ער איז געווען אַ בעל־גוזמא, ווי יעדער דרייסטער שרייבער.

וואָרום דרייסטיקייט איז גוזמא. זי איז ניט־נאַטירלעך, זי פאַר־גוזמאַדיקט געזעצלעכקייט און איינגעשטעלטקייט.

ער האַלט, אַז רעליגיע, דערהויפּט יידישע רעליגיע, איז איין גרויסער ספּעקטאַקל.

און דאָ האָט איר אַ דרייסטקייט, אַ טיפּיש ריווקינישע:

דער שולחן־ערוך איז דאָס רעזשי־ספר, אָדער ווי מען רופט עס — רעזשי־בוך, וואָס דער רעזשיסאָר גרייט־צו פאַר דורכפירן דעם ספּעק־טאַקל, אָדער די אויפפירונג.

דאָ פעלט אים אַביסל גוטע באַהאַוונקייט, אָדער קאָנקרעטע וויסן פון דער טעאַטער־קונסט, אָבער ער לאָזט זיך פירן פון זיין אינטואיציע.

און קיין גרויסע גרייזן מאַכט ער ניט.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אידייע, וואָס האָט געהייסן „אַל־אַמעריקען טעאַטער".

היות ווי אַמעריקע איז אַ לאַנד צוזאַמענגעשטעלט פון פיל נאַציעס,

און יעדע נאַציע האָט אירע נאַציאָנאַלע ספּעקטאַקלען, דאָס הייסט אירע שאַרפע נאַציאָנאַלע שטריכן, דאַרף מען אָרגאַניזירן אַ גרויסן, אַ גאָר גרויסן טעאַטער, אין וועלכן יעדער פאָלק זאָל האָבן זיינע נאַציאָנאַלע ספּעקטאַקלען.

דאָס וועט אָפּפרישן דאָס נאַציאָנאַלע ביי די פעלקער און דאָס וועט באַרייכערן אַפילו די אַמעריקאַנער קולטור, וואָס איז אין עצם מולטי־קולטורעל.

דאָ האָט איר ווידער זיין דרייסטקייט אין דענקען.

פאַר אים זיינען אַבסטראַקציעס געווען רעאַלער ווי די רעאַליטעט.

ער האָט זיי בלויז געקאָנט רעאַליזירן אויפן פּאַפּיר, און דאָס אויך ניט איינגאַנצן קלאָר, אָדער ריכטיקער — ניט אין קאָנקרעטע, קורצע פּאַראַגראַפן.

געדאַנקען האָבן זיך געיאָגט ביי אים ווי אין אַ וועט־לויף, איינער האָט געוואָלט איבעריאָגן דעם אַנדערן.

האָט ער זיי געמוזט אַרויסזאָגן מיט גרויסן אימפּעט.

ביי אים איז, למשל, טעאַטער און צערעמאָניאַל איינס און דאָסזעלבע.

צערעמאָניאַל האָט צו טאָן מער מיט איינגעשטעלטן נוסח; טעאַטער האָט אויך נוסח, אָבער ער איז איבערגעשאַפענער, סטיליזירטער, אָדער פאַרקינסטלערישטער נוסח.

איז די אויפפירונג פון „דיבוק״, פון דער „הבימה״, ביי אים אַ צערעמאָניאַל, און אַ יידישער צערעמאָניאַל.

שטייט אים וואַכטאַנגאָוו אין וועג; וואַכטאַנגאָוו, דער שאַפער פון דעם ספּעקטאַקל „דיבוק״ איז אַ קריסט, אַן אַרמענער.

אָבער ער האָט קיין צייט ניט זיך אָפּצושטעלן אויף דעם, ער פאַרגעסט עס און ער נעמט אָן דעם „דיבוק״ פאַר אַ יידישן צערעמאָניאַל.

אָבער דאָס איז, אגב אורחא. אגב, מינערט עס אויף אַ האָר נישט די דרייסטקייט פון זיין קאָנצעפּציע.

דאָס זיינען די דריי זיילן פון זיין דענקען. זיי זיינען צעשאָטן, ניט שטרענג אָרגאַניזירט. און מיר האָט גענומען צייט צו אָרגאַניזירן זיי פאַר דעם דאָזיקן עסיי.

ער האָט נאָך אַ בוך, וואָס הייסט „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״. ער פאַרמעסט זיך ראַציאָנאַליזירן די יידישע אמונה אַזוי, אַז דער ניט־גלויביקער זאָל זי קאָנען אָננעמען.

פּשוטער — ער גיט דעם ניט־גלויביקן אַן אמונה אָן אַ גאָט.

דאָס איז אויך ניט ניי.

דאָס האָבן פּראָבירט טאָן אַ סך אַנדערע — זיי האָבן געוואָלט אונטערוואַרפן אמונה דער ממשלה פון שכל.

דאָס האָט זיך קיינעם ניט איינגעגעבן. די גאָר גרויסע, וואָס האָבן עס פּרובירט, האָבן אַליין געשאַפן דעם „אני־מאמין".

דער רמב"ם האָט געהאַלטן פון דער ממשלה פון שכל, אָבער ער האָט פאַרפאַסט דעם „אני־מאמין", וואָס יידן זאָגן צום סוף פון דאַוונען.

אַ באַזונדער בוך וועגן „אונדזערע פּראָזאַיקער". דאָס איז אַ בוך פון ליטעראַטור־קריטישע עסייס.

הכלל — איר האָט דעם גאַנצן ב. ריווקין.

און עס קומט גאָר אַ גרויסער יישר כוח זיין פרוי, מינא ריווקין. אַ דאַנק איר האָבן מיר כמעט פול דעם גאַנצן אידייען־גאַנג פון ב. ריווקין.

און דאָס זיינען ביכער, וועלכע מען דאַרף לייענען, ווייל זיי זאָגן עפּעס. זיי זאָגן עס מיט שטורם און מיט שאַרפקייט.

און אין דער שטורמדיקייט הערט איר אָבער דעם קלאָרן קול־דממה דקה.

ב. ריווקין האָט געדענקט ליידנשאַפטלעך. ער האָט געדענקט מיט אימפּעט און מיט טעמפּעראַמענט.

ער האָט געדענקט אַבסטראַקט, אָבער עס זיינען כסדר דאָ קערנדלעך פון רעאַליטעט אין זיינע אַבסטראַקציעס.

„מאָרגן זשורנאַל", דעצעמבער 23, 1951.

מ. באַרײשאַ

דער כּישוף פֿון גײסט

1.

עטלעכע צענדליק יאָר איז צווישן אונדז אומגעגאַנגען אַ מענטש, וועמען אַלע האָבן באַטראַכט פֿאַר אײנעם פֿון די עשירים אין גײסט. נאָענטע האָבן מיט אַ גוטמוטיקן שמײכל אים פֿאַרגליכן צו אַ לאָקאָמאָטיוו: ווי די שטאָלענע חיה איז אָנגעהײצט און אָטעמט מיט דאַמף, אַזוי איז ב. ריווקין כּסדר אָנגעהײצט און אָטעמט מיט גײסט. און געשריבן האָט ער אַ סך, גאָר אַ סך. אָבער קײן קאַריערע נישט געמאַכט — אַפֿילו נישט מ׳שטײנסגעזאָגטע בידנע „קאַריערע״ פֿון זיכערן שטיקל ברויט, צו וועלכער אַ שעפֿערישער מענטש קאָן זיך דערשלאָגן אויף אונדזער גאַס. יאָ, עס האָט ריווקינען זײער אָפּט אויסגעפּעלט אויף פּשוטער חיונה.

און ס׳האָט זיך געלאָזט לײכט דערקלערן. בײ יעדן מין קאַריערע, אַפֿילו בײ אונדזערער מ׳שטײנסגעזאָגטער, מוז אַ מענטש גײן מיט בײדע פֿיס אויף דער ערד. ער באַדאַרף קאָנען „אויסקומען״ מיט זײן סביבה און איר ווירקלעכקײט. בײ ריווקינען האָבן די פֿיס פֿאַרמאָגט אַזעלכע שפּרינג־פֿעדערן, וואָס ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו דער ערד, האָט עס אים אַ הײב געטאָן אין דער לופֿטן. יעדע ערד, יעדער מין מאַטעריע איז פֿאַר אים געווען פֿאַרהאַרטעוועטער גײסט. האָט ער אויך פֿון דער מאַטעריע פֿון רעאַלן לעבן כּסדר געמאָנט דאָס, וואָס ער האָט אַלײן אין איר געוואָלט זען. און דאָס האָט אים דאָס רעאַלע לעבן נישט צוגעשטעלט. איז צווישן בײדן — דער רעאַליטעט און ריווקינען — אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ צושטאַנד פֿון פּערמאַנענטער מלחמה. עס איז געווען דער אײביקער תּנ״כישער קריג צווישן מענטשן און נחש: דער מענטש האָט דערלאַנגט דעם נחש אין קאָפּ, און דער נחש דעם מענטשן — אין טריט.

גוט איז געווען מיט ריווקינען יענע, וואָס האָבן אַליין געלעבט מיט גייסט אָדער געדאַרפט אָנקומען צו גייסט: פּאָעטן, קינסטלערס, באַוועגונגען. ווי נאָר ריווקין האָט דערשמעקט עפּעס, וואָס איז אים געווען אייגן, — אַפילו אויב עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט, — האָט ער גלייך געלאָזט אין דער אַרבעט דעם אַפּאַראַט, וואָס האָט פּראָדוצירט וויזיעס, טיפע כוונות, פאַרקניפּונגען מיט אידייעס, און האָט דאָס ווערק, דעם מענטש, די פּאָליטישע טעאָריע אַרומגעוויקלט מיט אַ גייסטיקייט, וואָס האָט זיי אָפט דערהויבן איבער זייערע אייגענע השגות. ער האָט געקאָנט אין יעדן דורכשניטלעכן פּאָעט אָדער שרייבער אַריינטייטשן תלי תלים פון הויכע קינסטלערישע אין אידייאישע כוונות. און אַז ס׳איז צו־האַנט געקומען אַ באמת גרויסער פּאָעט, איז ער דאָך זיכער באַרעכטיקט געווען אויף פּירושים, אין וועלכע ער האָט זיך געקאָנט לאָזן שווימען איבער די ימען פון זיינע אייגענע וויזיעס.

האָט געלעבט צווישן אונדז אַ מענטש עטלעכע צענדליק יאָר, איז געווען אַ שעפערישער ליטעראַטור־קריטיקער, שאַרפער פּובליציסט, פּינקלדיקער עסייאיסט, און האָט ביים לעבן נישט זוכה געווען, אַז פון די טויזנטער זייטן, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, זאָלן כאָטש עטלעכע הונדערט אַרויסקומען געבונדענע אין טאָוולען. ער האָט אין זיין לעבן איבערגעהאַלטן אין זיינע הענט טויזנטער ביכער, נאָר ניט איינס קיין אייגנס. אַרויסגעבן אַ בוך האָט שוין געשמעקט מיט תכלית. און ריווקין איז געווען צופיל פאַרנומען מיט אַרבעט און געראַנגל מיט דער נויט, ער זאָל קאָנען אָפּשפּאָרן געגוג ענערגיע אויף תכלית. ערשט נאָך זיין טויט האָבן זיין פרוי און חברים זיך גענומען אומקוקן אויף דער רייכער ירושה און באַמיט זיך אַ טייל דערפון אַריינצושטעלן אין טאָוולען. זענען אַרויס צוויי ביכער, און איינס פון זיי שליסט איין אַן אַרבעט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם תמצית פון ריווקינס אמונה ווי אַ ייד. די אַרבעט — אַ קנאַפּע הונדערט זייטן — הייסט: „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״.

2.

איבערלייענען די הונדערט זייטן איז אַן איבערלעבונג. מען קאָן עס ניט מאַכן מיט איין מאָל: עס פאַרשיכורט. ריווקין פלעגט ליידן אַמאָל פון סטיליסטישע פאַרקנוילטקייטן. דאָ איז קיין סימן דערפון נישטאָ. דער מענטש איז דערגאַנגען צו געדאַנקלעכער קלאָרקייט — די אַרבעט איז געשריבן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן —

און אויך דער סטיל איז לויטער. וואָס עס פאַרשיכּורט איז די הויכע טעמפּעראַטור פון גלויביקייט. דער נחת פון אויפלויכטונגען, וואָס דאָס לייענען פאַרשאַפט דערמאָנט אָפט דעם נחת פון לייענען די לויטערסטע חסידישע און קבלה־ספרים. און עס מאַכט נישט אויס ווען מ׳איז מיט ריווקינען נישט מסכּים. ווען אַפילו ער פאַררעדט זיך אין דעם אייגענעם נוסח פון טייטשן קלאַסישע באַגריפן — אָטעמט עס אַלץ מיט טיפער אמונה.

ריווקין וויל ווערן אַ מדריך. נישט פאַר זיך שרייבט ער דאָס ספר — ער שרייבט עס פאַר די אומגלויביקע. ער מיינט, אַז קיין אומגלויביקע זענען ביי אונדז בכלל נישטאָ, די גענטאַלקייט פון יידן ליגט אין אונדזער אמונה־פעאיקייט, און אין משך פון יאָר־טויזנטער האָט זיך אין אונדז אָנגעקליבן אַ רעזערוואואַר פון אמונה, מיט וועלכער מיר קאָנען באַ־טיילן אַ צענדליק גרעסערע פעלקער. אָט די אמונה האָט זיך אָפּגעזעצט אין יידנס געביין, „אין זיין פיזישער קאָנסטיטוציע — און קאָנסטיטוציע ירשנט זיך״. נישט מער — דער דור איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער דיקטאַטור פון די נאַראָנים, וואָס האָבן געמאַכט סטראַשידלעס פון די ווערטער „גאָט״ און „משיח״ און האָבן אויפגעשטעלט אַ מחיצה צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט. איז געוואָרן אַזוי, אַז „אונדזער גענטאַלע גלויבנס־גבורה איז פאַרמשכּונט ביי די אַלט־גלויביקע, און די נייע, וואָס זענען, אין תוך, נישט ווייניקער גלויביק, זענען געבליבן ביי גאָרנישט. וויל ריווקין אָפּשאַפן די מחיצה. טראַכט ער זיך אויס אַ מנין אומגלויביקע און קנעלט אין זיי אַריין די עיקרים פון אַן אמונה, וואָס קאָן זיי גרינג צוריקברענגען אי צו גאָט, אי צו משיחן. מיט וואָס טוט ער עס?

דער מאמין נעמט צו־הילף דעם קינסטלער, און ביידע צוזאַמען דערטראַכטן זיך צו אַ מין מעשה בראשית, וואָס האַלט כּסדר אָן און וואָס הייסט „געשטאַלטונג״ אָדער „געשטאַלט־געבונג״. געשטאַלטונג וואָלט געקאָנט אַריינפאַלן אין קאָנפליקט מיט „לא תעשה לך פסל״. ריווקין איז קליגער און יידישער. זיין פּסוק איז: ויברא אלהים את האדם בצלמו (און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט). פּסל איז מאַטעריע, צלם איז גייסט. שאַפן געשטאַלטן — דאָס איז די באַדערפעניש פון דער מענטשלעכער נשמה. אויף דעם לעבט זי. מיט דעם וואַקסט זי. וואָלט מען דאָ געקאָנט אַריינפאַלן אין דער אפּיקורסישער חכמה פון איבערדרייען דעם פּסוק און זאָגן: נישט דער בורא האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין, אין בוראס, געשטאַלט, נאָר פאַרקערט —

דער בורא איז אַליין אַ געשטאַלט פון אַ מענטש. אָבער ווידער איז ריווקין צו־טיף און צו יידיש. אַ קונץ מאַכט ער יאָ. ברעכן אַן עיקרדיקן באַגריף פון דער יידישער אמונה ברעכט ער יאָ, אָבער ער מאַכט עס אויף אַן אַנדער ליניע.

ווען יידישקייט איז דערגאַנגען צום באַגריף „אין סוף" — אומ־ענדלעכקייט — איז עס בלויז געווען אַן אויסברייטערונג פון די פריער־דיקע גאָט־באַגריפן. עס איז געווען אַ נייער סינאָנים פאַר גאָט. ווי עס זאָגט ביי אונדז דאָס פאָלק „גאָט ברוך הוא", אַזוי האָט דער מקובל געזאָגט „אין־סוף ברוך הוא". עס איז געווען איינס — אחד. האָבן די מקובלים געדאַרפט פאַרענטפערן דעם אינטערעס, וואָס דער אין סוף ברוך הוא האָט אין דעם, אַז דער מענטש זאָל מקיים זיין די תרי"ג מצוות, האָבן זיי עס פאַרענטפערט (ר' חיים וויטאַל, „שערי הקדושה" און אַנדערע). ריווקין שפאַלט דעם באַגריף. ער טיילט אים אין צוויי קאַטעגאָריעס: אויבן איז דער אין סוף, צו וועלכן עס ציט זיך דער מענטש בכלל און דער ייד אודאי; אונטן איז גאָט, וואָס איז ביים יידן געוואָרן אַן אינסטרומענט פון באַהעפטן זיך מיטן אין־סוף. גאָט האָט צוגעטיילט דעם יידן תרי"ג מצוות, כדי ער „זאָל קאָנען אויסשטיין קעגן אַ וועלט מיט שונאים". און עס באַקומט זיך אַ פראַצעס, וואָס ריווקין פאַרגלייכט מיט אַ הימישן ברונים: „דער תרי"ג — דאָס איז געווען דער שטאַנג, דער פאַריידישטער גאָט־באַגריף איז געווען דער עמער, וואָס האָט געשעפט נאָכאַנאַנד גלויבנס־שפע פון דעם ברונעם — דעם אין סוף". מיט עטלעכע שורות וייטער קומט אויס, אַז אין־סוף און גאָט זענען יאָ איינס, אָבער אויף אַ צווייטן זייטל איז ווידער דאָ אַ פאָרמולע, וואָס לייענט זיך: „דער יידישער גאָט איז דאָס גרויסע שטיק לעבעדיקע גייסטיקייט, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויס־געצויגן פון אין־סוף און אַרייַנגעצויגן אין זיך דורך זיינע געשיכטלעכע איבערלעבונגען". רעדנדיק מיט דעם לשון פון די מקובלים, וואָלט עס געדאַרפט הייסן, אַז גאָט איז אַ מין עמאַנאַציע פון אין־סוף. ריווקין מאַכט עס נאָך קלאָרער, ווען ער זאָגט: „רעליגיע איז פאַרגעפיל וויפיל נאָך מער גאָט עס וועט זיך אַרויסוויקלען פון אין־סוף".

אָט די שפאַלטונג פון אומגעטיילטן באַגריף האָט ריווקין געדאַרפט האָבן, כדי די אומגלויביקע זאָלן גרינגער קענען אַריבערשפּאַנען די מחיצה צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט. ער נעמט אָן, אַז ווי נאָר זיי באַפרייען זיך פון דער דיקטאַטור פון די נאַראָנים, וועלן זיי מוזן דערזען דעם אין־סוף, און גאָט ווי „אַן עמער" צו שעפּן פון אין־סוף

ווערט אַ פֿאַרשטענדלעכע זאַך. היט ער זיך צו זאָגן, אַז דער רבש״ע איז „אַ געשטאַלטונג״ פון יידישן גייסט. אָבער דערפֿאַר האָט דער רבש״ע אַ געהילף, שיר נישט אַ שותף — משיחן — און משיח איז שוין אָפֿן אַ פּראָדוקט פון יידישער „געשטאַלט־געבונג״.

משיח איז ביי ריווקינען דער צענטער פון יידישער אמונה, דער כח פון יידישן אויסדויער, די זון פון גאולה פֿאַר יידן און פֿאַר דער וועלט. די תרי״ג מצוות זענען געווען „אַן אויפֿשפּיל פון דער משיח־אמונה״. דער טיש ביי די חסידישע רביים איז געווען אַ משיח־שפּיל. איז „גאָטס פנים געווענדט דורך ארץ־ישראל צו דער וועלט־גאולה״. „ארץ־ישראל, משיח, גאָט — זענען אַ דריי־איניקייט נישט פֿונאַנדער־צורייסן״. און אַזוי אָן אַ שיעור.

אין דער יידישער מסורה איז משיח אַלץ איינס געזעסן ביים כסא הכבוד און ריווקין האָט נישט געדאַרפט אָנווענדן קיין טרחה אים אַרויפֿצושרויפֿן אויף דער העכסטער הויך. אָבער אויב משיח איז געזעסן לעבן קודשא בריך הוא, איז די תורה געלעגן ביים כביכול אויף די קני און כביכול האָט זי כסדר אַליין געלערנט. די תורה איז אַ סך אַ גרעסערע מיוחסת פון משיחן, ווייל אין יידישן קיום דורך יאָר־טויזנטער האָט זי אַ סך אַ גרעסערן חלק ווי משיח. ריווקין, דער ייד, האָט עס מסתמא געוואוסט. אָבער ריווקין דער קינסטלער, דער געשטאַלטער, האָט מיט דער תורה קנאַפּ וואָס געקאָנט מאַכן, ווען יאָ, וואָלט עס אים געמוזט פֿאַרפֿירן אין אַ מיסטישער ראָמאַנטיק, וואָס וואָלט זיך נישט געקאָנט אָנמעסטן אויף סאָציאַליזם, רעוואָלוציעס, גאולה א. אַז. וו. אמת, די תורה וואָלט אים זייער גוט געקאָנט צוניצקומען דאָרטן וואו ער לערנט מיט זיינע אומגלויביקע די חכמה פון קולטיווירן און אויס־ברייטערן די נשמה, אָבער זיך אַריינלאָזן אין דעם וואָלט געווען אַ ריזיקאַליש שפּיל. האָט ער אין דער תורה ווי דעם הויפּט־כח פון יידישן קיום „פֿאַרגעסן״, און די גאַנצע בכורה אָפּגעגעבן משיחן. משיח ווערט ביי אים דער צענטער פון גאַנצן יידישן רעליגיעזן און נאַציאָ־נאַלן לעבן, דער טשוואָק, אויף וועלכן עס הענגט דער יידישער עבר און עתיד, דער שותף און הויפּט־געהילף פון רבש״ע. אָנשטאָט דעם קלאַסישן יידישן נוסח קודשא בריך הוא און אוריתא, די תורה, ווערט עס ביי אים: גאָט און משיח.

ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם פון וואַנען עס קומט צו אַ טיף־יידישן מענטשן די טענדענץ „אויפֿצושפּילן״ משיחן אויפֿן חשבון פון דער תורה, מוז קענען ווילן אויפֿקומען דער חשד, אַז דאָס האָט צו טאָן

נישט נאָר מיט קינסטלערישקייט, נאָר מיט דירעקטער ווירקונג פֿון דער קינסטלערישער קולטור. דאָס האָט די קריסטלעכע קולטור, דאָס האָט זי „געשפּילט״ משיחן, אַזוי אַז ער איז געוואָרן דער קוואַל פֿון אַלץ און דאָס ליכט איבער אַלץ און האָט אינגאַנצן פֿאַרשטעלט די תּורה. די יידישע מלחמה קעגן קריסטנטום דורך אַלע דורות איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן דעם משיח פֿאַרשטעלט מיט דער תּורה. דער וועג צו גאָט דורך דער תּורה מאַכט יעדן יחיד פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַנע מעשׂים, דער וועג דורכן פֿאַרמיטלער, דעם משיח, נעמט אַוועק די אחריות פֿון מענטש און גיט אים אַן „אויסקויפֿער״ פֿון זײַנע זינד. ריווקין האָט עס זיכער נישט געמיינט. אים איז געגאַנגען אין יידישער און וועלט־גאולה, אין „אַ געשטאַלט״, אין וועלכער יידן זאָלן קענען קאָנצענטרירן זייער אמונה און שפּילן אַ וועלט־ראָליע. אָבער דאָס איז געווען אַ בלאָדזשעניש און אַ געפֿערלעכע.

3.

אָט די צוויי אָפּנויגן פֿון דער יידישער מסורה קומען אַרויס אין זייער פֿולער שאַרפֿקייט ערשט נאָכן איבערלייענען דאָס ספֿרל. אין פּראָצעס פֿון לייענען ווערט מען פֿאַרכאַפּט פֿון די שאַרפֿקייטן און פּינקטלדיקייטן פֿון דער אָנגעגליטער אמונה און דעם אופֿן ווי אַזוי ריווקין פֿירט אין איר אַריין זײַנע אומגלויביקע.

פֿאַר זיי שטעלט ער אַוועק איין גרויסן עיקר: דער תּמצית סײַ פֿון מענטש סײַ פֿון וועלט איז נישט מאַטעריע, נאָר גייסט, נישט חומר, נאָר נשמה. אויך דאָס וואָס זעט אויס צו זײַן מאַטעריע איז אין תּוך — ווי די וויסנשאַפֿט האָט באַוויזן — בלויז ענערגיע. דעריבער איז יעדע מאַטעריע פֿאַרהאַרטעוועטער גייסט. אַפֿילו עקאָנאָמישע אָרדנונגען האַלטן זיך אויף גייסט. און דער פֿאַטאַלער טעות, וואָס די וועלטלעכע דער־לייזער מאַכן איז וואָס זיי זענען בלויז „מעכאַניקער, האַנט־אַרבעטער״. זיי מאַכן איבערקערענישן בלויז אין דער מאַטעריעלער אָרדנונג און נישט אין מענטש. „אַפֿילו ווען זיי ווענדן אָן קולטור־מיטלען, איז עס מעכאַניש־אַרײַנגעשטוקעוועטע קולטור״.

און נאָך אַן עיקר שטעלט ריווקין אײַן. יעדע גאולה, יעדע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, ציט איר אידייע און חיות פֿון אַ יידישן מקור. צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט, שטייען מיר אין צענטער פֿון אַלע וועלט־איבערקערענישן. נעמט אונז אַן אמתע רעוואָלוציע אונטער איר שוץ (אָקטאָבער), וועט אַ טייוולאָנישע רעוואָלוציע (היטלער־

ריזם) אונדז פאַרניכטן. פון אונדזער צענטראַלער ראַליע אין דער וועלטס דערלייזונג קענען מיר זיך נישט באַפרייען און דעריבער מוזן מיר באַנעמען וואָס מיר קאָנען און דאַרפן זיין פאַר זיך און פאַר דער וועלט.

דאָס האָבן מיר נישט געקאָנט באַנעמען אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן אונטער דער דיקטאַטור פון די נאַראָנים און זייער גראַשנדיקער תורה זיך געלאָזט טעראָריזירן פון דער שרעק פאַר די ווערטער: גאָט, משיח, נשמה, גייסט. די דיקטאַטור מוז מען אַראָפּוואַרפן פון זיך, אַקטיוו מאַכן דעם גרויסן אָפּלאַגער פון אמונה אין אונדז, געפינען דעם וועג צוריק צו גאָט, וואָס איז דער „יידישער היסטאָרישער כּח" און דורך גאָט (דאָ קומט דער אָפּנויג פון דער היסטאָרישער יידישקייט) צום אין־סוף, צו דער פאַרבינדונג מיטן אוניווערס. אונדזערע עלטערן האָבן דערפאַר געהאַט אַ גוואַלדיקן אַפּאַראַט — די תרי"ג מצוות, וואָס האָט געהאַלטן די נשמה כּסדר אַקטיוו. מיר דאַרפן דורך אייגענע מצוות, אָנגעהויבן פון נדרים, שאַפן אַן אייגענעם אַפּאַראַט צו קולטיווירן די נשמה. אָבער נישט פאַרגעסן דערביי, אַז וואָס פאַר אַ נייע מצוות מיר זאָלן פאַר זיך נישט שאַפן, מוזן זיי זיין נאַציאָנאַל יידיש, ווייל בלויז דורך דעם נאַציאָנאַל־יידישן באַנעם פון אין־סוף קענען מיר זיך אַליין און אונדזער באַזונדערן פּלאַץ אין דער וועלט־אָרדנונג ווידער געפינען — — —

איך שרייב דאָ די דאָזיקע שורות און כאַפּ זיך, וואָס פאַר אַן עוולה איך באַגיי קעגן ריווקינען דערמיט, וואָס איך פּרוביר מאַכן אַ קיצור־אינהאַלט פון זיינע אָנגעגליטע און פינקלדיקע וויזיעס. די קאַפּיטלען וועגן ארץ ישראל של מעלה און דער ערדישער ארץ־ישראל, וועגן די חלוצים און זייער נישט דערגאַנגנקייט צום טיפן סוד פון זייער שליחות, וועגן דעם געשריבענעם גויאישן מאַנדאַט און אונדזער אייגענעם אייביקן מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל — דאָס זענען קאַפּיטלען פון רעליגיעזער פּאָעזיע, וואָס קענען ניט קאָנדענסירט ווערן. דאָס דאַרף מען ציטירן, און דאָס קען מען זיך אין די גרענעצן פון אַן אַרטיקל נישט פאַרגינען.

איז צו וואָס פּירט עס אַלץ? אויב מען וויל זוכן ביי ריווקינען אַן אידייאישן תכלית, אַ „פּראָגראַם", וואָס מען זאָל מאַרגן קאָנען אָנהויבן דורכפירן — וועט מען עס נישט געפינען. אַ פּראָגראַם מוז שטיין אויף דער ערד און ריווקינס פיס — ווי געזאָגט — האָבן פאַרמאָגט אַזעלכע שפּרינג־פעדערן וואָס האָבן אים ניט געלאָזט זיך האַלטן אויף

האַרטן באַדן. קען זיין, אַז צוליב דעם האָט ער אויך פאַרזען די תורה, ווייל לא בשמים היא (זי איז נישט אין הימל). וואָס ער האָט געגעבן אין אָט דעם ספרל, וואָס הייסט „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע“, איז אַ קווינט־עסענץ פון זיין טראַכטן, וואָס איז אַלעמאָל געווען מער רעגונג און אַנרעגונג זיך אויפצוהויבן פון ערדישן אין מלכות פון גייסט, ווי תכליתדיקער גאַנג.

„ווי קליין, ווי ווייניק, ווי אָנמעכטיק מיר זענען“ — זאָגט ריווקין וועגן יידן — „אָבער מכשפים זענען מיר. דורך דעם כישוף פון גייסט, דורך דעם נדר אין אונדזער בלוט אַפילו אָן אונדזער וויסן — פאַר־כישופן מיר די פעלקער“. ריווקין האָט אין גאַנצן פאָלק געזען דאָס וואָס ער אַליין איז געווען און געוואָלט זיין — אַ מכשף פון גייסט. און ער איז געווען גערעכט — ווייל די קונסט פון כישופן מיטן גייסט איז אין אים געווען זיין יידישע עסענץ. ער האָט זיין פערזענלעכן טאַלאַנט פראָקלאַמירט פאַרן נאַציאָנאַלן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער מקור פון פערזענלעכן איז ביי אים דאָס נאַציאָנאַלע.

און דאָס לערנט ער, דאָס ווייל ער אַריינקלאַפּן אין די קעפּ פון די אומגלויביקע. ער האָט נישט קיין פּראָגראַם פאַר זיי — ער האָט בלויז אַ דרך: צו קיום דורך נצחון, און „נצחון“ מיינט ביי אים באַהערשונג פון דער מאַטעריע דורכן גייסט — יחידיש, נאַציאָנאַל, אַלמענטשלעך.

מעג מען מיט אַ סך פון דעם וואָס ריווקין האָט געחזיונט — ווי מיט דער מוראדיק־אויפגעשרויפטער משיח־געשטאַלט — נישט מסכים זיין. אָבער צווישן די וואָס האָבן געזוכט און זוכן ביי אונדז צו ברעכן די מחיצה צווישן וועלטלעכקייט און גאָט, איז ער געווען איינער פון די שעפערישסטע און זעעוודיקסטע. ער האָט זיך אַליין מיט גייסט פאַר־כישופט און עס פינקלט פון אים אַרויס אַ כישוף, וואָס קען ברענגען נשמהדיקע אויפריכטונג צו די וואָס זענען נאָך אַלץ באַהערשט דורך דער דיקטאַטור פון די נאַראָנים — און ווי גוואַלדיק זיי דאַרפן עס!

דר. שלמה ביקל

ב. ריווקין, שרייבער מיט אמונה אין יידישן וואָרט

(אַ רעדע געהאַלטן ביים אויפדעקן די מצבה)

אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר האָט די יידישע אַמעריקע געטראָגן צו קבורה דריי פון אונדזערע סאַמע גרעסטע שריפטשטעלער אויפן געביט פון דער יידיש־געדאַנקלעכער פּראָזע. ווען איך שטרייך אונטער שריפטשטעלער מיין איך דערמיט צו זאָגן, אַז חיים זשיט־לאָווסקי, אברהם קאָראַלניק און ברוך ריווקין, ביי וועמעס קבר מיר האָבן זיך היינט פאַרזאַמלט אָפּצוגעבן כבוד זיין אָנדענק, זיינען ניט בלויז געווען פון די וויכטיקסטע פאָרמולירער פון אונדזער געדאַנק, נאָר אויך פון די גרעסטע מייסטער און שמידער פון אונדזער יידיש וואָרט.

יעדער פון די נאָר־וואָס אָנגערופענע דריי איז געווען אַ וויכטיקער סטיל־שעפער פון אונדזער מחשבהדיקער פּראָזע, וואָרעם פאַר יעדן פון זיי איז דאָס וואָרט ניט געווען סתם אַ פאַרשטענדיקונגס־מיטל מיטן לייענער, נאָר עס האָט געטראָגן אויף זיך דעם עול פון קינסט־לערישער שאַפונג, ד. ה. עס איז געגאַנגען אין אַ שליחות צו דער דרויסנדיקער וועלט מיט סודות פון די טיפענישן פונעם שעפערס געמיט.

זשיטלאָווסקי, קאָראַלניק און ריווקין האָבן ניט גענוצט גרייטע ווערטער־מכשירים, נאָר אייגענע אורשפּרינגלעכע ווערטער אויסגעפאָר־טיקט און אויסגעבאָדן אין ריח און אין דער פאַרב פונעם אייגענעם געמיט־וואָרשטאַט.

זייער פּראָזע האָט מען ניט געמוזט בלויז פאַרשטיין, כדי זי צו פאַרשטיין. זייער פּראָזע האָט מען אויך געמוזט אויפנעמען מיט די חושים ווי אַ קונסטווערק, וואָרעם הינטער זייער שורה איז געשטאַנען

ניט בלויז אַ מסביר פון געזעלשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע רעיונות, נאָר אויך אַ שרייבערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געזוכט אויסדרוק פאַרן אייגענעם נשמהדיקן מיטאַנאַנד, אַ קינסטלערישער מענטש, וואָס האָט פּרובירט אַרויסצורייסן זיך פון די פּענטעס פונעם כאַאָס צו גע־שטאַלטערישער פרייהייט. דעם פּרוואווערס, כ׳מיין דעם עסייאיסט׳ס, אופן איז ניט דער וועג פון דיכטונג. דער פּרואוו אַליין איז זיין ליטעראַרישער זשאַנר און אויך זיין דערגרייכונג.

זשיטלאָווסקי, קאַראַלניק און ריווקין זיינען די גרויסע פּרואווערס, די עסייאיסטן אונדזערע, וואָס זייער פּרואוו איז געקרוינט געוואָרן מיט דערגרייכונג, ווייל זייער אויפקלערעריש און פאַרטייטשעריש וואָרט האָט אויפגעקלערט ניט בלויז דעם געדאַנק, נאָר אויך און קודם געבראַכט אויפקלערונג וועגן זיי, די עסייאיסטן און וועגן זייער שעפערישער פּערזענלעכקייט.

זשיטלאָווסקיס סטיל איז געווען זיין קלאָרקייט. זיין קלאָרקייט האָט ניט באַלאַנגט צו איין ספּעציפישער שעה אין טאָג. איבער זשיטלאָווסקיס וואָרט האָט געווייעט צומאָל די לויטערקייט פון העלע, קילע פרימאָרגנס און אָן אַנדערש מאָל די הייסע און צודרינגלעכע קלאָרקייט פון דעם טאָג אין זיין סאַמע מיט. קאַראַלניקס וואָרט האָט זיך געטונקען אין דער פאַרב פון דער פאַרנאַכטיקער שעה, ווען דער טאָג נעמט מיד און קוהלתדיק שמייכלען.

אין ברוך ריווקינס געמיט האָט געברויזט שטענדיקער ערב־שטורעם, אַ שטיק כמאַרע האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין אויף פאַנאַנדערצוגיין, כדי אויפצודעקן פאַר דער ערד די גאַנצע און אומבאַפלעקטע בלויקייט פון די הימלען. עס לויפט דער וואָלקן שטורעמדיק אָן אָטעם, אין איין געיעג צו באַפרייען זיך פון זיך אַליין און אויפצוהעלן פאַר אַלע אויגן דאָס פשוטע, דאָס קלאָרע און — דאָס סודותדיקע, וואָס הינטער אים; און לויפנדיק אַזוי פאַרשטעלט ער מיט זיך דאָס, וואָס ער וויל אונדז באַווייזן.

און ווי דער שטורמישער וואָלקן איז ריווקינס סטיל אָנגעפילט מיט דער ליידנשאַפט פון זיין זעאונג. ריווקין איז אין דער סאַמע נאָענטקייט פון יענער זייט פון זיך אַליין און זעט אַלץ קלאָר ווי אויף דער האַנט, און אונדז מוז ער שטעכן די אויגן מיט ווינט און שטויב, כדי מיר זאָלן זיך אַדורכדרינגען מיט זיין זעאונג.

דער אויסטערלישער ספּעקטאַקל פון ריווקינס שטורמיש־וויזיאָנע־רישע געוויטערן פאַרכאַפּט ניט בלויז מיט דער סטיליסטישער שיינקייט

אָן גבורה, נאָר אויך און אפשר פאַר אַלעמען מיט דער טראַגישער ליידנ־שאַפט, וואָס אין זיי, אויפצוהיטן דעם גלויבן אין דעם אייביקן ציל, וואָס הויערט פון יענער זייט וואָרט און אין דער שליחות פונעם וואָרט, וואָס קאָן און וועט אונדז אַהין דערפירן.

קיינער אין אונדזער עסייאיסטיק האָט ניט געגליט מיט מער אמונה אינעם כח פון אונדזער מענטשלעך, יידיש וואָרט ווי ריווקין. דער דאָזיקער גלויבן זיינער אין דער מיסיע פונעם וואָרט צו דערפירן ס׳מענטשלעכע געמיט צו גאָט און צו באַהעפטונג מיט גאָט האָט ריווקינען צונויפגעחברט מיט דער קונסט. דער פייערדיקער מיסיאָנער פון אַ גאָט און פון אַ מענטש־שליחות איז איינגעגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, אויף אַ קאַאַליציע מיט דער קונסט, וואָס נוצט דאָס וואָרט פאַר איר שאַפערישער ציללאָזיקייט. ער האָט געשלאָסן חברשאַפט מיט איר, ווייל ער האָט געהאָפט, ער איז געווען זיכער, אַז מתוך שלא לשמה קען די קונסט דערגיין צו לשמה, אַז די קונסט, די פאַרשייטע שפּילערין קען מיט דער צייט ווערן אַ הייליקע מיסיאָנערין. ריווקינס ליטעראַטור קריטיק איז פאַר די אַלע עטלעכע צענדליק יאָר, וואָס ער האָט איר געדינט, געווען זיין באַהאַלטענע און אויך אָפענע טאַקטיק מגייר צו זיין זיין שותפטע פון וואָרט, איר צו ווייזן און זי איבערצייגן, פאַלש געזאָגט צו ווייזן און צו איבערצייגן, בעסער וואָלט געווען ווען איך זאָג, אַז ריווקין האָט רק געלויערט און געוואַרט אויף אַ שעת הכושר זי, די ליטעראַטור, אַנצוצינדן מיט דעם פלאַם פון זיין אמונה און מיט דעם באַגער פון זיין שליחות.

ער איז נישט געווען קיין ליטעראַטור־קריטיקער אין דעם זינען, וואָס ער זאָל זיך לאָזן אינספּירירן פון ליטעראַרישע ווערק און פון זייערע באַשאַפערס און זיי פּרוּוון פאַר אונדז פאַרטייטשן און קלאָר מאַכן. זיין איינציקע אינספּיראַציע איז געווען זיין אייגענער געמיט און דער גלויבן אין גאָט און אין זיינע וועלטן, וואָס האָט אין זיין געמיט טיף געוואָרצלט.

האָט ריווקין דערזען, אַז עס ברענט ערגעצוואו אין דעם אָדער יענעם קינסטלערישן ווערק אַ פלאַם פון זיינע גאָט־פלאַמען האָט ער אים געצערטלט מיט ליבשאַפט און מיט באַגייסטערונג און איז געווען זיכער, אַז ער איז אַרויס דער זיגער אין זיין שותפות מיט דער ליטעראַטור. אַ סך מאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט אַזאַ פלאַם און צומאָל האָט ער זיך און אַנדערע בכיוון, פון טאַקטיק וועגן אַזוי צו זאָגן, געוואָלט איינרעדן, אַז ער זעט, וואָרעם אפשר וועט אַזוי אַרום ערגעץ אַ פאַר־

באַרגעַנער פונק צווישן פערזן פון אַ ליד אָדער צווישן שורות פון אַ דערציילונג, פאַנגען זיין מיסיאָנעריש, זיין משיחיש פייער.

אויב דאָס מיינט ליטעראַטור־קריטיק איז ריווקין אויך געווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אַ טאַלאַנטירטער דערצו.

אָבער פאַר אַלעמען וועט די געשיכטע פון יידישן וואָרט דאַרפן דערציילן די קומענדיקע דורות, אַז אין ברוך אברהם ריווקין, וואָס איז אין יאָר 1945, נאָך אַ לעבן פון מאַטעריעלער נויט און פיזישער פיין געקומען צו קבורה דאָ אונטער דער מצבה, וועלכע מיר דעקן היינט אויף, האָט געפלאַקערט אַ טיף רעליגיעזע נשמה, וואָס האָט געפונען גאָט און איז געווען מיט אים באַהעפט. ער איז געווען איינער פון די געציילטע ביי אונדז, וואָס האָט געגלויבט אין אַ שליחות פון יידישן וואָרט אויפן וועג צו גאָט, און ער, ריווקין, איז אויך געווען איינער פון די יחידי סגולה, וואָס האָט געהאַט דעם כוח אַרויסצוברענגען דורך זיין עסייאיסטיש וואָרט אַלע פאַרביקייטן און אַלע טיפע אומרועז פון זיין געמיט.

אויף דער אייביקער מצבה און אין זכרון פון אונדזער יידישן כלל וועט לדורות שטיין געשריבן: ברוך אברהם ריווקין — אַ גרויסער יידישער שרייבער, אַ באַשיינער פון יידישן געדאַנק, אַ האַר און אַ דינער פון דער יידישער שפּראַך.

30טן יוני, 1946

שלמה סיימאָן

די גאָט ראַנגלעניש פֿון ברוך ריווקין

> אין זיין מענלעכער גבורה האָט ער זיך
> געראַנגלט מיט גאָט.
> (הושע יב, ד)

א

ריווקין — די פּערזענלעכקייט

יאָרן און יאָרן האָט צווישן אונדז געלעבט אַ מענטש, וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם אויפּברויז, דעם פּאַטאָס און די וויזיעס פֿון אונדזערע אַמאָליקע מוכיחים־בשער. ער האָט געהאַט ניט נאָר דעם כּוח צו באַווירקן אונדזער לעבן, נאָר איך גלויב, אַז ער איז געווען אויך ביכולת צו באַנייען און איבערבויען אונדזער יידיש וועלטלעכן וועלט־באַנעם. ער האָט געקאָנט באַווירקן די יידישע אומגלויביקע, „די אַקטיווע יידישע מאַיאָריטעט", און איר געבן אַ טיפֿן יידישן אינהאַלט און אַריינוועבן זי אין געוועב פֿון דער יידישער אמונה. אָבער אונדזער דור איז ניט געווען ראוי פֿאַר זיין התגלות און ער אַליין איז אויך ניט ראוי געווען צו נתגלה ווערן. מיר, די אויסגעליידיקטע, דינער צו די עבודה־זרות פֿון קונסט און מאַרקסיסטישן מאַטעריאַליזם, האָבן זיך ניט גע־נויטיקט אין אים. און ער האָט ניט פֿאַרמאָגט די תמימות פֿון אַ קאָנקרעטיזירטן גלויבן, וואָס איז צוגעבונדן צום לעבנס שטייגער פֿון אַן עדה. ער האָט געלעבט אין אונדזער וועלטלעכער סביבה, אַ סביבה אויסגעליידיקט פֿון מצוות מעשיות און רעליגיעזן פּאַטאָס. אַ סביבה וואָס האָט זיך מער ניט גענויטיקט אין אַ בית־מדרש אַפֿילו. ער איז געבליבן ווי איינער פֿון אונדז מיט אַלע שוואַכקייטן און וואַקלענישן.

אָבער אין תוך האָט ער געגלויבט אין גאָט, אין יידישן גאָט. ער האָט געגלויבט טיף און ליידנשאַפֿטלעך. ער האָט געהאַט אַ גאַנצע פֿילאָסאָפֿיע, אַן אויסגעאַרבעטע שיטה ווי אַזוי איבערצובויען און באַ־

נייען אונדזער לעבן. אָבער ער האָט צו אונדז ניט געקאָנט רעדן אָפנ־האַרציק, קלאָר און זאָגן וואָס ער וויל מיט אַ פולן מויל. ער האָט זיינע געדאַנקען געדאַרפט דורכשמוגלען דורך דריי גרעניצן, ער האָט געדאַרפט בייקומען דריי מכשולים — שטערונגען.

א) די טאָג פּרעסע. ער האָט געצויגן חיונה פון שרייבן אין אַ טאָג־צייטונג. אַ רעדאַקטאָר פון אַ טאָג־צייטונג פאָדערט ניט פון זיינע מיטאַרבעטער קיין פאַרטיפונג. ער וויל גאָר לייכטע אַרטיקלען, אינ־טערעסאַנטן לייען־שטאָף, וואָס זאָל ווייכן פון עיקר זאַכן. קיין אַנ־דערע אָרגאַנען צו רעדן צום עולם האָט ריווקין ניט געהאַט.

ב) נאָכדעם ווי ער האָט „אָפּגענאַרט" דעם רעדאַקטאָר, האָט ריווקין געדאַרפט אַריינאַרן זיינע לייענער. אַ צאָל פון זיי זיינען געווען „פריי־דענקער", וואָס האָבן געמיינט אַז פריידענקעריי איז מחייב צו עסן חלב מיט טשוועקעס. די מערסטע איבעריקע לייענער זיינען געווען פאַרכישופט פון דער נייער עבודה־זרה: מאַרקסיזם. זיי האָבן געהאַט אַ טענה: מאַרקס האָט געזאָגט אַז רעליגיע איז אָפּיום. גיי הייב זיך אָן מיט קאַרל מאַרקסן. („אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע", זייט 31). פאַר אַט דעם לייענער האָט ער זיך געדאַרפט היטן מיט דער רעליגיעזער טער־מינאָלאָגיע און סימבאָליק אַפילו.

ג) און צום לעצט — ער האָט זיך אַליין געדאַרפט איינרעדן און ביז אַ געוויסער מאָס אָפּנאַרן, אַז די מאָדערנע פילאָסאָפיע איז מתיר רעליגיע. ער האָט זיך אין תוך געשראָקן פאַר זיינע אייגענע וויזיעס, וואָס האָבן געמאָנט לאָגישע שלוסן — מצוות מעשיות. ער איז דאָך געווען איינער פון אונדזער דור און געדינט צו די פעטישן פון אונ־דזער צייט: קונסט! — ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק און מאַלעריי. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון די מאָדערנע געצן. ער האָט געמיינט אַז מיט שפּיל און ליטעראַטור, וואָס בינדן ניט צו אַ פּיק־סירטן ריטואַל, קאָן מען בעסער דינען דעם גאָט פון ישראל ווי מיטן אַלטן צערעמאָניאַל, וואָס איז אַן איינגעשטעלטער און פאַרפּיקסירטער פון דורות לאַנג. ער האָט געציטערט פאַר מצוות מעשיות וואָס „פאַר־האַרטעווען דעם גייסט ביז שטייפקייט פון מאַטעריע". האָט ער זיך טאַקע געראַנגלט מיט די מאָדערנע פעטישן, אָבער ער האָט זיך קיינ־מאָל פון זיי ניט באַפרייט. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן די אמונה, אַז ליטעראַטור, וואָס איז אין תוך בלויז פאַרוויילונג, האָט אַזאַ כּוח מיט איר קינסטלערישן וואָרט, אַז זי קאָן ווערן די וועגווייזערין פון מאָדערנעם מענטשן. נאָך מער, אַ קינסטלעריש ליד ווערט מאָמענטאַל

טאַט. יעדן דיכטערס אמת־גוט ליד קאָן תיכּף ומיד, שוין באַלד נאָכן אָפּדרוקן זיך, ווערן קאַנאָניזירט — אַ פאַרהייליקטער טעקסט.

דער גאַנצער דור אונדזערער האָט פאַרלאָרן דעם אַלטן נאַאיוון גלויבן פון די אָבות. ביי די מערסטע פון אונדז איז געבליבן ניט מער ווי אַ בענקשאַפט אין האַרצן, אַ נאָסטאַלגיע — אַט ווי מיר בענקען נאָך אונדזער קינדהייט. אָבער ביי אים איז געבליבן עכטע אמונה — אַ טיפער גלויבן אין דעם אַלטן יידישן גאָט, צו וועמען ער האָט געוואָלט דינען און ניט געוואוסט ווי אַזוי, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר מצוות מעשיות.

ער האָט געהאַט אַ טיפע דערקענונג פאַר יידישער גרויסקייט, אַן אמונה אין יידישן אַלטן אתה בחרתנו; ער האָט פאַרמאָגט אַן איבער־געצייגטקייט אין דער אייביקייט פון דער יידישער אומה. ער איז אויך געווען דאָגמאַטיש איינגעגלויבט, אַז יידן שטייען אין צענטער פון דער וועלט, אַלע וועלט געשעענישן דרייען זיך אַרום זיי. עס איז אין זייערע הענט, אין זייער יכולת, צו ענדערן דעם גורל פון דער וועלט. די וועלט־גאולה ווענדט זיך אָן דער אויפפירעכץ, הנהגה, פון יידישן פאָלק; ווען יידן שפּילן זייער ראָלע און טאָן זייער חוב, וועלן זיי ברענגען משיחן און די אמתע גאולה אויף דער וועלט, אַניט וועט דער משחית פאַרבייטן משיחן. אָבער ער איז דאָך געבליבן איינער פון אונדזער דור „אַ צעקוועלטער, אַ צעוויייטיקטער מאָדערנער מענטש מיט רואינירטע נערוון" (פּרצס אַן אויסדרוק), וואָס האָט מורא פאַר מלכות שדי. ריווקינס אמונה איז געבליבן אַן אַבסטראַקטע.

בטבע איז ער געווען אַ גאָט־באַטרונקענער רעבעל, אַ צאַם אויפ־ברעכער, אַ געצן ברעכער, וואָס באַנוגנט זיך ניט מיט אויסערלעכע פאָרמעס פון רעליגיע; אַ זוכער פון שלימות, וואָס באַנוגנט זיך ניט קיינמאָל מיט דאָס דערגרייכטע. ווייל וויבאַלד אַן אידעאַל איז פאַר ווירקלעכט געוואָרן, פעלט אים שלימות. אָבער איידער ער איז אויף דער וועלט געקומען האָבן זיך אַנדערע געפעדערט און אַלץ צעבראָכן. זיי האָבן ניט נאָר צענומען דעם דרויסנדיקן צאַם, נאָר דאָס הויז אומ־געוואָרפן און אויפגעגראָבן דעם יסוד, דעם פונדאַמענט. פאַר אים, דעם דינאַמיש גלויביקן, איז געבליבן די עובדא צו רעסטאַווּרירן דעם אַלטן גלויבן. ער האָט גאָר געדאַרפט אָנהייבן מאָנען פון אונדז צו נעמען אויף זיך אַ יאָך. דאָס האָט ער ניט געקאָנט טאָן בשלימות, ווייל ער, דער דינאַמיש גלויביקער, האָט געזען אַ באַגרענעצונג פון אין־סוף אין יעדן סייג, אין יעדן גדר, אין יעדער קאָנקרעטיזאַציע פון

גאָטס געבאָט און מצוה. ער האָט ניט געהאַלטן פון די יידישע נכסי־צאן־ברזל, פון די יידישע גרונט־גיטער — הלכה. ער האָט געלייקנט אַז די פּרושימשע הלכה יידישקייט איז המשך פון נבואה. ער האָט געמיינט אַז הלכה, מצוות מעשיות, צאַמט נבואה, פאַרוואַנדלט עכטן גלויבן אין פּוסטן פאַרפּיקסירטן ריטואַל. האָט ער געפּרעדיקט די־נאַמישע רעליגיע צו אַ דור, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פאָרמאַלע רע־ליגיע. ער האָט איינגעטענהט מיט יידן אַז ציצית טראָגן איז ניט וויכטיק, יידישקייט איז מער ווי ציצית טראָגן, און די יידן וואָס האָבן אים געלייענט האָבן שוין יאָרן ניט געטראָגן קיין טלית קטן. ער האָט געפאָדערט פייערלעכקייט און כוונה אין צערעמאָניאַל פון יום־טוב, און זיינע לייענער האָבן דעם יום־טוב אַפילו ניט אָפּגעהיט. נאָך מער, זיי האָבן ניט געהאַט אַפילו קיין מקום־קדוש, וואו זיך צונויפ־קומען. ער האָט געפּרעדיקט, אַז גאָט שטייט אין צענטער פון דער וועלט און יעדער איינער דאַרף גלויבן צו דינען אים, און זיין דור האָט גאָר אָוועקגעשטעלט דעם אייגענעם גוף אין צענטער פון דער וועלט.

דערפאַר איז אים געווען שלעכט צווישן אונדז. ער האָט גע־פאָדערט טיפע, עכטע אמונה און מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלף־בית פון יידישקייט. ער האָט עס געוואוסט און דערפאַר האָט ער זיך געשראָקן, אַז מען וועט אים ניט פאַרשטיין. ער האָט געפילט אַז „די דיקטאַטור פון נאַראָנים" וועט אים ניט לאָזן גיין צו ווייט. דאָס האָט אויף אים פּסיכיש געווירקט אַז ער אַליין זאָל זיך האַלטן ביי די פעטישן פון ליטעראַטור, טעאַטער און מאַלעריי, מאַכן זיי פאַר די נייע כלים פון דעם רעליגיעזן רענעסאַנס. האָט מען אָבער אָנגעהייבן עקספּע־רימענטירן מיט אָט די נייע כלים — געפּרובירט מאַכן מיט ליטעראַ־טור אַ יום טוב, שרייבט ער אַן זיין עסעי „קאָן ליטעראַטור מאַכן יום־טוב" און ער דערקלערט אַז ניין — ס'איז עבודה־זרה.

צוליב די אַלע ווידערשפּרוכן און שלעכטע תנאים האָט ער אַפילו פאַר זיך ניט געקאָנט אַנטפּלעקן אַלע זיינע וויזיעס און אַוודאי און אוודאי האָט ער ניט געוואָגט דערציילן דעם לייענער וואָס ער, ריווקין, וויל. ער האָט דערפאַר ניט אַריינגעפירט דעם דור צו זיך אין זיינע רחבותדיקע פּאַלאַצן און אים מהנה געווען מיט דער פולער האַנט פון זיין וויזיאָנערישער עשירות. ער האָט נאָר אָנגעצונדן אַ ליכטל פון דעם גרויסן פלאַם, וואָס האָט געברענט אין אים און אַרויס צו אונדז, דעם אומגלויביקן דור. מיר זיינען געשטאַנען אין דרויסן ביי די חורבות און ער האָט געפּרעדיקט צו אונדז, געוויזן מוסטערן

פון זיין עשירות און מער ניט. מיר האָבן אים איבערגעוועלטיקט מיט אונדזער צאָל און איינשטימיקער עפּענטלעכער מיינונג פון סעקולאַרער גלייכגילטיקייט. אַלץ וואָס מיר האָבן אים געקאָנט געבן איז אַביסעלע מבינות — „ער שרייבט קרעפּטיק, פּאָעטיש שיין".

* * *

זיין שרייבן איז אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט געדאַנקען, שטי־מונגען, פּאַטאָס, יידישן אינהאַלט און גרויסע יידישע וויזיעס. ניט אַלעמאָל איז ביי אים פאַראַן אַ שטייפע פאַרבינדונג צווישן דער טעמע און דאָס געשריבענע. די זייטיקע געדאַנקען, וואָס זיינען וויכטיק פאַר זיך אַליין, וועגן אַמאָל אַריבער די הויפּט טעמע. אָפט פילט זיך אין לייענען, אַז דאָס געשריבענע וואָרט איז פאַר אים אַ שטער. ניט ווייל ריווקין האָט עס ניט באַהערשט, נאָר ווייל פאַר אים, דעם פאָלקס־טריבון, פאַר אים, דעם רבין, איז דאָס געשריבענע וואָרט אַ וואַנט צווישן אים און דעם לעבעדיקן מענטשן. און פון ריווקינס געשרי־בענעם וואָרט שרייט אַרויס דער טריבון, דער אָראַטאָר, דער לערער, דער רבי, וואָס ווירקט מער בעל־פּה, ווי בכתב. בדרך כלל איז אַ רבינס תורה ניט אינגאַנצן קיין קלאָרע און פּראַקטישע תורה. אַ רבי גיט ראשי פּרקים. די תלמידים, שפּעטער, טייטשן זי אויס יעדער איינער אויף זיין אופן. ווען אַ תלמיד פאַרשרייבט דעם רבינס תורה איז זי ניט מער ווי אַ בלאַסע אָפּשפּיגלונג פון רבין. דער עיקר איז, אין דעם פאַרשריבענעם, דעם תלמידס אויסטייטשונג, זיין אויפנעם פון דער תורה. אַזוי האָט אויך ריווקין געדאַרפט ווירקן.

אָבער קיין רבי האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו זיין און איז אפשר ניט געווען מסוגל צו ווערן, צוליב זיין טעמפּעראַ־מענט, אַפילו ווען די אומשטענדן וואָלטן געווען בעסערע, ווי די אין וועלכע ער האָט געלעבט. קיין אָראַטאָר איז ער אויך ניט געוואָרן. פאַר דעם איז ער געווען צו טיף, צו אָריגינאַל. ווען ער האָט זיך גע־שטעלט רעדן פאַר אַן עולם, האָבן דאָס מויל, די צונג און די ליפּן ניט געקאָנט אָנהאַלטן די בליציקייט פון זיין טראַכטן. זיין רייד אָרגאַן האָט ניט געקאָנט באַדינען זיינע מאָמענטאַלע איינפאַלן און קאַלאַמבורן. דערפאַר ווען ער האָט גערעדט פאַר אַן עולם, האָט ער אָפט געשטאַמלט אויס גרויסער עמאָציע, זיך פאַרהאַקט, געקלאַפּט מיטן קולאַק אין טיש און בלויז יחידי־סגולה, וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט זיין קרעפּ־טיקער אָריגינאַליטעט, האָבן געהאַט די געדולד און רואיקייט אויפ־

צוכאַפּן אין זיין שטאַמלען, אין זיין פאַרהאַקן זיך, די שפע פון געדאַנקען און די שיינקייט פון אויסדרוק.

זיינע קריטישע אַרבעטן זיינען זעלטן געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם בוך, אָדער שרייבער וועגן וועלכן ער האָט געשריבן. זיין מעטאָדע דערמאָנט דעם גאַנג פון מדרש, וואו אַ פסוק איז בלויז אַ תירוץ אַרויסצוברענגען אַן אייגענעם אָריגינעלן געדאַנק פון בעל דרשן. ביי ריווקינען איז דאָס בוך, אָדער שרייבער אָפט אַ תירוץ, וואָס גיט אים די געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן זיינע מיינונגען. דערפאַר האָט ער זעלטן אויסגעטייטשט דעם טעקסט, וועגן וועלכן ער האָט געשריבן, נאָר ער האָט אין אים אַריינגעטייטשט ריווקינען. דער מחבר איז ביי ריווקינען געווען בלויז אַ בית קיבול פאַר זיין אייגענער עקזאַלטאַציע. אין אַלע זיינע קריטישע אַרבעטן האָט זיך מער אַנגעזען ריווקינס פּערזענלעכקייט ווי דעם מחברס. ריווקין האָט פאַרשטעלט, פאַרשאָטנט דאָס רעצענזירטע ווערק.

ריווקין האָט אַלעמאָל געהאַט גוטע בשורות פאַרן פאָלק, אָבער ער האָט זיי ניט געוואָלט ברענגען אין זיין אייגענעם נאָמען. ער האָט די בשורות „געפונען" ביי די פּאָעטן און פּראָזאַאיקער פון אונדזער ליטעראַטור. אָפט ביי אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַנט, אַז זיי ברענגען דערלייזערישע בשורות פאַרן פאָלק, אָדער אַז זיי האָבן געהאַט וועלט־דערלייזערישע וויזיעס.

דאָס בוך אין וועלכן ער האָט אַריינגעטייטשט זיינע כוונות, האָט ער תיכף ומיד דערקלערט ווי אַ קאַפּיטאַל ווערק. ס'מיינט, פאַרשטייט זיך, ס'איז ניט קיין אמת גרויס ווערק (ער איז געווען אַ צו גרויסער מבין אויף ליטעראַטור ניט צו דערקענען דעם אמתן ווערט פון אַ בוך). נו, עס פעלט נאָר אַ קליינקייט, אַז עס זאָל ווערן אַ גרויס ווערק. ווען מען זאָל עס אויסטייטשן און אַריינלייענען אין דעם וויכטיקע געדאַנקען, איז עס טאַקע שוין אַ גרויס ווערק. אָט איז זיין לשון:

„עס פעלט נאָר אַ האָר, עס זאָל ווערן אַ קאַפּיטאַל ווערק: עס איז שוין איצט אַ קאַפּיטאַל ווערק פאַר דעם וואָס קאָן אַריינלייענען".

(„אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע", ז. 164. מיין צעשפּרייטונג).

ריווקין האָט ניט געהאַלטן פון פאַרווײלונג־ליטעראַטור. ביי אים האָט ליטעראַטור געדאַרפט פאַרנעמען דעם אָרט פון עבודה. נאָך מער, דאָס וואָרט האָט שוין געדאַרפט ווערן טאַט. „דאָס ליד וואָס האָט מאַגיק, וואָס כישופט וואָרט אין טאַט". איי ס'איז ניטאָ אַזאַ ליטעראַטור, ווייל בעצם וויל דאָך דער פּאָעט בלויז פאַרווײלונג? נו, איז

עס „די אויפגאַבע פון דער קריטיק אַרויסצוקריגן דעם פּאָעט פון זיין באַהעלטעניש. און אַנטפּלעקטע וועלן זיינע לידער ערשט געווינען זייער פולע וואָגיקייט".

ריווקין וויל דיסציפּלינירן דעם מענטשן מיט נדרים און שבועות. אָבער ליטעראַטור וויל דאָך מאַכן דעם מענטשן פריי, אַפילו הפקרדיק, באַפרייען דעם מענטשנס עמאָציעס פון צוואַנג פון באַוואוסטזיין און דרויסנדיקע גדרים. זאָגט ריווקין, אַז ס'איז טאַקע אמת, אָבער עס דאַרף אַזוי ניט בלייבן. ער זאָגט: „לאָמיר זיך ניט באַנוגנען מיט דער געוויינלעכער פונקציע פון ליד — אָנצושטעקן און צו פאַרכאַפּן דעם לייענער מיט דער איבערלעבונג פון פּאָעט. דאָס יידישע וואָרט דאַרף פאַרצענפאַכן, פאַרהונדערטפאַכן דעם יידישן האַרעפּאַשנעם כּוח; פון יידישן וואָרט דאַרף אים צוקומען די גבורה, וואָס זאָל אים אַרויס־רוקן אין אוואַנגאַרד, אין דער פּיאָנערן־ריי פון די פלאַם פייער־וואַר־פער, שטורעם שלאָגלער און וועלט איבערבויער". (דאָס ליד ווערט גלייך מקוים אין „יידישע דיכטער אין אַמעריקע").

גערעכט איז אבא גאָרדין: „ב. ריווקין איז ניט געווען קיין קרי־טיקער אין איינפאַך קאָנווענציאָנעלן טייטש פון וואָרט... ער האָט געגלויבט אין דער מיסיע פון יידישן גוי־קדוש, און אין דער מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור צו העלפן אויסקריסטאַליזירן און דער־הויפּט צו פאַרגעשטאַלטיקן די אידעאָלאָגיע פון דעם גוי קדוש".

ריווקין איז געווען מסוגל צו שאַפן אַ נייעם וועג אין יידישן לעבן. ער האָט געהאַט די וויזיע און שעפערישקייט צו רעווידירן יידישקייט. ער איז געווען גייסטיק גענוג רייך אויפצושטעלן תלמידים, וואָס וואָלטן זיין תורה אויסגעטייטשט און זי פאַרשפּרייט און אָנגע־הויבן אפשר אַ נייע באַוועגונג פון רעליגיעזן איבערבוי צווישן יידן. אָבער ניט ער, אַ קינד פון אַ דור, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם גוף אין צענטער פון לעבן, איז געווען ראוי צו ווערן אַ רבי און ניט דער דור, וואָס האָט אָנגענומען די מאַטעריאַליסטישע מאַרקסיסטישע שיטה ווי אַ וועלט דערלייזערין האָט געדאַרפט האָבן אַזאַ רבין, דער־פאַר איז זיין אַרבעט אין תוך געבליבן ניט פאַרענדיקט. ער האָט ניט געוואָגט צו ציען די שלוסן פון זיינע וויזיעס. אָבער צווישן די יידישע גאָט־זוכער וועט ער פאַרנעמען אַן אָרט אויבן אָן. ער איז גע־ווען איינער פון די וואָס האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר וועלטלעכע יידן, אַז זיי זאָלן טיילווייז זיין גרייט אויפצונעמען אַ טעאָרעטישע אי־בערשאַצונג פון יידישע ווערטן און איבערהויפּט זיי זאָלן זיך אויפ־

הערן צו שרעקן פאַר דער יידישער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע און סימבאָליק.

זיינע גרונט הנחות פון יידישקייט געפינען זיך אין די צוויי הויפט ווערק זיינע „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע" און „יידישע יום־טובים". איך וויל באַמערקן אַז די צוויי ביכער זיינען ניט קיין פאָרשונגס אַר־בעטן, וויסנשאַפטליכע ווערק, באַגרינדעט אויף טעקסטן און מראה מקומות. דאָס זיינען צוויי עקזאַלטירטע ווערק, פובליציסטישע, פאַ־עטישע אַרבעטן, וואָס אויב מען קאָן ניט אַלעמאָל מסכים זיין מיט זייער מחברס אויסטייטשונגען, זיינען זיי, אָבער, אַלעמאָל אָנרעגנדיק. מיט זיין פאָעטישער אינטואיציע האָט ער אָפט דערפילט דעם אמת פון דער יידישער געשיכטע אַ סך מער ווי די פאָרשער, וואָס האָבן אַוועק־געגעבן יאָרן אויף אַזעלכע אַרבעטן. נאָך מער פאַר דעם אַלגעמיינעם לייענער זיינען אַזעלכע ווערק אַ סך מער ווירקזאַם ווי טרוקענע וויסנשאַפטלעכע טעקסטן.

די צוויי ביכער זיינען דער שליסל צו אַלץ וואָס ריווקין האָט גע־שריבן, דערפאַר איז וויכטיק צו שרייבן וועגן זיי באַריכות.

ב

ניטאָ קיין אומגלויביקע ביי יידן

אין דעם בוך „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע" רעדט ריווקין צו די וועלטלעכע יידן, וואָס האָבן ניט קיין פאָרמאַלן גלויבן, אָדער ווי זיי מיינען, אַז זיי זיינען בכלל ניט קיין גלויביקע. ער האַלט אַז זיי זיינען אין תוך גלויביקע, נאָר זיי זיינען פאַרשקלאַפט צו דער „דיקטאַטור פון די נאַראָנים". דאַרף מען מיט זיי לערנען, אַריינקנעלן אין זיי יידישע תורה וועלן זיי ווערן אויס שקלאַפן, און זיי וועלן זיך אויפהערן צו שרעקן פאַרן יידישן גאָט.

ער קלייבט אויס אַ מנין ראַדיקאַלן און טייטשט אויס פאַר זיי זיין שיטה. ער פרובירט „איבערקומען די הויפט מחיצה, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט". מיט אָט דעם מנין אומגלויביקע־גלויביקע, שמועסט ער זיך דורך אין פערצן קאַפּיטלעך.

שוין אין דעם ערשטן קאַפּיטל שטעלט אַוועק ב. ריווקין די יידן אין צענטער פון דער וועלט און דערקלערט, אַז זיי זיינען דאָס אויסדער־

ווײַלטע פאָלק פון אַלע פעלקער. יידן האָבן באַשאַפן די משיח געשטאַלט און נאָך מער, יידן זיינען דאָס פאָלק וואָס האָט געשאַפן דורך דער משיח געשטאַלט אַ נייעם גערעכטן מענטשן טיפּ. „מיר זיינען די באַרופענע מענטש געשטאַלטער בצלם אלהים. מיר זיינען גאָט באַשעפער, און, דורך גאָט, מענטש־באַשעפער און פעלקער געשטאַלטער".

די וועלט האָט דערוואַרט פון אונדז, אַז מיר זאָלן געבן דעם מוסטער פאַר דער נייער געזעלשאַפט דורך שאַפן אַ שלימותדיקן מענטשן, „אָבער אונדז האָבן ניט געקלעקט קיין כוחות. דערפאַר איז אויפ־געשטאַנען היטלער, ימח שמו, און זיך פאַרמאָסטן אונדז גייסטיק צו טעראָריזירן און פיזיש אונדז אויסצוראָטן, ווײַל מיר האָבן ניט געשפּילט אונדזער אָנגעצייכנטע ראָלע".

איצט איז געקומען דער טאָג פון וועלט־משפּט — — — „אין דעם טאָג פון משפּט און אין דעם טאָג פון וועלט גאולה מוזן יידן שפּילן אַ הויפּט ראָלע. דאַרפן מיר און מוזן מיר קומען מיט דער געהעריקער יידישער אַקציע. אַניט וועט דער משיחית קריגן די אויבערהאַנט".

אָט די הנחות, וואָס ריווקין מאַכט, זיינען די אַלט־נייע רייד פון די נביאים: יידן שטייען אין צענטער פון דער וועלט, דער יום־יהוה איז אַ טאָג פון וועלט משפּט. דער גורל פון דער וועלט ווענדט זיך אָן די מעשים פון די יידן. וועלן יידן תשובה טאָן, וועט די גאולה קומען.

ריווקין קאָן זיינע וועלטלעכע יידן און ווייסט זייער סקעפּטיציזם, ראַציאָנאַליזם און שרעק פאַר דער אַלטער רעליגיעזער טערמינאָלאָגיע. פאַרלויפט ער זיי דעם וועג און זאָגט:

„אָבער וואָס באַדייט עס אַלץ? ווי קאָן מען — וועט מען פרעגן — היינטיקע צייטען אַזוי ריידן? וואו גאָט, וואו משיח, וואו מענטש גע־שאַפן בצלם אלהים, וואָס פאַר אַ פּראַקטישע ממשות האָט די גאַנצע רעליגיעזע סימבאָליק?"

ריווקין הייבט אָן געדולדיק צו קנעלן מיט דעם מבין, וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין פאַנטאַזיע:

די גאַנצע רעליגיעזע סימבאָליק האָט אַ פּראַקטישע ממשות. די יידישע וויזיע פון משיחן איז ניט געווען גלאַט אַ וויג־ליד צו פאַרשלעפערן דאָס פאָלק, נאָר „אַ וויזיע געשטאַלט לויט וועלכער דאָס פאָלק האָט זיך באַשאַפן אויף צו געדויערן דורך די צייטן".

קאָן מען עס אויסטייטשן (ניט אַריינטייטשן): דאָס פאָלק האָט געשאַפן אַ געשטאַלט לויט וועלכן עס האָט געשאַפן דעם יידישן יחיד און איינגעשטעלט זיין הייליק טאָג טעגלעך לעבן. „משיח", זאָגט ריווקין

גאַנץ יידישלעך, איז ניט געווען בלויז אַ פאָלקס דערלייזער, וואָס וועט קומען אויף אַ ווייסן פערד מיט אַ שווערד אין דער האַנט... משיח וועט ברענגען דעם לעתיד לבוא און אַלץ וואָס דעם פאָלק האָט געפעלט, האָבן די נביאים אַריינגעטאָן אין דער וויזיע פון משיחס צייטן; יושר צווישן מענטשן, שלום צווישן פעלקער — — — סאָציאַלע גאולה, פעלקער גאולה — אַלץ אינאיינעם".

די משיח געשטאַלט האָט מאָביליזירט דעם יידנס גייסט פאַר דעם האַרטסטן ווידערשטאַנד. זי איז אויך געווען די טרייב־קראַפט איינצו־שטעלן אַ טאָג טעגלעך לעבן מיט מצוות מעשיות, וואָס האָבן ניט נאָר געהייליקט דעם יידנס טאָג טעגלעך לעבן, נאָר אויך אים געגעבן אַ וויזיע, צו פאַרמעסטן זיך קעגן דער וועלט און זיין זיכער מיט אַ נצחון איבער אַלע רשעותדיקע כוחות. יידן זיינען געמאַכט געוואָרן אָפּצוהיטן, אין פאַקט אָדער סימבאָל, די געזעצן, וואָס זיינען געווען גילטיק אין אַמאָליקן ארץ ישראל. אָן קיין שום אָנשפּאַר אָן היינט, איז דער ייד צוגעשפּאַנט געוואָרן צו אַ קינפטיקן, גייסטיקן איבער נצחון דורך משיחן.

די תרי"ג מצוות און די סייגים לסייגים זיינען ניט געווען קיין חומרות גלאַט אַזוי צוליב פרומקייט, גאָטספאַרכטיקייט. „זיי האָבן געהאַט און האָבן דעם זעלבסט־היפּנאָז פון טאָג טעגלעך איבערגעחזרטע שבועות און נדרים: אַ תרי"ג טאָג־טעגלעכע איבונגען, וואָס קריצן אין גייסט אומצעשטערבאַרע שפּורן, קאָרבן, ריינעלעך, קאַנאַלכעלעך פאַר געוואוינהייטן: צערעמאָניאַלן אויף שריט און טריט פון באַגינען ביז חצות, וואָס שפּילן דעם פשוטסטן יידן אַריין אין דעם ספּעקטאַקל, וואָס ווערט אויפגעשפּילט אויף דער טעריטאָריע של מעלה" („אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע", זייט 14).

אַוודאי קאָן מען ניט אָנרופן דעם קאָמפּלעט פון מצוות מעשיות אַ שפּיל און אַ ספּעקטאַקל פון טעריטאָריע של מעלה. ניט דער ייד און ניט דער כביכול האָבן געשפּילט טעאַטער. ס'איז געווען גאָר אַן ערנסטער ענין. אָבער איך מיין, אַז ער זאָגט עס כדי לשבר את האוזן — ער רעדט מיט אַ לשון עס זאָל פאַרשטענדלעך זיין פאַר דעם אויער פון זיינע לייענער. און אפשר אויך פאַר ריוווקינס אייגענעם אויער און אויג, וואָס זיינען צוגעוואוינט געווען צו מאָדערנער קונסט.

זיכער מאַכט אויך ריוווקין אַ טעות, אַז הלכה, מצוות מעשיות, איז געווען ניט מער ווי אַ מיטל פאַרן יידישן קיום, וואָס איז „צוגעשפּאַנט געוואָרן צו אַ קינפטיקן גייסטיקן איבער־נצחון דורך משיחן". דער

טעות פירט אים צו ווייכן פון מצוות מעשיות. לויט די יידישע פאַרשער האָט הלכה געהאַט דעם צוועק צו היייליקן דאָס לעבן דורך קאָנקרעטיזירונג פון נביאימשער יידישקייט. אַפילו פראָפעסאָר יוסף קלויזנער, דער סעקולאַריסט, גיט צו, אַז הלכה איז ניט אויפגעקומען צוליב קיום האומה, נאָר כדי צו הייליקן דאָס לעבן דורך דער הייליקייט פון דת (היסטוריה של הבית השני, חלק ד׳ ז. 113). אָבער ריווקין האָט דאָך באַנומען די גרויסע שעפערישע ווירקונג פון מצוות מעשיות אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

וואָס האָט פּאַסירט, פרעגט ריווקין, ווען דער עסיקער שכל פון ציוויליזאַציע האָט גענומען אויפעסן דעם קלעפשטאָף — דעם גלויבן — וואָס האָט געגעבן האַפט דער געטאָ וועלט און די געפרעסטע גלויבנס־לופט האָט אָנגעהויבן זיך צו צעפאַלן, אויסוועפן?

ענטפערט ריווקין: ווען די תרי״ג מעטאַלענע כלים האָבן אָנגעהויבן זיך צעפאַלן און ס'איז אויפגעקומען אַ סכנה, אַז דאָס וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די כלים וועט אויסוועפן — — — יעמאָלט האָבן זיך געמעלדט די אַלע מאָדערנע במקומס: ליטעראַטור, קולטור, ציוניזם און סאָציאַליזם.

אָבער ריווקין וואָרנט, אַז אויב מיר ווילן אַז די במקומס זאָל געלינגען איינצוהיטן די אָנגעזאַמלטע גלויבנס גבורה, בעת דער אַלטער זאַמל אַפּאַראַט, דער תרי״ג, איז האַלב צעשטערט געוואָרן, טאָרן ניט די במקומס פאַרקוקן דעם עיקר — דעם פאַרמעסט אויף דעם צוקונפטיקן נצחון: די יידישע ראָלע אין אחרית־הימים.

בלויז אין אָט דער פאָדערונג ליגט ריווקינס שטאַרקייט. ער וואָגט אוועקשטעלן יידישקייט אין אַ פאַרמעסט מיט דער וועלט. דאָ שרעקט ער זיך ניט אַפילו צו שאָקירן זיין מנין גלויביקע־אומגלויביקע ראַדיקאַלן.

ריווקין זאָגט, אַז ער ווייסט אַז ביי דעם מאָדערנעם יידן, איז דער גואל ניט משיח נאָר קאַרל מאַרקס, און מאַרקסיזם שטעלט אַוועק די גאַנצע גאולה בלויז אויף אַן אָנגעפילטן מאָגן. אויך מיינט דער מאַרקסיזם אַז מען קאָן איינפירן אַ מלכות שדי דורך צוואַנג און דורך „אַפּשמדן״ פעלקער במקום יחידים. אָבער דער יידישער דרך, האַלט ריווקין, איז אַנדערש, מען דאַרף אָנהויבן מיטן יחיד.

ער באַנוצט אַ באַפליגלטן און מליצהדיקן לשון צו דערקלערן עס, אָבער דער תוך פון אַלטן יידישן וועלט־באַנעם איז דאָ ביי אים. די גאולה פון דער וועלט און פעלקער הייבט זיך אָן פון דעם יחיד, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך צום בורא עולם בלויז. דער מענטש קאָן דער־

גרייכן צום כביכול נאָר דורך מעשים. דער מענטש דאַרף אויף זיך אַרבעטן כדי צו דערגרייכן צו שלימות — מעכאַניש דורך אַ געבאָט און פאַרבאָט קאָן מען ניט שאַפן קיין אידעאַלע געזעלשאַפט. און ער זאָגט קלאָר:

„אָבער ווי באַוואוסט, אַלע וואָס זיינען באַשעפטיקט מיט פּלענער ווי אַזוי צו איבעראַנדערשן דעם וועלט סדר — די סאָציאַליסטן מכל המינים — זיינען מעכאַניקער, האָנט אַרבעטער, וואָס ווען די געלעגנ־הייט קומט ווערן זיי, אַלע ווי איינער, יד־חזקהניקעס. אסך תורה האָבן זיי אָנגעשריבן אויף דער איבערקערעניש אין דער מאַטעריאַלער אָרדע־נונג — און דער מענטש? זיי זיינען יוצא מיט דער אָרדענונג. דער מענטש וועט זיך שוין ווי עס איז אין דער אָרדענונג אַריינשטופּקעווען. אַפילו ווען זיי ווענדן אָן קולטור מיטלען, איז עס אויך מעכאַניש אַריינגעשטופּקעוועט קולטור" („אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע", ז. 18).

„אַזוי האָבן זיי אויך אין סאָוויעט רוסלאַנד געטאָן; דעם עיקר האָבן זיי פאַרזען — אַז מיט דער געשטאַלטונג פון דער אָרדענונג האָט געדאַרפט מיטגיין אַ ניי געשטאַלטונג, די נייע באַשאַפונג פון גאַנצן מענטשן (דאָרט)".

זעלטן ווען מען הערט אין דער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע שטאַלצע רייד. ווייניק יידישע דיכטער און דענקער האָבן אין די לעצטע תקופות געהאַט דעם נביאישן מוט צו פאַרמעסטן זיך מיט דער וועלט. געוויינטלעך באַנוגענען זיך יידישע שרייבער צו באַווייזן אַז מיר זיינען אַזוי גוט ווי די אַנדערע פעלקער, ניט ערגער. אפשר אַמאָל בעסער, אָבער קיינמאָל ניט אַזוי אַנדערש אַז מיר קאָנען אָפּפרעגן די וועלט און קיינמאָל ניט אַזוי וויכטיק, אַז די וועלט דרייט זיך אַרום אונדז און קאָן ניט אויסקומען אָן אונדזער ברכה:

„אַ וועלט טיש דאַרף געגרייט ווערן פאַר דער וועלט אַרעמשאַפט. עס איז ניט קיין קליין אויפגאַבע פאַר אונדז אַליין, נאָר די ברכה דאַרפן מיר געבן, די גייסטיקע פאָרמולע" (דאָרט, ז. 20, מיין קורסיוו).

* * *

ב. ריווקין זוכט אַ וועג צום יידישן רעליגיעזן רענעסאַנס, וואָס קאָן נאָר זיין דער איינציקער שוץ קעגן אַלע אומגליקן. ער גלויבט ניט צופיל אין דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס קלאַפּט צו דעם אין־סוף צום הימל. זי איז פאַרגליווערט. „אַנטקעגן אונדזערע פרומע פאַרזיגלער און פאַרריגלער האָבן שוין אונדזערע אומגלויביקע אַ גרויסע מעלה: האָבן זיי אָנגעוואָרן דעם גלויבן אין משיחן, האָבן זיי (אָבער) ניט אָנגע־

וואָרן דעם חוש פאַר משיחס צייטן (דאָרט, ז. 85) די ידישע אויפלעבונג, די ידישע שעפערישקייט, די ידישע ווידערגעשטאַלטונג פון מענטשן — אין דער קינפטיקער אַל־יידישער גאָט־מאָבליזאַציע טאָרן ניט אויס־געלאָזן ווערן די אומגלויביקע ווייל זיי זיינען אונדזער אַקטיווע מאַיאָריטעט (דאָרט, ז. 21). אָבער דער אומגליק איז וואָס זיי גלויבן ניט אין גאָט און קווענקלען זיך אַפילו דעם נאָמען גאָט אַרויסריידן. אָבער ריווקין מיינט, אַז זיי זיינען גאָר ניט אומגלויביק. ער האַלט ווי טאַל־סטאָי „ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַן אומגלויביקער ייד". דער מהלך צווישן די גלויביקע און אומגלויביקע איז גאָר קיין מהלך ניט, ווייל כאָטש אין גאָט גלויבן זיי ניט, אָבער דעם עיקר פון גאָטס גלויבן האָבן זיי. אָט די ראַדיקאַלן פאַרמאָגן גלויבנס ענערגיע, איינגעשפאַרטע גלויבנס ענערגיע פאַרמאָגן זיי, און האַנדלען און טראַכטן לויט צוקונפט־אידעאַלן, נו, דאָס איז אמונה, יידישע אמונה. „פון יידיש געשיכטלעכן גלויבנס רעזערוואַר האָבן זיי עס אָנגעשעפּט, כאָטש עס דוכט זיך זיי אַז זייער גלויבן שטאַמט פון אַנאַנדער מקור" (דאָרט, ז. 22).

ריווקין רעדט פאָטערלעך צו זיינע תלמידים — דער מנין גלוי־ביקע־אומגלויביקע, וואָס ער האָט אַוועקגעזעצט אויפן תלמידים באַנק: איך ווייס, איך ווייס, גאָט און משיח זיינען טאַקע גרויל ווערטער פאַר אייך. אָבער, גזלנים, וואָס שרעקט איר זיך אַזוי פאַר ווערטער? אין מאָדערנער וויסנשאַפט גלויבט איר יאָ? נו, אָט זאָגט דער יידיש־פראַנצויזישער סאָציאָלאָג עמיל דורקהיים אַז גאָט איז דער לעבנסווילן פון אַ היסטאָרישער געמיינשאַפט, וואָס לעבט מער אָדער ווייניקער אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע. נו, איז דאָך אַלץ כשר! די פאָרמולע איז צוגעפּאַסט נאָך מער פאַרן יידישן פאָלק, וואָס האָט פון זיין געשיכטע געשאַפן אַזאַ טעריטאָריע, וואָס קאָן עקסיסטירן ניט געקוקט אויף אַלע מאַטעריעלע אומעגלעכקייטן — אַן ארץ ישראל של מעלה. פאַרגעסט, איר אומגלויביקע גלויביקע, וואָס די גראָשנדיקע קענטעניש פון דער וויסנשאַפט האָט אָפּגעפּסקנט: ס'איז ניטאָ קיין גאָט און ס'איז אויך ניטאָ קיין נשמה. ס'איז אַ ליגן. באַפרייט זיך פון דער דיקטאַטור פון די נאַראָנים. יאָ, ס'איז טאַקע אמת וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי זאָגט, אַז ס'איז דאָ אַן אידייען פאַרבינדונג צווישן מאַרקסיזם און אַטעאיזם. אָבער דאָס האָט פּאַסירט ווייל די פרומע טעאָלאָגיע איז געווען היפּאָקריטיש און האָט פאַרזען די מאַטעריעלע עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט. דערפאַר האָט קאַרל מאַרקס געשאַפן אַ נייע טעאָ־לאָגיע: עקאָנאָמיק איבער אַלץ! היט זיך פאַר אָט דער נייער טעאָלאָגיע,

זי האָט געבראַכט אי דעם נאַציזם אי דעם פאַשיזם. זי האָט אַוועק־געריבט ברויט פון מיליאָנען מיילער. פריער איז געווען אַבערגלוי־בישער גלויבן און איצט אַבערגלויבישער אומגלויבן! (דאָרט, ז. 32).

איז וואָס איז דער אויסוועג? דער אויסוועג איז, זאָגט ריווקין: לאָזט זיך ניט בכלל אַריין אין טעאָלאָגיע „וואָס איז פאַר אונדז טעאָ־לאָגיע ווען מיר מאַכן אַזאַ ריזיקן עקספּערימענט? ניט דעבאַטירן, ניט אַרגומענטירן, ניט פילאָזאָפירן נאָר עקספּערימענטירן! עס איז פאַראַן אַן עקספּערימענטאַלער מעטאָד אויף צו געפינען גאָט, נוצנדיק די אייגענע נשמה פאַר דעם הויפּט אינסטרומענט" (דאָרט, ז. 34).

נאָר די צרה איז וואָס מען קאָן ניט עקספּערימענטירן אָן אַ גלויבנס אַפּאַראַט. „גלויביקע האָבן געהאַט גלויבנס טעכניק און די ניט גלויביקע האָבן עס ניט" (דאָרט, ז. 36) איז טאַקע ניט גוט. אָבער אַ שטיקל אויסוועג איז דאָ. די נייע גלויביקע קאָנען טאַקע ניט קושן קיין ציצית, מאַכן קידוש און אָנטאָן תפילין, אָבער זיי קאָנען זיך אָנהייבן איבן, אַז די נשמה זאָל ווערן אַ כלי צו דינען און צו אָנצאַפּן גלויבנס קראַפט און לעבנס זאַפט פון יידישן רעזערווו.

ווי אַזוי? ער שלאָגט פאָר פאַרן ערשטן פּרוּוו איינפירן דעם באַגריף נדר ווי ביי די פרום גלויביקע.

„נדר, די שבועה, וואָס דער גלויביקער נעמט אויף זיך אָפּצוהיטן געוויסע האַנדלונגען, אָדער צו פאַרווערן זיך געוויסע האַנדלונגען — דאָס איז דאָס געצייג אויף אָנצוציען נשמה־גבורה. ניט די מצוות גופא, נאָר דער נדר, וואָס באַגלייט זיי, דער נדר צו מקיים זיין — דאָס איז דער עיקר — די געבאָטן און פאַרבאָטן, די מצוות פון טאָן און ניט טאָן, די דיסציפּלין און זעלבסט דיסציפּלין, וואָס זיי לייגן אַרויף אויף אים — זיי איבן זיין נשמה, פאַרהאַרטעווען זי ביז מאַטעריעלער ממשות — — — פאַר דער שטאַרקונג פון דער נשמה איז דער נדר וויכטיקער ווי די האַנדלונג, וואָס איז פאַרנדרט געוואָרן — די מצוה וואָס גאָט האָט געבאָטן (דאָרט, זז. 38־39).

דאָ האָט ריווקין באַמת געגעבן אַ פאָרמולע, וואָס האָט געקאָנט אַרבעטן, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר די לאָגישע שלוסן — אַ סעלעקציע פון מצוות מעשיות. דערוויל אַ קליינע אָבער שפּעטער, מיטן צוגעוואוינען זיך צו גייסטיקער דיסציפּלין וואָלטן זיך די מצוות מעשיות פאַרמערט, אויך געקראָגן אַ זין און וואָלטן מיט דער צייט אָנגעהייבן ווירקן ווי דער אַלטער תרי"ג. אמת, ער זאָגט אַז „ניט די מצוות זיינען דער עיקר, נאָר דער נדר, וואָס באַגלייט זיי, דעם נדר

צו מקיים זיין איז דער עיקר״. אָבער עפּעס דאַרף דאָך זיין צו מקיים זיין.

ס׳איז טאַקע ריכטיק, אַז אָפּהיטן מצוות צוליב דיסציפּלין, אַפילו צוליב ברענגען מלכות שדי ווען ס׳איז ניטאָ קיין יראת שמים, איז אַ שווערער ענין. אָבער מיר זעען איצט אין אונדזער מאַטעריאַליסטישער ראַציאָנאַליסטישער ציוויליזאַציע אַז אַ גלויבן ניט צוגעבונדן צו אַ בלינדער איבערנאַטירלעכער מאַכט אַרבעט אויך. גלויבן אַליין איז געגוג פאַר איינצושטעלן אַ צערעמאָניאַל און אָפּט פירט דאָס גלויבן אַפילו צו מסירת נפש, ווי מיר האָבן געזען ביי אַלערליי מינים סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און אַפילו ביי נאַציס און פאַשיסטן. וועלכע בלינדע קראַפט הייסט מאַרשירן דעם ערשטן מאַי אויסגעפּוצט אין רויטע סטענגעס, מיט אַ ים „איקאָנעס״ און אַנדערע צאַצקעס? אין געוויסע מינוטן הייבט אויף די גאַנצע מאַרשירנדיקע עדה די רעכטע האַנט, פאַרשטייפט אין אַ קולאַק און שרייט אויס לאָזונגען. זיי חזרן איבער די לאָזונגען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל מיט רעליגיעזן עקסטאַז און אַלע אין איין קול. וואָס פאַר אַ גרעסערער זין איז דאָ אין אָט דעם ריטואַל ווי אָנצוטאָן טלית און תפילין ביים דאַווגען, אָדער שאָקלען מיט לולב און קלאַפּן הושענות?

און ריווקין איז מודה, אַז „פון דעם שטאַנדפּונקט, עס מיינט פון דעם שטאַנדפּונקט פון נדר און זעלבסט דיסציפּלין, איז ניט קיין פאַרברעכן זיך לאָזן אויפרופן צו דער תורה, בענטשן מיט אַ מזומן און פראַווען בר מצוה״.

וויבאַלד אַזוי האָט ריווקין געדאַרפט אויסרופן צו זיין מנין תלמידים אומגלויביקע־גלויביקע: יידן, הייבט אָן צו עקספּערימענטירן! עפנט אייגענע בתי מדרשים, וואו איר זאָלט זיין פריי צו דאַווגען אויף אייער שטייגער. הייבט אָן אָפּצוהיטן שבת און יום טוב אויף אייער אופן. הייבט אָן לעבן ווי יידן. דורך עקספּערימענט וועט אייער נשמה זיך שטאַרקן און אָננעמען זיך מיט גבורה און איר וועט דערגרייכן די מדרגה פון אייערע טאַטעס און זיידעס.

אָבער ער דערפירט ניט דערצו. אַלץ וואָס ער קאָן פּראַקטיש פאָר־שלאָגן איז מען זאָל אויף זיך נעמען אַ נדר, „יעדן „פּעי־דעי״ (טאָג פון קריגן שכירות) זאָל מען באַשטימען אָפּצולייגן נשמה מעשר פאַר ארץ ישראל — פּינקטלעך אויפן זייגער״ (דאָרט, ז. 43) און מען זאָל שאַפן קבוצות אין אַמעריקע. „דאָס קיילט צו אַ קבוצה, אויב איר זייט אַ ייד; צו אַ קאָלכאָז, אויב איר זייט אַ גוי, אָדער צו אַ קאָאָפּעראַטיווער

קאַלאָניע אין אַמעריקע, וואָס אַלע דריי זיינען זיי ראווי איינצופאַסן און דאַרפן געבראַכט ווערן איינצופאַסן דעם ניי־יידישן און אַלט יידישן צוקונפט־גלויבן צוזאַמען" (דאָרט, ז. 44).

אַ קבוצה אין ישראל און אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אין אַמעריקע, וואָס זיינען באַוואוינט פון הונדערט פּראָצענט יידן קאָן נאָך אַלץ זיין פּאַגאַניסטיש, אויב דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן ווערט ניט געהייליקט דורך הלכה — מצוות מעשיות בין אדם למקום און בין אדם לאדם און אַ באַשטימטן צערעמאָניאַל, וואָס איז ספּעציפיש יידיש.

מאָדנע! ריווקין האָט אַזוי קלאָר געזען יידישקייט און געהייסן זיך ניט שרעקן און שרעקט זיך אַליין דורכצופירן די לאָגישע שלוסן פון זיינע וויזיעס.

ג

צוויי מאַנדאַטן

מיר זעען קלאָרער זיין שרעק פאַר קאָנקרעטיזאַציע פון יידיש־קייט ווען ער רעדט וועגן די צוויי מאַנדאַטן, וואָס איז געגעבן יידן אויסצופירן: ארץ ישראל און שפּילן די הויפּט־ראָלע אין משיחס צייטן.

אין 1936 האָט ריווקין פאָראויסגעזאָגט, אַז יידן וועלן קריגן ארץ ישראל ציי די פעלקער ווילן עס יאָ צי זיי ווילן עס ניט. יידן וועלן קריגן ארץ ישראל ניט ווייל זיי האָבן אַ געשריבענעם מאַנדאַט פון ענגלאַנד, נאָר ווייל די יידישע שעפערישע עקשנות האָט געהאַט דעם ענדציל אַלעמאָל פאַר די אויגן.

„און אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און וועט זיך טאָן: מלחמות און רעוואָלוציעס, קאַטאַסטראָפעס און מערכות, מקוים געוואָ־רענע קללות און נאָך ניט (קיין) מקוים־געוואָרענע ברכות — זיינען נאָר ווערטער פון יענעם אייביקן מאַנדאַט, וואָס רינט אין און מיט — דעם יידנס בלוט. טויב, שטום, בלינד און משוגע — די געשיכטע פון פאַרצייטן ביז היינט, אַליין ניט וויסנדיק דערפון, רעדט נאָר וועגן דעם, נאָכזאָגנדיק אות ביי אות יענע יידישע, בלוטיקע און פאַרבלוטיקטע ווערטער — ובא לציון גואל... אַניט האָט די וועלט קיין קיום ניט!" (דאָרט, ז. 70).

„אָט דער רעזערוו פון גייסטיקער ענערגיע האָט אויך אָנגעשטעקט

די אַנדערע פעלקער, אַז זיי מוזן אויך העלפן אין דער פאַרווירקלעכונג פון אייביקן יידישן מאַנדאַט" (דאָרט, ז. 73).

די אינעווייניקסטע שבועה, דער נדר טרייבט אונדז און פירט אונדז בלינדערהייט צו רעאַליזירן דעם אומקער קיין ארץ ישראל. אָט די אַבסטראַקציע וועגן ארץ ישראל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז משפיע אויף דער יידישער סביבה. די בויער פון ארץ ישראל, די חלוצים זיינען אַ רעזולטאַט פון די נדרים און שבועות. דער ניט געשריבענער אייביקער מאַנדאַט, אַן אַפּדוכטעניש קאָן אויך ווערן אַ פאַקט.

ווען ריווקין וואָלט איצט געלעבט, וואָלט ער געזאָגט: זעט, אפיקורסים, איך בין דאָך געווען גערעכט.

אויף צו פאַרווירקלעכן דעם ארץ ישראל מאַנדאַט האָט ער געהאַט אַן אָנשפּאַר — די בויער פון ארץ ישראל און די חלוצים, קאָנקרעטיזירטער גייסט.

וועגן צווייטן מאַנדאַט — אונדזער הויפּט ראָלע אין משיחס צייטן, זאָגט ריווקין, אַז אָט דער מאַנדאַט האָט געהאַט אַ שלעכטע מערכה ביי יידן, סיי פון לינקס און סיי פון רעכטס. (איך וואָלט צוגעגעבן אויך ביי ריווקינען). פון לינקס שרייט מען משיח איז געשטאָרבן. אַפילו ד"ר זשיטלאָווסקי האָט געפּסקנט אַז די אידייע פון משיח איז „אַ העסלעכער אַבערגלויבן". פון רעכטס האָט מען די יידישע ראָלע אין אויסלייזונג אַלץ מער אויסגעליידיקט פון אינהאַלט. אַלץ דין, דינער געמאַכט ביז זי איז פאַרדינט געוואָרן אין אַ שאָטן, אין אַ בלאַסער מיסיע, וואָס אַפילו די יידישע גבירים קאָנען זי נעמען אין מויל אַריין אָן שאָדן. ביידע האָבן געמאַכט דעם טעות און געמיינט „אַז משיח איז אַן אידייע, ניט קיין געשטאַלט".

אָבער דער אמת איז אַז משיח איז אַ וויזיע — אַ צוקונפט וויזיע און וואָס מען באַדאַרף איז באַרעכטיקן זי מיט מעשים. ס'איז אַ מעטאָד פון כוח דערלאַנגונג — פון געשטאַלט־געבן ווי אַ מוסטער צו שאַפן אַ לעבן. דעם מעטאָד האָבן יידן ניט דערפונדן, עס איז אַן אַלטמענטשלעכער קנין, אָבער צוליב ספּעציעלע געשיכטלעכע אומשטענדן האָבן יידן עס פאַרפולקומט. מוסאָליניס פאַשיזם, היטלערס נאַציזם (אין דעם מאָמענט, זאָגט ריווקין, וויל ער נאָך רוסלאַנד ניט אַריינמישן) האָבן געגעבן אימיטירטע פאַלסיפיצירטע געשטאַלטגעבונג. (דאָרט, זייט 78).

ריווקין מיינט אַז די פּרושימשע הלכה, דער תרי"ג האָט געהאַט נאָר איין עובדא צו דערטראָגן דעם קיום פון פאָלק אָן לאַנד ביז

משיחס צייטן, ווען משיחס גאולה וועט צוריקברענגען דאָס פֿאָלק קיין ישראל (דאָרט, זז. 82־83 און זע דאָס גאַנצע קאַפּיטל „הויפּט ראָל אין משיחס צייטן"). ער גיט צו, אַז דער תרי"ג האָט ניט נאָר אויפֿגע־האַלטן יידישן קיום, נאָר אויך געפֿורעמט דאָס פּנים פֿון פֿאָלק און מאָדולירט זיין כאַראַקטער. איצט אָבער מיינט ער איז פֿרומקייט גע־פֿערלעכע עבודה זרה, ווייל פֿרומקייט מיינט ניט אַנרירן, ניט עפֿענען; און ווי זיי וואָלטן איינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז די יידישע רעליגיע האָט געהאָט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פֿאַר משיחס צייטן. די פֿרומע זיינען איצט געוואָרן צדיקים חיי־אַדמניקעס, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט דינים אין האַרצן, אָבער ניט קיין צדיקים, וואָס גיבן זיך אָן אַליין ווי מוסטער־געשטאַלטן.

ריווקין פֿאַלט דאָ אַריין אומבאַוואוסטזיניק אין דעם טאָן פֿון נייעם טעסטאַמענט וועגן עניין מצוות מעשיות. זיינע רייד זיינען ניט מער ווי אַ פֿאַראַפֿראַזירונג פֿון דעם פּסוק „מיר דינען אין דער נייקייט פֿון גייסט און ניט אין דער אַלטקייט פֿון אות". (רוימער ז׳ ו).

ריווקין ווייסט אָדער דאַרף וויסן, אַז די פּרושים אַליין האָבן אויפֿגענומען דאָס פּראָבלעם פֿון פֿאַרגליווערטקייט און די שווערקייט, ווען ריטואַל ווערט מצוות אנשים מלומדה — אַן איינגעחזרטער עניין. דאָס אָפּהיטן ווערט אַ זעלבסט־שטענדיקע זאַך און אָפּט גאָר אַן עבודה זרה. די משנה זאָגט (סוטה פּרק ג׳ משנה ד׳) די שלעק פֿון פּרושים ברענגט אום די וועלט. די גמרא פֿאַרברייטערט עס (סוטה דף כ"ב, עמוד ב׳) און רעכנט אויס זיבנערליי פּרושים, צווישן זיי ווערט אויך אַריינגערעכנט איינער וואָס טוט מצוות צוליב שכר ועונש. לייזן דאָס פּראָבלעם איז שווער אָבער זיכער איז ניט דער אויסוועג אָננעמען דעם גרינגן וועג — אָפּזאָגן זיך פֿון מצוות מעשיות און שטעלן אַלץ אויף כוונה. די דינאַמישע רעליגיע מוז זיך קאָנקרעטיזירן — דאָס איז דער יידישער וועג. מען דאַרף בייקומען די מכשולים דורך פֿאַר־טיפֿן ריטואַל.

ריווקינען איז גוט באַקאַנט אָט דער געדאַנקען־גאַנג. ער זאָגט אַליין:

„איז וואָס זאָלן מיר טאָן צו ווערן מוסטער געשטאַלטן? עס דאַרף אונטערקומען אַ האַנדלונג — אין אַ געוויסער ריכטונג, צו אַ געוויסן ציל, לויט אַ געוויסן מעטאָד, אַ האַנדלונג, וואָס ענטפֿערט גענוי אָפּ די איינגעבאַרענע, גערירשנטע „פּסיכאָ־פֿיזישע שטעלונג" — גענוי, לויטן זעלביקן מעטאָד, ווי זיי האָבן זיך אויסגעפֿורעמט אין

פאַרלויף פון דער געשיכטע — און אַט די האַנדלונג וועט דעם גלויבנס־אַנגעלאָף אַרויספאָדערן" („אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע", זייט 94).

דוכט זיך קלאָר „לויטן זעלביקן מעטאָד, ווי זיי האָבן זיך אויסגעפורעמט אין פאַרלויף פון געשיכטע" — עס מיינט מצוות מעשיות, יידישקייט, קאָנקרעטיזירט אין אַ לעבנס שטייגער. ניטאָ קיין אַנדער וועג, דאַרף ריווקין עס פאָדערן, ווייל זיינע וויזיעס האָבן עס פון אים געפאָדערט. אָבער ער פאָדערט עס ניט. ערשטנס, ווייל ער ווייס, אַט ווי פּרץ האָט געוואוסט, אַז דער מאָדערנער מענטש קאָן ניט פירן קיין דיסציפּלינירטן לעבן. ער איז צעווייטיקט, צעקוועלט מיט רואינירטע נערוון. אָדער ווי ריווקין זאָגט:

„צום באַדויערן, די אידייען נעץ, וועלכע האָט די מערסטע פון אונדז געפאַנגען, האָט אונדז אַריינגעוואָרפן אין אַ הילפלאָזן צושטאַנד"? (דאָרט, זייט 94).

צווייטנס, ווי עס איז באַהויפּט געוואָרן אין אַנהייב פון דער אַרבעט: ער איז געווען איינער פון אונדזער דור און ער האָט געדינט צום גאַנץ פון אונדזער צייט, קונסט: ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק, מאַלעריי זיינען געווען זיינע פעטישן פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען. דעם צווייטן מאַנדאַט — איבערשאַפן דעם יידישן מענטשן אין דער געשטאַלט פון משיחן כדי מיר יידן זאָלן ווערן אַ פאָלק פון מענטשן שעפער אין צלם אלהים און שפּילן די הויפּט ראָלע, ווען די ענטגילטיקע גאולה וועט קומען — אַט דעם מאַנדאַט גיט ער איבער צו דער קונסט, צו דער יידישער ליטעראַטור.

„וועל איך נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל צו זיי זאָגן: האַנדלט אויף משיח! האַנדלט אויף ברא בצלם — אויף מענטש־באַשאַף לויט וויזיע געשטאַלט. וועלן זיי דאָך מיך פרעגן: ווי אַזוי טוט מען דאָס? מיר וויסן דאָך אַפילו ניט ווי אָנצוהייבן! וועל איך זיי ענטפערן: איר זאָלט ניט וויסן וואָס מענטש־געשטאַלטונג איז? דאָס איז דאָך די קונסט, וואָס איר סאַמע עצם איז ברא בצלם — דאָס איז דאָך די יידישע ליטעראַטור, וואָס איר טייערט און פייערט! איז פאַר אייך דען אַ סעקרעט, אַז ווען אַפילו אין לעבעדיקן לעבן איז עס ניט אַזוי קענטיק, שפּאַרט און קוועלט משיחיסטישע וויזיאָנערישקייט פון דער יידישער ליטעראַטור — — — אויב פאַר דעם ארץ ישראל מאַנדאַט האָבן מיר אַן אנשפּאַר אין זיך בויענדיקער ארץ ישראל, האָבן מיר אין דער יידישער ליטעראַטור אַן אנשפּאַר פאַר דעם משיח־מאַנדאַט" (דאָרט, ז. 95, מיין קורסיוו).

וואָס מיינט עס? עס מיינט אַז זיין גאַנצעס שרייבן בלייבט ניט מער ווי אין גדר פון ליטעראַטור. גוטע ליטעראַטור — אָבער ניט מער. ער האָט ניט דערפירט צו דעם אַז זיין וואָרט זאָל ווערן טאַט — מעשים.

* * *

צו קיין העכערער מדרגה ווי ליטעראַטור דערגרייכט ער ניט אויך אין זיין בוך „יידישע יום טובים". ער פאַרשטייט דעם טיפן זין פון יידישן יום־טוב. ס'איז ניטאָ אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אַ בעסערער יום־טוב בוך ווי זיינער. יעדער קאַפּיטל איז אַ געזאַנג צו אַ באַזונדער יום־טוב. אָבער ריווקין באַנוגנט זיך דאָך ניט מיט ליטעראַטור. ער וויל דאָך באַנייען יידישקייט. ער זעט די כוחות וואָס יורין אין איצטיקן יידישן לעבן וואָס זוכן אַ יידיש רעליגיעזן רענעסאַנס:

„אין דעם צוזאַמענבונד צווישן שול און טעמפּל — אַ ניי באַשאַפענער צערעמאָניאַל. אַ נישט געבונדענער צו אייזערנע פאַרשריפטן, אַ פריי קינסטלערישער, אין שעפערישן שוואונג אימפּראָוויזירטער, אויף אונדזער צייט און אויף אונדזער וועלט אַרויפגעשפּילטער רעליגיעזער ספּעקטאַקל און אַט וואָס עס וועט אונדז זאָגן:

וקרב פזורינו — איז נעם צונויף אונדזערע פאַרשפּרייטע פון צווישן די פעלקער און קלייב אויף אונדזערע פאַרוואָגלטע פון די עקן פון דער ערד" („יידישע יום טובים", ז. 17).

נו, פאַר אַזאַ עקספּערימענט דאַרף מען דאָך האָבן אַ שול, אַ בית מדרש, אַ טעמפּל, אַ קהילה, אַ מנין אומגליוביקע־גלויביקע, וואָס זאָלן אויף זיך נעמען דעם יאָך. נו, גוט, אָדער שלעכט, מיר האָבן ניט די אַלע זאַכן, דאַרף דאָך ריווקין פאָדערן, מאָנען — שרייען, בייזערן זיך און שטראָפן. און אַוודאי און אַוודאי דאַרף ער באַגריסן יעדן פּרוואו, יעדן נייעם עקספּערימענט. אָבער ניט ער פאָדערט נייע בתי מדרשים, ניט ער מאָנט קהילות, ניט ער בייזערט זיך און שטראָפט, אַז מיר יידן לעבן אַ פּוסטן לעבן, און ניט ער באַגריסט נייע פּרוואון. אַט דערציילט ער פון אַן עקספּערימענט מיטן שבת אין בויבעריק; וועגן אַ פּרוואו מיט דער הילף פון דער יידישער ליטעראַטור איינצושטעלן אין דעטרויט די יום טובים, פּפסח און שבועות — און ריווקין הייסט ניט וויטער צו עקספּערימענטירן. ער פאַרדאַמט עס ווי עבודה זרה (זע: „קאָן ליטעראַטור מאַכן יום טוב" (דאָרט, זז. 40 ביז 45).

ער איז אַלץ אונטער דעם כישוף פון דער מאָדערנער עבודה זרה קונסט — ער מיינט אין ערנסט אַז נאָר קינסטלער, פּשוט אַקטיאָרן (זע דאָרט ז. 209) קאָנען צוריק רעסטאַווירן דעם יידישן יום טוב.

ביי אים איז יום טוב עפּעס אַ מין שפּיל „אַן אַלט־נייע רעליגיע ווערט ווידערגעבאָרן אונטער דעם שאָטן פון אליהו הנביאס באַרג, שפּילנדיק״ (דאָרט ז. 181)

דעם יום טוב נעמט ער אַוועק פון פאָלק און גיט אים איבער צום טעאַטער. די „הבימה״ וועט שאַפן דעם צערעמאָניאַל יום־טוב פאַר אַמעריקאַנער יידן! (דאָרט, זז. 151 ביז 157). די גאולה צו דער וועלט קאָנען יידן ברענגען דורך ספּעקטאַקל:

„אַ נייע מתן תורה דאַרף קומען פון די יידן צו די פעלקער, און אַ גראַנדיעזער ספּעקטאַקל וועט זיך שפּילן פון אינדיען ביז עגיפּטן, פון מאָסקווע ביז ירושלים, מיט דער סימבאָלישער משיח געשטאַלט, אַלס אומזיכטבאַרן דיריזשאַר״ (דאָרט, ז. 229).

דאָס מיינט, אַז ניט געקוקט אויף זיין גאַנצער עקזאַלטאַציע, ניט געקוקט אויף זיינע גרויסע וויזיעס פאָדערט ער ניט קיין איבערבראָך אין יידישן לעבן. עס בלייבט אַלץ ביים אַלטן — ליטעראַטור: פּראָזע און ליד, טעאַטער און מאַלעריי. ער איז געבליבן דינען די מאָדערנע געטשקעס. עס איז פאַראַן אַ גמרא:

„מנשה האָט זיך באַוויזן צו ר׳ אשי אין חלום. האָט צו אים געזאָגט ר׳ אשי: פאַרוואָס פלעגט איר דינען עבודה זרה? האָט ער אים גע־ענטפערט: ווען דו וואָלסט געלעבט אין יענער צייט וואָלסטו אויפ־געהויבן די פאָלעס, דו זאָלסט קאָנען גרינגער לויפן, און נאָכלויפן נאָך איר״. (סנהדרין קב, עמוד ב׳).

מנשה ווערט אין יענעם עמוד גמרא געשילדערט ווי אַ גרויסער תלמיד חכם און אַ פרומער ייד. דאָך האָט ער ניט געקאָנט גובר זיין דעם דרוק פון דער עבודה זרה פון זיין דור. דאָסזעלביקע האָט געטראָפן מיט ברוך ריווקינען — ער האָט ניט געקאָנט בייקומען די עבודה־זרה פון זיין דור: קונסט.

אָבער זיין ירושה וואָס ער האָט געלאָזן פאַר אונדז איז אַ רייכע. אונדזער חוב איז צו ציען די לאָגישע שלוסן פון זיינע וויזיעס און עקזאַלטאַציע. זיי דאַרפן קריגן אַ תיקון אין פּראַקטישער אַרבעט.

ד

אַ פּאָר סוף־ווערטער

מיר האָבן ניט זוכה געווען, אַז ער זאָל באַווירקן אונדזער לעבן. וואָלט ער געלעבט מיט דורות פריער, ווען יידיש לעבן איז געווען גאַנץ און פול מיט אמונה, וואָלט ער אָנגעשריבן טיפע פילאָסאָפישע

מוסר ספרים, וואָס וואָלטן אונדזער לעבן געמאַכט שענער, טיפער, יידישער און נאָענטער צו גאָט. וואָלט אונדזער לעבן איצט געווען גאַנצער, מער יידיש, בעסער אָרגאַניזירט, וואָלט ער אין זיין צייט געזעסן באַזאָרגט אין אַ יידישן אוניווערסיטעט און אין רואיקייט און שלוה וואָלט ער איבערגעשאַצט יידישקייט, פאַרטיפט יידישן וועלט־באַנעם און זיינע תלמידים וואָלטן זיין אַבסטראַקטע תורה קאָנקרעטיזירט און צעטראָגן אין פאָלק.

אָבער מיר האָבן אים אַפילו ניט געגעבן קיין ברויט צו זאַט. ער האָט געדאַרפט צעברעקלען זיינע וויזיעס און מאַכן פון זיי צייטונגס אַרטיקלען. ער האָט געקרוינט האַלבע פּאָעטן ווי געניאַלע בשורה־ברענגער און גאַנצע פּאָעטן האָט ער געמאַכט פאַר פילאָזאָפן, פאָלקס־רעטער און משיחים; ער האָט שוואַכע דערציילער געמאַכט פאַר רביים און גוטע דערציילער האָט ער געקרוינט ווי שאַפערס פון נייע שיטות. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שטענדיק עקזאַלטירטער, און האָט געזונגען זיין לעבנס ליד מיט צען אָקטאַוועס העכער פון געוויינטלעכן טאָן. ער האָט געפילט צענפאַכיקע טעמפּעראַטור פון פרייד און לייד. אין זיין עקסטאַז איז דאָס וואָרט פאַר אים געוואָרן כישוף; ליד — טאַט. דאָס טויטע וואָרט איז ביי אים געוואָרן אַ באַפעל: עס זאָל געשען! און עס האָט געשען. (אַ פּאַראַפראַזירונג פון זייט 111 פון בוך „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״).

פאַר אונדז האָט ער ניט דערפירט זיין וואָרט צו טאַט. ביי אונדז איז ער געבליבן ליטעראַטור בלויז. אַבסטראַקטע וויזיעס, וואָס דאַרפן ערשט קאָנקרעטיזירט ווערן.

אַסך ווידערשפּרוכן זיינען דאָ אין זיינע ווערק, אַסך, גאָר אַסך אַרבעטן זיינען געשריבן געוואָרן צופרידן צו שטעלן עמיצן, אָדער אויסשליסלעך פאַר באַשטעלונגען. אָבער אויך גאָר, גאָר אַסך תוך זאַכן. ס'איז אונדזער שולד וואָס ער איז ניט געווען גאַנצער. ס'איז אונדזער שולד, וואָס ער האָט ניט געהאַט די רואיקייט; ס'איז אונדזער שולד, וואָס ער איז געווען אָנגעפילט מיט אַ מאָס בייזקייט און וואָס מיט אונדזער ראַציאָנאַליזם, גלייכגילטיקייט האָבן מיר אים ניט דער־לאָזן צו אַנטפלעקן זיך אינגאַנצן. מיר האָבן ניט זוכה געווען, מיר האָבן אים ביז צו אַ געוויסער מאָס פאַרשפּילט.

אָבער ס'איז גוט כאָטש וואָס עס האָט זיך געפונען אַ גואל, וואָס האָט צונויפגעזאַמלט אין ביכער אַלע זיינע אַרבעטן, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער יידישער טאָג פרעסע און פאַר־

שידענע אויסגאַבעס. די אלמנה זיינע, מינאַ באַרדאַ ריווקין, האָט זיי צונויפגעקליבן, איבערגעשריבן, צונויפגעשטעלט און זיי געבראַכט צום דרוק. אין אונדזער איצטיקער ירידה פון דער יידישער ליטעראַטור, ווער וואָלט זיך עס אונטערנומען צו טאָן אָט די שווערע גרויסע אַרבעט?

ס'איז דאָך פּשוט געשען אַ נס. אַסך פון אונדזערע שרייבערס האָבן איבערגעלאָזן אלמנות, אין גאַר ניט קיין שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע און עס איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלן אַרויסצוגעבן די ירושה פון זייערע מאַנען. זיין אלמנה איז געבליבן אָן אַ פּרוטה. זי איז אַוועק אַרבעטן און אויסגעפּירט אירס, טיילוויז מיט אירע מיטלען, אפשר מער מיט איר גינציקייט. זי האָט געקלאַפּט אין טירן, געמאָנט, געבעטן, אַליין געוויזן אַ ביישפּיל פון איבערגעבנקייט, און ביז איצט זיינען דערשינען פינף גרויסע בענד און איין קליין ביכל, חוץ אָט דאָס בוך פון קריטישע אַרבעטן וועגן ריווקינען.

אין אַ ליד צו ריווקינס זיבעטן יאָרצייט, זאָגט מינאַ באַרדאַ ריווקין:

„איך האָב פאַרנומען דיין געוויין,
דיין גסיסהדיקע לעצטע טרער.
די ווערטער זיך געזיפט דורך דיינע ציין:
אוי, ווי! פאַרנעמען וועט מיין פּלאַץ, אַ, ווער?"

זי האָט אויף זיך גענומען אַ נדר, אַ שבועה, ווי ריווקין האָט געלערנט צו טאָן. זי האָט דעם נדר מקיים געווען:

„אויף אַלע מיינע וואַנדער־וועגן ליגט דיין אפשיין
העל פאַרטראַכט,
איך בין מיט דיר צוזאַמען: איך בין אַ טאָג וואָס הילט זיך
אין דיין נאַכט;
און מעשה־שאַטן גייט מיין לעבן אַזוי כסדר־כסדר אָן:
נאָך פרימער פון מיין מאַמען, כ'האָלט דעם נדר, איך האָב
זיך געטאָן.

גוט וואָס זי האָט געהאַלטן דעם נדר. צוליב דעם זכות פון נדר האָבן מיר זוכה געווען צו אַ זאַמלונג פון די ווערק. זאָל זי זיין געבענטשט!

א׳ ניסן תשי״ג

י. י. סיגאַל

I

ב. ריווקין

ב. ריווקינס קריטישע אַרבעטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנץ נייעם זשאַנר פון קריטיק. ער זוכט אַרויסצוהויבן פון די טיפענישן פון דער יידישער ליטעראַטור אַזעלכע אידייען וואָס ליגן אין אירע טונקעלע באַהעלטענישן און בדרך כלל קאָנען זיי זייער ווייניק זיך פון איר אַרויסהערן. ער לייגט צו זיין אויער צו איר סאַמע באָדן און הערט זיך איין צו די קערנדלעך וואָס די צייט האָט אין אים פאַרזייט דורך דער האַנט און דורכן טאַלאַנט פון אַ יחידישן שעפערישן שליח אירן. ב. ריווקין איז „חושד" יעדן שעפערישן קינסטלער אין עפעס מער, ווי ער, דער קינסטלער, אַליין ווייסט און ער זוכט זיך צו דערגרונטעווען צו יענע אונטערבאַוואוסטזיין קוואַלן צו וועלכע ער, דער קינסטלער, דערגראָבט זיך מיט דער צייט. ריווקין איז אין אָט־דעם זין אַ רעוואָלוציאָנער באַפרוכפערער, ער דערוועקט אין קינסטלער אַזעלכע פּאָטענצן, וואָס מאַכן פאַר אים מעגלעך זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג ד. ה. זיין אַרויסוויקלען זיך פון זיינע טונקלענישן. ריווקין זוכט אַוועקצוגיין, אַראָפּקירעווען זיך פון די לייכטע, ברייטע, גרינגערע וועגן וואָס ליגן צו בולט פאַר יעדן אויג אין אַ קינסטלערס שעפערישער וועלט. ער לאָזט דעם דרך המלך איבער פאַר די וואָס וואַגן נישט גיין דעם דרך הבעטלער, דעם וועג מיט וועלכן אַ קינסטער זוכט זיך אפשר אויסבאַהאַלטן פאַר אַ זייטיק אויג. ריווקין לייגט פאַר זיך אָן טונקעלע מיילן און ער האָט נישט מורא אַראָפּצובלאָנדזשען אין דער פינצטער פון דעם קינסטלערס פאַרהוילנקייטן. ווען ער קוקט אַריין אין יענע ניט זייער היימלעכע ערטער, נעמט ער ביסלעכוויז און פּאַמעלעך אַרויסטיילן פון זיך פונקן ליכט אין דער אַרומיקער טונקלקייט. פון

זיך, פון זיין אייגענער גייסטיקער עשירות באַלייכט ער די טונקעלע היילן פון אַ קינסטלער און נעמט זיך אַרומקוקן און דערזען די אינערלעכע גייסטיקע ווירטשאַפט און שעפעריש פאַרמעגן פון דעם וואָרט־קינסטלער, וועלכן ער נעמט זיך פאַר צו אַנטפּלעקן פאַר דער דרויסנדיקער וועלט, אויף זיין, ריווקינס, אייגענעם שטייגער.

אויסן איז ער דערמיט אַביסל אונטערצויאָגן די יידישע ליטעראַטור און איר צוגעבן פייערלעכן מוט און גלויבן פון אינעווייניק, ווייל אַרום איר, די סביבה, אין וועלכער איר איז באַשערט צו לעבן, איז היפּשלעך קאַלט און קאַלעמוטנע און די פּיס הויבן זיך אָפּט נישט פון אָרט. ריווקין וויס די אומשטענדן אין וועלכע אונדזער וואָרט־שאַפונג לעבט און האָדעוועט זיך און מוז וואַקסן. האָט ער זיך דערפאַר פאַרגענומען ממש ווי מיט אייגן־באַשאַפענעם גייסט, מיט כישוף, אַנצואוואַרעמען און אַנצוזינגען דעם אַרומיקן קלימאַט און אים מאַכן לעבנס־פריידיקער און לעבנסשעפערישער. ער וויל צווינגען דעם יידישן דיכטער, אַוועק־צוקוקן פון דעם אַרום, וואָס גיט אים נישט צו קיין צופיל שעפערישן געזונט, און אַריינקוקן אין זיך, דאָרט וואו עס ליגן אַנגעגרייטע אוצרות וואָס דער דיכטער אַליין, ווייסט נישט וועד עס האָט זיי פאַר אים אַוועקגעלייגט מיט אַ באַשטימטער כוונה. און ווען עס וועט קומען אַ צייט, און ער וועט מוזן אַביסעלע עוקר זיין פון זיין דרויסנדיקער וועלט, זאָל ער האָבן וואוהין אַוועקצוגיין, וואוהין אַרונטערצובלאָנדזשען און זיך קאָנען אויפהאַלטן. יענע היילן וועלן אים דינען ווי אַ גייסטיק עיר מקלט, ווי אַ קינסטלעריש־שעפערישע באַשיצונג.

אַזאַ „צוגאַנג", גלויבט אפשר ריווקין, איז מער ווי נייטיק פאַר דער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור וואָס האָט נאָך נישט קיין גייסטיקע לופט צו אָטעמען און איר אַרום איז אָנגעפּילט מיט קעלט און פרעמדקייט. אין אַזאַ סביבה איז סיי פאַר דעם איינציקן קינסטלער, סיי פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור שווער צו לעבן און זיך אויפצוהאַלטן. מוז מען דערפאַר עפענען פאַר איר נייע דערהאַלטונג־רעזערוון אין די גייסטיקע, לעבעדיקע טיפענישן פון דעם פאָלקס לעבן. האָט ריווקין אויסגעקליבן פאַר זיך די דאָזיקע ניט זייער גרינגע און קאָמפּליצירטע שליחות און אין משך פון זיינע עטלעכע צענדליק יאָר לעבן אין און פאַר דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אַ סך כח און ענערגיע אַוועק־געלייגט דורכצופירן זיין שליחות בשלימות. צי אים איז געלונגען דערפירן צו אַ געוויסער שלימות, איז נישט גרינג צו זאָגן, זיכער איז, אַז ער האָט באַשאַפן אַ גוואַלטיק גרויסע חשיבות אין און אַרום דעם

יידישן קינסטלער פון וואָרט און עפּעס אַ געפּיל פון גרויסער גייסטיקער באַלוינונג האָט אָנגעפּילט די לופט פון אונדזער אויסערלעך קלייגער דיכטערישער וועלט און דאָס האָט געגעבן זין און געדאַנק אונדזער אַלעמענס אַרבעט, וואָס איז שוין היסטאָריש־אייביק אָפּגעשאַצט געוואָרן, לויט דער וואונדערלעכער אויסטייטשונג פון ריווקינס עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור און אירע באַשאַפער און אויפהאַלטער.

און פאַר נאָך גאָר אַ גרויסן אויפטו האָט אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור צו דאַנקבאַר זיין ריווקינען — זיין פאַרוואַרפן אַ וויזיע פון גאָר ברייטע און ווייטע וועגן אויף וועלכע אונדזער ליטע־ראַטור דאַרף זיך פאַרנעמען. נישט נאָר אין סאָציאַלן זין האָט ער אָנגעוויזן אויף גרויסע רחבותן און אָפענע וועלט־שטחים, נאָר אויך, און אפשר, איבערהויפּט טאַקע, אין דער אינערלעכער וועלט פון דעם קינסטלער־יחיד. ער האָט געוועקט השגות, ער האָט גערייצט אַ גייסטיקן הונגער; ער האָט צענומען די פליגל פון דעם יידישן דיכטער און זיי נישט געלאָזט אַרונטערשוועבן אין ירידה און אין געפּאַלנקייט. מעגלעך אַז מיט דעמדאָזיקן וועקן די יידישע ליטעראַטור, האָט ער זיך גופא געוואָלט אַרויסרייסן פון שווערע שטימונגען, פון געדריקטקייט. ער האָט פון דער גאָרער, בייזער וואָר געוואָלט אַרויסכישופן אַ רייכקייט פון חלומות. יעדעס שעפעריש וואָרט פון אַ דיכטער איז פאַר אים געווען אַן אוצר פון אידייען מיט וועלכע ער האָט געזוכט צו אויס־ברייטערן און צו באַרייכערן אונדזער ענג און פאַרווינקלט לעבן.

דאָס וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט נישט געקאָנט פאַר זיך געווינען אויף דער דרויסנדיקער ברייט, האָט ריווקין געזוכט איר צו פאַרגיטיקן אין אַ פאַרטיפטער אינערלעכקייט. יעדער באַדייטנדיקער יידישער דיכטער און קינסטלער איז אין זיין אויסטייטשונג געוואָרן פיל מער ווי בלויז אַ שרייבער און דערפאַר האָט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אויף זיך געטראָגן אַ העכערע שליחות. דער דאָזיקער שליחות האָט ריווקין געווידמעט זיין טאַלאַנט און זיינע אַלע שרייבערישע פעאיקייטן. ער האָט זי געזען אין יעדן עכטן דיכטערס ליד, דערציילונג און עסיי. זיינע סאָציאַלע אויספירונגען האָבן זיך נאָענט צונויפגעטראָפן מיט זיינע רעליגיעז־עטישע אינטערפּרעטירונגען.

ריווקין איז געווען אַ מאָדים צו דערזען דאָס וואָרט פון דעם קינסטלער אַרומגערינגלט מיט גרויסע שטחים סביבה. ער האָט דאָס ליד פונעם פּאָעט אי אַרויפגעפירט פון זיין קינסטלערישער נידער צו דער הויך פון אידייאיש־רעליגיעזער וועזיע, אי אַראָפּגעבראַכט צום

טאָל־באָדן פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען און אָפּגעטראָטן אין קינסטלערישער דיסטאַנץ, ער האָט אין דעם קיל אַבסטראַקטן אַריינגעבראַכט אַ היימיש־היימלעכע וואַרעמקייט און עס צוגעגענטערט צו אונדזערע חושים.

די יידישע ליטעראַטור האָט ריווקין געהערט חלומען אַ גרויסן חלום און תמיד גערעדט צו די יידישע דיכטער זיי זאָלן זיך צוהערן, נישט נאָר צו דעם וואָס זייער אייגענע וויזיע שעפּטשעט זיי אין אויער, נאָר צום גרויסן חלום וואָס די גאַנצע יידישע ליטעראַטור חלומט. ניט פאַרשפּילן זיך מיט קלייניקייטן, ווייל עכטע, שעפערישע אַרבעט לייגט אַרויף אַ חוב אויף זיינע פּלייצעס און האַלט אייביק וואַך זיין געוויסן צו יעדן ריר און באַוועג פון דער וועלט.

ריווקין האָט שאַרף און טיף געפילט דעם פּראָצעס פון דעם טראַגיש־דראַמאַטישן מענטשלעכן לעבן און ער האָט נישט געזען קיין זין אין דעם צו גרינג נעמען דעמדאָזיקן וואונדערלעך וואונדיק־סתירותדיקן קאָנפליקט וואָס איז פון צייט צו צייט דורכגעשטראַלט געוואָרן מיט אַ הערלעכער קלאָרקייט. די דאָזיקע דורכשטראַלונג איז פאַר אים געווען אַן אַנטפּלעקונג פון נבואה — אַ וועלטלעכע אָנונג וועגן דעם האַרמאָנישן און שלימותדיקן צו וועלכן דער שעפערישער לעבנס פּראָצעס גייט.

ב. ריווקין האָט אָפט גענומען דעם דיכטער פאַרן האַנט און האָט אים אַרויפגעפירט אויף די וועגן פון וועלכע ער, דער דיכטער, האָט וואו ניט וואו פאַרוואָרפן אַ צייכן. ריווקינען האָט שוין דער דאָזיקער צייכן געפירט ווייטער ווי דעם שרייבער גופא. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז מיט ריווקינס אַ קריטיק איבער אַ שרייבערס ווערק, איז דער שרייבער פאַרזיכערט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן איינזען זאַכן אין זיין אייגענער וועלט וועלכע ער האָט פריער פאַרזען אָדער זיך נישט אומגעקוקט. ריווקין האָט נישט בלויז אַריינגעטייטשט זיך, נאָר אַרויסגערופן אַ טיפערן איך פון דעם שרייבערס ווערק. פאַראַן זאַכן וואָס אַ שרייבער פאַרזעט אין זיך, ריווקין דערזעט דאָס וואָס איז פון אים פאַרזען געוואָרן אין זיך; און קערט אום דעם שרייבער פון זיין מיטן אָדער אַפילו פון זיין סוף וועג, ער זאָל עס ווידער אין זיך דערשפּירן. לויט ריווקינען איז יעדער דיכטער געווען ווי אַ בשורה ברענגער פאַר דער וועלט און ער האָט זיך שטאַרק־שטאַרק צוגעהערט צו זיין קול און צום קול פון זיין וואָרט און ווען ער האָט דערהערט דאָס באַזונדערע, דאָס אייגנאַרטיקע אין אַ שרייבער, האָט ער מיט אַ באַזונדער תענוג אונדז אָנגעזאָגט דאָס נייע, דאָס באַזונדערע.

י. י. סיגאַל

אַז איך שטיי פאַר די ביכער שאַפעס פון דער יידישער ליטעראַטור און מיט די אויגן צו די נעמען פון ביכער רוקנס, באַפאַלט מיך אַלעמאָל עפעס אַ בייזע בושה פאַר זיך, פאַר דעם משונה־טרויעריקן מזל פון אונדזערע שרייבער, פאַר אונדזער צעבראָכן לעבן — פאַרן וויסטן פאַקט, וואָס אַזאַ גרויסער און גייסטרייכער און וואונדערלעכער שרייבער ווי ב. ריווקין, האָט נישט זוכה געווען צו קיין איין בוך וואו עס זאָל זיך צענויפזאַמלען כאָטש אַ טייל פון זיינע פרעכטיקע עסייען מיט וועלכע ער האָט אָן שום ספק באַווירקט אַ גאַנצן דור יידישע וואָרט קינסטלער; וואָס האָבן אַריינגעאָטעמט אַזויפיל וואַרעמקייט, אַזוי פיל פייער און פייערלעכן פלאַם און היץ אין אונדזער ווינטערדיק־קאַלטער, פראָסטיקער סביבה. איך שעם זיך פאַרן בלויז, פאַרן לייִדיקן פלאַץ וואו אַ גאַנצע שורה ביכער פון ב. ריווקינען דאַרפן פאַרנעמען זייער חשובן און הויכן אָרט און זיי זיינען נישטאָ. אַ סך פון זיינע ווערק גלותן אין „לענדער", אין ערטער פונוואַנען זיי דאַרפן אויסגעלייזט און פריי ווערן. זיינע ווערק זיצן אין שכנות פון צייטונגען און קיינער האָט זיך נאָך נישט דערמאָנט, אַז מען דאַרף זיי אַריבערפירן אין זייער אייגענער דירה, אין די קאַמערן פון דער ליטעראַטור.

„קענעדער אָדלער", יולי 1, 1945.

II

ב. ריווקינס „יידישע יום טובים"*)

מיר דאַכט זיך אַז פאַר זיין לעבן, האָט דער באַרימטער קריטיקער און שריפטשטעלער ב. ריווקין, נישט זוכה געווען צו זען זיינע כתבים געזאַמלט אין אַ בוך. און כאָטש ריווקין האָט ליב געהאַט אין זיינע סאַמע ערנסטסטע אַרבעטן און שטודיעס, האַלטן אָפן דעם שער פון בוך אָדער אַ שמאָל פענצטער אין לעבעדיקן דרויסן פון דער היינט־צייטיקייט און מישן און בינדן טאָג־טעגלעכקייטן מיט אַבסטראַקטע, פילאָזאָפישע עלעמענטן, קאָן איך קיינמאָל זיך נישט באַפרייען פונעם איינדרוק, אַז ריווקין האָט געשריבן ביכער און זיי געדרוקט אין צייטונגען להיפוך צו די וואָס דרוקן לרוב צייטונגסמאַטעריאַל און דרוקן עס דער־נאָך איבער אין ביכער. פאַראַן אין ריווקינס שרייבן דער אייביק־אָנרעגנ־דיקער רייץ פון טראַכטן און זיך פאַרטראַכטן. איר הערט דעם שריפט־שטעלער קלערן אויפן קול און דאָך גייט מיט מיט זיינע ווערטער אַ שאָטנדיקע שטילקייט פון אַ פּאָעטיש געמיט וואָס מילדערט און קילט אָפּט אָפּ די היץ וואָס טראָגט זיך פון זיין אָנגעגליטן, נאָך רויטפייער־דיקן רעיון. אַ ווילן צו הסברה און אַנאַליטיש דערקלערן טרעט קיינמאָל נישט אָפּ פון אים. נאָר איידער ער מאַכט קלאָר און שלייפט אַרום איין געדאַנק, רוקט זיך שוין אַריבערן רוקן פון דעם דאָזיקן געדאַנק אַ צווייטער, אַ דריטער און יעדער איינער פון זיי וויל זיך אַרויסזאָגן — אַמאָל וויל איינער מסביר זיין אַ צווייטן און אַמאָל וויל אַ דריטער רעיון אַרויסהעלפן זיין חבר און אים נישט דערלאָזן איינ־גאַנצן זיך אויסטאָן ביזן לעצטן העמד פון נאַקעטער פאַרשטאַנענקייט. ריווקין האָט ליב דעם לבוש וואָס ער טראָגט אויס פאַר זיין מחשבה נישט ווייניקער ווי דאָס טראַכטן גופא. ווערטער זיינען ביי אים נישט קיין געוויינלעכער ענין און ער היט זיך תמיד, מען זאָל אים חלילה

---

*) צוזאַמענגעשטעלט פון מינא ריווקין, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, ניו יאָרק, 1950.

נישט חושד־זיין, אַז זיי זיינען ביי אים בלויז משרתים און ער איז אַ פריץ איבער זיינע קנעכט.

אויך אין דער וועלט פון גייסטיקע ווערטן האָט זיך נאָך ביי נישט איינעם פון אונדז פאַרשפּעטיקט אַ שטיקל פּעדאַליזם, אַ מין „פּאַנשט־שינע" און מען לאָזט דאָס וואָרט פריי נישט אָפּאָטעמען. ב. ריווקין האָט ליב די פרייע, ריטמישע באַוועגונג פון וואָרט. ער זעט אין די זאַצן און פּסוקים וואָס טראָגן איבער דעם געדאַנק פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, די שיינקייט פון לעבעדיקע חושים און אברים און עס געפעלט אים זייער אַרבעט. ווערטער גופא זיינען ביי אים גרויסע קינסטלער, ווען זיי דינען ערלעך און אויפריכטיק דעם מענטשן און דער וועלט. דערפאַר גלויבט ריווקין אַזוי שטאַרק, אַז מען קאָן מיט זיי אויפטאָן נישט נאָר מעגלעכע זאַכן נאָר אויך אַביסעלע אוממעגלעכקייט קאָנען זיי זיך וואויל־אָנשטרענגען דורכצופירן. ער גלויבט דעם וואָרט אויפן וואָרט און דער מחשבה — אויף איר צוזאָג מקיים צו זיין אַ נס. מען קאָן זיך דערדערדן צו מעשים, אַזוי הער איך אַרויס פון אַלץ וואָס ב. ריווקין שרייבט. זיינע ווערק האָבן אין זיך עפּעס אַ קראַפט און אַ גייסט וואָס יאָגט אונטער דעם ווילן באַרג־אַרויף און לאָזט לאַנג נישט בלייבן ביי אַ סטאַנציע אין אַ טאָל. ריווקין גלויבט, אַז גלויבן איז די סאַמע אַקטו־עלסטע פונקציע אין דער וועלט און אין מענטשן און ער איז „כמעט זיכער" אַז דאָס רעליגיעזע געמיט קאָן נאָך אויפגעוועקט ווערן אין אונדז, ווייל עס האָט זיך פאַרשפּעטיקט אין זיין דרימל. מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט און דאַרפן זיך אונטעראײַלן עטלעכע מייל בכדי צוריק־צוקומען צו זיך באַרג־אַרויף אויף אַ העכערער מדרגה. זיין שרייבן איז דערפאַר סטימולירנדיק, ווייל ער אָפּערירט נישט מיט קיין טראַכטע־נישן וואָס זיינען „געמאַכט" פון קאַלטן טייג; זיינע טראַכטונגען זיינען ווי ליכט וואָס מען צינדט אָן אין אַ חלל, בכדי מען זאָל עפּעס קאָנען טאָן און זיך אַ לעבעדיקן ריר טאָן. שטענדיק גיין אין שפּאַן און אין יאָך פון רייד אין דער פּאַפּירענער „סביבה" פון ביכער און ספרים איז פאַר ריווקינען נישט געצוג; ער וויל די ווערטער אויפפלאַטערן, אויפפלאַקערן, זיי צעגויפּפירן מיט נאָך אַקטועלע, לעבעדיקע עלעמענטן. ער וויל אַז אויף אַלע קולטור־בוימער, אויף אַלע עצי הגן פון דעם קולטור־גאָרטן זאָל וואַקסן נישט נאָר „דעת" נאָר אויך „חיים". דאָס איז גוט זיך אָנגעמאָסטן און נישט־ווייניק געוואָלט.

און וואָס מער מען לייענט זיך אַריין אין די יום טוב עסייען און אָפּהאַנדלונגען, אַלץ שטאַרקער ווערט מען איבערציגט, אַז ריווקין וויל

אונדז אַרײַנעקשנען און אַרײַנגלויבן אין זײַן גלויבן. איר באַקומט דאָס געפיל, אַז ער האַלט אײַך אונטערן אָרעם, אויף גאָר אַן אינטימען אופן, און פירט אײַך און בעתן שפּאַציר פירט ער מיט אײַך אַ שמועס און שמועסט אײַך אײַן וואָס ער חלומט באמונה שלימה. ער איז נישט ווי אַנדערע שרײַבער, וואָס זייער סטיל קלינגט ווי פון דער פּלאַטפאָרם אַראָפּ, און ווי וואָרעם און קלאָר ער זאָל נישט רעדן, בלייבט אַלץ אַ באַשטימטע דיסטאַנץ צווישן אײַך און דעם רעפערענט״. ריוואָקין רעדט מיט אײַך אין דער, ממש שטוביקער, נאָענטקייט, ווי מען רעדט וועגן גאָר אַ משפחהדיקן, אַ זייער פּערזענלעכן ענין, ער פאַרפּערזענלעכט דאָס געזעלשאַפטלעכע, דאָס סאָציאַלע. ער פאַראינעווייניקט דאָס דרויסנ־דיקע און פאַראינדיווידואַליזירט דאָס פאָלקסטימלעכע, די וועלט פון דעם רשות־הרבים. ער האָט די אַמביציע דעם געדאַנק, וואָס איז אין אים, אין משך פון יאָרן, דערפאַרונג, לערנען, טראַכטן און, אָפט זייער טיפן טראַכטן רייף געוואָרן, איבערגעבן דעם עדת העם, ווי אַ פאַרטיקע תורה. דאָס חלומט זיך אָבער ריוואָקינען, אַ חלום אויף דער וואָר, וואָס קאָן נישט אַזוי גרינג באַשיידט ווערן מיט אַזעלכע באַשיידענע מיטלען וואָס ער פּראָיעקטירט. ריוואָקין איז אָבער אַ שטאַרק גלויביקער אין דעם וואָס ער טראָגט — און טראָגט אויס — אין זײַן געדאַנק. ער שפּילט זיך ניט, חס וחלילה, ער מעסט די צייט מיט זײַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן אַרשין און אים דאַכט זיך, אַז דאָס וואָס איז ערשט נישט לאַנג פון אונדז אַוועקגעגאַנגען, איז נאָך נישט אַזוי ווייט פאַרגאַנגען און עס קאָן זיך נאָך אומקערן צוריק; מען דאַרף עס נאָר קאָנען צוריקרופן, מען דאַרף נאָר געניג כּישופדיק אָנשטימען דאָס געמיט און אַפילו דאָס קול, די שטים פון דער נשמה, און דאָס פאַרגאַנגענע וועט זיך אויסקערעווען צו אונדז מיטן פּנים. ריוואָקין איז אפשר אין זיך גערעכט. ווי אַזוי אָבער שאַפט מען אָדער — באַשאַפט מען אַן עולם פאַר אַט־דער שליחות. דער שליח־ציבור איז שוין דאָ, עס פעלט בלויז דער ציבור פאַרן שליח; עס פעלט די וועלט און צייט־סביבה און ריוואָקין מיינט, אַז די אייביקע, די נאַטירלעכע צייט, קאָן, סוגעסטיוו, אַנדערש אָנגעשטעלט ווערן, נישט ווי אַ באַגרענעצטער זייגער, וואָס גייט אָפּ די פיר און צוואַנציק שעה פון זײַן תקופה און האָט אָפּגעטאָן זײַן חוב. ריוואָקין וויל די אומבאַגרענעצטקייט, די אייביקייט רעגולירן אויף אַן אוניווערסאַלן מאַסשטאַב. דערפאַר האַלט ער, אַז מען קאָן פאַר־לענגערן, פאַראייביקערן דאָס קאַלענדאַריש באַשטימטע. ער וויל דורך אויפשפּיל און שווישפּיל פּראָקלאַמירן אַ צוריקרוף אין יום טוב אַריין.

קיין נייע ימים טובים אַנטפּלעקן זיך נישט, וואַקסן נישט אַן אַזוי גרינג, דאַרף מען איינשפּאַרן און איינשפּאַנען אַלע גייסטיקע כחות צו באַנייען די אַלטע ימים טובים. די כוונה ריווקינס איז אַ וואונדערלעכע און ער פירט אונדז אַריין אין זיין כוונה און מיר לעבן אין איר דורך זיין השפעה. ער בויט אויף פאַר אונדז אַ כישופדיקן דלד אמות פון אויפגעלעבטער אַלט־נייער פרומקייט. מיר דאַרפן זיך אָבער היטן, נישט צוצוגיין צום פענצטער, אין איינער פון די פיר ווענט, וואָס ער האָט פאַר אונדז אויפגעשטעלט, אויפהויבן אַ ברעג פאַרהענגל און כאַפּן אַ קוק אינדרויסן — אויף דער ווירקלעכקייט.

„לעבן און שפּיל" זעט ריווקין ענג־צעזנויפגעבונדן און עס איז אמת אַזוי. די באַהעפטונג אין אָבער אַזאַ אָרגאַנישע, אַזאַ טיפע, אַז דאָס לעבן „פאַרגעסט" דאָס שפּיל און ווערט סאָלידער ערנסט. דער ערנסט דאָמינירט, כאָטש דאָס שפּיל טוט זיך קיינמאָל נישט אָפּ פון אים. פאַראַן יום טובים וואו דאָס רעליגיעזע „פּראָוועט" זיין טיפסטע פילאָזאָפיע און די תפילות און פּיוטים זיינען „נישט מער" ווי די אינטערפּרעטאַציע, דער ניגון פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע און, ווידער, זיינען פאַראַן אידיליש פייערלעכע טעג. די רעליגיע האָט זיך תמיד געהיט ניט צו ווערן מאָנאָטאָן, נישט נאָר האָט זי געהאַט איר פאַרשיידנאַרטיקן גראַדעראַב נאָר איר באַזונדער געמיט פאַר יעדן יום טוב באַזונדער. עס איז געוואָרן אַ סך מער ווי שפּיל און „שוישפּיל". דאָ מיין איך ניט צו זאָגן אַז ריווקין וויל פאַרמינערן די דערהויבנקייט פון דער קדושה. ער וויל אונדז דורך זיין טעאַטער־אינטערפּרעטאַציע ווייזן אַ וועג, אַז עס איז מעגלעך, דורך מיטלען, אַריינפירן אין אונדזער היינטיק לעבן, דאָס וואָס האָט אַזוי אוממיטלבאַר געשטראַלט און געקוואלט, געחנט און געוויינט, געחלומט און געווירקלעכט און געוועבט און באַשאַפן שטייגער, סביבה.

ווי הערלעך, ווי וואונדערלעך ריווקין פילט און טראַכט און ווי ערלעך ער מיינט! ווי וואויל ער וויל דורכזיכטיקן דאָס גראָע, דאָס וואָכעדיקע, אויסרחבותן דאָס ענגע און באַגרענעצטע אין אונדזער וועלט און אין דער וועלט פון אונדזער היינטיק יידיש לעבן. ווי ער טענהט און איז זיך מתווכח מיט דער צייט, ווי ער לאָזט זיך נישט איבערשפּאַרן פון אירע רעאַליסטישע „אַרגומענטן". ער נוצט די פאַרטיפסטע איינפאַלן אָפּצושלאָגן אירע מעשים. ער וויל בויגעוודיקער מאַכן איר שטייפקייט. ווען מען לייענט אָפּ זיינס אַן עסיי, קלינגט אָבער אָפּ אין אייך אַן אַנדער מין עכאָ, אַן עכאָ וואָס קלינגט מיט ציטער און טרויער

און לאָזט אונדז אַנדערש פאַרשטיין און אויפנעמען ריווקינס פרעגן און אָפּפרעגן. מיר דערפילן די גאַנצע טראַגיק פון אַ כח וואָס וויל זיך אויב ניט אונדז אַלעמען, אַרויסרייסן אויף אַ רגע, אַ שעה, אַ טאָג פון דעם קלעם פון דערדריקנדיק־מאָנאָטאָן. ריווקין רייסט זיך פון דעם טעמפּן מאַטעריאַליזם וואָס האָט ווי אַ ווילדער היישעריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער צייט און פרעסט אָפּ אַלץ וואָס דער שע־נערער מענטשלעכער גייסט האָט פאַרהאַרעוועט — פאַראַקערט, פאַרזייט און מיר האָבן דאָך געמיינט אַז עס האַלט שוין ביי עת הקציר, ביים חג האסיף. מען וועט פון ריווקינס כתבים אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אַרויסלייענען און אַרויסהערן דעם צער פון אַ יחיד, וואָס איז אין לעצטן תוך, אויך דער צער פון אַן עפּאָכע, דער צער פון אַ וועלט, ווען אַ גרויסער גייסטיקער קריזיס האָט געבושעוועט אין די טיפע־נישן פון דער מענטשלעכער נשמה און מען האָט געזוכט אַ רפואה פאַר דער שווערער איבערגאַנג־קראַנקהייט. ווער ווייסט, אפשר איז דעם דור אָדער די דורות שפּעטער, באַשערט אָפּצוסך־הכלן אַזעלכע געשיכט־לעכע דערפאַרונגען, וואָס וועלן אַמשאַרפסטן אונטערשטרייכן די אַלע דרויסנדיקע, רעאַליסטישע, מאַטעריאַליסטיש־פיזישע מיטלען און תרו־פות, פאַר בלאָנדזשענדיקע, טונקעלע עקספּערימענטן און ריווקינס מעטאַפיזישע היפּאָטעזעס פאַר אַ טיפערן און עכטער־מענטשלעכן אמת.

אין זיין אָפּטן צו־פשוטן, כלומרשט זיכערן איינשטעל און טייטש ווי אַזוי צו דערמעגלעכן דאָס אוממעגלעכע, ליגט אַ געוויסע סטראַטעגיע פון סטיל, וואו ער זוכט צו באַהאַלטן זיינע „פּראָיעקטן" און מאַכט דעם אַנשטעל פון כלומרשטער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ער האָט גע־קאָנט די גאַס און געוואוסט מיט וואָס פאַר אַן אויערן זי הערט די מוזיק פון פיינערן וואָרט־רמז, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַן איבער־טריבענעם פּשטן, רעדנדיק און דערציילנדיק זייער נישט קיין פּשוטע זאַכן. ער האָט געוואָלט דורך דעם פּרוזדור פון שפּיל אַריינפירן אין טרקלין פון אַן איידעלערן און דערהויבענעם ערנסט. דערפאַר נעמט ער אָפּטמאָל אַן אין זיין שרייבן דעם נוסח פון פאַליש, פון שיחת חולין. ער „מאַכט" זיך און אונדז גלויבן, אַז דאָס איז נאָר אַ דער־וויילעקער שמועס, ביז מען וועט אַריינרופן צוריק אין שול, אין אַ היילי־קערער און שענערער תקופה.

ב. ריווקין האָט זיך זייער שטאַרק גערעכנט מיט דערווירקלעכקייט, כאָטש ער איז געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געוואָלט אַרויסוויקלען און אַרויסווירקלעכן פון דעם „חלום" אין וועלכן ער האָט

געגלויבט. אים איז אָבער געגאַנגען אין לעבן אונדז זעענדיק צו מאַכן פאַר דעם טרוים־האַפטיקן פון וועלכן די וואָר וויל זיך גאָר קיינמאָל נישט שיידן; ער האָט אונדז געוואָלט לאָזן הערן, אַז דורך זיינע אידייען הערט זיך אַרויס איינע פון די קולות דורך וועלכע די בענקשאַפט פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט דריקט אויס איר צער און פּראָטעסט אויף אַ צו־פאַרצויגענער וואָכעדיקייט. פאַראַן ביי ריווקינען אין די רייד אַ באַהאַלטענער — און נישט תמיד באַהאַלטענער — פּראָטעסט קעגן אונדזער אַלעמענס לייכטזין וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן דעם רעליגיעזן חן, קעגן דער וואונדערלעך־קלוגער תמימות וואָס האָט אַזוי שעפעריש באַפּרוכפּערט דאָס גלויביקע לעבן און הנהגה פון אונדזערע עלטערן און עלטער־עלטערן.

ב. ריווקין בויט אין זיינע „יידישע יום טובים" בריקן פון אַ וואָכעדיקער וועלט צו אַ יום־טובדיקער אילוזיע, וואָס איז אַמאָל געווען קאָנקרעטע לעבעדיק־זינגענדיקע אַלטעגלעכקייט. מיר ווערן אָפט פאַר־גאַפט, וואָס פאַר אַן אייגנאַרטיקע, אייגנאַרטיקע און איינגעשאַפענע מכשירים ער נוצט אין זיין אַרבעט און ווי ער קאָן מיטן פּשוטסטן וואָרט זיך אַריינקלייבן אין די היילן־טיפענישן פון אַן אַבסטראַקטן געדאַנק. לייענענדיק אים לעבן מיר שוין איבער אַ חלק דערפון וואָס וועט שפּעטער מקוים ווערן. אַ טייל פון דעם ווילן ווערט שוין אין אונדז פאַרוואַנדלט, ווי על פי נס, אין פילן און נישט נאָר דערפאַר ווייל מיר אַליין טראָגן אין זיך דאָס געדעכעניש פון אַ שענערער עבר־וועלט נאָר מיר דערשפּירן איבער זיך דעם אָפּשיין פון אַ ליכט, וואָס ריווקין זאָגט אונדז אָן איר אויפגאַנג.

נחמן מייזיל

ב. ריווקין — דער קריטיקער, דער ענטוזיאַסט

(שטריכן צו זיין געשטאַלט)

.1

די יידישע קריטיק איז לכתחילה געווען הינטערשטעליק, שטאַרק הינטערשטעליק אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט. זי איז נישט געווען די פירזאָגערין, נאָר — די נאָכזאָגערין, און דעריבער איז זי ניט פאַראויסגעגאַנגען, נאָר נאָכגעגאַנגען נאָך דער יידישער ליטעראַטור. זי איז געקומען געגנוג שפּעט און נישט פאַרנומען דעם געהעריקן און פּאַסיקן אָרט, וואָס די קריטיק אין אַנדערע ליטעראַטורן האָט פאַרנומען. די יידישע קריטיק האָט אין די יאָרן, ווען עס איז געווען אַן אויפלעב, רענעסאַנס אין דער יידישער קולטור־וועלט, נישט פאַרנומען דעם אויבנאָן, זי איז נישט געווען קיין זאַך פאַר זיך, נאָר אין בעסטן פאַל געווען בלויז אַ באַגלייט־דערשיינונג אין דער יידישער קולטור־וועלט.

ווען די יידישע בעלעטריסטיק האָט שוין פאַרמאָגט אַזעלכע ריזן ווי מענדעלע מו"ס, י. ל. פּרץ און שלום עליכם, און דעם גאַנצן דור אָדער דורות שרייבער, וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט וואָגיקע, וויכטיקע, ברייט־אַרומנעמענדיקע ווערק, האָבן מיר אויפן קריטיק־געביט אין יידיש קיין באַזונדערע וויכטיקע ווערק און קיין אָנגעזעענע קריטיק־שרייבער נישט געהאַט צו פאַרצייכענען. פון צייט צו צייט, און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, האָט אַ יידישער שרייבער, דערציילער אָדער דיכטער, זיך גענומען אַמאָל שרייבן קריטיק, און דאָס אויך — מיט אַ התנצלות, פאַרענטפערונג, פאַרוואָס ער נעמט זיך צו דעם, ווייל „במקום שאין איש”, אַזוי ווי עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל עס טאָן, מוז ער זיך נעמען, באין ברירה, אַרויסצוזאָגן אַ מבינות וועגן

אַ דערשינענעם ספר, און דערביי אָפּט באַטאָנט דעם כלל, אַז „עס איז גרינגער צו זיין אַ מבקר ווי אַ מחבר"...

ערשט אָנהויב היינטיקן יאָרהונדערט האָט זיך אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט אין רוסלאַנד באַוויזן איינער, וואָס האָט זיך צוערשט באַהאַלטן אונטערן נאָמען איס. על., דערנאָך — גר־צדק און שפּעטער — בעל־מחשבות. אָט דער שרייבער, וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַ יידישן קריטיקער, — ד"ר איז. עליאשעוו (1873—1924) — איז אין אַ גרויסער מאָס אויפגעצויגן געוואָרן אויף דער אייראָפּייאישער ליטע־ראַטור (דערפון טאָקע זיין פּסיידאָנים גר צדק), ער איז צוגעטראָטן צו שאַצן און אָפּצושאַצן די יידישע שרייבער און די יידישע ליטעראַטור־דערשיינונגען על פּי רוב מיט פרעמדע וואָג און מאָס. מיט אַן אַכט יאָר שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער, — ש. ניגער, וועלכער האָט דעביוטירט מיט געדאַנקען וועגן שלום אַשס „משיחס צייטן". אָט די צוויי, בעל מחשבות און ש. ניגער, זענען עס געוואָרן די „פּראָ־פעסיאָנעלע" קריטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט, זיי האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף ליטעראַטור־קריטיק, און אייפערזיכטיק דער־פילט זייערע קריטיק־פונקציעס. אַזוי איז געווען אין דער יידישער ליטעראַטור ביז מיט אַ דריי צענדליק יאָר צוריק אויף יענער זייט ים, און אַזוי אויך — דאָ, אין אַמעריקע. די יידישע קריטיק האָט נישט באַוויזן „אַרויפצואַרבעטן" זיך, אַרויסצורוקן זיך צום פאָדער־גרונט פון דעם יידישן שאַפן, נישט געוואָרן קיין מורה־דרך נישט פאַרן לייענער און נישט פאַרן שרייבער.

אין משך פון די לעצטע דריי צענדליק יאָר האָבן זיך אין אייראָפּע און אין אַמעריקע אַרויסגערוקט פאַרשיידענע יידישע קריטיקער, ליטע־ראַטור־פאָרשער, מחברים פון גרויסע, וויכטיקע ווערק איבער יידישע שרייבער און איבער דער יידישער ליטעראַטור בכלל, ווערק, וועלכע האָבן באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור־קריטיק און אַרויסגעהויבן זי פון איר פריערדיקן, גאַנץ־אָרעמען און נידעריקן מצב. אויסער און אַרום די ערשטע צוויי קריטיקער, די „ראשונים", די פּיאָנערן, האָבן מיר שוין איצט צענדליקער אָנגעזעענע יידישע קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, וואָרט־זאָגער אין דער יידישער קריטיק־וועלט, וועלכע האָבן דעריאָגט און איבערגעיאָגט די ערשטע גרונטלייגער פון דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

2.

צווישן די פאַרשיידענע יידישע קריטיקער פאַרנעמט ב. ריווקין אַ גאָר וויכטיקן און באַזונדערן אָרט מיט זיין אָריגינעלקייט, מיט זיין אַנדערשקייט און מיט זיין אייגענעם וועלט־באַנעם. ער איז לחלוטין נישט קיין אויסטייטשער, פאַרטייטשער פון אַ שרייבער, פון אַ בוך. ער איז אויך נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער מבינות־זאָגער, קיין צייכנס־געבער פאַר אַ בוך. דאָס אינטערעסירט אים נישט, און אויב ער האָט עס אַמאָל יאָ געטאָן, איז עס געווען גלאַט אַזוי, על פי נויט, כלאחר יד. ער האָט ניט געוואָלט און נישט געקאָנט נאָכגיין און נאָכפאָלגן נאָך אַ שרייבער, ציילן זיינע איינצעלנע טריט, ווי גרויס און ווי וויכטיק דער שרייבער איז נישט געווען אין זיינע אויגן און ווי הויך ער האָט נישט געשאַצט זיין שאַפן. ב. ריווקין האָט פאַרלאַנגט און געפאָדערט, ער האָט אויפגעפאָדערט די ליטעראַטור און דעם שרייבער פאַר גרויסע שליחותן, פאַר וויכטיקער מיסיע. תכלית אַליין איז געווען פאַר אים וויניק, ער האָט געמאָנט גרויס־תכליתדיקייט, אָנגעצילעוועטקייט, הויכע כוונות. ער איז דעריבער נישט געווען קיין חוזר (נאָכזאָגער, איבער־חזרער) פון יענעמס תורה, נאָר ער האָט אַרומגעטראָגן זיינע אייגענע לוחות, מיט אייגענע אויסגעקריצטע געבאָטן און „אָנגעוואָרפן" און אַרויפגעצוואונגען זיי אויף די שרייבער, אין וועמען ער האָט געגלויבט אַז זיי זענען מסוגל מקיים צו זיין זיינע געבאָטן, זיינע שליחותן.

ב. ריווקין טיילט זיך דעריבער אויס פון די יידישע קריטיקער: ער איז אַ מחדש, אַ באַנייער, ער האָט פאַרלאַנגט פון דער ליטעראַטור באַנייאונג, אָפּפרישונג, אייגענעם צוגאַנג. תכלית־שנאה האָט ער פיינט געהאַט אימיטאַציע, נאָכקרימעניש, נאָכמאַכונג. אַזוי אין דער בעלע־טריסטיק, אַזוי און נאָך מער — אין דער קריטיק. די יידישע ליטע־ראַטור איז אַ גאָר אייגנאַרטיקע, זי קומט אויף און לעבט און מוז לעבן אין אַן אַנדער אַטמאָספער, מוז זי זיך דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה, זי האָט גאָר אַנדערע וויכטיקע צילן, אויפגאַבן, זי האָט אויס־צופילן אַ גרויסן „לעבנס־דינסט", זי דאַרף פאַרבייטן רעליגיע, טערי־טאָריע, זי מוז אַדורכגעדרונגען ווערן מיט גאולה־צוועקן, מיט קיום־אויפגאַבן. ב. ריווקין באַקעמפט שאַרף און ליידנשאַפטלעך דאָס וואָכע־דיקע, קליינלעכע און באַגרענעצטע, ער פאָדערט פונעם שרייבער דאָס גרויסע, וויטזעעוודיקע, יום־טובדיקע און דערהויבענע.

ער איז דער ענטוזיאַסט און גלייכצייטיק דער בונטאַר אין דער יידישער קריטיק. איידער עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די עטלעכע

בענדער פון זיינע קריטישע אַרבעטן, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אייגענע שיטה, קיין אייגענע שאַרפֿע ריכט־ליניע אין זיינע קריטיק־אַרויסזאָגונגען. אָבער איצט (ווען אַדאַנק מינאַ ריוקין זענען פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע עטלעכע בענד), איז וואָס מיר זאָלן נישט לייענען פון זיינע קריטישע אַרבעטן, זעען מיר אַ גאַנג, אַ דרך, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט אינעם ווילדוואַלד פון זיינע געדאַנקען און געפילן, פון זיינע טראַכטענישן און וויזיעס.

פון גרויס באַטייט און אינטערעס פאַר ב. ריווקינס ליטעראַריש־קריטישער פיזיאָנאָמיע און פאַר דער כאַראַקטעריזירונג פון זיין אַני־מאמין, זענען די שטעלן, וואו ער נעמט אויף און באַהאַנדלט די וועגן און אייגנשאַפֿטן פון דער יידישער קריטיק. אין זיין גרעסערער אָפּ־האַנדלונג „די ליטעראַטור האָט פאַראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע“ („גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע“, 1948) טרעט ער אַרויס זייער שאַרף קעגן דער אָפיציעלער יידישער קריטיק, וועלכע האָט „געדאַרפט זיך אויסצייכענען מיט אַ שאַרפערער ראיה און אַ הערעווודיקערן געהער צום פולס און (צו) די אימפולסן פון דער יידישער ליטעראַטור“, נאָר ווי אַ „ככל הגוימדיקע אימיטאַציע איז זי געוואָרן אַ טאַלאַנט־פרעסערישע אימיטאַציע, וואָס האָט אָנגעטאָן נאָך אָן ערגערן שאָדן דער ליטעראַטור“ (ז. 274).

די טענה צו דער קריטיק, אַז זי נעמט נישט אין באַטראַכט די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען, אַז זי רעכנט זיך נישט מיט דעם ספּעצ־ציפישן כאַראַקטער פונעם לעבן פון דעם פאָלק און אַז זי איז אַ „ככל הגוימדיקע אימיטאַציע“, — טרעפן מיר אויך ביי נישט־יידן. אָט, למשל, האָט מען אָנומלט אין די 70־קער יאָרן פונעם 19־טן י״ה, גע־מאַכט טאָלסטאָי פאַרוואורפן, אַז זיין ווערק „קריג און פרידן“ איז נישט קינסטלעריש, ווייל עס איז נישט געשריבן לויט די „טראַדיציעס פונעם אייראָפּייאישן היסטאָרישן ראָמאַן“. מ'האָט פאַרלאַנגט פון טאָל־סטאָיען (פּ. אַנענקאָוו א. אנד.), ער זאָל זיך האַלטן ביי די „טראַדיציאָ־נעלע קאַנאָנען“ פון דעם פראַנצויזישן און ענגלישן היסטאָרישן ראָמאַן... טאָלסטאָי גופא אין איינעם פון זיינע אַנוואורפן פון אַן אַריינפיר צו זיין „קריג און פרידן“ האָט געמוזט זיך פאַרענטפערן און דערווייזן, אַז די אָנגענומענע „אייראָפּייאישע פאָרם“ איז נישט פּאַסיק פאַר דעם אויס־דרוק פונעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט, און אַז דער רוסישער געדאַנק לאָזט זיך נישט אַריינפּאַסן אין אָט דער ראָם און ער פאַרלאַנגט פאַר זיך אַ נייע... טאָלסטאָי האָט אָפּגעוואָרפן די טראַדיציע פון די געוויינלעכע

היסטאָרישע ראָמאַנען, וואו די „ראָמאַנטישע טראַדיציע" איז דער עיקר, און ער האָט אַרויסגערוקט די היסטאָרישע פּאַסירונגען אויפן ערשטן פּלאַן. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער „ככל הגוימדיקע אימיטאַציע"... ב. ריווקין האָט אַזוי־אַרום געהאַט פּירגייער...

ב. ריווקין זאָגט ווייטער: „איך נעם גערן אָן, אַז זי איז אַ קריטיק מיט אַלע מעלות; אַז זי האָט אַלץ געלערנט, וואָס איז געווען צו לערנען פון דער אומות־העולמדיקער ליטעראַטור־קריטיק; אַז אין אירע שטודיר־יאָרן (צווישן 1905 און 1910) האָט זי אויסגעשטודירט אַלע טעאָריעס, וואָס האָבן פּאַרטעאָריזירט די שיטות, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געגאָלטן אין די ליטעראַטורן פון די אומות־העולם, און זי האָט שפּעטער עפּעס נאָך צוגעלערנט; זי האָט איינגעחזרט אַלע טערמינען, וואָס באַצייכענען די פאַרשיידענע מינים און גראַדן פון גענוס, וואָס גע־ניסערישע ליטעראַטור פאַרשאַפט אירע שאַפער און געניסער: רעאַליזם, ראָמאַנטיזם, לירידם, סימבאָליזם, עקספּרעסיאָניזם און אימפּרעסיאָניזם. גוט און פיין! דאָס ווייזט, אַז אונדזער קריטיק איז גרויס־וועלטיש, צו לייטן גלייך, אָבער עס איז כולה אימיטאַטאָרישע טערמינאָלאָגיע, וואָס פאַרפעלט דעם עיקר. אונדזער קריטיק האָט קיין טערמין נישט צוגע־טראַכט, וואָס זאָל באַצייכענען די גרונט־שיטה, וואָס פּרעסט זיך דורך דער יידישער ליטעראַטור, דורך אַלע אירע איבערגענומענע שיטות, — אַז זי איז אַ ליטעראַטור פאַר דעם יידישן פאָלק צו לעבן מיט איר; אַז פּונקט ווי רעליגיע שטרענגט זי זיך אָן צו זיין דירעקטע אמת־ און מענטש־שאַפונג; אַז איר העכסטע אָנשטרענגונג איז איבערצונעמען די פונקציע פון דער יידישער רעליגיע צו געבן דעם יידישן פאָלק אַ כמו־טעריטאָריע פאַר אַ גייסטיקן אָנהאַלט; צוצוגרייטן פאַרן פאָלק אַ גרויסע געשטאַלטגעבערישע ראַלע פאַר אַ קינפטיקן אויבער־נצחון, וואָס צו אַט דעם ענדציל איז דער יידישער קיום דורך די צייטן געווען אָנגע־פּאַקוסט..." (ז. 274).

אין עטלעכע קורצע, שאַרפע זאַצן האָבן מיר דאָ די „תורה כולה" פון ב. ריווקינס וועלט־באַנעם, פון זיין צוגאַנג צו דער יידישער ליטע־ראַטור און זיין פאָדערונג פון דער קריטיק, און ממילא — פון זיך גופא. ס'איז די „תורה כולה", — און דאָס איבעריקע — גיי לערן אין זיינע ווערק.

3.

ב. ריווקין, וועלכער איז כסדר צוגעגאַנגען צו דער יידישער ליטע־ראַטור מיט גרויסע פאָרלאַנגען און געשטעלט פאַר איר הויכע, וויכטיקע

צילן, איז דעריבער אומצופרידן מיט דער יידישער קריטיק, וואָס האָט זיך צוגעשריבן „אַ באַשיידענע ראָלע". „זיין, דעם קריטיקערס, באַרוף איז געווען נישט מער ווי צו פאַרצייכענען, פאַרשרייבן דאָס וואָס איז דאָ: דאָס איז רעאַליזם און דאָס איז ראָמאַנטיזם; דאָס איז קאַלט, דאָס אין וואַרעם" א. אַ. וו. בקיצור, „אַ קריטיק, וואָס פסקנט קליינע שאלות. אָבער די הויפּט־שאלה: וואָס איז דער אייגנאַרטיקער זין און צוועק פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס מאַכט זי אַנדערש פון אַנדערע ליטעראַטורן, בלייבט פון איר ניט פאַרענטפערט, — וואָס אַן דעם קאָן קיין שאַצן און פרייזן און וועגן און מעסטן פון יעדן שריפטשטעלער באַזונדער נישט זיין, ווייל די אימיטאַציע־קריטיק האָט קיין אייגענע יידישע מאָסן ניט" (זז. 276־275).

ב. ריווקין וויל פון דער קריטיק דאָס, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו זיין אין זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען, — אַז זי זאָל זיין „ניט נאָר אַ מיטשעפּערין, נאָר אויך אַ אידייאישע פירערין פון דער ליטע־ראַטור, די אָרגאַניזאַטאָרין פון איר באַוואוסטזיין, איר שפּייזערין מיט אידייען..." (ז. 276).

ב. ריווקין איז געווען נישט נאָר אַ „נאה דורש", נישט נאָר פאַר־לאַנגט ער און מאָנט ביי אַנדערע און בלייבט ביי דעם, נאָר ער איז אויך געווען אַ „נאה מקיים", ער פירט אויס, ער פאָלגט אויס, וואָס ער פאָדערט פון יענעם. אין זיינע פאַרשיידענע אַרטיקלען, סיי אין די אַלגעמיינע, וואו ער האָט צו טאָן מיט דער יידישער ליטעראַטור בכלל, ווי אויך אין די אַרטיקלען־אָפּשאַצונגען וועגן איינצעלנע שרייבער איז ער דער פאַרלאַנגער, דער פאָדערער, דער מאָנער. ער איז אָפט מערער און פולער ווי דער שרייבער, וועמען ער באַהאַנדלט, ער פירט אים, ער אינספּירירט אים, ער וואַרפט אַרויף אויף אים התחייבותן, פאַרפליכטונגען, און דערנאָך מאָנט ער ביי אים חשבון, דין־וחשבון.

אַן אויסנאַם איז ביי ב. ריווקינען אין י. ל. פּרץ. אויב פאַר אַלעמען איז ער לערער, אָנווייזער, מאָנער — איז ווען עס קומט צו פּרצן איז ב. ריווקין צוהערער, תלמיד, תלמיד־ותיק. פּרצן נעמט ב. ריווקין שטענדיק צו הילף אין זיינע פאָדערונגען. פאַר פּרצן און זיין מאָנען שטייט ער אַ פאַרגאַפטער, פול מיט התפעלות. ער קוקט צו אים אַרויף. אין זיין אַרטיקל „אַ פּרץ רעוויזיע" (געשריבן אין 1945, איבער־געדרוקט אין זיין בוך „אונדזערע פּראָזאַאיקער", 1951), האָבן מיר ב. ריווקינען אינגאַנצן, זיין וועלט־באַנעם, זיין דרך אין קריטיק און זיין אני־מאמין. מיר קאָנען, ליידער, נישט ציטירן קיין גרויסע אויסצוגן,

מיר וועלן אַרויסכאַפּן בלויז אייניקע שורות. הערט נאָר ווערטער: „נישט מיר פּרצן, נאָר פּרץ וועט אונדז רעווידירן", — אַזוי הייסט דער אונטערקעפּל פונעם אַרטיקל. ער ברענגט אייניקע שטעלן פון י. ל. פּרצעס אַ רעדע (פון נ. מייזילס „פּרצעס בריוו און רעדעס", געהאַלטן אין 1910), און ער גיט צו: „...נאָך געפינען מיר ביים אים (ביי פּרצן), אַז דאָס האָבן די „גרים", די צוריקגעקומענע פון די גויים, אַרויפגעפּרעסט אויף דער יידישער ליטעראַטור די „ככל הגוימדיק אימי־טאַציע"... און ווייטער: „אַזוי טיף זיצט פּרץ אין אונדז, אַז ווען מיר זאָגן עס, כאַפּן מיר זיך גאָרניט, אַז דאָס רעדן מיר איבער פּרצעס רייד" (ז. 59).

אויף אַ באַזונדערן און אייגנאַרטיקן אופן טרעט ב. ריווקין אַרויס קעגן „קונסט לשם קונסט". ער וויל דורכאויס אַ תכליתדיקע ליטעראַטור, וואָס זאָל דערפילן גרויסע, וויכטיקע, עיקרדיקע פונקציעס אינעם יידישן לעבן. ער פאַררופט זיך אויף פּרצן, אויף זיין קוק און באַנעם פון דער יידישער ליטעראַטור, און ער זאָגט: „אונדזערע עבודה־זרהדיקע ריינע קינסטלער האָבן אַ צייט לאַנג געפירט אַ קריג קעגן פּרצן: ער פאַר־ברעכט, האָבן זיי געטענהט, קעגן סאַמע פּרינציפּ פון פרייער קונסט, וואָס איז איינציק און אַליין צו שאַפן שיינקייט" (ז. 61).

ב. ריווקין פּאַראַפראַזירט פּרצעס ווערטער, ער וויל, אַז „ליטע־ראַטור זאָל תורה זיין, פאַרן פאָלק צו לעבן מיט איר"... „אין פּרצעס גייסט דאַרף די ליטעראַטור אונדז נעמען צוגרייטן צו דער גרויסער טאַט..." (ז. 62).

ווען מען רעדט דאָ וועגן ב. ריווקינס קאַמף קעגן דער שעדלעכקייט פון דער טעאָריע „קונסט לשם קונסט", בעט זיך אַ פאַרגלייך מיט די באַקעמפער פון אַט דער שולע, וועלכע שטאַמען פון גאָר אַן אַנדערן חדר און שיטה. ב. ריווקין האָט אין זיין גרעסערער אַרבעט „משה לייב האַלפּערן" („יידישע דיכטער אין אַמעריקע", 1947) זיך אָפּגעשטעלט דערויף. צוגערעכנט מ. ל. האַלפּערינען „צו דער פּרץ־ליניע אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור", שטעלט ריווקין זיך דערוויל אָפּ אויף פּרצעס צוגאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור: „ער, פּרץ, איז געווען דער ערשטער און איינציקער צווישן די באַגינערס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז ליטעראַטור ביי יידן דאַרף שפּילן אַ וויכטיקערע ראָלע, ווי ליטעראַטור ביי די אומות־העולם". און ב. ריווקין גיט צו: „אייגנטלעך איז פּרצעס צוגאַנג צום פּראָבלעם געווען זייער ענלעך צו דעם צוגאַנג פון אונדזערע

היינטיקע פּראָלעטאַרישע קריטיקער, — ענלעך אין מאָטיוון און אַרגו־מענטאַציע, דער עיקר — ענלעך אין זייער פּראָטעסט קעגן עסטעטישער, קונסט־לשם־קונסט־ליטעראַטור, — נישט מער, וואו יענע אַקצענטירן דעם פּראָלעטאַריער, האָט פּרץ געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם יידן; און וואו יענע פונקטירן דעם קלאַסנקאַמף, האָט פּרץ אונטערגעשטראָכן רעליגיע, לויט ווי ער האָט זי געטייטשט. איין צייט איז ער אַפילו גרייט געווען דעם דעמאָלטיקן קלאַסנקאַמף פון יידישן אַרבעטער אַריינ־נעמען אין זיין רעליגיע" (זז. 200־201).

4.

און נאָך קלאָרער דריקט אויס ב. ריווקין אין אַן אַנדער אָרט זיין פאָדערונג צו דער ליטעראַטור: „ליטעראַטור איז די גייסטיקע היים, וואו אַ פאָלק אַרבעט זיך אויס זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין". און ער זאָגט דערביי: „צוגעגעבן זאָל זיין, אַז אין דער עפּאָכע פון שאַרפע קלאַסן־פאַנאַנדערשיידונגען אַרבעט־אויס יעדער קלאַס דורך דער ליטע־ראַטור זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין".

אינעם זעלבן אַרטיקל „אַפּאָטאָשוס הויפּט־אויפטו" (געשריבן אין 1936) נעמט זיך ב. ריווקין פאַרטיידיקן זיין געדאַנק וועגן דער ראָלע, וואָס די ליטעראַטור דאַרף און איז מחויב צו שפּילן ביים יידישן פאָלק: „ביי פעלקער, וואָס פירן אַ זעלבסטשטענדיקן מדינה־לעבן, דאַרף מען נישט שטאַרק זאָרגן וועגן דעם, די ליטעראַטור זאָל ווערן מדיניש אין איר כאַראַקטער. דאָס טוט זיך במילא. אויף אַ נאַטירלעך אופן בלאָזן זיך אין איר אַריין מדינישע איינפלוסן". גאָר אַנדערש איז ביי אונדז, יידן, וואו עס „דאַרף געמאַכט ווערן די באַוואוסטזיניקע שעפערישע אָנשטרענגונג, די ליטעראַטור זאָל דערפילן איר פונקציע פון אָרגאַני־זירן דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין. און כל זמן עס פעלט אונדז דער מאַטעריעל־מדינישער פונדאַמענט פאַר אַ גייסטיקער היים, דאַרף די ליטעראַטור לכל הפּחות אונדז דינען פאַר אַ טעריטאָריע, אויף וועלכער מיר לעבן זיך אויס מיט אונדזערע נויטן און באַדערפענישן, זכרונות און צוקונפט־חלומות" (ז. 243).

אויף אַזאַ מין אופן גייט צו ב. ריווקין צו אַ שרייבער און צו זיינס אַ ווערק. ער באַמיט זיך אַרום אים, אַרום זיין שעפערישער אָנשטרענגונג און פאַרנעם אויפצושטעלן זיין אייגענעם בנין, וואָס דאַרף דינען פאַר גאָר געהויבענע פונקציעס און אויפגאַבן.

אַזוי, מיט אַזאַ צוגאַנג פּאַסט ער אויף איינצעלנע יידישע שרייבער,

ער נעמט זיי אויף ניט אַליין פאַר זיך, מיט זייערע יחידישע אייגנ־שאַפטן, נייגונגען און אויפטוען, נאָר ווי שליחי־ציבור, ווי פאָרשטייער פון פאָלק, וואָס דאַרפן דורך זייערע ווערק און דורך זייערע שאַפערישע פאַרמעסטן ענטפערן אויף די נויטן, דערפילן די וויכטיקע שליחותן פונעם פאָלק. וויל ער, צו אברהם רייזענס, 60־טן געבוירנטאָג, אָנ־צייכענען זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, הויבט אָן ב. ריווקין אויף זיין גרויסצוגיקן שטייגער און וויטבליקישן באַנעם, אָט ווי אַזוי: „דער פעריאָד 1890—1908 איז אפשר דער מערקווירדיקסטער אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור: פון אַ ליטעראַטור פאַר ענגע קרייזן, פון די ספּעציעל־פאַראינטערעסירטע, איז זי געוואָרן די ליטעראַטור פון יידישן פאָלק, ד. ה. אַ ליטעראַטור, וואָס דערפילט אַ געזעלשאַפטלעך נויטיקע גייסטיקע פונקציע און איז אָנערקענט פון פאָלק אַלס אַזעלכע..." (ז. 128).

אחד־העם האָט פאַרלאַנגט אויפצושטעלן אין ארץ־ישראל אַ מרכז־רוחני (אַ גייסטיקן צענטער), וואָס זאָל קאָנען משפיע זיין אויף גאָר דעם יידישן פאָלק און אים אויפהאַלטן אין זיין גאַרער צעשפּרייטקייט. ב. ריווקין האָט פון דער יידישער ליטעראַטור געוואָלט מאַכן אָט דעם גייסטיקן צענטער, וואָס זאָל פאַרבייטן די פיזישע, מאַטעריעלע טעררי־טאָריע. ערגעץ־וואו זענען דאָ באַריר־פונקטן צווישן די צוויי גאַנץ־באַזונדערע דענקער — אחד־העם און ריווקין, ווי עס זענען אויך פאַראַן גרינטלעכע חילוקי־דעות. עס בעט זיך דאָ אויך אָנווייזן אויף די באַריר־פונקטן צווישן ד״ר זשיטלאָווסקי און ב. ריווקין, וואָס ביידע האָבן אַרויסגערוקט אין פאָדער־גרונט די גייסטיקע טעריטאָריע. ד״ר זשיטלאָווסקי האָט געפּריידיקט „אַ גייסטיק־נאַציאָנאַלע היים, ד. ה. דורך אַ געמיינשאַפטלעכן גייסטיקן לעבן אין אַן אייגענער שפּראַך פאַר דעם גייסטיקן שאַפן פון דעם פאָלק" („מיינע אני מאמינס", זז. 318־319). ד״ר ח. זשיטלאָווסקי האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער שפּראַך, ב. ריווקין האָט אַרויסגערוקט די יידישע ליטעראַטור און איר באַ־זונדערן תוכן, וואָס באַדאַרף זיין אַדורכגעדרונגען מיט גאולה־מאָטיוון און מיט קיום־שליחותן *).

וועגן די אונטערשיידן פון אָט די צוויי גאַנץ־אַנדערשדיקע, אָריגי־

*) אינטערעסאַנט זענען די טענות, וואָס ב. ריווקין האָט קעגן ד״ר ח. זשיט־לאָווסקי און די פאַרוואורפן, וואָס ער מאַכט אים פאַר זיין „יידישיסטישער סכעמע" און „יידישער טעאָריע". זע „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" זז. 268־274.

נעלע יידישע דענקער — לוינט זיך רעדן גאָר באַזונדער. עס האָט אָבער קיין דירעקטע שייכות נישט צו אונדזער איצטיקן אַרטיקל.

.5

יאָ, ב. ריווקין איז געווען דער ענטוזיאַסט פון אַ באַזונדערן מין יידישע ליטעראַטור. ער האָט געוואָלט און פאַרלאַנגט פון איר דאָס, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, געקאָנט אויפריכטן דאָס יידישע לעבן, זי האָט באַדאַרפט פאַרבייטן די יידישע רעליגיע, וואָס איז פאַר־שוואונדן, און ווערן די כמו־טעריטאָריע, וואָס ס'פעלט אונדז אויס. מוז עס זיין דעריבער אַ ליטעראַטור פון כולו יום־טוב און פון גאָר הויכע מדרגות. קומט ער כסדר מיט אַ „צעהיצטער פאַנטאַזיע" און מיט אַ „געהעכערטער טעמפּעראַטור", ווען ער נעמט זיך שרייבן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אָדער וועגן אירע שרייבער. ער הויבט אַלעמאָל אָן אויף הויכע טענער. גלייך קומט ער צו צום הויכן, העכסטן פּונקט. מיר טרעפן עס כסדר ביי בעטהאָווענען, למשל. פון ערשטן מאָמענט — גלייך מיט קולות וברקים. עס נעמט זיך פון דער באַזונדערער אָנגע־לאָדנקייט, איבערגעלאָדנקייט, וואָס עס ווילט זיך גלייך אויסלאָדן... אַזוי איז ב. ריווקין, — ער איז שטענדיק פול מיט אימפּעט, מיט אַ טרייב־קראַפט, וואָס רייסט זיך צום אַרויסקומען. איז ווען ער טרעט צו צו שרייבן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וועגן אַ באַשטימטער תקופה, וועגן אַ שרייבער אָדער אַ ווערק, וואָס האָט אים אָנגערעגט, איז ער פול, איבערפולט מיט געדאַנקען, געפילן, פּראָבלעמען, וואָס ער באַדאַרף אויסלאָדן. און ווי שאַף ביי אַ שמאָלן אַרויסגאַנג שטופּן זיך אַלע מיטאַמאָל צום אַרויסגיין, אַזוי זענען זיינע געדאַנקען־געפילן. ער דאַרף, ריווקין, אָנווענדן כוח, ער זאָל נישט מיטגעריסן ווערן פון דער איי־גענער סטיכיע. הויבט ער אָן איינשטילן, צוימען די טרייב־כוחות, הויבט ער אָן פאַרלאַנגזאַמען די ברויזנדיקע געדאַנקען און ער שטילט זיי איין דערמיט, וואָס ער פאַרזיכערט זיי צו קומען צו זיי שפּעטער.

נעמט אַ וואָסער אַרטיקל איר ווילט, און גלייך פון דער ערשטער שורה פילט איר די געשפּאַנטקייט, די איבערגעלאָדנקייט, דעם אומרו, די סטיכיע, — אַלץ אינאיינעם. אַזוי איז ער דאָך געווען אויך אין זיין רעדן, עס האָט דאָך אַרויסגעשטורעמט פון אים און איין געדאַנק האָט זיך שטענדיק געריסן פאַרן צווייטן...

אָט איז דער אָנהויב, די ערשטע פּאָר זאַצן פון זיין בוך „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". ער טרעט צו

צו באַהאַנדלען דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ער שטעלט די פראַגע „וואוהין". אָבער אָנשטאָט צו מאַכן דעם עניין קלאָרער, איינפאַכער, גלאַטער, ווי ס'וואָלטן געטאָן אַנדערע, זאָגט ער: „נישט אויף צו פאַרשפאָרן די שפּעטערדיקע אויספאָרשונגס־אַרבעט, נאָר ווי אַן אַריינפיר צו איר, באַהעלף איך זיך מיט די פירנדיקע פראַגן "וואוהין?־וואו?". — דער „וואוהין" איבער דעם „וואו" באַטייט, אַז איך וועל זיין מער פאַראינטערעסירט אין די טענדענצן, אין די טרייב־קרעפטן, וואָס באַוועגן די ליטעראַטור, צוגרייטנדיק איר צוקונפטיקן גאַנג, איידער אין דער גענויער פאַקטישער געשיכטע פון איר אַנט־וויקלונג פאַרן לעצטן פערטל־יאָרהונדערט"... און ער ווייסט לכתחילה און ער באַטאָנט עס, אַז אויף די פראַגן, וואָס ער שטעלט, וועלן קומען „סוביעקטיווע ענטפערס", און דעריבער וועלן במילא זיינע „סימפּאַטיעס־אַנטיפּאַטיעס, פּאַרצוגן, ליבלינג־אידייען, ריקבליקן און אויסבליקן אַרויס־געפירט ווערן אין פאַראַד" (ז. 9).

ווידעראַמאָל דאָס זעלבע: די טענדענצן, די טרייב־קרעפטן אינטערע־סירן אים מער ווי די פאַקטישע געשיכטע. דאָס איז ב. ריווקין. ער קאָן קיינמאָל נישט אַרויס פון זיך גופא, אַוועקגיין פון זיך.

און וואָס נאָך?

ער זוכט נישט קיין גרינג לעבן אין זיין שרייבן און ער לאָזט זיך נישט אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד. אַדרבא, ער זוכט אַלעמאָל אויס דעם שווערן וועג, דעם משופּעדיקן באַרג־אַרויף צו קלעטערן...

און ווי אַ געוואַלדיק־דינאַמישער מענטש און מיט אומגעהייערע אויפּרייסנדיקע עלעמענטן אין זיין נשמה, אין זיין געמיט־צושטאַנד, האָט ער שטענדיק אַזוי אויפגעפּאַסט קינסטלער און זייער שאַפן. אין סטאַ־טישע ווערק, אויך אין רוהיק־עפּישע שילדערונגען דערשפירט ער גאַנג, באַוועגונג, שטויס־קראַפט און טרייב־קראַפט (זיינע באַליבטע אויסדרוקן).

און ס'איז זייער טשעקאַווע, ווי ב. ריווקין בויט אויס, בויט אויף אַן אַרטיקל. עס איז ביי אים אָפטמאָל ווי איינגעמען אַ פעסטונג. גרייט ער זיך צו צו דעם אָנגריף און הויבט זי אָן שטורעמען פון פאַר־שיידענע זייטן. לייענט אָקאָרשט אַדורך דעם אַריינפיר צו דער אָפּ־האַנדלונג „דאָס ליד, וואָס ווערט גלייך מקוים" („יידישע דיכטער אין אַמעריקע", 1947), וואָס ער הויבט אָן מיט די ווערטער: „לייכט איז מיר אָנצושרייבן, אַז די פאָדערונג צום יידישן ליד פון היינט צו טאָג דאַרף זיין: עס זאָל כהרף־עין מקוים ווערן אין דעם לייענער און בלייבן אַ טייל פון אים אויף תמיד, — אָבער נישט גרינג וועט מיר

אָנקומען עס צו דערווייזן" (ז. 19). און טאַקע ווייל עס איז אים נישט גרינג, גורט ער אָן זיינע לענדן און מאַכט פאַרשיידענע אָנשטרענגונגען צו דערווייזן עס.

אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג רעדט ב. ריווקין האַרבע דיבורים מיטן דיכטער, וואָס שטעקט ערגעץ אין דעם אַמאָל, בעת דער לייענער פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל מיט זיין ליד אַפּעלירן צו זיין היינט. ב. ריווקין שרייבט: „דעם יידישן לייענערס געמיט איז אָן אַ שיעור ברייטער און טיפער געוואָרן פון דעם ליד פון די מערסטע יידישע פּאָעטן; זייער ליד צערטלט זיך, טובלט זיך נאָך אין די שטימונגען פון פאַר צוואַנציק יאָרן. דער יידישער לייענער באַדאַרף אַ ליד, וואָס זאָל ענטפערן צו זיין געמיט. דאָס ליד זאָל אים אָניאָגן אויף דער פּאָזיציע, וואו ער שטייט — אין פראָנט פון אַ זיך־אַנרוקנדיקער וועלט־סכּנה; עס זאָל אים אָנלאָדן, באַוואָפענען צו דעם וועלט־געראַנגל, וואו ער פאַרנעמט אַזאַ געפער־לעכן אָרט, — זיין קאָפּ שטעקט אַרויס אין ,קיינעמס לאַנד'! אַפילו דאָס ליבע־ליד און אָוונט־ליד דאַרפן אים צוגעגרייטער מאַכן, — אָנשטעלן און אָנשטאָלעווען און אָנצילעווען זיין האַרץ צום מוראדיקן פאַר־מעסט" (ז. 24).

לאָמיר באַטאָנען די ווערטער „אָנשטאָלעווען און אָנצילעווען", — זיי זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ב. ריווקין, פאַר זיין געמיט.

דאָס איז די מיסיע, די שליחות, וואָס ער גיט איבער דער ליטע־ראַטור, דעם שרייבער. ער גיט זיי איבער שליחות, פאַראַנטוואָרטונג, און גלייך מאָנט ער עס פון דער ליטעראַטור, פון די שרייבער. און נאָך מער — ער שרייבט אָפּט פאַר זיי „וועקסלען", שטעלט זיי אויס צום צאָלן און הערט נישט אויף צו מאָנען פון די „קרעדיטאָרן"...

6.

און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון ב. ריווקינס צוגאַנג צו אַ שרייבער, צו אַ דיכטער, — זיין ווייכן פון לייכטקייט, פון אָפּענעם וועג. זיין לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן יהואש הויבט ער אָן אַזוי: „מיין כּוונה איז נישט צו געבן אָן אויסשעפּנדיקע כאַראַקטע־ריסטיק אָדער אָן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג"... „כאַראַקטעריזירן, אָפּ־שאַצן, — דאָס איז איינע פון די לייכסטע זאַכן, — דאָס טוט מען געוויינלעך דורך אגב, אין פאַרביילויפן; ווען מען האַלט אין שוועבן, שוועבט־מיט די פעדער מיט אייך — לייכט ווי אַ פעדער! — דרייט זיך, קרייזלט אין דער לופט, און פאַרטיק אַ פּאָרטרעט" (ז. 49). אָבער

דאָס איז נישט פאַר ב. ריווקין. לייכטקייט — דאָס איז נישט זיין מעטאָד, זיין גאַנג!

בכדי צו לאָזן אין באַוועג די גרויסע, שווערע רעדער פון זיין שאַפער־רישער מיל, מוז ער האָבן שטאַרקע שטראָמען. עפּנט ער אויף דעריבער די „שליוזן", אום די פאַרהאַלטענע, אָנגעזאַמלטע שטראָמען זאָלן אַ פּלייץ טאָן און די טרייב־קראַפט זאָל זיין וואָס שטאַרקער, וואָס־האַסטי־קער... שטילע, רוהיקע וואַסערלעך, וואָס פליסן זיך פּאַמעלעך, קאָנען אים נישט טרייבן און טראָגן.

פאַר דעם אופן פון זיין קריטיק, פאַר דער מאַניר אַרויסצושיילן זיינע געדאַנקען און געפילן האָט ב. ריווקין געשאַפן אַן אייגענעם אופן פון שרייבן, אייגענע אויסדרוק־פאָרמען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אים, פאַר ריווקינען.

ער איז אויך ממילא אַ געוואַלדיקער מחדש, אַ באַנייער פון דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער ער גיט אַריין אימפּעט, אויפבּרויז. ער טורעמט אויס אַזוי פאַרבייגייענדיק נייע, דערהויבענע אויסדרוקן, ער קרעפּטיקט מערקווירדיק דאָס יידישע לשון, גיט אים צו גבורה, יום־טובדיקייט.

אָפטמאָל איז ב. ריווקין אַ „מאריך בדרוש", רעדט לאַנג און פּרטימדיק, און אָפט — איז ער, פאַרקערט, אַ „בעל מקצר", רעדט אַפאָריסטיש, קורצע זאַצן און שאַרף. אָט איז ער אַ מערקווירדיקער מסביר, אַ „בעל־הסברה", און פּלוצים פאַרלירט ער זיין רו און טוט זיך אַ לאָז אין הויכע עולמות. ער ווערט פאַרכאַפּט אָפט פון אייגענע געפילן, פון אייגענער התלהבות.

מען קאָן לייכט פון זיין יעדער אָפּהאַנדלונג אַרויסנעמען פּרעכטיקע ווערטער, פּולבּלוטיקע זאַצן, פריש־צאַפּלדיקע אויסדרוקן.

וועגן שלום אַשן זאָגט ער: „ער איז נאָך מער אויסאָטעמער, ווי איינאָטעמער פון אַטמאָספערע... ער איז בטבע הייסאָטעמדיקער אויס־פּוצער...". רעדנדיק וועגן אשס יחזקאל גאמבינער און וועגן דער אַטמאָס־פער אַרום אים, שרייבט ב. ריווקין: „...און דאָס אַלץ צוזאַמען איז פאַר'שבתט, פאַר'מנוחהט און פאַר'זמרט געוואָרן. אין אָט דעם פייער־לעכן מקבל־נגיד־זיין באַטייליקט זיך אויך די נאַטור און גאָט אַליין" (זז. 36־38).

איר זיינט אַ מבין, וויפל שפּראַך־נייקייטן אין איין זאַץ!

און הערט וויטער אַזאַ זאָג פון ב. ריווקין: „...און ווען עס האָט אים (שלום אשן) אויסגעשעפּט דער היימישער מאַטעריאַל, האָט ער

זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט. דער ,שטעטלשער׳ הייסער אָטעם איז אים צו הילף געקומען, — ס׳איז געבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע־מאָל, און זיין קינסטלערישע פונקציע: טראָגנדיק זיך אויף זיין הייסן אָטעם, איז אַש אַ בריה אַריינצוכאַפּן זיך אין יעדן ווינטל, וואָס זוייט אין דער ליטעראַטור, און פאַנאַנדערצעיאָגן עס מיט זיין אימפּעט אַזוי, אַז עס זאָל נעמען אויסזען ווי אַ שלום אַש־שטורעם. ער איז פלינק אַריינצולעבן זיך אין יעדער אויפגעקומענער טענדענץ, און איינס־צוויי מאַכט ער עס פאַר אַ שטיק שלום אשיש אייגנטום״ (ז. 41).

אין אַן אַנדער אָרט, רעדנדיק וועגן א. ליעסין, טוט ער זיך אַ זאָג: „...קאָפּ איז שלעכט, ווען עס איז טרוקענער שארבן. אָבער קאָפּ, וואָס איז איינס מיט האַרץ, עמאָציע מיט אַנגעצילעוועטקייט צו אַ אידייע, איז אַ ברכה. והראיה, פרץ מיט זיין גוטן קאָפּ האָט געמאַכט יום־טוב אין דער יידישער ליטעראַטור״ (ז. 116).

אויב איר ווילט, האָט איר דאָ שטריכן צו ב. ריווקינס אייגענער כאַראַקטעריסטיק, — קאָפּ, וואָס איז איינס מיט האַרץ, עמאָציע מיט אַנגעצילעוועטקייט צו אַ אידייע... אָט אַזוי גיט זיך ב. ריווקין אַרויס, זיך גופא, ווען ער שרייבט וועגן אַנדערע שרייבער, און בעיקר — וועגן שרייבער, וואָס זענען אים באַזונדערס נאָענט און אייגן.

7.

גלייכצייטיק דאַרף מען באַטאָנען ב. ריווקינס איבערטרייבונג פונעם קוק־שטח, זיין ווייטן אויסבליק. ער שטעלט אָן אָפּט פעלד־גלעזער, וואָס פאַרגרעסערן געגנשטאַנדן און סיטואַציעס.

נאָך אַ באַוויז, אויף וויפיל עס איז אים דערווידער ענגשאַפט!

אין דעם קאַפּיטל וועגן דוד פינסקי, ווען ער רעדט, וואָס אַמעריקע האָט אים גוטס געטאָן, שרייבט ב. ריווקין: „דער קוק פון דער וויטנס האָט פאַרגרעסערט דעם פאַרנעם, געשטאַרקט די אויפנאַמספעהיקייט פון זיין אויג״ (ז. 139).

דאָס איז שטענדיק די מאָס, מיט וועלכער ריווקין גייט צו צו שרייבער, צו ווערק, צו דער ליטעראַטור, צו ליטעראַטור־עפּאָכעס, — גרויסער פאַרנעם, גרויסצוגיקע צילן, ברייטע לייוונטן פאַר גרויסע אידייען, פאַר דערהויבענע און ווייטע וויזיעס.

און דעריבער זענען ריווקינען לחלוטין פרעמד קליינע השגהלעך. ער פאַרלאַנגט כסדר „גרויס־תכליתדיקייט״ און ער באַדויערט, וואָס אייך צייט „מיט 25 יאָר צוריק״, (די אָפּהאַנדלונג איז געשריבן דורך ב.

ריווקין אין די יאָרן 1936־1938) איז „גרויס־תכלית אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע אויסגעביטן געוואָרן אויף קליינע תכלית־מלעך, וואָס האָבן מיט זייערע טרוקענע דרשה־קולעכלעך געטריבן די ליטע־ראַטור אין אַ וויסטן קלעם" (ז. 16)... ער רוקט ווידעראַמאָל און אבעראַמאָל אונטער דער יידישער ליטעראַטור „צוויי טענדענצן — די גרויס־תכליתדיקע און כמו־טעריטאָריעלע", — און ער נעמט שוין מעסטן און וועגן שרייבער און ליטעראַטור־תקופות מיט דער מאָס און וואָג פון אָט די באַרוף־סימנים, וואָס ער גופא האָט געגעבן. און מיט זיין גאַנצער טיפער פאַרערונג פאַר מענדעלע און שלום עליכם, איז אים נעענטער י. ל. פּרץ, ווייל „פּרץ דער קינסטלער האָט זיך אָנגעלאָדן אַלצמער מיט יידישן ליטעראַטור־אינטערעס, מיט באַרופס־באַוואוסטזיין פאַר דער יידישער ליטעראַטור"... (ז. 17).

פּרץ, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז ב. ריווקינען נעענטער, אייגענער אויך צוליב זיינע, פּרצעס, „אַלע עקספּעדיציעס און עקספּערימענטן", וואָס האָבן גורם געווען „זיין באַהאוונטקייט אין די ליטעראַטורן פון די פעלקער — פּוילישער, רוסישער, דייטשער, און אין ליטעראַטור פּראָבלעמען בכלל" (ז. 21). און מסתמא מיינט ב. ריווקין אויך זיך גופא, ווען ער זאָגט: „...נאָך קיינמאָל האָבן יידישע שריפטשטעלער נישט געפילט אַזאַ זיכערקייט פון שטיין אויף אַ פעסטן באָדן, ווי ווען זיי האָבן זיך געזאַמלט אַרום פּרצן, אָנגעצויגענע פון זיין שעפּעריש־אומרוהיקער, זוכערישער, היציקער, בליציקער, אימפּעטיקער פּערזענלעכקייט" (ז. 25).

און ווידעראַמאָל — די ספּעציעל־ריווקינישע ווערטער: — שעפּע־ריש־אומרוהיקער, זוכערישער, היציקער, בליציקער, אימפּעטיקער, וואָס ברענגען אַרויס פאַר אונדז ריווקינען גופא!

* * *

און נאָך מער און נאָך שאַרפער זענען געווען ב. ריווקינס פאָדע־רונגען צו דער יידישער ליטעראַטור, צו דעם יידישן שרייבער אין די גרויל־יאָרן פון דער היטלעריסטישער אַכזריותדיקער הערשאַפט, בעת דעם גרויזאַמען יידישן חורבן, ווען עס זענען אָפּגעווישט געוואָרן די אַלטע גרויסע יידישע ישובים מיט די מיליאָנען יידן און מיט זייער גאַרן מאַטעריעלן און גייסטיקן האָב און גוטס.

נאָך מיט יאָרן אַפריער האָט ב. ריווקין אָנגעצייכנט פאַר דער יידישער ליטעראַטור די דאָזיקע אויפגאַבן: „זאַמלען נשמה־קראַפט,

איינהיטן די אָנגעזאַמלטע נשמה־קראַפט, טעגלעך זי איבן און אויס־פּרובירן, כּדי צו האַלטן זי פריש און מונטער און צו זאַמלען נאָך מער, כּדי ווען עס וועט קומען דער מאָמענט פון פּרואוו און נסיון, ווען עס וועט נייטיק זיין גבורה, נשמה־העראָאיזם, מסירת־נפש — זאָלן יידן נישט הינטערשטעליק בלייבן". (אינעם אַרטיקל וועגן מ. ל. האַלפּערן, „יידישע דיכטער אין אַמעריקע", ז. 201).

און אין דער לענגערער אָפּהאַנדלונג „די ליטעראַטור האָט פאָרויס־געזען די קאַטאַסטראָפע" („גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטע־ראַטור") שרייבט ב. ריווקין, אַז די יידישע ליטעראַטור „באַדאַרף ווירקן מיט פולער קראַפט צו דינען דעם פאָלק ווי אַ הויפּט־וואָפן... דער ייד איז בטבע אַריינגעשטעלט צווישן די גרענעצן פון פעלקער און לענדער, אין די שפּאַלטן צווישן קלאַסן און ראַסן, אויסגעזעצט צו לעבנס־געפאַרן, צו פּערמאַנענטער סכּנת־נפשות, — ווי דאָס האָט קאַטאַסטראָפאַליש־בולט זיך אַרויסגעשטעלט איצט". — באַדאַרף דע־ריבער די יידישע ליטעראַטור ענטפערן „אויף דעם קיום־נויט, באַוואָ־רענען און ראַטעווען" דאָס פאָלק... „המשך — פאַרענדיקט ב. ריווקין — אין דער היינטיקער קאַטאַסטראָפאַלער צייט, איז נישט גענוג. אָן אַ גרויסן גייסטיקן יידישן נצחון — וועט קיין קיום אויך ניט זיין!" (ז. 339).

ווידעראַמאָל און אבעראַמאָל — ליטעראַטור, וואָס האָט גרויסע שליחותן, שרייבער, וואָס האָבן דורך זייער שאַפן אויסצופילן אַ גרויסע פאָלקס־מיסיע. און אָט די שליחותן און אָט די מיסיע האָט ער גע־האַלטן אין איין איבערגעבן דער ליטעראַטור, די שרייבער און זיך גופא, אין זיין אייגענעם שאַפן.

דאָס איז, אין קורצן, דער תוך פון ב. ריווקינס דערהויבענעם גאַנג אין לעבן און אין שאַפן, און דאָס איז דער וועג, וואָס ער האָט מיט אַזאַ ליידנשאַפט און ענטוזיאַזם אַלע יאָרן געצייכנט פאַר דעם יידישן שאַפן און פאַר דעם יידישן שאַפער.

טאָרן מיר נישט דעריבער אַריינשטעלן ב. ריווקינס ווערק אין די פאַרמאַכטע, פאַרזיגלטע אַלמערס פון אונדזער אַמאָליקער יידישער ליטעראַטור. זיינע ווערק דאַרפן ליגן אָפענע אויף אונדזערע טישן, כּדי וואָס־מער און וואָס־אָפטער אַריינקוקן אין זיי און לערנען פון זיי.

און ס'איז דאָ וואָס צו לערנען פון זיי.

יולי, 1953

א. טאַבאַטשניק

ב. ריווקין*)

1

עכטע קריטיקער האָבן מיר ווייניקער ווי עכטע פּאָעטן און דער־ציילער. עכטע קריטיק איז בכלל אַ זעלטענע זאַך, ניט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך ביי די אומות־העולם. עס וואָלט זיך דעריבער געוואָלט ריידן בלויז וועגן ב. ריווקין ווי אַ קריטיקער. מען קאָן אָבער ניט אָפּטיילן ריווקינען דעם קריטיקער פון ריווקינען דעם משיחיסט, דעם וויזיאָ־נערישן באַשיידער פון חלום און וואָר, דעם וואָרזאָגער און נשמה־היילער, פּונקט ווי מען קאָן ניט אָפּטיילן ריווקינס קונסט־טעאָריעס פון זיין אַלגעמיינער מיסטיש־פּראַגמאַטישער וועלט־אַנשויאונג; זיין קוק און זיינע פאָדערונגען צו דער יידישער ליטעראַטור פון זיין אַלגעמיינעם קוק אויפן גאַנג און תכלית פון דער יידישער געשיכטע.

פּאָר אַ גרינטלעכער שטודיע פון ריווקינס פערציק יאָר ליטע־ראַרישער טעטיקייט, וואָלט מען באַדאַרפט מער צייט און מער פּלאַץ. עס וואָלט נייטיק געווען פּאָר אַזאַ שטודיע איבערצולייענען און דורכ־צואַרבעטן צום ווינציקסטן אַ טייל פון די הונדערטער און הונדערטער גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען און עסייען, וואָס ריווקין האָט אָנ־געשריבן וועגן ליטעראַטור און ליטעראַטן, וועגן פאַרבייגייענדיקע יידישע טאָג־פראַגן און אייביקע יידישע פּראָבלעמען; מען וואָלט באַדאַרפט איבערלייענען און זיך אָפּשטעלן אויף זיינע צענדליקער און צענדליקער לכבוד יום־טוב־אימפּראָוויזאַציעס, אויף זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען, זיינע עקסקורסיעס אין דער צוקונפט פון טעאַטער, ווי אויף אַלע זיינע כאַראַקטעריסטישע „פּאַראויסלויפערישע", עקסקורסיעס אין דער צוקונפט

---

*) די עסיי האָב איך געשריבן בשעת ב. ריווקין איז נאָך געווען מיט אונדז. זאָל עס זיין אַ צייכן אַז ער איז אויך איצט מיט אונדז. — א. ט.

פון אַלץ וואָס איז און וויל זיין. ערשט דאַן וואָלט מען געקאָנט האָבן אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג פון ריווקינס אָרט אין דער „קרעאַטיווער עוואָלוציע" פון יידישן געדאַנק פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר.

צום באַדויערן אָבער איז דאָס אונטער די אומשטענדן אוממעגלעך צו טאָן. ריווקינס אַרבעטן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער עטלעכע יידישע צייטונגען, איבער צענדליקער זשורנאַלן. אַלץ צו געפינען און איבערצולייענען וואָלט מען באַדאַרפט חדשים און אפשר יאָרן. מען מוז זיך דעריבער באַגנוגענען מיט ריווקינס יענע פאַר צענדליק אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט אין די לעצטע עטלעכע יאָר, און מיט יענע אַרטיקלען פון פריער וואָס זיינען מער צו דער האַנט און לאָזן זיך לייכטער אָפּזוכן.

צום גליק איז אָבער ריווקין פון יענע שרייבער, וואָס האָבן זיך ניט מורא איבערצוחזרן. מען קאָן אַפילו זאָגן, אַז דאָס ווידערהאָלן זיך איז אַ מין עיקר־שטריך אין ריווקינס שרייבן. ער האָט אַ הייליקע מיסיע דורכצופירן, ער האָט אַ ריי גרונט־פּרינציפּן און אני־מאמינס, וואָס ער וויל אַריינהאַמערן אין די מוחות פון יידישע לייענער. אַזוי אַז אין זיין יעדן אַרטיקל, וואָס די טעמע זאָל ניט זיין, זיינען פאַראַן עיקרים פון זיין לערע און אָנשויאונג.

אָנהייבנדיק פון זיינע אַרטיקלען אין אברהם רייזענס „דאָס נייע לאַנד" ביז איינס פון זיינע סאַמע נייעסטע אַרטיקלען אין אַבא גאָרדינס „יידישע שריפטן" — גליט אין אַלץ וואָס ריווקין האָט געשריבן דער גלויבן אין די אָפענע און נאָך מער אין די פאַרבאָרגענע שעפערישע כוחות פון מענטשן בכלל און יידן בפרט. ער ווערט אויך ניט מיד צו וואָרענען וועגן די מאוימדיקע קאַטאַסטראָפעס און צו רופן צו עקזאַלטירטן ווידערשטאַנד, צו „באַפאַנצערונג" „מיט דער אייביקער יידישער נשמה־גבורה". ער הערט ניט אויף צו „מונטערן" דעם יידישן שעפער, מונטערן אים און לערנען „צו צאַפּן כוח פון די אַלע יידישע נשמה־קוואַלן", וואו עס איז „פאַראַן גלויבן, פאַראַן בטחון, פאַראַן התלהבות, פאַראַן אייביקער יידישער ניגון..."

ער איז ניט קיין רואיקער באַטראַכטנדיקער קריטיקער. ער איז אַן אַקטיוויסט, אַ פּריידיקער, אַ פאַראינטערעסירטער צד. עס איז פאַר אים ניט גענוג אַ ווערק אורצוטיילן, ער מוז עס „אויפּרייסן", אַרויס־באַפרייען פון דער קינסטלערישער פאָרמע די אַנלאַדונג, די שעפערישע ענערגיע, כדי אָנצינדן און „שעפעריש פאַרוואַנדלען דעם לייענער".

ער איז אין דעם פּרט געגליכן צו די פיזיקער, וואָס „באָמבאַרדירן" דעם אַטאָם, כדי פריי צו לאָזן זיין קאָלאָסאַלע־ענערגיע.

אַ קונסט־ווערק פאַר ריווקינען איז ניט קיין וואויל־באַטעמטע פרוכט, אַ ברכה צו מאַכן און רואיק בנעימותדיק ווי אַ זיסע נאָכשפּייז צו געניסן. עס איז אַ כישוף־אינסטרומענט, צויבעריי, וואָרזאָרגעריי, אַ שטיק גייסטיקער דינאַמיט אונטערצולייגן און אויפצורייסן דאָס אינער־טנע, אין עולם־הזה פאַרגרעזניעטע, פאַנטאַזיעלאָזע פּיליסטערטום, — און צוזאַמען מיט דעם פּיליסטערטום דעם גאַנצן פאַרגרעבטן „דבר־אחרדיקן" וועלט־סדר. עס איז אַן אומגעצוימטע טאַט־און־נס־דורשטיקע קריטיק, אַ ספּיריטועלע „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט".

די געשיכטע פון דער וועלט־קריטיק פאַרמאָגט אַ סך גרויסע נעמען, וואָס זיינען געווען ווייט פון וועלן זיך באַגנוגענען בלויז מיט „ריינער" קריטיק. ניט איין גרויסער קריטיקער האָט זיך געריסן פון די גרענעצן פון ריין עסטעטישער, אָדער פאָרמאַליסטישער ליטעראַטור און קונסט־קריטיק און געווירקט און באַאיינפלוסט ברייטערע און פּראַק־טישערע ספערן פון מענטשלעכער טעטיקייט. באַזונדערס פון הויכע עטישע אידעאַלן האָבן יענע קריטיקער אויסער זיך לאָבן עסטעטיש מיט אַ קונסט־ווערק, געוואָלט עס אויך איינפעדימען אין לעבן, איינשפּאַנען עס פאַר מענטשן־דינסט, אויפשלאָגן אין דעם אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אינספּיראַציע.

אין זייער אידעאַליסטישן אייפער, אין זייער מיסיאָנערישער פאַר־אינטערעסירטקייט האָבן זיי אָפט געזען גרויסע אידייען אין קליינע קונסט־ווערק, געדרשנט גרויסע דרשות אין מינדערוויכטיקע טעקסטן. די צייט האָט אָבער דעם שאָדן גוט־געמאַכט. עס זיינען פאַרגעסן גע־וואָרן די קינסטלער, אָבער ניט זייערע קריטיקער. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן די זעלבסטשטענדיקייט, און אומאָפּהענגיקייט פון דער קרי־טיק. און גראָד ניט אין דער „מבינות" און עסטעטישער אורטייל־קראַפט פון די קריטיקער, נאָר אין זייער „טענדענציעזקייט", אין זייער מאָראַלישן פּאַטאָס, אין זייער תכליתדיקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער זעלבסט־שטענדיקייט. זייער געזעלשאַפטלעכע אחריות האָט זיי געגעבן אַ רעכט צו מאָנען „תכלית", אַ רעכט אַרונטערצוברענגען דעם קינסטלער און אים איינשפּאַנען אין רייטוואָגן פון דער צייט, אַפילו, ווען ער האָט זיין „נעסט פאַרלייגט אין די שטערן". וואָרום ניט אַזוי דער מאָדערנער קינסטלער, ווי דער מאָדערנער טריבון־קריטיקער איז אפשר דער אמתער יורש פון די פאַרצייטיקע נביאים.

אַזוינע קריטיקער זיינען ביי די אומות־העולם געווען אַ סך. און ביי אונדז, נאָך מער ווי ביי זיי, זיינען די וויכטיקסטע קריטיקער נאָר יענע, וואָס האָבן עפּעס געוואָלט, צו עפּעס געשטרעבט, וואָס האָבן צוליב דער ליטעראַטור ניט פאַרזען דאָס לעבן, וואָס אויסער קענען דערשמעקן דעם ריח און דערזען דעם קאָליר פון אַ ליד, אַ דערציילונג, האָבן זיי געהאַט אַ זין פאַר די מאָראַלישע און דערציערישע ווערטן פון אַ ווערק; זיינען געווען קולטור־טרעגער, נאַציאָנאַלע לערער, סאָציאַלע וועגווייזער.

ניט יעדן דאַרפן און קאָנען אַזוינע קריטיקער געפעלן. עס איז קעגן זיי פאַראַן אַ סך אויסצוזעצן. באַזונדערס האָבן קעגן זיי וואָס אויסצוזעצן יענע וואָס האַלטן אַז קונסט איז אַן און פאַר זיך אַ גרויסע דערגרייכונג, אַן און פאַר זיך אַן אויסלייזונג, וואָס האַלטן אַז קונסט דאַרף דעם לעבן ניט דינען, ווייל די קונסט אַליין איז ניט נאָר אַן אופן פון „אויסלעבן זיך" (מערסטנס פון „אויסזינדיקן זיך") ווי פּרץ האָט געזאָגט, נאָר טאַקע אַן אופן פון לעבן און פון דעם סאַמע העכסטן, ריינסטן און אינטענסיווסטן אַרט לעבן.

ווער עס האָט געלייענט אַפילו בלויז איין אַרטיקל, אָדער עסיי פון ריווקינען, ווייסט אַז ריווקין איז ניט קיין קריטיקער מחמת סתם ליטעראַרישן נייגער, אַז ער שרייבט ניט קיין קריטיק מחמת אַ פאַרלאַנג צו זאָגן מבינות, אָדער זאָל אַפילו זיין מחמת אַ געפיל צו וועלן ליריצירן אָדער פילאָסאָפירן וועגן קונסט און קינסטער. ריווקין האָט אַן אייגענעם וועג וואָס פירט אים אַריין אין די טיפענישן פון יידישער שעפערישקייט. ריווקין וויל אַז די ליטעראַטור זאָל אים העלפן מאָביליזירן אַלע גייסטיקע כוחות אין יידישן פאָלק „פאַר אַפּווער קעגן סכנה". קונסט איז פאַר אים אַ מיטל, אמת אַ הייליק מיטל, צו פאַרווירקלעכן די מאַקסימאַלסטע אידעאַלן פון דער יידישער און אַלמענטשלעכער געשיכטע.

ער איז בטבע אַ מאַקסימאַליסט. ער האָט זיך „פאַרנדרט" אויף דעם נס איבער אַלע נסים. די דאָזיקע „פאַנדרטקייט", די מאַקסי־מאַלישקייט ריווקינס פילט מען אין זיין יעדער באַהויפּטונג. עס איז זיין כוח און זיין שוואַכקייט. זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע עקס־טרעמע ניט־דורכפירבאַרע פאָרשריפטן און געבאָטן, זי איז אָבער אויך דאָס פייער וואָס שמעלצט, האַלט־צענויף און ריכט זיין אידייען־גאַנג און גיט אים דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָגראַם, אויב ניט פון קיין פאַר־גאַנצטער פילאָסאָפישער סיסטעם.

שוין אַזוי פרי ווי אין 1912 האָט ריווקין פאָרמולירט זיינע גרונט־

פרינציפּן און הויפּטצילן אין דער סעריע אַרטיקלען „דאָס רעליגיעזע מיספאַרשטענדעניש", געדרוקט אין אברהם רייזענס „דאָס נייע לאַנד".

לויט ריווקינס דעמאָלטיקער און עד־היומדיקער איבערצייגונג מוז „יעדע פראַגע פון לעבן געטריבן ווערן צו איר לייזונג דורך שעפערישע מיטלען". מען מוז דעריבער אין דער מאַסע „אויפוועקן דעם אינטימסטן לעבנס־אינסטינקט", וואָס „פליסט פאַרביי אַמנאַענטסטן צום רעליגיעזן געפיל". עס איז נייטיק „אויסצואיידלען דעם מענטשלעכן מין", ווייל בלויז „אין יענע איינציקע אויגנבליקן, ווען די מאַסן זיינע פאַרגאַנגען אין שעפערישער אַנטציקונג, זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון גרויסן פאַר־לאַנג, זיך אויסשטרעקנדיק נאָך דעם אומענדלעכן", איז מעגלעך געווען באמת דורך זיי און פאַר זיי עפּעס גרויס אויפצוטאָן. דאָס איז, לויט ריווקינען, אמת בנוגע אַלע פעלקער, אָבער נאָך אמתער איז דאָס בנוגע דעם יידן, וואָס „צווישן אַלע פעלקער צייכנט ער זיך אויס מיט זיין שעפערישן רעליגיעזן זשעני". דער דאָזיקער „זשעני" מוז דעריבער „אויפסניי אויפגעוועקט ווערן און אָנפאַנגען אַ נייע שעפערישע טעטי־קייט", אפילו ווען אין די טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע פאָרמען. „אַמאָל האָט מען געגלויבט" — שרייבט ריווקין — „אַז גאָט אין די הימלען איז אַ פאַרמיטלער. ביסלעכווייז האָט מען איינגעזען, אַז עס איז ניט אַזוי און מיר קענען זיך לייכט פאָרשטעלן אַ גאָטלאָזע רעליגיעזע שאַפונג". נאָכמער, דאָס יידישע פאָלק „האָט שוין דאָס ערשטע געגעבן דעם סיגנאַל צו אַ גאָטלאָזער רעליגיע — עס האָט געשאַפן די פאַראומ־ענדלעכסטע מענטשלעכע געשטאַלט, די גאָט־מענטשלעכע פיגור פון משיחן און צו אים מוז מען שענקען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט".

דער כוהן־גדול אין דער גאָטלאָזער רעליגיע, דער נביא פון דער גאָט־מענטש פיגור דאַרף זיין דער יידישער קינסטלער. און פונקט ווי עס איז די אויפגאַבע פון די פאָלקס־לערער אויפצואוועקן די מאַסע צו שעפערישער און אויסלייזערישער אַנטציקונג, אַזוי דאַרף אויך זיין, לויט ריווקינען, די אויפגאַבע פון דעם קריטיקער אויפצואוועקן דעם קינסטלער צו זיין גרויסער מיסיע, צו זיין פונקציע אַלס „געשטאַלט־געבער פון געשטאַלטגעבנדע געשטאַלטן".

און מיט אַן ערך זיבן יאָר שפּעטער, אין די צייטן פון פּעטלורא־און דעניקין־שחיטות אויף יידן, קומט ריווקין אַרויס אין איגנאַטאָווס „שריפטן" מיט אַן עקזאַלטירטן קול־קורא צו יידישע קינסטלער, אַ קול־קורא וואָס זיין עכאָ קלינגט ביז היינט אין אַלץ וואָס ריווקין שרייבט. עס איז ניט נאָר אַ שאַלנדיקער „רוף צו די יידישע שריפט־

שטעלער״, עס איז אויך אַ פּראָגראַם פאַר זיי. די יידישע שריפט־שטעלער, האַמערט ריווקין, מוזן „נעמען אויף זיך צו ראַטעווען (דאָס יידישע פאָלק) פון חורבן אין דעם קורצן מאָמענט פאַר דער קאַטאַס־טראָפע״. זיי קאָנען דאָס טאָן, ווייל דער עיקר אין דער רעטונג איז צו פאַרוואָרפן אַן אילוזיע, אַנטציקן די מאַסן, די יידישע ווי ניט־יידישע. און די „יידישער שעפער״ — ווייזט ריווקין אַן אין דעם „רוף״ — האָבן פון וואַנען צו „שאַפן אילוזיעס אויף צו פאַרענדיקן די פון לעבן־אַנגעהויבענע געשטאַלטן. אין דעם יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין איז דאָ אַן אוצר, וואָס האָט אויסגעטיילט, טיילט און וועט אויסטיילן, געשטאַלטן נאָך געשטאַלטן, וואָס פלייצט און וועט פלייצן מיט שטימונגען און איבער־שטימונגען — שטימונגען און געשטאַלטן דערהויבענע, דער־לייזנדע, אַנשטעקנדע, היפּנאָטיזירנדע און פאַרוואַנדלענדע פאַר אונדז יידן און פאַר אַלע פעלקער — און דער אוצר און דער קוואַל איז די משיח־געשטאַלט. עס איז שוין פאַראַן אַ היפּשע צאָל געשטאַלטן אַזעלכע אין אונדזער ליטעראַטור, — עס שימערט פון זיי סימבאָלישעס, נבואה־שעס. זיי זאָגן וואָס אַן. נאָך אַ רגע און זיי וועלן ברענגען אַ דער־קוויקנדע בשורה, אַ לאָבונג דער אינטעליגענטער יידישער נשמה. נאָך אַ רגע און זיי וועלן אַ מופת באַווייזן. זיי וועלן אונדז בענטשן און מיר וועלן אויפגעריכט און אויסגעלייזט ווערן״.

אַזוי האָט ריווקין גערופן און געמונטערט די יידישע קינסטלער אין 1919, און אַזוי רופט ער צו זיי איצט מיט פינף און צוואַנציק יאָר שפּע־טער, כאָטש דער „מופת״, וואָס פאַר אים האָט ריווקין אַזוי באַגייסטערט און איבערצייגט קאַווירט, איז נאָך ניט געשען. אין דעם עסיי, „דער רעליגיעז־עטישער אונטערגרונט פון דער יידשער ליטעראַטור״, גע־דרוקט אין אבא גאָרדינס „יידישע שריפטן״ (באַנד 4, 1944), איז ריווקין נאָך אַלץ דער איבערצייגטער משיחיסט, דער פאַרגלויבטער אין מופת. וואָס ער האָט געזאָגט אין די אַרטיקלען פון 1912 און פון 1919 זאָגט ער אויך אין דעם עסיי פון 1944. ער זאָגט דאָס מיט מער שריפט־שטעלערישן גלאַנץ און כוח, אָבער דער תוך איז דער זעלבער. דאָס איינציקע וואָס פעלט אין דעם אַרטיקל איז דער טערמין „גאָטלאָזע רעליגיע״. אַנשטאָט דעם רעדט ער וועגן קונסט ווי וועגן אַ „במקום רעליגיע״.

„די יידישע ליטעראַטור״ — שרייבט ריווקין אין דעם עסיי — „ווי איר פאַראויסגייערין די יידישע רעליגיע, האָט זיך געריכט אויף דער גורלדיקער שעה... און איז פונקט ווי רעליגיע אַ כמו־טעריטאָריע,

אַ טעריטאָריע של מעלה... אַ פאַרפאַנצערונג פון פאָלק צו גייסטיקן ווידערשטאַנד — אַ צודעק איבערן קאָפּ במקום אַן אַנשפּאַר אונטער די פיס". וויסנדיק אַז די "וועלט וועט ניט אויסהאַלטן איר ענגע רשעות" און ס'וועט סוף־כל־סוף אַרויספּלאַצן פון איר "אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע", האָט די יידישע ליטעראַטור "גענומען אויסאַרבעטן דעם טיכטיקסטן, אַקטיווסטן אָפּווער־מיטל — די געשטאַלט פון געשטאַלט־געבער — דאָס משיח־געשטאַלט", ווייל פון "איר סאַמע געבורט אָן איז (די יידישע ליטעראַטור) געוועזן אָנגעצילעוועט צו אַן אויסלייזנדיקער וועלט־ראָלע".

קיין שום קריטיקער, אָדער ליטעראַטור־ און קונסט־טעאָרעטיקער, ניט ביי אונדז און ניט ביי די אומות העולם, האָט וועז צוגעטיילט דער קונסט און דער ליטעראַטור אַזאַ גרויסע, אַזאַ אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע ראָל. און ווען מען לייענט ריווקינס פאַרפלאַמטע ווערטער, ווען מען כאַפּט דעם זין פון זיין הייס־געשמידטער טערמינאָלאָגיע, ווען מען ווערט צעגומען פון זיין פאַטאָס און פאַרכאַפּט פון זיינע ריטמישע זאַצן — טראַכט מען: הלוואי וואָלט די קונסט אויסער אַלע זאַכן, וואָס מען ווייסט פון דער אייגענער דערפאַרונג, אַז זי קאָן אויפטאָן, אויך געקאָנט אַראָפּברענגען משיחן. און הלוואי וואָלט די קונסט אין אונדזערע גאָט־לאָזע צייטן געקאָנט טאַקע ווערן אַ "במקום־רעליגיע"!

מען קאָן נאַטירלעך אַ סך, גאָר אַ סך איינווענדן קעגן ריווקינס באַנעם פון דער דערשיינונג קונסט און וועגן איר פונקציע אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפט. מוז דען די קונסט בלויז שאַפן און "פאַרוואַרפן" אילוזיעס? און וואָס איז מכוח דעם אמת, דעם פשוטן לעבנס־אמת, וואָס די קונסט קען און דאַרף אַרויסברענגען? איז דען פאַר אַלע קינסטלער גילטיק ריווקינס כלל, אַז "די אילוזיע און זעלבסטפאַר־בלענדעניש איז דער הויפּט־תנאי פון זייער לעבן און שאַפן"? איז די אילוזיע און זעלבסטפאַרבלענדעניש געווען דער הויפּט תנאי פון לעבן און שאַפן, לאָמיר זאָגן, ביי אַ טאָלסטאָיען, אָדער ביי אַ מענדעלען, ביי אַ ביאַליקן? האָט דען די ליטעראַטור ניט קיין אַנדערע פונקציעס אין אַ מאָדערנער דיפערענצירטער און קאָמפּליצירטער געזעלשאַפט, אויסער דינען אַלס "במקום רעליגיע"? און אַפילו עס זאָל טאַקע דורכאויס אמת זיין, אַז די קונסט, ספּעציעל די פּאָעזיע, שטאַמט פון רעליגיע און פון מאַגיע, דערקלערט דען דער אורשפּרונג פון אַ דערשיינונג איר פיל־זייטיקן כאַראַקטער אויף די ווייטערדיקע שטופן פון איר היסטאָ־רישער אַנטוויקלונג? ריווקין אַליין ווייס זייער גוט, אַז די רעליגיעזע

שאַפונג איז געהאָרכזאַמקייט צום שטרענגן באַפעל פון „ה׳ אחד”, און אַז „די דאָזיקע צוויי פונקציעס זיינען אין פלוג אַ סתירה איינער צום אַנדערן”. נאָר וואָס דען? ריווקין איז מכריע: „אויס סתירה זאָל עס ווערן” („זאַמלביכער”, נומער 3, זייט 409). ווי מען זאָל אָבער, צוזאַמען מיט ריווקינען, ניט וועלן אַז די „סתירה זאָל אויס סתירה ווערן”, איז אָבער דער כוח פון ווילן און ווען דאָ ניט גענוג. די סתירה בלייבט אַ סתירה. דער אמת איז אַז גיכער קאָן שוין רעליגיע ווערן פּאָעזיע איידער פּאָעזיע — רעליגיע.

אָבער דאָ איז ניט קיין פראַגע וועגן פּרוּאוון דעם אמת פון ריווקינס דעפיניציעס און באַשטימונגען. די פראַגע איז אַפילו ניט וועגן זייער גילטיקייט אַלס ליטעראַטור־קריטעריומס. די פראַגע איז נאָר אויף וויפיל האָבן זיי געהאָלפן ריווקינען צו זיין דאָס וואָס ער איז. דער אמת איז, אַז עס איז אַ גרויסער ספק אויב די קריטיק בכלל קאָן געבן ריכטיקע „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף” אַ קינסטלער. עס איז למשל אַ גרויסער ספק, אויב די „קריטיק” האָט „באַשעדיקט” משה לייב האַלפּערן. עס איז אַ ספק צי משה לייבס „פּייערלעכע אימפּעטדיקע פּראָצעסיע צו דער קרוינונג” איז „אין רעכטן מיטן צושאָטן געוואָרן” דערפאַר ווייל די קריטיק האָט אים ניט געגעבן „קיין אָרגאַניזאַטאָרישע הילף”. והא ראיה: ריווקין האָט לכל הדעות ניט געזשאַלעוועט משה לייבן קיין „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף”. עס איז, דוכט מיר, די העכסטע מדרגה פון געוואַגטקייט מצד קריטיקער צו פּרעטענדירן, אַז זיי קאָנען געבן אַ קינסטלער „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף” אין דעם זינען ווי ריווקין פאַרשטייט דאָס. גלייך ווי עס וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן געבן די ריכטיקע עצות און באַשטעלונגען אַ קינסטלער. פּאַראַפראַזירנדיק האַמלעטן: פאַראַן אַ סך מער געהיימנישן אין פּראָצעס פון שאַפן קונסט, ווי עס האָט זיך ווען געחלומט, אַפילו די סאַמע „ריכטיקסטע אידעאָלאָגן” צווישן די קריטיקער.

אַ קריטיקער קאָן העלפן אָפּשאַצן אַ קונסט־ווערק, אָבער ניט שאַפן דאָס קונסט־ווערק. אָבער נאָך מער העלפן אונדז די אידייען, וואָס אַ קריטיקער האָט, אים אַליין צו שאַצן און פאַרשטיין. ריווקין אַליין האָט ניט איינמאָל צוגעגעבן, אַז ער איז ניט קיין אָביעקטיווער מעסטער און שאַצער פון קונסט. אים גייט ניט אַזוי אין דער קונסט ווי אין דער גאולה. זיינע טעאָריעס, אויב ניט אינגאַנצן קיין ריכטונג, זיינען אָבער זיכער דאַכטונג. אין גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור איז דאָך ריווקין אַליין אַן אויסדרוק פון די רעגונגען, שטימונגען, און וויזיעס, וואָס

זיינען פֿאַרקערפּערט אין די ווערק פֿון דעם יונגן דור ייִדישע קינסט־לער. מען טאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז וואָס די פּאַרגעשיכטע פֿון ריוו'קינס אידעאָלאָגיע זאָל ניט געווען זיין, איר געשיכטע הייבט זיך אָן אין אַמעריקע צווישן די „יונגע" אַסאָציאירט בלויז מיט עסטעטיק, בלויז מיט קונסט לשם קונסט. אין דער אמתן איז דער באַגריף „יונגע" אַ סך ברייטער און שליסט איין די גאַנצע גאמע פֿון נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע און מיסטישע שטימונגען, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט אַ 35—40 יאָר צוריק. ניט איינער פֿון די „יונגע" האָט געחלומט וועגן „געשטאַלט פֿון די געשטאַלט־געבער" און ניט איינער פֿון זיי האָט אָנשטאָט רעאַליסטישע פֿאַרטרעטן געשאַפֿן „מוסטער מענטשן". ריווקינס פּובליציסטישער קאַמף קעגן פֿלאַכן פּאָזיטיוויזם, קעגן איבערגעשפּיצטן ראַציאָנאַליזם אין דער ייִדישער אַמעריקע איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פֿאַרטונקלטער, פֿאַר־חלומטער און שטימונגפּולער ליריק פֿון די „יונגע", זיין „ביי־משיחיזם און אילוזיאָניזם" — מיט זייער אַפּאָקאַליפּטישער סימבאָליק, רעטאָריק און בילדלעכקייט.

ריווקינס גייסטיקע קרובהשאַפֿט מיט די שעפֿער פֿון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, דאָס געמיינשאַפֿטלעכע וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט האָט סוף כל סוף געפֿירט דערצו, אַז ער זאָל אָנהייבן באַטראַכטן דעם קריטיקער, ניט ווי אַ שאַצער פֿון ווערטן, און ניט ווי אַ „מיטשאַפֿער", נאָר ווי אַן אויבער־און־איבער־שאַפֿער, וואָס קאָן געבן „אָרגאַניזאַ־טאָרישע הילף", דעם אָדער יענעם קינסטלער, איז אַ פֿראַגע וואָס דאַרף ערשט אויסגעפֿאָרשט ווערן. עס איז קיין ספק ניט, אַז ריווקין האָט אין אַ ברייטערן זין געהאָלפֿן געוויסע קינסטלער זיך אָריענטירן אויף דעם „פֿאַרבאָרגענעם ליכט" פֿון דער ייִדישער טראַדיציע. קיין קריטיקער קאָן אָבער ניט ווירקן אויף דער אויספֿורעמונג פֿון ווערק אין זיין צייט מער ווי די קריטיק לויט איר מהות איז בכלל מסוגל צו טאָן. ווי באַקאַנט, ווירקט זי מער אויף דער אַלגעמיינער גייסטיקער און אידייאישער אַטמאָספֿערע אין וועלכער די קינסטלער לעבן, ווי דירעקט אויף די קינסטלער. בדרך כלל אָבער העלפֿן די ליטעראַטור־קריטישע קאָנצעפּציעס אין דער ערשטער ריי דעם קריטיקער גופֿא קומען צום וואָרט. די בעסטע ראיה דערצו איז טאַקע ריווקין אַליין. אויב מען קאָן דערווייל ניט אָנווייזן אויף קיין ווערק, וואָס קען דירעקט צוגעשריבן ווערן צום איינפֿלוס פֿון ריווקינס „ליבלינג־אידייען", קען מען אָבער אָנווייזן אויף אַ צאָל עסייען מיט וועלכע ריווקין האָט באַ־

רייכערט די יידישע ליטעראַטור אַדאַנק די דאָזיקע „ליבלינג־אידייען".

דער אַרטיקל „דער רעליגיעז־עטישער אונטערגרונט פון דער יידישער ליטעראַטור" איז אַ מוסטער פון דעם צו וואָסערע הייכן פון פּאַטאָס, פון אָריגינעלן און דינאַמישן אויסדרוק פון זיינע „ליבלינג־אידייען" ריווקין קאָן זיך דערהייבן. שטילט מען איין אין זיך דעם צווייפל אין דער פּראַקטישקייט און אָנווענדבאַרקייט פון די דאָזיקע „ליבלינג־אידייען" און מען לייענט די עסיי, פּונקט אַזוי ווי מען וואָלט געלייענט אַ ליד, אָדער אַ וואָסער עס איז אַנדער פאָרם פון ריין סוביעקטיווע, ריין לירישע רעיונות, דאַן האָט מען פון דעם עסיי, ווי פון פיל אַנדערע עסייען ריווקינס, אַ גרויסן עמאָציאָנעל־עסטעטישן געַנוס, ווייל ריווקין איז קודם כל איינער פון די גלענצנדסטע יידישע וואָרט־סטיליסטן, — פאַראַן אַ פלוס און גוס אין זיינע ווערטער, אַ ריטם אין זיינע זאַצן, וואָס גליען מיט געפיל, מיט פאַנטאַזיע, מיט עקזאַלטירטער איינגעגלויבטקייט אין דעם „צוזאָג פאַרזאָג", דעם „נדר באַפעל". באַוואוסטזיניק, אָדער ניט, אָבער עס איז פאַראַן אין ריווקינס שריפטשטעלערישער דערהויבנקייט פון דעם הויכן שניט פון אַפּאָקאַליפּטישע שריפטן.

רעדנדיק וועגן אַשן דריקט ריווקין אויס אַז אַש האָט פון דעם שטעטל „מיטגענומען טאַלאַנט אויף אָנצוגליען די לופט, ביז זי גייט אויף מיט קאָלירפולע אימאַזשן, וואָס פרוכפערן זיך מיט דעקאָראַטיווער בילדלעכקייט". אויף וויפיל דאָס זאָל ניט זיין אמת וועגן אַשן איז דאָס ניט ווייניקער אמת וועגן ריווקינס אופן פון שרייבן. אויך ער פאַרמאָגט „טאַלאַנט אויף אָנצוגליען די לופט, ביז זי גייט אויף מיט קאָלירפולע אימאַזשן" און אַפּאָקאַליפּטישער בילדלעכקייט:

„אָט דער ליטוואַק (רייזען), דער וואָס זעט מיטן האַרצן, דער וואָס טראָגט צוויי אויגן — צוויי ברענענדע ליכט אויף דער ברוסט — וועמעס חכמה איז אַ ליכטיקער געפיל אַזאַ וואָס הויזט צווישן קאָפּ און האַרץ" („טענדענצן"). די ווערטער, וואָס איך האָב אונטערגעשטראָכן, זיינע באַזונדערס שטאַרק אין סטיל פון אַפּאָקאַליפּס. און עס איז ניט קיין סטיליזאַציע, און אויך ניט עפּעס דרויסנדיק צופעליקס. עס איז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון דער ראָל און פונקציע, וואָס ריווקין האָט אויף זיך גענומען אין דער יידישער ליטעראַטור. — דער אויסדרוק פון דער ראָל און פונקציע אַלס מאָנער פון גרויסע מעשים, אַלס אויסטייטשער פון מאוימדיקע צייכנס, אַלס אָנזאָגער פון יום־הדין. זיין

בילדלעכקייט, ווי זיין לעקסיק, וואו עס דאָמינירן אַזויפיל „איבער־געשטאַלטונגס״־ווערבן און „פאַרוואַנדלונגס״־טערמינען, איז אַן אויסדרוק פון ריווקינס כאַראַקטעריסטישער „אַנגעצילעוועטקייט״ צו מענטש־געשטאַלט און פאַרוואַנדלונג.

און ניט נאָר איינצלנע מעטאַפאָרן, אימאַזשן ביי ריווקינען דער־מאָנען אין דעם אַפּאָקאַליפּס. פאַראַן גאַנצע זייטן, וואָס זיינען אָנגעטאָנט לויט דעם הויכן סטיל. עס פעלט אַפילו ניט דער אָפטער געברויך פון דעם פאַרבינדונגס־וואָרט „און״:

„און די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער יידישער רעליגיע מיט דעם זעלביקן פאַרגעפיל און זי האָט אויך ניט באַגנוגנט זיך מיט פאַסיווער פאַרפאַנצערונג. זי האָט איבערגענומען פון דער רעליגיע איר פאַרויסזוויסן, אַז אין דער לעצטער גורלדיקער שעה וועט אַבי קיום — אַבי אויסצוהאַלטן און בלייבן לעבן — ניט גענוג זיין. דער קיום וועט זיך דאַרפן איבערזעצן אין נצחון.

„און איצט אין דער גורלדיקער שעה — די געשטאַלט פון געשטאַלט־געבער איז בפירוש דאָ; זי האָט זיך אָפּגערופן; זי מינעט זיך ווי אַ זעאונג. זי איז אַרויס פון איר פאַרגליווערטן סטאַטישן צושטאַנד, זי איז געוואָרן דינאַמיש. זי טראָגט זיך דורכן וועלט־חלל, און לויט דעם פעסטגעשטעלטן געזעץ פון דער געשיכטלעכער געשטאַלט־פּסיכאָ־לאָגיע האָט זי געדאַרפט טאָן איר פורעמענדיקע אַרבעט, און זי טוט די אַרבעט — אָבער צו אונדזער גרויסן אומגליק אין רציחהדיקער אָפּאָזיציע צו יידן, ווי אַ פינצטערער שאָטן אָפּשלאָג, ווי דער שטן המשחית...״

ווער עס איז באַקאַנט מיט ריווקינס עסייען און אַרטיקלען, ווייסט אַז אַזוינע שטעלן זיינען ביי אים ניט קיין זעלטנקייט. מיט דער האַנט פון אַ שרייבער אַ גרויסן פּזרן האָט ער די יום־טובדיקע שטעלן צע־וואָרפן אַפילו איבער זיינע וואָכעדיקסטע צייטונגס־אַרטיקלען. אויב אָבער עס פעלט ניט ביי ריווקינען קיין וואונדערלעך־אויסגעשמידטע, ריטמיש־פאַרונדיקטע און פאַרגאַנצטע זאַצן און פּאַראַגראַפן, טרעפן ביי אים אָבער זעלטענער פאַרגאַנצטע עסייען און לענגערע אַרבעטן.

וואָס לענגער עס איז ריווקינס אַן עסיי, אַלץ ווייניקער איז אין איר פאַראַן אינהייטלעכקייט, גאַנצקייט. ער איז צו ספּאָנטאַן, צו רייך אין באַלויכטונגען און שטאַנדפּונקטן צו קאָנצענטרירן זיך אויף איין שטאַנדפּונקט, אויף איין באַלויכטונג. ניט נאָר לויפן זיינע אידייען פאַראויס, נאָר זיי לויפן אויך אָפּט אויס, ברויזן אַרויס און צעשטערן

די געפלאַנטקייט, די קאָמפּאָזיציאָנעלע גאַנצקייט פון זיינע אַרבעטן. ספּעציעל איז דאָס דער פאַל, ווען ריווקין פאַרנעמט זיך אויף ברייטע ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן. דאָס איז שוין אָבער אַ פראַגע ניט נאָר פון שריפטשטעלערישער טעכניק, נאָר אויך פון ריווקינס ליטעראַטור־היסטאָרישע קאָנצעפּציעס גופא, וואָס זיינען צו אינטואיטיוו, צו סוביעקטיוו, צו אַפּריאָריש צו קענען געבן אַ פּלאַנמעסיקע באַגרינדעטע און אויסגעהאַלטענע שילדערונג פון דעם ליטעראַטור־געשיכטלעכן פּראָצעס. צוליב זיינע טעאָריעס „של מעלה" און משיח־טענדענצן, צוליב זיין ווילן באַווייזן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ „צווילינג־שוועסטער" פון דער רעליגיע אַז „פון איר סאַמע געבורט אָן איז זי אָן איר וויסן אָנגעצילעוועט געוואָרן צו אַ וועלט־אויסלייזענדער ראָלע", מוז ער אָפט קערעווען „ביד חזקה" דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור, פאַרסירן אים כדי ער זאָל באַשטעטיקן זיינע טעאָריעס.

2

די „גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" אין די „זאַמלביכער" נומערן 2 און 3, איז דאָס ווערק וואו ריווקין האָט אָנגעווענדט זיינע טעאָריעס צו אַ מער וויניקער לענגערן צייט־אָפּשניט פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

ריווקין אַליין גיט צו, אַז די „פראַגן וואוהין־וואו" יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — די הויפּט־פראַגן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין די „טענדענצן", וועלן ביי אים אַרויסרופן „סוביעקטיווע ענטפערס", און אַז דעריבער וועלן אין דער אַרבעט „סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פאַרצוגן און ליבלינג־אידייען, ריקבליקן און אויסבליקן אַרויסגעפירט ווערן אויף פּאַראַד". איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז דער פּאַראַד פון ליבלינג־אידייען איז דאָ זייער אַן אינטערעסאַנטער, אָפּט נעמט דער פּאַראַד אָן אַפילו פאַנטאַסטישע קאַרניוואַל־פאָרמען. אָבער אויב ער האָט געוואָלט פון די ביידע „הינטערגרונטן" (אייראָפּע און אַמעריקע) „אַרויסציען די טענדענצן, וואָס האָבן זיך געירשנט און פאַרוואַנדלט" און וואָס „ווירקן... נאָך הייַנט און פורעמען די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע", האָט ער טאַקע די טענדענצן „געצויגן" און ס'איז ריווקינען געלונגען אויף אַ ווײַלע צו שאַפן די אילוזיע פון אַ וואָרהאַפטיקן געשיכטלעכן פּראָצעס; אָבער אַרום און אַרום באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ניט דאָס לעבן, נאָר ער, ריווקין, דיקטירט דעם גאַנג פון

זאָכן און אַז אַלץ לייגט זיך אויס אין פולן הסכם מיט זיינע „סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פאַרצוגן און ליבלינג־אידייען״.

וואָס עס שטעלט זיך אָפּ פון ריווקינס גרויסער אַרבעט, איז ניט די הויפּט־אידייע, נאָר די נעבן־אידייעס, די גייסטרייכע און טרעפלעכע באַמערקונגען וועגן ליטעראַטור־געשעענישן, זיינע באמת גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס וועגן אַ צאָל באַדייטנדיקע יידישע שרייבער. שוין בלויז די עטלעכע זייטן וועגן ליבינען, וואָס האָט געפירט, ווי ריווקין דריקט זיך אויס, דעם „טאָג־בוך פון דעם אימיגראַנט אין אַמעריקע״, איז אַ פּערל פון קריטיק. און די אָפּהאַנדלונגען וועגן ליבינען זיינען ניט די איינציקע. די „טענדענצן״ וועלן פאַרבלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַן אַנטאָלאָגיע, ווי אַ משנה פון ריווקינס בעסטע קריטישע אַרויסזאָגונגען וועגן איינצלנע שרייבער און ווערק.

אין דעם ערשטן טייל פון זיין אַרבעט צייכנט ריווקין אָן אין דער יידישער ליטעראַטור דריי גרונט־טענדענצן: „גרויס־תכלית, כמו טעריטאָריעלע אילוזיע און ירושה־פאַרוואַנדלונג״. אין דעם צווייטן טייל פאַרריכט זיך ריווקין און איז משנה שם די גרונט־טענדענצן אויף „עקזיסטענץ־געזעצן״. ספּעציעל ווי זיי ווערן אָנגעווענדט צו די קלאַ־סיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, דערזעט מען, אַז אייגנטלעך איז דאָ בלויז די טערמינאָלאָגיע אַן אַנדערע, דער תוך איז אָבער ניט קיין נייער, בלויז אַ פאַרשלייערטער. ווייל וואָס אין דער אמתן מיינט די „גרויס־תכליתדיקע טענדענץ״ אין שייכות מיט מענדעלען, אויב ניט דער אַלט־באַקאַנטער פאַקט, אַז מענדעלע האָט געוואָלט אַז די „קאַרטינקע זאָל עפּעס זאָגן״. ווען ריווקין שרייבט אַז פון אַ „שטודיום פון מענדעלעס ווערק לאָזט זיך אָפּלערנען, אַז די גרויס־תכליתדיקע אידייע איז... געווען די שטויס־קראַפט צו דער געבורט פון דער יידישער ליטע־ראַטור״, איז דאָס אפשר יאָ און אפשר ניט אמת. ווען ער זאָגט אָבער, אַז די „גרויס־תכליתדיקע אידייע״ איז אויך די „טרייב־קראַפט צו איר קינסטלערישער אַנטוויקלונג״, איז שוין דאָס זאָגן אַליין דאָ ניט גענוג, דאָ פאָדערן זיך איבערצייגנדיקע אַרגומענטן.

די באַהויפּטונג, אַז „מענדעלעס קינסטלערישקייט שטאַמט פון זיין תכליתדיקייט אַרויס״ און אַז „דער משל, דאָס משל־פּראָדוצירנדע פאַרשטעלעניש דורך אַ מוכר־ספרים זיינען פונקט צוגעמאָסטן צו מאַכן אַ תכליתדיקן געדאַנק דערציילעריש זיך באַוועגן״, וואָלט געקאָנט אפשר ווערן זייער אַ פּרוכטבאַרער קריטישער געדאַנק בנוגע מענדעלען, ווען ריווקין זאָל אין מאָל פאַר אַלע מאָל האָבן אָנגענומען, אַז דער

בעל־תכלית און דער קינסטלער אין מענדעלען איז איינס און דאָס זעלבע, און מער צווישן זיי קיין אונטערשייד ניט מאַכן. ריווקין מאַכט אָבער יאָ אַן אונטערשייד צווישן קינסטלער און בעל־תכלית. והא ראיה, אין דעם זעלביקן פּאַראַגראַף שרייבט ער, אַז דער „בעל־תכלית האָט אָנגענומען דעם קינסטלער ביי דער האַנט, אים געפירט און געלערנט, וואָס בולטער צו ווייזן, צו שילדערן, צו געשטאַלטן, וואָס געלוי־פיקער צו דערציילן — פאַר אַ שטאַרקערער פעולה". איך רעד שוין ניט וועגן דעם, וואָס דער גאַנצער ענין איז דאָ אַ ביסל צו פאַראיינ־פאַכט, נאָר אויב דער „בעל־תכלית קאָן אָננעמען דעם קינסטלער ביי דער האַנט" האָבן מיר דאָך פאַר זיך ניט איינעם נאָר צוויי בעל־כוחס. ווער און וואָס דער „בעל־תכלית" איז, ווייסן מיר שוין, אָבער ווער און וואָס איז דער קינסטלער אין מענדעלען? דער אמת איז, אַז ריווקין איז ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן אין דער פראַגע פון קונסט לשם קונסט און קונסט לשם תכלית. נאָך אין זיין „רוף צו די יידישע שריפטשטעלער", האָט זיך ריווקין אַרויסגעכאַפּט מיט אַ באַמערקונג, אַז „שאַפן מוז זיין לשמה". דאָס איז געבן די עסטעטן אַ פינגער, וואָס ווען עס זאָל זיי גיין אין דעם, וואָלטן זיי די גאַנצע „בעל־תכלית"־האַנט געקאָנט אָפּבייסן.

בכלל איז די נייע טערמינאָלאָגיע וואָס ריווקין ווענדט־אָן אויף צו באַצייכענען די אויפטוען פון די קלאַסיקער קיין סך ניט מוסיף צו דעם וואָס מיר האָבן שטענדיק געוואוסט וועגן מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן.

ערשט ווען ריווקין גייט איבער צום צווייטן דור שרייבער, וואָס מיט זיי איז זיין באַקאַנטשאַפט אַ געגנויערע און אַן אינטימערע, שפּילט אויף ריווקינס קריטישע אינטעליגענץ און פאַנטאַזיע און פון זיין פעדער גייען אַרויס איינער נאָך דעם אַנדערן גלענצנדיקע פּאָרטרעטן און כאַראַקטעריסטיקעס. ספּעציעל צייכענען זיך אויס מיט זייער גייסט־רייכקייט און אָריגינעלקייט די כאַראַקטעריסטיקעס פון רייזענען, קאָברי־נען און ליבינען.

ווי געזאָגט, די שילדערונגען פון איינצעלנע שרייבער זיינען פיל וויכטיקער און אינטערעסאַנטער ווי די שילדערונגען פון די אַלגעמיינע טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער עס פעלן ניט אין דעם ווערק אויך פאַראַלגעמיינערונגען פון באַדייטנדיקן אינטערעס. זיי ווייזן וויפיל ריווקין קען ביימראָגן צו אונדזער ליטעראַטור־פאַרשטענדעניש,

ווען ער גיט זיך אָפּ מיט שטודירן, אָנשטאָט מיט דיקטירן דעם גאַנג פון זאַכן און דערשיינונגען.

אין דעם פרט אין אינטערעסאַנט דאָס קאַפּיטל: „דער אַמעריקאַנער הינטערגרונט".

„די יידישע ליטעראַטור (אין אַמעריקע)" — שרייבט ריווקין אין דעם קאַפּיטל — „דאָס ליד ווי די דערציילונג — איז געשלאָגן געוואָרן מיט אַ גרונטפּעלער, וואָס האָט זי ניט געלאָזט שטייגן נאָכדעם ווי זי האָט דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה. דער גרונטפעלער קאָן באַצייכנט ווערן מיט פאַרשיידענע נעמען, אָבער דער נאָמען איז: גרונטלאָזיקייט — דער ייד־גרונט האָט לכתחילה געפעלט דער פּיאָנערישער ליטעראַטור, ווען זי האָט זיך דאָ איינגעשטעלט. צוליב צוויי סיבות: ערשטנס דערפאַר, ווייל באַשטעלט, געפאָדערט איז די געוואָרן פון אַן עולם, וואָס איבער־פלעכלעכקייט, רויקייט, חיי־שעהדיקייט, קורץ־אָטעמדיקייט פון געמיט זיינען געווען זיינע הויפּט־סימנים. און צווייטנס דערפאַר, ווייל אויס־געטראָגן, געמוטערט איז זי געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער אינ־טעליגענץ וואָס איר סאָציאַליזם האָט איינגעשלאָסן אין זיך דעם פאַרבאָט, די פאַרלייקענונג פון דעם יידן אין יידישן אַרבעטער. אָדער אפשר זיינען ביידע סיבות איין סיבה? די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, נישט געקוקט אויף איר געבילדעטקייט, איז געווען אַ טייל פון זעלביקן אויבער־פלעכלעכן, רויען חיי־שעהדיקן, קורץ־אָטעמדיקן עולם? און איר נישט אנערקענונג פון דעם יידן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען פאַרפּוצט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, איז געווען אַן אומפּאַמיידלעכער רעזול־טאַט פון זעלביקן פּסיכאָלאָגישן ערב־רב צושטאַנד?"

אין דעם דאָזיקן אויסצוג איז אַלץ קלאָר, זאַכלעך, פשוט, עס לייגט זיך גוט אויפן שכל און איז אַ בייטראָג צו איינעמס וויסן און פאַר־שטענדעניש פון ליטעראַטור־פּראָצעסן. דאָס איז ווייט ניט די איינציקע באַטראַכטונג אין די „טענדענצן", וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד. ניט איין פאַראַלגעמיינערונג ביי ריווקינען איז געבויט אויף פאַקטישער דערקענונג פון דערשיינונגען און האָט אַן אָביעקטיוון ווערט. אָבער דאָס וויכטיקסטע אין די „טענדענצן" איז פאָרט ניט די מעשה, נאָר דער מדרש, און עס איז ניט קיין וואונדער. ניט געקוקט אויף זיין „אָנגעצילעוועטקייט" אויף תכלית איז ריווקין ניט קיין דאָגמאַטיקער, ניט קיין בעל הלכה. ער פאַרמעשהט, פאַרגעשטאַלטיקט ליטעראַטור־פּראָצעסן, שטעלט זיי אַוועק אונטער אַ געטלעכער השגחה, און צינדט אַרום זיי אָן די שיין פון אַ הייליקער מיסטעריע. דאָס גיט צו אַ מין

ריטואַליסטישע חשיבות צו דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור; דאָס פאַרלעגענדאַריזירט איר גאַנג. אָבער וואָס מער לעגענדע און מיסטעריע אַלץ וויניקער פאַקטישע געשיכטע. און אין געשיכטלעכע אַרבעטן זוכן מיר ביי היינטיקן טאָג וויניקער טעאָלאָגיע און טעלעאָלאָגיע און וואָס מער ראַציאָנאַלע און אָביעקטיווע באַלויכטונג און די „טענדענצן" געהערן מער צו די ערשטע ווי צו די צווייטע, עס איז אַן אינספּירירט און אינספּירירנדיק ווערק, אָבער ניט קיין „תכלית־דיק" ווערק. די הנאה איז גרעסער ווי די פּעולה.

ריווקין דער איבערשאַפער, דער „פאַרוואַנדלער", האָט פאַר זיך אַ מער פרוכטבאַר פעלד אויפן געביט פון אינדיווידועלער קריטיק. אמת אויך דאָ איז ער אָפט צו בריליאַנט צו געבן אַן עקזאַקטע אויס־טייטשונג פון אַ ווערק אָדער שרייבער. אַפילו ווען ער גיט איבער די פאַבולע פון אַ ראָמאַן, ווי למשל זיין איבערדערציילונג פון איגנאַטאָווס „אויף ווייטע וועגן", קומט די פאַבולע אַרויס אונטער זיין פעדער אַביסל אַנדערש ווי זי איז אין אָריגינאַל.

איבערלייענענדיק ריווקינס אַן אַרטיקל וועגן אַ בוך, וויל מען ניט אַזוי לייענען דאָס בוך ווי ריווקינען נאָך אַמאָל.

עס וועט אפשר ניט זיין אין גוטן געשמאַק אָנצורופן ריווקינען, וואָס האָט אַזוי פיינט קאַזיאָנע ליטעראַטור־טערמינאָלאָגיע, מיט אַ באַשטימטן ליטעראַטור־טערמין, אימפּרעסיאָניסט. פּלוראַליסט אד"ג. דער אמת איז אַז אויך ער איז פריי פון אַ באַשטימטן מעטאָד. אָנשטאָט אַ מעטאָד פאַרמאָגט ער אינטויציע, פאַנטאַזיע און אויסדרוק־קראַפט. דאָס וויכטיקסטע איז ביי אים ניט אַזוי אורטיילן דעם שרייבער ווי אים לאָזן אויפגיין אין בילדער. דער צוגאַנג איז אַ פּאָעטישער. עס איז דאָס זען אין געשטאַלטן אַ זאַך דורך צוגלייכענישן און מעטאַפאָרן. ריווקין וויל דעם שרייבער, וואָס ער באַהאַנדלט, דערזען אין זיין דינאַ־מיק, אין זיין שטרעבונג, אין זיין שעפערישער אָנשטרענגונג, און שילדערן דעם שרייבער אין זיין דראַמאַטישן געראַנגל מיט זיך און מיט די כוחות וואָס שטערן אים צו זיין ער. ריווקין זעט בכלל אין דעם שאַפן פון דעם קינסטלער עפּעס טראַגישעס און פּאַטאַלעס. שאַפן, לויט ריווקינען, איז אַ שווערע און טראַגישע פּרואווונג. צו שאַפן דאַרף מען האָבן „נשמה יתירה", און „נשמה יתירה" — זאָגט ריווקין — „קאָן מען מיט די הענט ניט נעמען. מען דאַרף זיין גרייט צו קרענקען, צו מאַטערן זיך, ברענגען קרבן נאָך קרבן. מען דאַרף אַרבעטן מיט דער נשמה", „מען דאַרף פאַרדינען נשמה־יתירה".

אויסער אָבער „אַרבעטן מיט דער נשמה, קרענקען און מאַטערן זיך״, כדי צו קאָנען דורכפירן זיין שליחות, זעט נאָך ריווקין ווי דער קינסטלער קעמפט ווי דער נביא מיט דער שליחות גופא. ער זעט ווי דער קינסטלער ראַנגלט זיך מיט זיין אומגעבונג, מיט נאָענטע און ווייטע. ער זעט אין אים, אין גייסט פון פסיכאָאַנאַליז, מוטער און פאָטער קאָמפּלעקסן, וואָס זיינען אים אַמאָל צו פעולה און אַמאָל אַ שטערונג. עס איז אַ קאַמף וואָס ענדיקט זיך מערסטנס פאַטאַל פאַר דעם שריי־בער, אויב מען זאָרגט זיך ניט פאַר אים, אויב מען „מונטערט״ אים ניט, אויב מען גיט אים ניט קיין „אָרגאַניזאַטאָרישע הילף״. דאָס פירט דערצו אַז ריווקין זאָל מיט זאָרג און דערמונטערונג נאָכגיין דעם שרייבער ביים לעבן און מיט וויטיק און ביטערקייט רעדן וועגן זיין גורל נאָכן טויט. אויב ביים לעבן האַלט ריווקין דעם שרייבער אין איין דערמוטיקן, אין איין בענטשן, הייבט ער אים אויף, פיגוראַטיוו גערעדט, נאָכן טויט ווי אַן אומשולדיק קרבן — פאַר אַלעמען צו זען און פאַר אַלעמען עדות צו זאָגן, ווי אַזוי דער הייליקער שליח איז אומגעבראַכט געוואָרן, געקרייציקט געוואָרן אויפן קרייץ פון גלייכ־גילט און רשעות. דערפאַר זיינען ריווקינס נעקראָלאָגן אַ מין אַראָפּ־הייבן פון קרייץ אַ געקרייציקטן, און דערפאַר ווען ער הערט וועגן טויט פון אַ שרייבער איז זיין ערשטער אויסרוף: „אוי, זיי האָבן אים דערהרגעט״.

אַ מוסטער אין דעם פּרט איז ריווקינס עסיי וועגן משה לייב האַלפּערן, וואָס איז אונטערן נאָמען „אויפן וועג צו האַלב גאונות״ דערשינען אין 1934, אין דעם שיקאַגער זשורנאַל „בריקן״. אין דעם דאָזיקן עסיי געלינגט ריווקינען ניט נאָר אויסצוטייטשן משה לייבן אין די געוויינלעכע קריטישע טערמינען, נאָר ער באַווייזט אויך ווי אַן עכטער דראַמאַטיקער און רעזשיסאָר צו געשטאַלטן און צו איינ־סצענירן האַלפּערנס טראַגישע קאָנפליקטן, דורכצופירן אין אַ ריי פאַר־כאַפּנדיקע סצענעס אַ גאַנצן קריטישן ספּעקטאַקל אַרום משה לייבס שאַפן און אַרום זיין „פאַלן אין טויט אַריין״, נאָך איידער ער האָט זיך „דערטראָגן צום שפּיץ־באַרג״. דער עסיי פאַרמאָגט אויסער אַ שלל גייסטרייכע און טיפזיניקע באַמערקונגען וועגן די „דין־דינע פּסיכאָלאָגישע פּעדים״, וואָס פאַרבינדן צווישן זיך דעם „פּאָעטס ליד און לעבן״, אויך זייער ווערטפולע ריין ליטעראַטור־קריטישע אויפ־קלערונגען. ספּעציעל איז רייך אין קריטישע דעטאַלן דאָס קאַפּיטל „די הויפּט קוואַלן פון געשטאַלטקייט ביי משה לייב האַלפּערן״, וואו

ריווקין פירט דורך אַ פּאַרגלייך, און זייער אַ זאַכלעכן און איינגעגע־בענעם פּאַרגלייך, צווישן דעם נביאישן סטיל און האַלפּערנס פּייאיקייט „אָפּצוואַרפן פון זיך בילד נאָך בילד". דער עסעי מיטן אויסנאַם פון געוויסע שטעלן, וואו דאָס לשון איז אַביסל צו ציַיטונגס־מעסיק, אַ זעלטנקייט ביי ריווקינען, איז באמת אַ שעדעווער. מען דאַרף דעם עסעי לייענען און איבערלייענען, כדי איינצוזאַפּן אין זיך די גאַרע שיינקייט און אָריגינעלקייט. ריווקין האָט דאָ באַוויזן וואָס פאַר אַ שפּאַנענדיקע דראַמע עס קאָן אויסגעפינען אין שאַפן פון אַ פּאָעט „אַ קריטיקער, וועלכער חוץ זיין קריטישן חוש, איז נאָך באַוואָפנט מיט אַ דראַמאַטישן אינסטינקט".

אַפילו אין דער ריין פּאַרמעלער זייט פון שרייבן, אין דעם דער־ווערבן זיך שפּראַכלעכע אויסדרוק־מיטלען — זעט ריווקין דאָס דראַ־מאַטישע און גורלדיקע „ברענגען זיך קרבן נאָך קרבן". אין זיין נעק־ראָלאָג וועגן משה נאַדירן, געדרוקט אין דער „עפּאָכע" (יולי־אויגוסט, 1943) שרייבט ריווקין:

„משה נאַדירס ערשטער גאַנג איז געווען אַרויפצואַרבעטן זיין וואָרט־אַפּאַראַט ביז ער זאָל לייכטער ווערן פון לופט און דערגרייכנדיק אין לייכטיקייט זיין העכסטע הויך, האָט ער זיך געזוכט אָנצונעמען מיט אַלץ מער משא און טרייב־קראַפט, כדי אַפילו פאַרוואונדעטער־הייט צו קאָנען זיך שלאָגן. ער האָט אַפילו געחלומט צו ווערן אַ באַמ־בער ביז ער האָט געקראַכט". (אונטערשטראָכן פון מיר — א. ט.).

און נאָך י. י. זינגערס טויט האָט ריווקין געשריבן „דורכצושטודירן זינגערס אַלע ווערק... וואָלט געגומען חדשים. נעם איך זיין לעצט לעבנס־ווערק... דאָס לעבנס ווערק, וואָס ער האָט פאַרענדיקט און פאַרחתמעט דריי אַזיגער אינדערפרי, דאָנערשטיק, דעם צענטן פעב־רואַר, ווען ער איז אומגעריכט געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, אַן אויסערלעכער געזונטער און שטאַרקער, אין עלטער פון פופציק יאָר, אין רעכטן בלי פון זיין טאַלאַנט". פון דעם דאָזיקן לעצטן „לעבנס־ווערק", דאָס הייסט פון זינגערס אומגעריכטן טויט, „פּרואווט" ריווקין אַ „קוק טאָן אויפן גאַנצן זינגערן". „ווי קומט עס" — פרעגט ריווקין — „אַ מענטש אין אַזאַ עלטער, אין אַזאַ געזונט צושטאַנד, שטאַרבט מיר נישט דיר נישט. אומגעריכט פאַר אַנדערע, אומגעריכט אפשר פאַר זיין באַוואוסטזיין, אָבער ניט אומגעריכט האָט עס געמוזט זיין פאַר זיין אונטער־באַוואוסטזיין, טיפערע סיבות האָבן דאָ געמוזט זיין אין דער אַרבעט. אינערלעך האָט ער זיך געמוזט גרייטן צו אַזאַ טויט, ווי ער

האָט צוגעטײלט אין די „ברידער אשכנזי" צו שמחה מאיר אשכנזי: — 'אין דער רגע האָט ער דערפילט אַ קלעם אין האַרצן, ווי אַן אײַזערנע צוואַנג וואָלט אים פעסט אָנגעכאַפּט'".

דאָס איז נאַטירלעך מער פּסיכאָאַנאַליטישע בעלעטריסטיק ווי לעגיטימע ליטעראַטור־קריטיק. עס איז אָבער אַ נײטיקער „אָנשפּאַר" פאַר ריווקינס „דראַמאַטישן אינסטינקט". דראַמאַטיזירנדיק זינגערס טויט קען ער שוין אויך געבן אַ דראַמאַטישע אויסטײַטשונג פון זינ־גערס לעבן און שאַפן; קומען צום אויספיר, אַז „צוויי אשכנזים האָבן זיך געראַנגלט אין אים אַן אומאויפהערלעכן דראַמאַטישן קאָנפליקט. ווייל דער פאַרשטיקטער צדיק אין אים האָט ניט באַוויזן זיך אַרויס־צורייסן פול, האָט ער זיך געשטאַרקט איבער אים. וואָס סענסיטיווער, וואָס מער צדיק, אַלץ האַרבער איז די שטראָף. די שאַרף פון ווידער־שפּרוך האָט אים געשניטן. די סתירה האָט אים געריבן און גע־דריבלט — ביז זיין האַרץ איז איינגעקלעמט געוואָרן אין אַ צוואַנג און ער האָט באַשלאָסן צו שטאַרבן". (מײַן אונטערשטרייכונג).

אַזוי אַרום זעען מיר אַז ריווקין באַטראַכט דאָס שאַפן פון אַ קינסטלער שיער ניט ווי עפּעס אַ גריכישע טראַגעדיע. אַלץ איז דאָ גורלדיק און מיסטעריעז.

עס טרעפט אָבער אויך אַמאָל אַז ריווקינס אַ קריטיק איז ניט אַזוי אַ דראַמאַטיזירונג פון דעם דיכטערס גורל, ווי אַ מין „כאַראַקטער־לייענונג" (קערעקטער רידינג), אַ מין וואָרזאָגעריי און טרעפעריי. דאָס פירט אָפט דערצו אַז ריווקין זאָל וועגן אַ שרייבער רעדן ווי אויך אויסנווייניק, ניט פון זיינע ווערק אַרויס. אַזאַ, למשל, איז זיין אַרטיקל „וואו האַלטן מיר מיט י. אָפּאַטאָשו", („צוקונפט", נאָוועמבער, 1935), וואָס איז דערעיקרשט אויפגעבויט אויף דעם, וואָס ער, ריווקין, ווייסט אַז אָפּאַטאָשו האָט געלערנט אויף אינזשעניר אין קופּער יוניאָן, און איז בכלל אַ לערנער און אַ מתמיד. דאָס איז אין אַ געוויסן זין אַ מין שפּילן מיט געצייכנטע קאָרטן. ווייל וואָס וואָלט געווען ווען ריווקין ווייסט ניט דעם צופעליקן עפּיזאָד אין אָפּאַטאָשוס ביאָגראַפיע?

און אין דער אמתן דאַרף דאָך ריווקין גאָר ניט אָנקומען צו דרויסנדיקע פאַקטן אויף צו דערזען דאָס אינערלעכע געשטאַלט פון אַ שרייבער. ריווקין האָט געניג אייגענע קאָנצעפּציעס. איינע פון זיינע אינטערעסאַנטע און פאַר אים פּרוכטבאַרע קאָנצעפּציעס, איז וועגן דער „זעלבסט־וויזיע" ביים דיכטער — דאָס הייסט דער אופן ווי דער דיכ־טער וויזואַליזירט זיך און געשטאַלטיקט זיך אין הסכם מיט זיין באַ־

שערטער, אָדער פון אים אַליין אויסדערוויילטער, ראָל און פונקציע אין דער ליטעראַטור און לעבן. די שילדערונגען פון דעם דאָזיקן מעטאַפיזישן און סובלימן איבער־געשטאַלט פון דיכטער איז דאָס סאַמע אָריגינעלסטע אין ריווקינס קריטיק.

ריווקין איז אָבער, ווי באַקאַנט, פון יענע שריפטשטעלער וואָס האַלטן זיך אַליין אין איין פורץ־גדר זיין. ער, וואָס איז אַזוי דערפּינ־דעריש, אַזוי לייכט אויף צו אימפּראָוויזירן שטאַנדפּונקטן און צוגאַנגען, בייט אָפט זיין הויפּט־געדאַנק אויף נעבן־געדאַנקען און דערפון ליידט ניט נאָר די אויסערלעכע קאָמפּאָזיציע פון דעם עסעי, נאָר אויך די אינערלעכע איינהייטלעכקייט פון זיינע קריטישע כאַראַקטעריסטיקעס. אַ ריין טעכנישער חסרון איז אויך וואָס ריווקין האָט וועגן איינעם און דעם זעלביקן שרייבער געשריבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מיט דער אויסנאַם פון די אַרבעטן וועגן משה ליב האַלפּערנען און ליעסינען (די אַרבעט וועגן ליעסינען איז אגב נאָך ניט אינגאַנצן פאַרענדיקט) האָט ער נאָך ניט געגעבן קיין סיסטעמאַטישע און פאַרגאַנצטע אַר־בעטן וועגן שרייבער. כסדר נאָר פראַגמענטן. און די פראַגמענטן זיינען נאָך דערצו צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימים פון דער יידישער פרעסע. אַפילו וועגן ה. לייוויקן האָט ריווקין נאָך ניט קיין פאַר־ענדיקטע, קיין דעפיניטיווע אַרבעט, כאָטש ער האָט וועגן לייוויקן אָן אַ שיעור אַרטיקלען.

יעדער פון די אַרטיקלען האָט געקאָנט ווערן אַזאַ דעפיניטיווע אַרבעט. אָבער שטענדיק האָט זיך אַריינגעמישט עפּעס אַ שטן מקטרג, וואָס האָט ריווקינען געשטערט אויספורעמען און אויספירן איין גרויסע אַרבעט וועגן לייוויקן. אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל איז די אַרבעט „לייוויק און זיינע נייע לידער", (צוקונפט", אויגוסט, 1937). עס פעלן ניט נאַטירלעך אין דעם עסעי ריווקינס ממש שטראַליקע אַריינבליקן אין די סאַמע פאַרבאָרגענסטע ווינקלען פון לייוויקס שאַפן. ער איז אָבער באַגאַנגען איין גרויסן פעלער, וואָס ער האָט דעם עסעי אָנגע־שטעלט אויף אַ פּאָלעמישן טאָן. די פּאָלעמיק וואָס ריווקין פירט אין דעם עסעי קעגן די וואָס „ווילן האָבן אַז אין די לידער פון 'גן עדן' האָט זיך באַוויזן גאָר אַן אַנדער לייוויק" איז אפשר אַ באַרעכטיקטע און אַ גערעכטע. עס לייגט זיך אויפן שכל פאַרוואָס ריווקין זאָל ניט וועלן, אַז מען זאָל „קאָנטראַסטירן די צוויי לייוויקס, אַרויסשטעלנדיק דעם ליטיקן און דעם אינטימן פון היינט קעגן דעם 'טונקעלן' און משיחיסטישן פון אַמאָל". עס איז אויך לאָגיש צו באַטאָנען, ווי דאָס

טוט ריווקין, אַז „לייוויק פון היינט איז קיין שום קאָנטראַסט ניט צו לייוויקן פון אַמאָל און אַז די מעלות אין די לידער פון 'גן עדן' זיינען ניט קיין פּלוצלעכע מתנה פון רוח הקודש, נאָר זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן אין יענע טונקעלע משיחיסטישע לידער". די מיינונג אָבער פון די קריטיקער, וואָס ריווקין פּאָלעמיזירט קעגן זיי, אַז „לייוויקס נייע לידער זיינען וואָרעמער, לויטערער, שטילער, באַרואיקטער", איז ניט געבויט אויף קיין אויסטראַכטענישן, נאָר אויף די קינסטלערישע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיך בפירוש געלאָזט פילן אין די „נייע לידער", און אַוודאי און אַוודאי האָבן יענע קריטיקער ניט אויסזינען געהאַט צו מינערן די ווערט פון לייוויקס פריערדיקע לידער. אויך זייער אונ־טערשטרייכן לייוויקס „לויטערקייט" איז גאָר קיין ראיה ניט, אַז זיי זיינען ניט געפעלן לייוויקס פריערדיקע לידער, ווי ריווקין זאָגט. עס מאַכט דעריבער דעם איינדרוק אַז דאָ שטעלט זיך ריווקין איין ניט אַזוי פאַר לייוויקן ווי פאַר זיך. דאָס פירט אים אַריין אין אַן אומנויטיקן פּאָלעמישן אַזאַרט, וואָס שטערט דער אויספורעמונג פון דעם עסעי און דער קלאָרער פאַר'סכהכלונג פון זיינע געדאַנקען וועגן לייוויקן. דאָס באַשטייט, אַז בלויז זיין קאָנצעפּציע וועגן לייוויקן איז די איינציק ריכטיקע און אַז לייוויקס ליד איז שטענדיק אַ „משיחיסטיש" ליד, פירט אים אָפּט צו אָפּשאַצונגען פון איינצלנע לידער, וואָס מיט זיי איז שווער מסכים צו זיין. אַזוי באַצייכנט ער דאָס ליד „אָפּענע הימלען" *), וואָס איז לויט מיין איינדרוק אַ ליבע־ליד, ווי אַ משיחיס־טיש ליד.

אָבער דאָס ליד גופא, וואָס איז אגב אין פרט פון ריטם באמת אַ טור דע פאָרס, כאַראַקטעריזירט ריווקין אויף אַ וואונדערלעכן אופן. דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז, אַז ווען ריווקין וויל קען ער „מיטאָטע־מען" מיטן ריטם פון אַ ליד און מיטזינגען און מיטקלינגען מיט זיין קלאַנג און מעלאָדיע. ווען אָנשטאָט וועלן ווירקן אויפן ווערק, לאָזט ער אַז דאָס ווערק זאָל ווירקן אויף אים, זיינען ריווקינס אַרויסזאָגונגען בנוגע קינסטלערישע איינצלהייטן זייער קערנדיקע און טרעפלעכע. ניט וואָס ער „פאַרשטייט" אַ ליד אָדער אַ שורה, אין דעם זינען ווי דאָס וואָרט „פאַרשטיין" ווערט באַנוצט צווישן פאָעטן, נאָר אין דעם זינען וואָס ער קאָן זיך דערגרונטעווען צום תוך און קינסטלערישן סוד פון אַ ליד. ער קאָן אָפט אַ ליד כאַראַקטעריזירן אויף אַן אופן, אַז

*) אַלע ווערק פון ה. לייוויק, לידער, ז. 460.

עס זאָל זיך אָנהייבן דוכטן, אַז ער האָט מיטן דיכטער צוזאַמען גע־שאַפן דאָס ליד און ווייסט דעריבער פון אַלע פאַרבאָרגענישן. ער באַזיצט דערביי די פעאיקייט אין אַ בילדלעכן און תמציתדיקן שפּרוך, וואָס דינט אים מערסטנס ווי אַ נאָמען צו זיינע עסייען, איבערצוגעבן דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין דעם דרך אָדער טואונג פון אַ קינסטלער. „דער גאָלדענער נדר" וועגן איגנאַטאָוו, די „שוואַרצע מעסע" וועגן דילאָנען, „לייוויק אויף עטאַפּן", צו דערמאָנען בלויז אַ פּאָר באַצייכענונגען וואָס ריווקין האָט געשאַפן פאַר ווערק און קינסטלער.

און ניט נאָר קאָן ער אינטואיטיוו אימפּרעסיאָניסטיש דערקענען און רעדן וועגן אַ ווערק. ווען ריווקין לאָזט זיך אַמאָל פריי פירן פון זיין שאַרפער קריטישער אינטעליגענץ און סענסיביליטעט, ווייזט ער אַרויס אויסערגעוויינלעכע חריפות ביים אַנאַליזירן די פאָרם און טעכ־ניק פון לידער און דערציילונגען. אַ ביישפּיל זיינען זיינע אַרטיקלען וועגן א. לוצקיס „בראשית אינמיטן". זיי פאַרמאָגן אַ שלל מיט וואונ־דערלעכע אַנאַליטישע אויפקלערונגען וועגן לוצקיס אופן פון שאַפן און „מאַכן" אַ ליד. אין די דאָזיקע באַמערקונגען ווייזט ריווקין, אַז ער פאַרשטייט ניט נאָר דעם אַלגעמיינעם גייסט און ווערט פון אַ ווערק, נאָר אַז ער קלייבט זיך גוט פאַנאַנדער אין די דריבנע אותיות און צעך־סעקרעטן פון דיכטערישן פאַך.

עס איז מערקווירדיק אַז אין זיינע ריין־קריטישע אַנאַליזן איז ריווקין אַ סך נעענטער צו די פאָרמאַליסטן ווי צו וואָסער עס איז אַנ־דערער שול אין דער קריטיק. אַנשטאָט צו רעדן וועגן זיינע איינדרוקן רעדט ער ליבערשט וועגן דעם דיכטערס אויסדרוק.

ריווקין דער משיחיסט, דער בעל־תכלית איז אָבער גובר און פאַר־שטופּט, פאַרטונקלט אָדער זאָל זיין פאַרשיינט דעם קריטיקער אין אים. אַ קריטישע אַרבעט איז פאַר אים סוף־כל־סוף אַן עקספּערימענט אין „ניי משיחיזם", אַן עקסקורסיע אין טעאָסאָפיע. און ער שטעלט אונדז דעריבער אין לעצטן סך־הכל אין אַ מאָדנער באַציאונג צו דעם אָביעקט פון זיין קריטישער באַהאַנדלונג: ניט ווי צו אַ קונסט ווערק — „אַ זאַך פון שיינקייט און אַ פרייד אויף אייביק", צו עפּעס וואָס איז אויסגעפורעמט און פאַרענדיקט, וואָס רוט און באַרוט, נאָר ווי צו אַ געוואַלדיקער קאָנצענטרירונג פון פסיכישער ענערגיע, ווי צו אַ מאָראַלישער אָנשטרענגונג אונדז אונטערצומינעווען און צו עקס־פּלאָדירן. אים איז ווייניק צו זיין אַ קריטיקער, ער וויל אויך זיין דער

דיריגענט, דער רעזשיסאָר וואָס לויט זיינע אָנווייזונגען און זיין רעזשי זאָלן דיכטער זיך גרימירן און שפּילן. אין יעדן יידיש ווערק זוכט ער דעריבער דעם פּאַסיקן טעקסט פאַר זיין רעזשי און ווען ער געפינט אים ניט קיין גרייטן, שניידט ער דעם ווערק און פּאַלמעסט עס, כדי פון דעם אַרויסצוקריגן וואָס ער זוכט.

* * *

וואָס וועט אין דער ליטעראַטור פאַרבלייבן — ריווקין דער קריטיקער, אָדער דער בעל מופת, דער אַנאַליטיקער, אָדער דער רעזשיסאָר, דער אויסטייטשער, אָדער דער „אויבער און איבער־שאַפער“, דער עקספּערעמענטירער אין ניי־משיחיזם, אָדער אימאַגינאַטיווער נאָמען־געבער פון דיכטער און ווערק?

עס איז גרייליך מעגלעך, אַז די געשיכטע זאָל ריווקינען אָפּטאָן אַ שפּיצל, אַז די צוקונפטיקע דורות זאָלן אים לייענען, אויב זיי וועלן בכלל עפּעס לייענען, ניט פאַר זיין „תכלית“, נאָר פאַר זיין שריפט־שטעלערישן טאַלאַנט, ניט פאַר די פאַרזאָגן און געבאָטן, נאָר פאַר דעם אופן ווי ער האָט זיי געקריצט און אויסגעקריצט. וואָס אָבער די צוקונפטיקע דורות וועלן טאָן מיט ריווקינען און זיינע ווערק איז זייער זאַך, פאַר אונדז אָבער וואָס לעבן מיט ריווקינען אין איין צייט, איז ער דער עקזאַלטירטער און אָריגינעלער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער פון דער יידישער נשמה יתירה, דער באַגייסטערטער מאמין אין דעם „רעליגיעזן זשעני פון יידישן פאָלק“, אין דעם כוח פון יידן צו שאַפן גאָט־מענטש געשטאַלטן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און פאַר איר ענדלעכער און אַבסאָלוטער אויסלייזונג.

אַן אָפּקלייב פון זיינע בעסטע שריפטן, וועט ערשט באַווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסער און אָנרעגנדיקער כוח ריווקין איז, אַפילו ווען מען איז מיט זיינע הנחות און אויספירן ניט מסכים, און וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער אינטערעסאַנטער און אינטריגירנדיקער אויסטייטשער און פאַרוואַנדלער ער איז פון דער יידישער ליטעראַטור, אַפילו ווען ניט אַלע זיינע ספּעקולאַציעס לייגן זיך לייכט און גלאַט אויפן שכל.

„זאַמלביכער“ נומער 6, 1945.

אבא גאָרדין

I

ב. ריווקינס שעפערישער גאַנג

אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. דערשינען פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד, 1947. 256 ז״ז.

יידישע דיכטער אין אַמעריקע. פאַרלאַג ציקאָ, 1947. 308 ז״ז.

גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. איקוף־פאַרלאַג, 1948. 340 ז״ז.

די ביכער זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון מינאַ־באָרדאָ־ריווקין.

1

ב. ריווקין האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע זשורנאַלן, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט בעת זיין לעבן זיינע עסייען און קריטיק־אָפּהאַנדלונגען; זיינע אַרבעטן, קלענערע און גרעסערע, זיינען געווען, איידער זיי האָבן זוכה געווען צו אַ צונויפזאַמל אין בוך־פאָרם ערשט נאָך דעם מחברס טויט, צעזייט און צעשפּרייט איבער צייטשריפטן, אַרויסגעגעבן פון פאַרשיידענע ריכטונגען הן ליטעראַרישע און הן פּאָליטישע.

אָפּטמאָל איז ב. ריווקינען אויסגעקומען איין אָפּשאַץ־אַרבעט זיינע צעטיילן, אָדער צערייסן אויף שטיקער, נאָך דעם ווי זי איז פאַרטיקט געוואָרן פון אים ווי עפּעס גאַנצעס, און די שטיקער איינטיילן צו עטלעכע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס, ווייל ווי אַ גאַנצע זאַך איז עס געווען צו גרויס אין פאַרנעם פאַר די ענגע פּלאַץ־ראַמען פון דער אָדער יענער צייטשריפט.

איך דערמאָן עס בכדי צו באַטאָנען, ערשטנס, די טראַגעדיע פון ב. ריווקין דעם שריפטשטעלער, וואָס האָט ניט געהאַט פאַר זיך קיין טריבונע, און דעריבער געמוזט כסדר צעשניידן, צעשפּליטערן זיינע עסייען, זיי זאָלן זיך קאָנען אַריינפּאַסן אין שמאָלן שטח פון אַ זשורנאַל. מען דאַרף דאָ נאָך צוגעבן, אַז ב. ריווקין אין אַלגעמיין איז ניט גע־ווען קיין מיניאַטור־צייכענער, קיין לאַפּידאַרישער קינסטלער. ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיך אַ היפּשן לייוונט, בכדי זיין פען זאָל זיך קאָנען פאַנאַנדערגיין מיט דעם שעפערישן אימפּעט, וועלכער האָט שטענדיק געברויזט אין אים. אַזוי אַז דאָס צעגלידערן זיינע לענגערע שאַפונגען אויף קלענערע באַשטאַנד־טיילן איז ביי אים געווען כמעט ווי אַ שטענדיקע פּראָצעדור.

צווייטנס, מע זאָל באַגרייפן, אַז צענויפשטעלן אַ בוך פון ב. ריוו־קינס עסייען — דאָס וואָס מינאַ באָרדאָ־ריווקין האָט באַוויזן צו טאָן — איז מער ווי בלויז אַ מעכאַנישע אַרבעט פון זאַמלען און צו־נויפזאַמלען. בכדי עס צו קענען טאָן אויף אַ געהעריקן אופן, האָט מען באַדאַרפט זיין גוט באַהאַוונט אין זיינע שריפטן, וויסן וואו, וואָס אויפ־צוזוכן, און וועלכע פון די איבערגעוואַלד־צעשיידטע און דערוויטערטע גלידער געהערן צו איין גאַנצן אָרגאַניזם, ווי ער איז לכתחילה אַרויס־געקומען פון דעם שעפער.

אַלע עסייען און לענגערע אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין די דריי דערשינענע ביכער, זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צייטן. אין בוך־פאָרם האָבן זיי ערשט איצט געקראָגן זייער תיקון, וואָס איז פאַר זיי אַ מין „קיבוץ־גליות״. בלויז איין אויסנאַם איז פאַ־ראַן, און דאָס איז זיין מאָנאָגראַפיע, „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״, וועלכע האָט געשאָנקען זיין ערשטן דערשינענעם בוך איר נאָמען. דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס איז ביז־אַהער קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געווען, כאָטש זי איז פאַרפאַסט געוואָרן אין די יאָרן 1936־1937. אמת, אַ טייל געדאַנקען, וואָס ווערן אין אָט־דער מאָנאָגראַפיע מער אָדער ווייניקער גרינטלעך באַאַרבעט, זיינען פון מחבר טיילווייז אַנטוויקלט גע־וואָרן פריער אין זייער אָנווענדונג אויף ליטעראַטור, דערציאונג אָדער אַנדערע דערשיינונגען און אַקציעס פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיר וועלן אָנהויבן אונדזער איבערבליק מיט אָט־דער אַרבעט, ווייל זי איז אַנטשיידנדיק פאַר ב. ריווקינס געדאַנקענגאַנג, און זי קאָן אונדז דעריבער דינען פאַרן שליסל בעסער צו פאַרשטיין זיין צוגאַנג צום יידישן לעבן, ראַדיקאַליזם און ליטעראַטור, אָט־די דריי זאַכן, וואָס זיינען ביי אים געווען איין זאַך.

2

ב. ריווקין האָט געהאַט אַן אייגענעם אָריגינעלן אויפפאַס פון יידישן לעבן, ווי עס איז געפלאָסן אַן אָפּשטעל דורך אַ משך פון טויזנטער יאָרן. ער שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם מאָמענט פון נבואה אין יידישן שאַפן און האַנדלען. אין נבואה זעט ער דעם דערהויבנסטן פונקט אין נביאס פאָראויסזאָגונג וועגן אויסלייזונג. גאולה, וואָס הייסט משיחיזם, מוז האָבן אַ פערזענלעכן גואל, אַן אויסלייזער. דער משיח מוז זיין אַ פערזענלעכקייט, ניט קיין אַבסטראַקציע, ניט קיין באַ־שטרעבונג סתם. אַן אידייע, כדי זי זאָל קאָנען ווערן אַ ווירקזאַמער כוח און באַווירקן דאָס לעבן פון אַ קאָלעקטיוו, פון די ברייטע מאַסן, מוז זיין צוגעקניפּט צו אַ פּערזאָן. אָט־די געשטאַלט, וואָס באַגייס־טערט און רופט צו גרויסע מעשים, ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור, און זי גיט טרייסט, האָפענונג און אָנרעגונג. ווייל עס גיט כוחות צו די, וואָס גלויבן אין דער שליחות פון אָט־דער פּערזאָן, און פאַרפעסטיקט זייער זיכערקייט, אַז זייער רעטונג, זייער אויסלייזונג מוז קומען, וועט קומען, אַז זי איז אַ היסטאָרישע ניט נאָר נויט־ווענדיקייט, נאָר אַן אומפאַרמיידלעכקייט.

„געשטאַלט איז די קאָנצענטרירטע גייסטיקע פאָרם; נעמט אַריין אין זיך אַלץ: געדאַנק, געפיל, ווילן, פאַנטאַזיע; רעדט צו אַלע חושים. אָנגעצילעוועט אויף אַ יחיד, אויף אַ פאָלק, איז זי געווען אָנגעלאָדן מיט פסיכאָ־עלעקטריע. שפּאַנט זי דעם גאַנצן נפש אָן... די משיח־געשטאַלט האָט מאָביליזירט דעם יינדס גייסט פאַר דעם האַרטסטן ווידערשטאַנד"... („גלויבן", ז"ז 12־13).

„אויב די יידישע פאָלקס־מאַסע איז אַזוי מסוגל פאַרכאַפּט צו ווערן מיט התלהבות פאַר אידעאַלן... איז דאָס אַלץ צו פאַרדאַנקען דעם כוח־דערלאַנגער, געשטאַלט־געבער און זאַמלער פון דער יידישער גלויבנס־גבורה... סיי אין דער מאַסע, סיי אין די העלדן אַרבעט דאָס אַלץ דער דערלייזערישער דראַנג, וואָס איז פאַרגעשטאַלטיקט גע־וואָרן אין משיחן". (דאָרט, ז. 84).

מע דאַרף באַגרייפן, אַז ב. ריווקין געברויכט אַלטע טערמינען, אַלטע לאָגלען, אין וועלכע ער גיסט אַריין נייעם ווייַן, און היפּש־שטאַרקן ווייַן. מיט די גאָר־אַרכאַאישע ווערטער „משיח־געשטאַלט" באַצייכנט ער גאַנץ דייטלעך די ראָלע פון אָנפירער־פּערזאָן אין היינט־ציטיקע מאַסן־באַוועגונגען. אויב אַ מאַסן־באַוועגונג האָט ניט די

פאַסיקע גרויסע אידעאַלע פערזענלעכקייט אין איר שפּיץ, קומט דער פאַרפירער און פאַרנעמט זיין פּלאַץ, קומט דער משחית און פאַרכאַפּט דעם פּלאַץ פון משיחן.

„...האָט ער [לענין] פאַר דער מאַסע געלאָזט שוועבן אַ מוסטער־געשטאַלט, די וויזיע פון אויבער־קאָמוניסט, פון 'איליטשן'... דאָס אַריינשפּילן די געשטאַלט פון אויבער־קאָמוניסט, פון 'איליטשן', אין מאַסן־מענטש... צום אומגליק האָט לענין אויך געהאַט זיינע אימיטאַטאָרס... סיי דער פאַשיזם און סיי דער נאַציזם קאָפּירן פון אָקטאָבער... די מוסטער־געשטאַלט... דעם 'פירער'. און די אימיטאַציע האָט זיי געגעבן זייער שוואַרצע גבורה. עס איז אין דער טבע פון דער סטרא אחרא, פון דעם שקר, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַרן אמת — צו אימיטירן". („גרונט־טענדענצן", ז"ז 227־228).

אין אייניקע פלעצער פון זיינע ווערק אַמפערט זיך ב. ריווקין מיט די אָנהענגער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אָבער אין תוך גענומען איז ער אַליין אַ היסטאָרישער מאַטעריאַליסט מיט אַ צוגאָב פון פּאָליטישן און געאָגראַפישן עלעמענט. אָט ווי ער גיט אונדז צו פאַרשטיין פונוואַנעט עס נעמט זיך ביי אונדז די פּראָפעטישע וויזיע פון אויסלייזונג:

„דאַרפן מיר צוריקגיין צו אונדזער ארץ־ישראל פאַרצייטן. דאָרט האָט די משיח־געשטאַלט זיך באַוויזן, און עס איז לייכט איינצוזען, צו וועלכן צוועק זי האָט זיך באַוויזן: איינגעקלעמט אויף אַן ענגן פּאַס צווישן די חיילות פון די וועלט־מדינות, קעגן וועלכע דאָס פאָלק האָט פיזיש זיך ניט געקאָנט באַשיצן... סאָציאַלע גאולה, פאָלקס־גאולה, פעלקער־גאולה — אַלץ אינאיינעם. ווייל דער סאָציאַלער קאַמף, דער קאַמף פון די יידישע פויערים מיט די פּריצים, וועלכע האָבן געגרויבט זייער לאַנד און פּראַצע, פלעגט כסדר איבערגעריסן ווערן פון נאַציאָנאַלן קאַמף קעגן די באַלאַגערער. דאָס פאָלק איז געווען אין פּערמאַנענטער סכנה: כסדר אין אָנגעשטרענגטסטער זאָרג פאַר זיין קיום. און ווייל פון דעם קלעם, אין וועלכן די געשיכטע און די געאָגראַפיע האָבן דאָס פאָלק אַריינגעשפּאַרט, איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען, ווי נאָר אַז משיח זאָל קומען ניט נאָר פאַר יידן, נאָר פאַר די פעלקער אַרום, אַניט וואָלטן זיי דאָך כסדר באַלאַגערט דאָס 'אויסגעלייזט' פאָלק — האָבן די נביאים די אַלע קאַמפן און נויטן פאַרבונדן און אומגעוואַנדלט אין גאָטס יושר־ברכה אויף דער גאַנצער מענטש־אָרדענונג, אין משיחיסטישן אחרית־הימים פאַר אַלע פעלקער". („גלויבן", ז"ז 11־12).

מיט אַנדערע ווערטער: דער קלאַסן־קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די יידישע ערד־אַרבעטער־מאַסן און די פאַרצייטיקטע יידישע גוטבאַזיצערס, די פּריצים, אונטער דער דירעקטער אָנפירערשאַפט פון די נביאים, האָט זיך געמוזט פון צייט צו צייט איבעררהאַקן, מחמת די נאַציאָנאַלע מאָמענטן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך צוזאַמענשטויסן און פון וועלכע ער פלעגט געשטערט ווערן אויף גאַנצע פּעריאָדן. ווען די אויסערלעכע שונאים פלעגן באַפאַלן די יידן און נעמען זיי ראַבירן און פאַרכאַפּן שטיקער לאַנד, פלעגן ביידע קעגנגעזעצטע לאַגערס זיין געצוואונגען צו פאַראייניקן זיך צייטווייליק און מיט אַלגעמיינע כוחות זען אָפּצוטרייבן די אַריינדרינגלער און אָנגרייפערס; האָבן די נביאים איינגעזען, אַז זיי וועלן ניט זיין אימשטאַנד צו דערפירן דעם קלאַסן־קאַמף צו אַן ענדגילטיקן נצחון, סיידן זיי וועלן זיך פאַרזיכערן אויפשטענדיק קעגן דער נאַציאָנאַלער געפאַר. אָט־די אָנגרייפערס, ווידער, זיינען אויך געטריבן געוואָרן פון די זעלביקע כוחות, כאָטש אויף אַן אַנדער שטייגער. דאָס הייסט, זיי זיינען באַפאַלן די יידן כדי אויף אַזאַ'ן אופן איינצושטילן זייער אינערלעכן קאַמף און שאַפן אַן אחדות אין אָנפאַל, ווי די יידן האָבן עס געמוזט שאַפן אין זעלבסט־שוץ. אַזוי אַרום זיינען די נביאים, דורכטראַכטנדיק דעם געדאַנק פון סאָציאַלן געפעכט פאַר יושר ביז צו זיינע לעצטע קאָנסעקווענצן, געקומען צום שלום, אַז עס מוז איינגעשטעלט ווערן אַ אוניווערסאַלער גערעכטיקייט־סדר; מען מוז אויסקעמפן יושר פאַר אַלע אונטערדריקטע פון אַלע פעלקער. משיחיות האָט, דעריבער, ביי זיי באַטייט אויסלייזונג פון דער גאָרער מענטשהייט, פון אַלע פעלקער אָן אויסנאַם.

ווי שוין באַמערקט, געברויכט ב. ריווקין אַלטע טערמינאָלאָגיע פאַר מאָדערנע באַגריפן. וואָס מיינט ביי אים משיחיזים אויסגעטייטשט היינטשטייגערדיק? דאָס איז וואָס מיר רופן אָן אויף אַ מאָדערנעם לשון סאָציאַלע רעוואָלוציע. ער האַלט, אַז מיר, יידן, האָבן אַ טאָפּלטע שייכות צו אַלע וועלט־אומוואָלצנדיקע מאַסן־באַוועגונגען. ווייל פון סאַמע אָנהויב פון אונדזער געשיכטע זיינען מיר אריינגעשטעלט געוואָרן אין אַ קלעם. מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער פאָלקסקאַריערע ווי פאַרשקלאַפטע שבטים, פאַרצייטיקע פּראָלעטאַריער, און דערנאָך, ווערנדיק באַפרייט, האָבן מיר זיך ניט געקאָנט איינאָרדענען ווי געהעריק, זיינען מיר געבליבן די אייביקע אויפשטענדלער. ביי ריוווקינען איז „יידישקייט”, אין אירע הויפּט־שטריכן, גלייכבאַדייטנדיק מיט ראַדיקאַליזם, עקסטרעמען רעוואָלוציאָנאַריזם.

„גיכער וועל איך זאָגן, אַז דאָ איז קאַרל מאַרקס פאַרמישט, וועלכער האָט על־פּי זיין מאַרקסיסטישער טעאָריע פאַראויסגעזאָגט, אַז ווען דער קאַפּיטאַליזם וועט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, וועט ער פּלאַצן צוליב זיינע איינערלעכע און אויסערלעכע סתירות; און ער האָט געטראָפן! און ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט געפּלאַצט, האָט ער געמאַכט פּלאַץ פאַרן פאַרצייטיקן יידישן שם־המפורש, וואו צו נעמען אַרבעטן. האָט ער אָנגעצונדן אַ מענטש־באַשעפערישן פונק, אַ ברענענדיקע גלוסטונג צו אמת־יושר, צו 'פּראַוודאַ', אין דעם פּראָסטן איוואַן; אַזוי אַז דאָס האָט מאַרקס בשותפות מיטן יידישן שם־המפורש דערלאַנגט דעם סאָוועטישן אָקטאָבער... מאַרקס האָט... געגעבן עקאָנאָמישע פאָרמולעס, ווען, אונטער וועלכע באַדינגונגען, דער שם־המפורש קאָן נעמען אַרבעטן. („גלויבן", ז. 17).

דער „שם־המפורש" טערמין איז דאָ נעפּלדיק און העכסט־אַרכאַאיש, אָבער באַדייטן באַדייט ער דעם דראַנג צו באַפרייאונג, צו אויסלייזונג, קאָמפּלוסטיקייט און אָפּטימיזם, זיכערקייט אַז מע וועט זיגן, אַז די אונטעריאָכטע וועלן זיך באַפרייען, סוף־כל־סוף.

ב. ריווקין באַהויפּט, אַז אין יעדער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש זיינען די יידן, די יידישע האַרעפּאַשניקעס, באַרופן צו שפּילן אַ הויפּט־ראָלע, ווייל רעוואָלוציאָנערישקייט, ראַדיקאַליזם איז „אַריינגעבויט אין יידישן געביין". „דער געביין — דאָס איז דער אָפּלאַגער פון אונדזער גלויבנס־גבורה... אַזוי, אַז מיר אַלע האָבן געירשנט 'משיחיסטישן געביין', 'משיחיסטישן נערוו', אַן איינגעדרעמלטן משיחיזם, וואָס אָבער ניט ביי אַלעמען דערוואַכט ער אויפן זעלביקן שטייגער... אין מין יידן גיט ער טאַלאַנט צו וויזואַליזירן אידעאַלן און געשטאַלטן". („גלויבן", ז"ז 92־93).

פאַרוואָס איז די יידישע באַטייליקונג אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אַזוי אומגעהויער וויכטיק? ווייל אַ נייע יושרדיקע אָרדענונג קאָן זיך ניט איינשטעלן סיידן עס ווערט געשאַפן גלייכצייטיק אַ נייער עטישער מענטש. און ווי צו שאַפן אָט־דעם נייעם טיפּ מענטש, דאָס ווייסן, מיר, יידן. דאָס איז אונדזער, פון קדמונים־אָן, באַרוף. מיר האָבן באַשאַפן די משיח־געשטאַלט, די פערזאָן פון דעם פּערפעקטן, אַלטרויסטישן אָנפירער פון דער באַפרייאונג־באַוועגונג.

ווער זיינען די אמת־גלויביקע לויט ריווקינס אויפפאַס? אַלע די, וואָס קעמפן פאַר אַלמענטשלעכע צוקונפט־אידעאַלן. ווייל אמתער גלויבן איז ריזיקע און איינשטעל אויף דער וייטער צוקונפט. אָנגע־

מען אַ זאַך, וואָס איז נאָך דערווייל ניטאָ, און האַנדלען ווי זי וואָלט שוין געווען אַ טייל פון דער קעגנווערטיקערווירקלעכקייט, דאָס מיינט זיין אַן אמתער מאמין.

„אַלע וועלטלעכע ראַדיקאַלן, וואָס טראַכטן און האַנדלען לויט צוקונפט־אידעאַלן, זאָל נאָכאַמאָל אַ שבח אויף זיי געזאָגט ווערן... זיי גלויבן אין גלויבן... זיי וויסן דעם סעקרעט, אַז גלויבן איז די שעפערישסטע נשמה־פונקציע. גלויבן פאַרמערט, טאָפּלט די נשמה, רופט אַרויס קראַפט אין איר וואָס זי האָט פריער ניט געהאַט. זיי וויסן, אַז אין צוטרויען צום גלויבן לאָזט זיך טאָן אַ וועלט מיט אַר־בעט... זייער גאַנץ האַנדלען איז איינגעשטעלט אויף גלויבן אין זאַכן, וואָס זיינען נאָך ניטאָ און דאַרפן ערשט ווערן. זיי זיינען איינגעשטעלט אויף צוקונפט אידעאַלן... און וואָס לינקער געשטימט, אַלץ גרעסערע בעלי־אמונה — זיי גלויבן אויף־צו־להכעיס דעם ניכטערן שכל"... („גלויבן", ז"ז 23־24).

און מיר יידן זיינען גלויביקע „פּאַר עקסעלאַנץ". מיר „יידן זיי־נען די באַרופענע צו געבן דעם מענטשן אַ ניי־געשטאַלט, ווען די צייט וועט איבערברעכן... די קאַטאַסטראָפע שרייט דעם אייביקן יידן אין פנים אריין... וואו ביסטו מיט דיין אויסלייזערישער פונקציע"? (דאָרט, ז. 20). אין וועלכער צייט לעבן מיר? „אין מיטן פון דעם וועלט־געראַנגל... אַן איבערגאַנג צו אַ נייער וועלט־אָרדענונג". (דאָרט, ז. 19).

מיר קאָנען זיך פון אונדזער שליחות ניט באַפרייען. קומט ניט די ריכטיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועט קומען אַ קאָנטער־רעוואָלוציע, אַ פינצטערע רעאַקציע. קיין מיטן איז ניטאָ. אָדער מיר וועלן העלפן אויסקעמפן אַ נייעם סאָציאַל־יושרדיקן איינשטעל, אָדער מיר וועלן אונטערגיין, אָפּגעווישט ווערן פונעם פנים פון דער ערד. ווייל די רעאַקציע, די סטרא אחרא, אַרבעט מיטן זעלביקן מעטאָד. אויך זי ווענדט אָן געשטאַלט־געבונג. „אויב ניט אַ הייליקע, וועלן זיי אַ טיפולשע געשטאַלט דעם פאָלקס־מענטשן געבן. און היטלער, וועל־כער האָט געהאַט די גרעסערע, פסיכיש־צעבראָכענע פאָלקס־מאַסן און געגנוג יידן־מאַסע אויף אַרויסציען פון איר די נשמה, האָט באַקומען זי אין זיין רשות. ער האָט זיך פאַרנומען... אויסצוקאָנקורירן אונדזער פונקציע פון געשטאַלט־געבונג: ער וועט זיין דער געשטאַלט־געבער צו דער וועלט!... און אַנטקעגנגעשטעלט דעם יידיש־משיחיסטישן שם־המפורש זיין טריפהנעם טייוולאָנישן אשמדאי־שפּרוך: טויט צום

וועלט־יידנטום!... האָט ער זיך אָנגענומען מיט וועלט־פּאַרנעם. דער צושפּיל פון דער גאַנצער וועלט־אָרדענונג, וועלכע קרענקט אויף איבערגאַנג, האָט געהאַט געעפנט פאַר אים דעם וועג צו וועלט־מאַכט". („גלויבן", ז"ז 18־19).

מיר יידן האָבן ניט קיין ברירה, מיר מוזן קעמפן פאַר דעם נייעם איינשטעל, ווייל מיר זיינען „אַריינגעשטעלט אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער וועלט־סיטואַציע אויף דעם געפערלעכסטן אָרט... קומט ניט דער יידישער געשטאַלט־געבער, קומט זיין היפּוך, דער אַנטי־יידישער, אַ משחית אויף אונדזער קאָפּ". (דאָרט, ז"ז 19־20).

און די אמתע אויסלייזונג דאַרף פאָרקומען אויף אַ וועלט־מאַס־שטאַב. „אַ וועלט־טיש דאַרף געגרייט ווערן פאַר דער וועלט־אָרעמ־שאַפט". (דאָרט, ז. 20).

3

מיר האָבן אָנגעוואָרפן בלויז די ראשי־פּרקים, די הויפּט־טעזיסן פון ב. ריווקינס באַנעם פון יידישן לעבן און יידישן באַרוף אַלס אויפשטענדלער. איצט וועט אונדז לייכט זיין אויפצופאַסן זיין צוגאַנג צו די יידישע שאַפונגען אויפן געביט פון ליטעראַטור, סיי פּאָעזיע און סיי פּראָזע.

וואָס דאַרף טאָן די יידישע ליטעראַטור אין אונדזער קאַטאַסטראָ־פאַלער צייט? וואָס איז די עובדא פון יידישן דיכטער, פון יידישן פּראָזאַאיקער? זיין עובדא איז עבודה. ער דאַרף זיך איינגאַנצן אָפּ־געבן אין דינסט פון אַלמענטשלעכע צוקונפט־אידעאַלן.

„דאָס זיינען די שעפערישע מענטשן, די שריפטשטעלער, די קינסטלער... זיי פאַרלאָזן זיך סיסטעמאַטיש אויף רוח־הקודש. זיי טרויען זיך אָן דעם גייסט, ער זאָל זיי דערלאַנגען, וואָס זיי פאַר־לאַנגען. און עס פּאַסירט: ער דערלאַנגט זיי ווערק 'באַשאַפענע' פון גאָרניט, אַ יש מאין. זיי זיינען אוודאי גלויביקע. שאַפן איז אַ גלויבנס־אַקציע". („גלויבן", ז. 24).

אָט אַזוי שאַפט ב. ריווקין דעם צונויפגעשפּאַן צווישן גלויבן און שאַפן אין וואָרט, אין קינסטלערישן, דיכטערישן וואָרט.

יידישע ליטעראַטור טאָר ניט זיין גלאַט אַזוי זיך אַ לייַדיק־גייעריש ליטעראַטור. זי דאַרף טאָן אַרבעט, דאַרף קעמפן פאַרן יידישן קיום, און ניט סתם קיום, נאָר אַ קיום וואָס איז אָפּהענגיק

פון דעם נצחון פון סאָציאַלן יושר אויף דער וועלט. מיט פּראָסטע ווערטער, זי דאַרף פאַרקאָטשען די אַרבל און שמירן די רעדער פון דעם רייטוואָגן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ליטעראַטור דאַרף פאַרנעמען ביי דעם היינט־צייטיקן יידן דעם פּלאַץ, וואָס רעליגיע האָט פאַרנומען ביי דעם אַמאָליקן פרומען יידן. די פונקציע קאָן זי דער־פילן, וויל, טיפער פאַרשטאַנען, וואָס איז געווען דער ווירקזאַמסטער מיטל, וועלכן די אַלטע רעליגיע האָט אָנגעווענדט אויף צו דער־הויבן דעם מענטשן און יידן? קונסט. מענטש־באַשאַף אין פאַר־שטעלונג, אין דיכטערישער וויזיע. וואָרים וואָס איז אַזוינס גאָט? ער איז דאָך בלויז אַן איבערגעשטאַלטיקטער מענטש, דער אידעאַלער אינדיווידו, דער פּערפעקטער מענטש־מענטשהייט, וואָס איז אַ צונויפ־נעם פון אַלע סאָציאַלע, פּסיכאָלאָגישע, ביאָלאָגישע און קאָסמישע אי־דעאַלן. רעליגיע און קונסט איז די זעלביקע זאַך כמעט. „עלימינירט די פּרימיטיווע טעאָלאָגיע — און עס שטעלט זיך אָפּ אַ ריינער קונסט־אַקט, די פאַרלעבעדיקונג פון לעבן, די פאַרגעשטאַלטיקונג פון מענטשן. אין זייער עצם זיינען דער רעליגיעזער אַקט, דער גלויבנס־אַקט און דער קונסט־אַקט אידענטיש; זיי האָבן איינע און די זעלביקע וואָרצ־לען. לעבן וויל אַלץ מער פאַרמערט ווערן, מענטש וויל אַלץ ווייטער באַשאַפן ווערן". („גרונט־טענדענצן", ז. 208).

און נאָך קאָנקרעטער. מיט וועלכן מיטל האָט רעליגיע זיך כסדר באַנוצט כדי צו האַלטן דעם יידן געשפּאַנט, אין אַ צושטאַנד פון עק־זאַלטאַציע? דאָס איז די משיח־געשטאַלט. און משיחיזם איז געווען אַ שטיק קונסט־ווערק. משיח־געשטאַלט האָט זיך אויסגערונדיקט און איז געוואָרן אַ משיח־ספּעקטאַקל, אַן אויפשפּיל פון דער זיג־דראַמע, אַ פאַרשטעלונג פון דער ליכטיקער יושרדיקער צוקונפט, פון דעם מאָרגן נאָך דער געלונגענער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אין דער פינצ־טערער רשעותדיקער קעגנוואַרט. דער אויפשפּיל קומט פאָר אין באַ־וואוסטזיין פון גלויביקן קעמפער. אַזוי אַז די אַלטע רעליגיע מיט אירע צערעמאָניאַלן האָט באמת געברויכט קונסט־מיטלען, טעאַטער־שטיק אויפגעפירט אין באַוואוסטזיין פון מענטשן. אָבער מען דאַרף באַגרייפן, אַז שפּיל איז זייער אַן ערנסטער ענין.

„איז עס אַ סעקרעט, אַז לענין... איז אין דער פּראַקטיק געווען אַן ערשט־גראַדיקער קינסטלער? פון די קינסטלערישע מעטאָדן האָט ער מיט פאַרליבע געניצט דעם מעטאָד פון טעאַטראַליזאַציע, וואָס ווירקט אויפן מוח דורכן אויג און אויער און דערלאַנגט זיך צו דער

מאַסע... האָט דער שטראָם פון טעאַטראַלישקייט אַלץ מער זיך גע־שפּרייט: מאַניפעסטאַציעס, פאָלקס־יום־טובים, טעאַטראַליזירטע פּראָ־צעסיעס... איז טאַקע אמת, אַז טעאַטראַליזאַציע, געשפּילטע ליטעראַ־טור ווירקט שטאַרקער ווי געזעץ אָדער פּראָפּאַגאַנדע: געזעץ צווינגט די הענט, זיי זאָלן פאָלגן; פּראָפּאַגאַנדע באַרירט אידייאיש דעם שפּיץ מוח. שפּיל דרינגט טיפער אין מוח אַריין, עס שפּילט דעם מוח אי־בער". (דאָרט, ז"ז 227־228).

אַזוי אַז דעם איבערגאַנג פון רעליגיע, וואָס האָט אויסגענוצט קונסט, צו אמתער קונסט איז ניט שווער צו מאַכן. און ב. ריווקין שטעלט אַוועק אין דער ערשטער ריי פון די סוראָגאַטן פון רעליגיע, די „במקומס", ליטעראַטור. („גלויבן", ז. 16). ער גייט אַפילו ווייטער און פאַרזיכערט אונדז, אַז „די יידישע ליטעראַטור איז געווען ניט נאָר ׳במקום־רעליגיע׳, נאָר בפירוש רעליגיע, בפירוש אַ פאָרזעצונג פון דער יידישער רעליגיע. דער קינסטלערישער אַקט בכלל איז אַ רע־ליגיעזער אַקט. ביידע נעמען זיך אַרויס פון איין קוואַל, ביידע שאַפן דעם מענטשן, שאַפן די וועלט פון אינעווייניק אַרויס... וואָס מענטש־שעפעריש, וועלט־שעפעריש — איז רעליגיע. די יידישע ליטעראַטור האָט געעפנט אַ קאַנאַל פאַר אַ נייער רעליגעזער יידישער שעפעריש־קייט". („גרונט־טענדענצן", ז. 306).

געטהע זאָגט: „איך בין ניט געקומען דיך צו פאַרוויילן, נאָר דיך צו לערנען". ב. ריווקין זאָגט אים נאָך מיט אַ צולייג־אויסבעסער: ליטעראַטור קומט טאַקע לערנען, אָבער ווי אַזוי לערנען? מיט וועל־כע פּעדאַגאָגישע מיטלען? דורך געשטאַלטיקונג, דורך שאַפן מוס־טערן, וועלכע דער לייענער וועט נאָכטאָן; דורך שאַפן סיטואַציעס, אין וועלכע דער לייענער וועט אַריינגעצויגן ווערן, און ער וועט מאַכן פון זיך אַ מיטשפּילער אין גרויסן ערנסטן וועלט־אויפשפּיל אויף גאולה, וואָס שאַפט איבער הן די געזעלשאַפט און הן דעם איינצלנעם מענטשן — און וועלכע הייסט סאָציאַלע רעוואָלוציע.

ליטעראַטור, פּאָעזיע דאַרף זען איר עובדא אין איבערשמעלצן, איבערפורעמען דעם פּשוטן אַרבעטער און מאַכן פון אים אַן אומ־דערשראָקענעם קעמפער, אַ שלאָגלער.

אָט ווי ב. ריווקין שטעלט זיך פאַר וואָס אַן עכט ליד דאַרף זיין אין אונדזער גרויסער היסטאָרישער צייט, ווען די אַלטע וועלט פאַר־גייט אין פלאַמען, זינקט אַראָפּ אין תהום, און אַ נייע וועלט טויכט אַרויף פון די טיפענישן פון נויט, ליידן און געפּעכט.

„אויף דער וועלט איז מער קיין אידיליע ניטאָ. און אין האַרצן פֿון האַרעפּאַשנעם ייד־מענטש פֿון היינטיקן טאָג... איז אַוודאי קיין אידיליע ניטאָ. דורך אים איז דורכגעגאַנגען דער וועלט־בראַך... איז אויס מיט אַלע אידיליעס! דער יידישער מאַסן־מענטש איז אין סאַמע מיטן פֿון וועלט־צוזאַמענברוך... פֿון סאַמע מיטן אַרויס־געררוקט געוואָרן אין סאַמע פֿראַנט פֿון פֿעלקער־קלאַסן־צוזאַמענשטויס. איז ער דאָס באַקוועמסטע ציל־ברעט פֿאַר דער רעאַקציע. אויף אים איז אָנגעצילעוועט און קאָנצענטרירט די פֿאַשיזירטע און היטלעריזיר־טע קאָנטער־אַטאַקע... דאַרף מען אים צוגעגרייטער מאַכן — אָנ־שטעלן און אָנשטאַלעווען און אָנצילעווען זיין האַרץ צום מוראדיקן פֿאַרמעסט... וואָרט דאַרף ווערן אונדזער הויפּט־וואָפֿן... דאָס יידישע וואָרט דאַרף פֿאַרצענפֿאַכן, פֿאַרהונדערטפֿאַכן דעם יידישן האַרעפּאַש־נעם כוח. פֿון יידישן וואָרט דאַרף אים צוקומען די גבורה, וואָס זאָל אים אַרויסרוקן אין אַוואַנגאַרד, אין דער פֿיאָנערן־ריי פֿון די פֿלאַם־פֿייער־וואַרפֿער, שטורעמער, שלאָגלער און וועלט־איבערבויער". („דיכ־טער", ז"ז 23־25).

דאָס יידיש ליד דאַרף רופֿן צום קאַמף, צום פֿאַרמעסט מיט דער רשעות־וועלט, און דאַרף אויך געבן כוח דעם קעמפֿער, אַזוי אַז ער זאָל זיכער זיגן. ווייל עס איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט צו זיגן. די מעג־לעכקייט דאַרף מאַכן באַשיינפּערלעך, אַוועקשטעלן פֿאַר די אויגן פֿון שלאָגלער דאָס פּאָעטישע וואָרט, וואָס שפּאַלט די נעפּלען פֿון דער ווייטקייט אין צייט און ברענגט די צוקונפֿט און איר טריאומף נאָענט צום קעמפֿער. דאָס פּאָעטיש וואָרט, ווען עס איז עכט און אמת, איז אַ גרויסע קראַפֿט, כמעט אַלמעכטיק. יעדנפֿאַלס איז באַהערשט פֿון שטימונג און מוט פֿון אידעאַליסט שלאָגלער און וועלט־איבער־בויער.

ב. ריווקין טרעט אַרויס שאַרף און קריגעריש קעגן דער אויס־געליידיקטער „ליטעראַרישער פֿאַפּירענער פּאָעזיע" (דאָרט, ז. 28):
„אונטער די אומשטענדן פֿון היינטיקן יידישן וועלט־טאָג איז עס שעדלעכע ליטעראַטור, וואָס גלייכט זיך אויס אין שעדלעכקייט מיט דער רעליגיע, וואָס באַשמירט מיט כשר בוימל־גוטסקייט דעם שפּיץ פֿון דבר־אחרשן האַרצן... דאָס איז פּליטה־מאַכעריי. דאָס איז די ליטעראַטור ספּעציעל פֿאַר עסטעטישער הנאה". (דאָרט, ז. 28).

ב. ריווקין וויל, אַז ליטעראַטור זאָל רופֿן אין לעבן אַריין, אין קאַמף פֿאַר אַ נייעם עכט־מענטשישן לעבן, און ניט אַוועקרופֿן פֿון

לעבן, דינען פאַר אַן „אַנטריבונג־מעכאַניזם״, אַן אָרט וואו מ׳קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלער צי אין אויבנשטיבל, אין העלפאַנטביין־טורעם, און ניט זען און ניט הערן וואָס עס קומט פאָר אין גאַס, אויף דעם שלאַכטפעלד, אין געטומל פון די סאָציאַלע געפעכטן.

„אייגנטלעך גייט די נביאישע קונסט מיט דער פּראָלעטאַרישער אין איין ריכטונג... זי וויל איבערנעמען דעם הויפּט־חלק פון דער אַרבעט, וואָס די פּאַרטיי פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָט זיך אונטערגענומען״. (דאָרט, ז״ז 32־33).

אַן אידעאַל, אַן אַ שטרעבן צו יושר, אַן אָט־דעם הויפּט־דראַנג, וואָס פּולסירט אין האַרצן פון מאָראַלישן מענטשן, וואָס קאָן די פּאָעזיע אויפטאָן? זי ווערט בלוט־אָרעם, קאָליר־אַביונדיק, ווי אַ פלאַנץ פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פון אַ פינצטערן קעלער אָן אַ טראָפּן ליכט זי צו דערהאַלטן ביי דער נשמה. אַזאַ פּאָעזיע זעט ניט אָן די ווייסע וועלט, די העכערע עמאָציעס פון מענטשלעכן געמיט. אַזאַ פּאָעזיע נערט זיך מיטן אָפּפאַל פון דעם אורמענטשנס ליידנשאַפטן און גראָבע תאוות.

ב. ריווקין טראָגט אַרויס זיין פאַרדאַמונגס־ווערדיקט דער גאַנצער פעאָדאַלער, פּריצישער און בורזשואַזער ליטעראַטור, און ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די, וואָס האָבן אָט די דעגענעראַטיווע פאַר־מען דווקא אַריינגעשלעפּט אין דער יידישער ליטעראַטור.

„און מען האָט אין איילעניש איבערגענומען דעם לייטישן פּריציש־בורזשואַזן ליטעראַטור־איינשטעל, וואו די ליטעראַטור דאַרף גאָר ניט ענדערן אין דער אָרדענונג ווי זי איז, נאָר פאַרמערן דאַרף זי וואוילטאָג מיט איידעלער קונסט־הנאה... און איבערגענומען האָט מען פאַר גרויס שמחה די אַלע ׳שבולתן׳, וואָס פאַרהערלעכן די פּאַפּירענע ׳קונסט לשם קונסט׳.״ („גרונט־טענדענצן״, ז״ז 195־196).

אַ קלאַס וואָס איז האַלב־טויט, וואָס איז פאַרמשפּט פון דער געשיכטע אויף אונטערגאַנג, ווי די בורזשואַזיע איז אין אונדזער עפּאָכע, איז ניט בכוח אַרויסצוטיילן פון זיך געזונטע, קרעפטיקע, תוכיקע קינסטלער. ווייל דער קלאַס האָט ניט וואָס צו זאָגן דער וועלט, ער קאָן ניט זאָגן קיין ניי וואָרט, ווייל ער קוקט אַלץ הינטערווייליעכטס און קאָן ניט זען דעם זונען־אויפגאַנג, וואָס רויטלט די הימלען, קאָן ניט זען די צוקונפט, פאַר וועלכער ער האָט מורא, ווייל ער שפּירט בחוש, אַז זי וועט אים קיין גוטס ניט ברענגען. און די פאַרשטייערס פון אַזאַ קלאַס, וואָס דריקן אויס זיינע שטימונגען מיידן אויס אַנ־

צורירן תוך־זאַכן, זיי פאַרנעמען זיך מיט גרויס בריהשקייט בלויז מיט דער געקינצלטער 'ראַפינירטער' פאָרם פון אויסדרוק. דערפאַר האָבן זיי געשאַפן אַ טעאָריע פון „קונסט פאַר קונסטוועגן", קונסט־שאַפונגען, וואָס דינען ניט דעם יחיד און ניט דער געזעלשאַפט. דעם יחיד קאָנען זיי ניט דינען, ווייל זיי דעקן ניט אויף די באמת־פאַר־הוילענע טיפענישן, אָפּגרונטן פון דער מענטשלעכער נשמה, וועלכע ווערן אַנטבלויזט און אַנטפּלעקט בלויז אין הערויִשע מאָמענטן, ווען דער יחיד קעמפט פאַר אַ נייעם איינשטעל, ווען ער ברענט מיט אַנט־ציקונג און ענטוזיאַזם פאַר אַן אידעאַל. זיי גראָבן ניט, זיי צע־אַקערן ניט די מענטשלעכע זעל, ווייל זיי האָבן ניט וואָס צו פאַר־זייען דאָרטן. אַלץ וואָס אַט־די בורזשואַזע קינסטלער טוען, איז דראַפּען זיך מיט די נעגל. דאָס העכסטע, וואָס זיי קאָנען אויפטאָן, איז אָנ־קראַצן אַ פרישטשיק, אַ געשווירל, אָדער אַרויסקיצלען אַ געלעכטערל. קיין אמתע, עכטע, טיף־זעלישע איבערלעבונגען אָדער אויפרודערונגען זיינען זיי ניט אימשטאַנד אַרויסצורופן. מיט דעם דערקלערט זיך וואָס זיי ראַיען זיך כסדר אין דעם זומפּ פון פאַרברעכן און געשלעכט.

„דאָס איז פריצישע קונסט. דער רוסישער פריץ, אַליין אַ פאַר־גוואַלטיקער, האָט מיט הנאה געלייענט טאָלסטאָיס 'וואָסקרעסעניע', כדי צו פאַרזוכן דעם טעם פון געוויסן, אָן שום שאָדן פאַר זיך. ער וועט זיך ווייטער טאָן זיינס. די קונסט האָט געדאַרפט צוגעבן עולם־הבא צום פריצס עולם־הזה. די קונסט־טעאָריע האָט די פריצישקייט פאַר־אײדלט. די קונסט דאַרף זיך אָפּגעבן מיט דעם 'אייביק־מענטשלעכן', וואָס איז דאָ אַפילו אין פריץ". (דאָרט, ז. 307).

„דער יידישער שריפטשטעלער... טאָר זיך ניט לאָזן וואויל־גיין ווי קינסטלער־פריצים ביי די 'ליטישע' פעלקער טוען עס, מיט לאָזן פלאַטערן שפּיל־פייגעלעך אין גאָרטן פון קונסט. איידער ער וועט זיך אומקוקן, וועלן זיינע שפּיל־פייגעלעך ווערן פּאַפּירענע, און זיין קונסט־גאָרטן אַ פּאַפּירענער קונץ־מוזיי". (דאָרט, ז. 204).

* * *

ב. ריווקין שטעלט גרויסע פאָדערונגען צו דער יידישער ליטע־ראַטור און צום יידישן וואָרט־קינסטלער, מסתם אויף דעם סמך, „וועמען עס איז אַ סך געגעבן, פון יענעם קאָן מען פיל פאַרלאַנ־גען".

ב. ריווקין איז אַ גרויסער מאָנער. ער וויל, אַז דער יידישער

קינסטלער זאָל באמת זיין אָריגינעל. ער לערנט עס אויף דעם גרונט פון אַן אַנאַלאָגיע. דער קונסט־אַקט, לויט זיין אויפפאַסונג, איז אידענטיש מיט דעם רעליגיעזן אַקט. אין רעליגיע זיינען מיר יידן געווען גרויסאויפטועריש, געשאַפן אַן אייגענעם גאַנג, פאַרפאַסט ווערק, נבואהשע ווערק, וואָס זיינען אַנגענומען ביי דעם גרעסטן טייל פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. האַלט ב. ריווקין, אַז דאָס אייגענע האָבן מיר געדאַרפט באַווייזן אויפצוטאָן אין ליטעראַטור, און פאָעזיע. מיר דאַרפן ניט זיין קיין נאָכמאַכער, קיין וואָלוועלע אימיטאַטאָרן, נאָר באַנברעכער, אָנצייגער פון נייע וועגן. און ער ווייטיקט און בלוטיקט, הלמאי דער לייב פון יהודה איז געוואָרן אין ליטעראַטור־ענינים, אין בעלעטריסטיק, גאָר כמעט ווי אַ מאַלפע...

ב. ריווקין איז געווען ברויזנדיק־שעפעריש, כמעט וואולקאַניש. זיינע געדאַנקען ברענגט ער ניט אַרויס, נאָר ער ערופּטירט זיי. ער איז געגליכן אין זיין שרייבן צו דער באַרג סיני־אַנטפּלעקונג: ער באַווייזט זיך מיט דונערן און בליצן, און אויך מיט וואָלקנס רויך. אָבער ער לאָזט הערן זיינע געבאָטן.

מיר דוכט, אַז ווי אַ קריטיקער איז ער געווען צו קרעפטיק, צו דרייסט און אויפטועריש, נאָוואַטאָריש, כאָטש ער האָט די לעצטע אייגנשאַפט זיינע פאַרדעקט מיט אַ שלייער פון אַלט־טראַדיציאָנעלע אויסדרוקן, — פאַר די קינסטער, וועלכע ער האָט געוואָלט באַאיינפלוסן און פירן אויף זיינע הויכע דרכים.

זיי האָבן ניט געהאַט גענוג ווילן און טאַלאַנט אים צו פאָלגן, נאָכפאָלגן און ניט געשטרויכלט ווערן.

איך וואָלט אויף אים זאָגן: „לא הוכשר דרא", דער דור סיי פון די שרייבער סיי פון די לייענער, סיי פון זיינע קאָלעגן קריטיקער, איז ניט געווען ראוי אים אויפצונעמען ווי געהעריק און אים אָפּשאַצן לויט זיין ווערט נאָך.

זיין קול איז אַ נביאישער, אָבער גאַנץ אָפט איז עס געבליבן אַ קול וואָס רופט אין אַ ווילדערניש...

„יידישע קולטור", יאַנואַר, 1949.

II

ימים טובים — ווי שוישפּיל

ב. ריווקין, „יידישע יום־טובים״ צונויפגעשטעלט פון
מינא ריווקין, ניו־יאָרק, 1950, 255 ז.

א

דער חומש באַצייכנט דאָס יידישע פאָלק ווי אַן „עם קשה עורף״, אַ פאָלק פון עקשנים. איך וואָלט זאָגן, אַז די געבראָטענסטע עקשנים ביי דעם עקשן־פאָלק זיינען, אפנים, זיינע יידיש־שרייבער. הגם דער נאָכפרעג אויפן יידישן בוך וועררט קלענער מיט יעדן טאָג און האַלט שוין כמעט ביים נול־פונקט, ווערט, אָבער, דער אָנבאָט ניט געמינערט.

צווישן אַט־די האַרט־נעקיקע, וואָס רעכענען זיך ניט מיט די שווערע אומשטענדן און קלאָגעדיקן מצב פון יידישן ביכער־מאַרק, געפינט זיך די פאַערקשנטע אלמנה ריווקין, וועלכע שטעלט צוזאַמען, פון אַרטיקלען, פאַרעפנטלעכטע אין באַזונדערע אויסגאַבעס און נאָך ביז אַהער ניט פאַרעפנטלעכטע, גענומענע פון איבערגעבליבענע כתבי־יד וואָס עס איז שווער צו דעשיפרירן, ביכער פון ב. ריווקין ע״ה און גיט זיי אַרויס. פינף ביכער האָט זי, פאַר דער צייט פון נאָך זיין אַוועקגיין פון אונדז, „דורכגעשטופּט״ דורך פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן און דאָס זעקסטע בוך, נעמלעך „יידישע יום־טובים״, האָט זי אַליין אַרויסגעגעבן, און זיך פאַרשולדיקט, מסתמא, צום דרוקער, ווי דער שטייגער איז ביי יידישע שרייבער.

איז אַט־די עקשנות און איבערגעבנקייט צום יידיש־שעפערישן וואָרט טאַקע צו באַוואונדערן. אַמאָל האָט מען גערופן דאָס יידיש פאָלק אַן „עם־הספר״, דאָס פאָלק פון בוך, אַ פאָלק ביי וועמען דער ספר דינט, צו געברויכן ריווקינס טערמינאָלאָגיע, אַלס אַ „במקום

טעריטאָריע", „במקום מדינה", היינט דאַרף מען אים רופן אַן „עם הסופרים", אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט שרייבער, וועלכע איגנאָרירן די אומ־גינציקעווירקלעכקייט, די זייער אומגעהויער שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און כמעט אויף אַ מאַרטירער־אופן, מיט מסירת־נפש, פאַרפאַסן און שטעלן צוזאַמען ווערק און ברענגען זיי אַרויס, ניט דערוואַרטנדיק קיין מאַטעריעלן לויין, נאָר עולם־הבא, דאָס הייסט האָבן די באַפרידיקונג וואָס קומט פון באַוואוסטזיין, אַז זיי קעמפן מיט כל־הכוחות פאַר דעם דערהאַלט פון יידיש־וואָרט און יידיש־קולטור און לאָזן זיי ניט אונטער־גיין.

ב

דורך ב. ריווקינס ווערק „יידישע יום־טובים" גייט דורך ריווקינס הויפּט־געדאַנק, אַז רעליגיע און קונסט זיינען, אין תוך גענומען, איין און די זעלביקע זאַך, און אַז די יידישע יום־טובים זיינען באמת, נאָך אַ דורכדרינגענדיקן אַנאַליז, פאַרשטעלטע טעאַטראַלישע אויפשפּילונגען פון אַ דערלייזונג־דראַמע. און נאָך מער, דער גאַנצער יידישער אָפּ־געהיטער שטייגער, וואָס האַלט זיך, דאַכט זיך, אויף אַ „כּכתוב", אַ שטרענג־פּעדאַנטישן רעגלאַמענט, איז באמת גאָר אַן אייגנאַרטיקע שוישפּילעריי. אָט־דער שטעכעדיקער דאָרן פון איינגעדאַרטע מנהגים איז גאָר אַ פיין צעצווייגטער בוים פון עסטעטיק. און ער טראָגט זאַפטיקע פּירות. ער איז אַן עקספּרעסיע פון אַ בענקשאַפט נאָך שיינקייט און שפּילעוודיקייט.

אָט־וואָס ב. ריווקין זאָגט אונדז:

„...אין תוך איז ניטאָ קיין גרונט־אונטערשייד צווישן דער שפּילערישער קונסט און דעם געטלעכן אמת־ערנסט.

דאָס איז נאָך פאַרויסגעפּילט געוואָרן פאַרצייטן אין דעם מאמר: „עס וועט קומען אַ צייט, ווען די טעאַטערס און צירקן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין ערטער פון תורה. [דאָס איז אַ מאמר חז"ל אין גמרא מגילה דף ו, עמוד א'].

אויב עס לאָזט זיך נאָר פאַרוואַנדלען, זיינען זיי דאָך אין תוך איינס — קאָן די פאַרוואַנדלונג זיין פאַרקערט אויך: אַ תורה־אָרט זאָל ווערן טעאַטער.

יאָ, אין תוך איז דאָס איינס — תורה און קונסט — מען דאַרף עס נאָר קאָנען אויפכאַפּן; מען דאַרף עס קאָנען צוריקפירן צום סאַמע אָנהויב.

עס איז דאָ קונסט אין רעליגיע, און אַ שיעור קונסט אין דער ייִדישער רעליגיע; און רעליגיע איז געווען די ייִדישע הויפּט־קונסט" (ז. 125).

ב. ריווקין ווי עס איז צו זען פון זיינע רייד, איז איינשטימיק מיט דעם דענקער ר. ר. מאַרעט, וואָס באַהויפּט, אַז „דער מענטש... טראַכט ניט אויס שכלדיק זיין רעליגיע, נאָר ער טאַנצט זי אויס... די ווילדע... טאַנצן זייער רעליגיע, נאָכפאָלגנדיק דעם אָנפירער אין טאַנץ, וועלכער איז אַ פולקומענער דערוויש, וואָס לעבט מיטן קאָפּ אין אַן אומאויפהערלעכן ווירבל..." [1])

דאָס אייגענע, אין אַנדערע ווערטער, שרייבט עדמונד ד. סאָפּער: [2])

„דער ריטואַל גייט פאַרויס פאַרן גלויבן... דער ווילדער רעאַגירט אויף זיין אומגעבונג צוערשט עמאָציאָנעל, דורך אַ האַנדלונג, אַ טאַנץ, אַ צערעמאָניאַל, און בלויז פיל שפּעטער ווערט עס אַן אינטעלעקטועלער ענין, אַ גלויבן אָדער אַ באַנעם".

ווען מען דערמאָנט זיך וויפיל דביקות און התלהבות, רעליגיעזן ברען און „התפשטות הגשמיות", דאָס אַרויסגיין פון זיך און פון דער אַרומיקער וואָכעדיקער וועלט, די חסידים האָבן אַריינגעטאָן אין זייערע רקידהלעך, איז שווער זיך ניט אָנצושליסן אָן דער שולע פון פאָרשער צו וועלכער ריווקין געהערט, וואָס באַהויפּט אַז רעליגיע האָט איר מקור אין עמאָציאָנעלן קינסטלערישן איבערוויז, אין שוישפּילערישן אויסדרוק וואָס פליסט אַרויס פון מענטשלעכן און אַנימאַלישן אינסטינקט פאַר היסטריאָניק, טעאַטראַלישקייט און ספּעקטאַקל.

ב. ריווקין באַהויפּט אַז שוישפּיל איז, ממש, ברויט פאַר דער נשמה.

„ברויט איז לעבנס שפּייז, וואָס אָן דעם איז לעבן ניט מעגלעך. פּשוט ברויט איז שפּייז פאַרן לייב, שוישפּיל־ברויט איז נשמה־שפּייז, וואָס אָן דעם קען מען די נשמה ניט דערהאַלטן.

קיין נייער שפּראַך לעבן קאָן ניט צוקומען... נייע אידייען־ברענגער זיינען שוישפּילער... זיי דאַרפן אויסטראַכטן, ריזיקירן, זיך פאַרמעסטן און דערלאַנגען" (ז. 160).

דער מחבר ברייטערט אויס דעם באַגריף־היקף פון שוישפּילעריי ביז עס נעמט אַריין דעם גאַנצן תחום פון שעפערישקייט, אויפטועדישקייט אין וועלכן דער אָריגינעלער מענטש, טאַלאַנט און זשעני,

1) R. R. Marett, *The Threshold of Religion* pp. 180-81. N. Y. 1914

2) Edmund D. Soper, *Religions of Mankind* p. 79, N. Y. 1938

באהויפט זיך. ביי אים פאלט צוזאמען קלוגשאפט, פארשערישקייט, וויסנשאפט מיט שווישפילעריי, מיט ריינער עסטעטיק, מיט שיינקייט.

דאס איז אויך דער שטאנדפונקט פון מחבר פון ספר משלי.

חכמה, וואס איז אידענטיש מיט תורה און רעליגיע אין אט־דעם גרויסן ווערק פון אפאריזמען, זאגט וועגן זיך: „האב איך זיך דער־צויגן ביי אים (ביי יהוה), און איך בין געווען א פרייד טאג־טעגלעך, זיך געשפילט פאר אים (פאר יהוה) די גאנצע צייט. זיך געשפילט אויף זיין ערדישער וועלט, און מיין פרייד געהאט ביי די מענטשנקינדער" (משלי, ח׳, ל־ל״א).

אט־די חכמה־תורה־יראה אין שפיל איז אזוי וויכטיק, אז זי זאגט, ווייטער, וועגן זיך:

„ווארום דער וואס געפינט מיך, געפינט לעבן, און קריגט באווי־ליקונג פון יהוה, און דער וואס פארפעלט מיך, בארויבט זיך אליין, אלע וואס האבן מיך פיינט, האבן ליב דעם טויט" (דארט, ל״ה־ל״ו).

אן דעם־דאזיקן חכמה־רעליגיע שפיל איז ניט מעגלעך קיין פול לעבן, קיין פארבן־רייכע עקזיסטענץ פאר די מענטשנקינדער. אט־דאס שפיל איז זייער טאגטעגלעך ברויט און פרייד וואס נערט זייער נשמה, גיט זיי חיות, טוט אריין זיבן טעמים, געשמאק, געווירץ און רייץ אין זייער גרוי־באטריבטן לעבן...

ווי באלערנדיק און אינטערעסאנט ריווקין מאלט אפ דעם יידישן פרום־אפגעהיטן, דוכט זיך, איינגאנצן פארטריקנטן, רוטינערן מעכאנישן שטייגער. ער קוקט אויף אים מיט אנדערע אויגן, שענקט אים א טיף־אריינדרינגענדיקן און הארציק־סימפאטישן אריינבליק, און, ממילא, דערזעט ער אים אין א נייעם אויפלייכט. אונטער זיין היפנאטישן קוק ווערט ער עפעס ווי א פארוואנדלטער אין א ניי אויסטערליש געשטאל־טונג, וואס איז טשיקאווע און אנלאקנדיק.

„אין דעם וואכעדיקסטן טאג האט דער ייד זיך ניט געזעצט צום טיש ניט דורכפירנדיק א גאנץ קאמפליצירטע שווישפילערישע צערע־מאניע: דאס וואשן זיך מיט א ברכה, דאס המוציא־מאכן מיט פארמאכטע אויגן, און דאס בענטשן, וואס האט ביי א פארהארעוועטן מענטשן גע־דויערט לענגער ווי דאס עסן...

קוקט זיך צו פונדערווייטנס צו דעם יידן אין דער געטא... צו זיין יעדן ריר און קער, — גייט ער דען ניט ארום, פון פרי ביז שפעט — פון זיין אויפהויבן זיך פון בעט ביז זיין לייגן זיך שלאפן... א גרימירטער — און האלט כסדר אין שפילן טעאטער. אויף טריט און

שריט איז ער מקיים אַ מצווה, וועלכע האָט קיין אַנדער צוועק ניט, ווי צו געבן דעם שוישפּילער אַ געלעגנהייט אַ שפּיל צו טאָן. אין דער פרי צו שחרית, טוט ער נאָך אָן אַ ספּעציעלן טעאַטראַלישן קאָסטיום" (ז. 59־158).

אַפילו דעם פאַרשנורעוועטן, דיסציפּלינאַרישן בוך פון פאַרשריפטן פאַר יעדן דעטאַל פון יידישן אויפפיר פון, כמעט, וויג ביז צום קבר. אָט־דעם צוואנג־ראָק פון פרומער עטיקעט און פאַרגליווערטער, מאַריינירטער הנהגה, האָט ריווקין דערבליקט אין אַ נייעם צויבער־שיין.

„דער שולחן ערוך איז פול מיט תרי"ג פאַרשריפטן פאַר דעם יידן ווי צו שפּילן. דער שולחן־ערוך האָט זיי געגרופּן סייגים — צוימען אַרום דער תורה; אין דער אמתן זיינען דאָס געווען בינע־ברעטער, דעקאָראַציעס... ווענט און בערג — "פּראָפּס" — זאַכן נויטיקע צום שפּילן.

דער שולחן־ערוך איז געווען דער גרעסטער יידישער רעזשיסאָר פון אַלע צייטן; ער האָט דאָס גאַנצע יידישע לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ... פּיעסע, אין אַ ריזיקן ספּעקטאַקל... אויף צו שפּילן טויזנטער יאָרן — נאָר ניט קענענדיק די הייַנטיקע רעזשיסאָרישע שפּראַך האָט ער גערעדט האַרט און טרוקן: אַ גדר נאָך אַ גדר, און נאָך אַ גדר"... (דאָרט).

וויבאַלד דער שוישפּיל טוי פאַלט אויף דעם פאַרוואָרלאָזטן און פאַרטריקנטן געוויקס, נעמט עס ווערן פריש־גרין, לעבעדיק, באַקומט קאָליר פון פאַרוויילונג און אָט־אָט נעמט עס כמעט ווי בלימלען אונטער דעם כישוף פון ריווקינס וואָרט און באַלייכטונג.

אָט־דעם אָריגינעלן פאַרוואַנדלונגס־מעטאָד ווענדט ריווקין אָן אַלס אַ מיטל שלום צו מאַכן צווישן די צוויי שטרייטנדיקע צדדים אויף דער יידישער גאַס, די פרומע און, אַזוי גערופענע, וועלטלעכע יידן.

„מיר האָבן צוויי פעלקער, וואָס ריידן צוויי באַזונדערע לשונות — אַ פרומען און וועלטלעכן לשון. אפשר איז די סוכה דער פּאַסיקסטער אָרט, וואו זיי קאָנען זיך צעזונפריידן און זיך פאַרשטענדיקן? אַזאַ פאַרשטענדיקונג איז דער געבאָט פון טאָג...

אָט שטייט אַ יום־טוב סוכות און בעט זיך: ,נעם מיך איבער!' און ער ווייזט אים ווי אַזוי: נעם אַ פלעקל, אַ שטעקל, אַ טיר מיט אַ לאָדן — מאַך זיך צורעכט אַ בינע און שפּיל...

די סוכה איז דאָך בוכשטעבלעך אַ בינע — פון ברעטער צעזויפּ־

געשלאָגן, מיט אַ דאַך פון סכך איבערגעצויגן, מיט אַ פענצטער אַרויס־צוקוקן, כאָטש מען דאַרף ערגעץ ניט קוקן" (זז. 49־50).

דער רעליגיעזער צערעמאָניאַל קריגט אַ נייעם פּנים ביים מחבר. ער ווערט שפּילעוודיק, פאַרווײַלעריש און אַמוזירנדיק פאַר יעדן סיי פרום סיי ניט פרום, סיי רעליגיעז סיי אַנטי־רעליגיעז. ווען רעליגיע און איר קולט ווערן אויפגעפאַסט ווי ריינע קונסט, הערט זי אויף צו זיין פאַרבינדלעך צושטייעריש, זיך־אַרויפצווינגנדיק אויפן מענטשן, זי ווערט אַ באַשטאַנדטייל פון עסטעטישן געניס, וועלכער איז פריי און מיט זיין פרייקייט און שיינקייט געווינט ער זיינע אַנהענגער. דער מענטש מוז זיך ניט אַמוזירן אָבער ער וויל עס און ער טוט עס פריי־וויליק, ווייל עס שאַפט אַרום אים אַ נייע סביבה, אין וועלכער ער באַהויפּט זיך אַלס אַ פרייער אַגענט. אונטער דעם הויך און מאַגיק־צויבער פון קונסט ווערן די פענטעס פון די רעליגיע געבאָטן פאַרוואַנדלט אין בלומען גירלאַנדעס . . .

ג

ב. ריווקין וואָלט זיך גערן אונטערשרייבן אונטער דעם אַפאָ־ריזם פון דעם דיכטער און דענקער, פרידריך שילער, וואָס זאָגט: „דאָס לעבן איז אַ שפּיל". אָבער די צווייטע העלפט פון אים „ערנסט איז די קונסט", וואָלט ער, מסתם, איבערגוסחן און גורס־זיין: „ערנסט איז דאָס שפּיל". ביי ריווקינען איז שפּיל שוין גאָר אַן ערנסטער ענין.

„שפּיל ברענגט אַרויס אַ יש מאַין. אַ זאַך, וואָס איז ניט געווען, ווערט באַשאַפן. איר קאָנט זאָגן, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין שפּיל" (ז. 129).

אַלע שפּילן זיך. סיי קינדער, סיי דערוואַקסענע, סיי בעלי־חיים, אַפילו אינזעקטן אַריינגערעכנט. אַפילו אַ קינדער־שפּיל איז אַ וויכ־טיקע זאַך.

„שפּיל שאַפט איבער. קינדער, שפּילנדיק זיך אין דערוואַקסענע, וואַקסן אויס דערוואַקסענע מענטשן" (דאָרט). באַהויפּט ב. ריווקין, און דאָס איז אַ גרויסער אמת.

איינער פון די גרעסטע וויסנשאַפטלער פון זיין צייט, וואונדט, שרייבט: „ס'איז ניט פאַראַן קיין איין פאָרם פון שפּיל, וואָס זאָל ניט האָבן איר פאַרבילד אין ערגעץ־וועלכער פאָרם פון ערנסטער

באַשעפטיקונג, וועלכע גייט איר נאַטירלעך פאָרויס אויך אין צייט...
העכסט פּילזייטיק האָט זיך דער שפּיל־טרייב אַרויסגעוויזן אין די פאַר־שיידענע פילפאַכיקע טעטיקייטן פון די קינדער־שפּילן. וואָס דאָס קינד אַליין וועט טאָן אין זיין צוקונפט־באַרוף און וואָס אַנדערע טוען אַרום אים, דאָס טוט ער אין שפּיל״[3]).

„דאָס קינד פּרובירט אויס און פּרוואווט, שפּילנדיק זיך, זיין צו־קונפט לעבן״[4]).

לויט גראָאָסן באַשטייט די ביאָלאָגישע אויפגאַבע פון שפּיל אין דער שפּילעוודיקער זעלבסט־דערציאונג פון די יונגע בעלי־חיים פאַר די וויכטיקע לעבנס־געוואוינהייטן פון זייער גאַטונג [5]).

און וואָס איז אמת בנוגע בעלי־חיים און קינדער איז ניט ווייניקער אמת בנוגע דערוואַקסענע מענטשן.

„יעדער איינער קען דערלייזט ווערן״ — קנעלט מיט אונדז ב. ריווקין — „אַריינשפּילנדיק זיך אין דער געלייטערטער געשטאַלט פון אים אַליין. און אַזוי איז עס טאַקע, יעדער איינער וואַקסט, געדייט, ווערט דערהויבן און דערנידעריקט — לויט דער געשטאַלט, מיט וועלכער ער שפּילט זיך, ווען ער איז אַליין״. (ז. 221).

די ריכטיקייט פון אָט־דער באַהויפּטונג ווערט נאָך אמתדיקער, ווען זי ווערט אָנגעווענדט אָנשטאָט אויף אַ יחיד אויף אַ פאָלק.

אַ פאָלק מיט זיך אויפצוהאַלטן זיין גאַנצקייט אַדורך דעם טויש פון דורות, וואָס קומען אָן און גייען אַוועק ווי כוואַליעס אויפן ברויזנדיקן ים פון לעבן. דאָס פאָלק פלייסט זיך אויפצוהאַלטן אין זיין קאָלעקטיוון זיכרון די וויכטיקע מאָמענטן פון זיין געשיכטע. אַזוי אַרום פאַרמעסט עס זיך קעגן דעם פאַרלויף פון צייט, וואָס וויל אים אָפּווישן, פאַרשווענקן און פאַרטרינקען. ווי באַווייזט דאָס פאָלק צו באַזיגן, גוויסערמאַסן, דעם פאַרפלייצנדיקן, אַלץ אָפּמעקנדיקן שטראָם פון צייט? דורך זיינע יום־טובים. דאָס הייסט עס רעפּראָדוצירט זיינע גאָר־חשובע היסטאָרישע געשעענישן און פאַרוואַנדלט זיי אין „שפּיל״, אין אַ ספּעקטאַקל, אין אַ פעסט־פייערונג.

„אין יעדן דור איז דער יחיד ייד פאַרפליכטעט זיך צו באַטראַכטן, ווי ער אַליין וואָלט געווען אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מצרים״. אויף

3) William Wundt, *Elhik* S. 147, Stuttgart, 1886.
4) Johan Paul, *Levana*, S. 88. Univ. Bibl..
5) Groos, Spiele der Tiere, S. 7, 2te Aufl Jena 1907.

וועלכן אופן קען דער ייד דורכפירן אַט־דעם אָנזאָג פון דער הגדה? דורך טעאַטראַלישן שפּיל, וואָס איז די „סדר״־צערעמאָניע.

„דער סדר איז... דער פּערזענלעכסטער, דער אינטימסטער ספּעק־טאַקל. דער ייד ביים סדר איז אַליין רעזשיסאָר, אַליין דער אַקטיאָר... דער ייד אויפן היסב־בעט, מיטמאַכנדיק, מיט די פּאַרצייטיקע יידן יציאת מצרים, מתן־תורה, די גאַנצע יידישע געשיכטע — שפּילט זיך אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אַליין; ער זויגט אריין אין זיך דעם יידישן פּאַרצייטן — און ווערט ביים סדר אַ פולער ייד״ (ז. 135).

אָבער אויפשפּילן די פּאַרגאַנגענהייט אַליין איז ניט גענוג. דער ייד אָריענטירט זיך כסדר אויף דער ווייטער ליכטיקער צוקונפט. אַז דער ייד טויכט אַראָפּ אין תהום פון זיין עבר טוט ער עס מיט דער אויסגעשפּראָכענער כוונה אַרויפצוטויכן מיט דעם פּערל פון דער אויס־לייזונג וואָס ווינקט צו אים פון דער צוקונפט אַרויס.

דער סדר איז אַ שפּיל וואָס פּאַראייניקט אַ „נאָכטואונג״ מיט אַ „פאַרויסטואונג״, אַ פאַרויסשפּילונג פון „גאולה וישועה״.

„פּסח ווערט אַ צוקונפט־יום־טוב, און אַזעלכער וועט ער זיין... ניט נאָר פאַר אונדז אַליין... עס האַנדלט זיך וועגן דעם — אויס־צושפּירן די נשמה פון יידישן עבר, און אַ געלייטערטע זי אַריינשליי־דערן אין דער יידישער צוקונפט, אָנטאָן זי אַ נייעם לבוש; פאַר־קערפּערן זי אין מעשים פון היינט; ניט צו גרויסן זיך דערמיט, וואָס מיר האָבן אַמאָל געטאָן, נאָר צו ליפערן דעם באַווייז, אַז מיט אונ־דזערע אויפטועון פון היינט קענען מיר נאָך איבערשטייגן אונדזער אַמאָל; אַז מיר קענען ווידער שאַפן און ווירקן... און וועגווייזער זיין... אַ נייע געזעצגעבונג פון גייסט, אַ וועלט־דערלייזנדיק־ברע־נענדיקע רעליגיע; דערלייזונג אין דעם פולן זינען פון וואָרט... אַ נייער וועלט־סדר!... דאַרף אַן אַנדער פּסח געיום־טובט ווערן — אַ פעלקער־פּסח״ (זז. 22־121).

ווען ב. ריווקין נעמט זען וויזיעס וועגן דער צוקונפט, ווערט ער אַ „נביא לגויים נתתיך״, נעמט ער מאָלן פּאַנאָראַמעס פון פולער אויסלייזונג פאַר דער גאָרער מענטשהייט פון וועלכער ישראל איז דער אַוואַנגאַרד, דער אומדערמידלעכער קעמפער און מאַרטירער פאַר יושר און צדק פאַר אַלעמען, פאַר אַלע מענטשנקינדער.

„יידישע יום־טובים״ איז ב. ריווקינס קרוין־ווערק. דאָ זעט מען אים אין זיין פולן שיעור־קומה אַן אויפגעלויכטענעם, אַ יום־טובדיקן. ער איז באַפרייט פון פרעמדן באַלאַסט. ער איז פּסחדיק, פריי פון

פרעמדן חמץ. אין זיינע ווערק ווענן ליטעראַטור טראָגט ער אויף זיינע פּלייצעס דיכטער און פּראָזאַאיקער, אין וועלכע ער דאַרף זיינע געדאַנקען אַריינריידן, אַריינטייטשן, אַרונטערלייגן זיין שם־המפורש אונטער זייער צונג אַזוי, אַז ער זאָל פון זיי אַרויסריידן, און זיין אייגענער עקזאַלטירטער דיכטעריש־דענקערישער „איך" ליידט פון דעם זייער פיל. אין אַט־דעם ווערק רעדט ער פריי אויף זיין גליענדיקן און בליענדיקן לשון. זיינע רעיונות שפרודלען ווי די וואַסערן וואָס קוועלן אַרויף פון דער טיפסטער טיפעניש פון יידישן באַוואוסטזיין. זיי זיינען אַ דערקוויקונג און אַ דערלאַבונג פאַר דער פאַרשמאַכטער נשמה פון יידישן ראַדיקאַל.

„פרייע אַרבעטער שטימע", אויגוסט 31, 1951.

III

ברכת האמונה *)

א

ב. ריווקין הרבה בחייו לעבוד בעתונים היומיים בניו־יורק ובפילא־דלפיה, והשתתף כמעט בכל השבועונים והירחונים באידית, שהיו קיימים בימיו, אבל לעולם לא הוציא חיבור משלו. חמשת הספרים הנקובים למטה בשמותיהם, בתרגומם לעברית, הופיעו אחר פטירתו של מחברם, ששבק חיים לכל חי בשנת תש״ו. הם נקבצו יחד על־ידי האלמנה, מינה ריווקין, הן ממאמרים ומסות מפוזרים בכתבי־העת, והן מעזבונו של המנוח, וסודרו על־ידה, ובהשתדלותה ומאמציה זכו גם לראות אור, וככה הוקם שם הסופר על נחלתו הספרותית. ספרים אלה אינם כוללים כל כתבי המנוח, ואף לא רובי תורותיו, בכל זאת הם מספיקים לנו לעמוד על השקפותיו על היהדות, עם ישראל, ארץ־ישראל, ועל הספרות בישראל.

הספר „אמונה לבלתי־מאמינים״ כשמו כן הוא. הוא עוסק בבעיות האמונה הצרופה. הספר ערוך בצורה דראמאתית. המחבר משער, כי אָסף סביבו חוג של צעירים ילידי ארצות הברית, שכולם כופרים בעיקרי הדת, והוא מנסה להחזירם למוטב, להביאם תחת כנפי שכינת אלהי ישראל. הקיבוץ הקטן שלו מהווה מעין מעבדה פסיכולוגית, שבה הוא מתעסק בניסויים אמונתיים מוצלחים, או ביתר דיוק, הוא מראה כי ההיסטוריה כבר עשתה את הניסויים הנחוצים להוכיח את אמיתותה של האמונה.

---

*) ב. ריווקין: א) אמונה לבלתי־מאמינים, רנ״ו עמודים. הוצאת הקרן לספרות על שמו של דוד איגנאטוב, ניו־יורק, 1947; ב) המשוררים היהודים באמריקה. ש״ח עמודים. הוצאת ציק״א, 1947; ג) מגמות היסוד של הספרות האידית באמריקה. של״ט עמודים. הוצאת איקו״ף, ניו־יורק, 1948; ד) חגי ישראל. רנ״ה עמודים. הוצאת האלמנה מינה ריווקין, 1950; ה) אנשי הפרוזה שלנו. ש״ל עמודים. הוצאת איקו״ף, 1951.

אם נבוא ללמד את כל התורה שלו על רגל אחת נשתמש במימרה זו: ישראל ואורייתא וקודשא־בריך־הוא וגואל־ישראל וארץ־ישראל חד הוא. הזדהות זו פשוטה כמשמעה והיא גמורה ומוחלטת.

„מיהו אלהי ישראל? רוחניות חיה שנתמצתה מתוך האומה גופה, מהרגשת־החיים שלה המצומצמת ומרוכזת עד לאחדות גמורה. זהו הכוח החיוני שבישראל שהתיז מתוך פנימיותו נפש חיה וזהו אלהיו ,הרוחני' של רוחו החי" (עמוד ס"א). „ארץ־ישראל, משיח והאלהים הם החוט המשולש שלעולם לא ינתק... ארץ־ישראל, משיח והאלהים יש להם שיתוף־חיים על־ידי הרוח החיה של עם ישראל. שלשתם הם מהויות חיות החפצות בגישומן" (שם, עמודים ס"ח—ס"ט).

ב. ריווקין מדגיש בחזקה את היסוד הלאומי שביהדות ובאלהי אברהם, יצחק ויעקב, שהוא מעוז־צור ישועת ישראל. צורה לאומית זו, שנראית לכאורה רק כלבוש האמונה, הוא בעיקרו של דבר דם התמצית של אמונת־ישראל, ונשמתה תלויה בה כשלהבת בפתילה. היחיד כשהוא לעצמו, פרוש מציבורו, הוא בבחינת אין־אונים רוחניים, הוא מהצועקים אל אלהיהם ואינם נענים, קולו נשאר קול קורא במדבר של געגועי־נפש וחוויות ללא־מענה.

„בשעה שתפתח על־ידי עבודה זו תפילה את ה,אין־סוף' שבקרבך, תמשוך עליך חסד של כוח רענן, תזכה לעליית נשמה. במה דברים אמורים? כשתפנה אל ה,אין־סוף' בדמותו היהודית־לאומית. אם לאו, תעבוד לריק. ה,אין־סוף' המופשט, אלהי היקום, אלהי האדם בכלל, לא ימציא ליהודי את העוז המבוקש. המפתח לפתוח את אוצר הגבורה שביהדות נמצא דווקא בהשענות על ה,אין־סוף' בצלמו היהודי־הלאומי" (שם, עמודים נ"ב—נ"ג).

לפי הבנתו של ריווקין, האמונה אינה יושבת בטלה בבית מאמיניה. חוץ מזה שהיא מלמדת אותם ארחות חיים, תורה ונימוס, ונותנת בהם בינה יתירה, היא גם צופייה הליכות ביתם, עומדת על ידם בכל אשר יפנו ומסייעתם בכל עסקיהם ועניניהם, בין הרוחניים ובין הגשמיים, ומביאה להם הצלחה וברכה. המאמין מעביד את אמונתו בפה רך של רחמים ותחנונים, והיא נשמעת לו וממלאה בחייו שירות חשוב עד מאוד. כי השימוש גדול מהלימוד.

האלהים, שאין ראשית לראשיתו, מצמצם את עצמו ונעשה לחוויה היסטורית מוגבלת בזמן ובמקום. לגורם פעיל בהיסטוריה של ישראל. „אלהים אינו קנינם של יחידי־סגולה בלבד. בחווית ההיסטוריה של האנושיות כולה הוא היה המאחד והמחבר את ציבורי־האדם, בחוויה

של דברי ימי ישראל הוא המשדד מערכות גורלם של היהודים. האלהים הוא ריבון ההיסטוריה של עם ישראל" (שם, עמוד כ"ז).

הוא גם בוחן ובודק צדיקי האומה, מנסה אותם בעשרה נסיונות, והם מצדם מנסים אותו, כלומר, עושים אכספרימנטים פסיכיים, ואפילו פיסיים, ובישע אלהים הם מצליחים. והמצוות והחוקים שניתנו להם, והתקנות והגזירות והחומרות שהם מקבלים על עצמם הם תרגילים לנפש, תרגיליו של ירא־השמים. ויתרון למאמין על הבלתי־מאמין הוא זה, שהראשון דומה לפועל המשתמש בכלים מכלים שונים, והאחרון לזה העובד בידיו בלי כלי־אומנות נשמתיים, ואוי לו לעלוב זה הנהנה מ„יגיע כפיו" בלבד, שרק עשר אצבעותיו הן בעזרו.

„האימונים של היהודי החרד — המצוות והטקסים — מכניסים לתוך נפשו ממשויות שאפשר לקרוא להן ,שרירי הנשמה', או נציינן בשם החביב עלי יותר, — ,מכשירים'. יראת ה', משיח, ארץ־ישראל... הם כלי־מלאכה, שאם נעשו בהם התרגילים היום־יומיים, הם מושכים ויונקים אמונה, משקיעים שכבות ברזל בתוך נשמתו... ואף כי המכ־שירים חושלו מחומר נשמתי טהור, הם מוצקים כברזל־עשת, והם עושים נפלאות גדולות למאמין, הם מעניקים לו אומץ־לב, רצון עשוי לבלי־חת ומסירות־נפש" (שם, עמודים ל"ה—ל"ו).

הכוחות והכשרונות של האדם אינם קצובים לו מראשית חייו עד אחרית ימיו. יש לו האפשרות להוסיף עליהם ולגרוע מהם. הכל תלוי במידת האמונה הפעילה. הצדיק לא רק באמונתו יחיה, כי אם גם באמונתו יחייה ויפרה את תכונותיו, ינובב את סגולותיו וירענן את כשרונותיו שניתנו לו לא במידה ולא במשקל. זכה — אמונתו משרה את הברכה בהם, לא זכה — נכשל בכפירה, בספקנות, — המארה שולטת בהם. כי בריאת האדם בצלם הוא תהליך בלתי־פוסק, הוא נמשך עד נשימתו האחרונה, ו„יש בכוח האדם לכבוש את ההכרחיות, לכפות את הכפיה ולחולל בחובו מעשה־יצירה ולברוא את עצמו מחדש" (חגי ישראל, עמוד רל"ח).

וזה מה שהיו נביאינו — יוצרי אישים, מעצבי־דמויות־מופת. הם פסלו לוחות־לב, קרצו נשמות. וכל כוחם וגבורתם היו באמונתם שעברה על גדותיה והציפה את נשמתם. „האמונה היא האמנות של בריאת האדם החי. כוח זה נמצא כבר באמונה של האדם הקדמון, אלא שאלהיו עדיין משוקע בעץ או באבן, הוא אליל. וכל פעם שאל חדש מופיע, מופיע עמו אדם חדש. העברים שהרחיקו בתמונת אלהיהם עד לקצווי האין־סוף העמידו מתוכם גם את הענקים שבאמני־אדם.

לא נוכל לעמוד על דעת נביאינו אם לא יחוור לנו שבעיקרו של דבר היו פסלי־אדם הגדולים ביותר שקמו לה לאנושות. כתוב: ,ויברא אלהים את האדם בצלמו, בצלם אלהים ברא אותו׳... מלאכתו זו נעשתה באמת על־ידי חוזיו עושי רצונו. הם עיצבו אישים, גילפו אומה, ודמות־דיוקנו של המשיח שימשה להם לאבטיפוס לצור בו צורתם של כל באי־עולם״ (שם, עמודים קכ״ו—קכ״ז).

ב

מהו יחסו אל ארץ־ישראל? נקרא מה שכתב בשנת תש״א.

„יש לנו מאנדאט נצחי שלא נכתב בידי אדם ולא נחרת בחרט־אנוש — מאנדאט שבעל־פה שניתן בדיבורו של נצח־נצחים, ודבריו הניצבים לעולם נבלעו בדמו של היהודי... ובת־קולם מתפשטת בעולם: ובא לציון גואל״ (שם, עמוד ע׳). „ארץ איננה רק גיאוגרפיה, ההיס־טוריה שבה מרובה על הקרקעות... גידולים נפשיים צמחו בה. האווירה שבה היא נושמת נותנת לה חיים והיא־היא שמצווה עליה לגדול ולשגוא״ (שם, עמוד ע״ה).

שיבת ציון הוא חוק שחקקה ההיסטוריה הכללית, זהו סיומו של אחד הפרקים הכתובים באצבע אלהי־הגורל המציב גבולות עמים. הכל צפוי וערוך מראש, ואין בכוח שום אומה, אף אם היא שכחת־אלהים, להטות הצדה מסלול זה של דברי ימי עולם. ארץ־ישראל היא בטבורם של מאורעות עולם, ותקומתה לתחייה הוא אחד התנאים לפורקן העמים, של כל העמים, בין אלו שמושלים ובין אלו שנדכאים על־ידם. „האיסלם יקיץ משנתו... וירגיש ויזעזע את המזרח הקופא על שמריו; וכל אסיה נוע תנוע כבכברה מצעקת השאול: מאין תבוא הדיברה שתהא ביכלתה לפתור את חידת האתמול, היום והמחר? והפסוק יענה בקול אדיר וחזק: ,כי מציון תצא תורה׳...״ (שם, עמוד ע״א).

בכל התנועות המהפכניות, יד ישראל סבא, המחדש תמיד נעוריו, באמצע. כי עצם הרעיון של תיקון העולם והחברה הוא תגלית יהודית. עם ישראל הופקד, כביכול, על־ידי ריבון ההיסטוריה „על הגויים ועל הממלכות לנתוש ולנתוץ ולהאביד ולהרוס — לבנות ולנטוע״...

והצמחת הפורקן וקירוב משיחנו היא נקודת־היקוד בכל המנהגים, הדינים, ההלכות שנתקבלו ונשתמרו בקנאות ודייקנות שלא נראו כמותן אצל שום אומה ולשון. משא־הנפש הזה היה המכוון את כל מעשיו והליכותיו של היהודי החרד על דבר ה׳. אפילו זכירת העבר

שימשה רק כאמצעי להבלטת העתיד; מן העבר שאבנו לא רק זכרונות כי אם גם חזות־העתידות. חג הפסח היה המבשר את ביאת זמן חירותנו יותר משהיה המזכיר נשכחות של יציאת מצרים (חגי ישראל, עמודים קכ"א—קכ"ג).

ג

שלושה מספרי ב. ריווקין מוקדשים לבעיות הספרות האידית וליוצריה. מדוחק המקום לא נעמוד על פרטי הערכותיו. נסתפק בסקירה קצרה של השקפותיו־הכללותיו על הספרות ותפקידה בחיי היהודים. זה לא יקשה לנו, כי כל ספריו מהווים, באמת, מסכת אחת ובה שיטה עקבית. מבטו על הספרות נובע מתוך הבנתו בתעודת ישראל. „הספרות היהודית היא הפתח הפתוח למעשה המשיחי" (אמונה, עמוד צ"ה). כך הוא מקשר את הספרות היפה החילונית בקדושת הדת. לפי שיטתו אין חייץ ביניהן, לשתיהן מטרה אחת, והיא בריאת האדם בצלם אלהים. וכיוון שכך, איננו גורס אמנות לשם אמנות. הספרות באה לקיים „תכלית גדולה". הספרות, כמו הדת, אין לה מגמה אחרת מזו של הרמת האדם משפל מדרגתו בתור יציר אדמה, קרוץ מחומר, וקירובו למדרגש א י ש, המורכב משני היסודות הנאצלים של ר ו ח ו א ש. הספרות לא באה לבדח את הבריות, כי אם להורותם וללמדם ארחות חיים. באיזו אמצעים? על־ידי תיאור אישי־מופת הראויים לחיקוי, שכדאי והגון להלך בדרכיהם ולהדבק במחשבותיהם.

הוא מוציא את גזר־דינו הקשה על הספרות של המעמדים שנתנוונו ואבדו דרך היופי, את התפארת שבקידוש שמם של הערכים הנצחיים. הוא גם שופך חמתו על אלה ש„בחפזון קיימו וקבלו את המהלך של הספרות האצילית־בורגנית, מהלך שלא בא לשנות כלום בסדר הקיים, כי אם לגדוש את סאת התענוגים במנעמי האמנות הענוגים" (מגמות יסוד, עמודים קצ"ה—קצ"ו). „זוהי אמנות של האצילים. האציל הרוסי, זה המנאף והמענה, קרא בהנאה יתירה את ‚תחיית המתים' של טולסטוי כדי לטעום את טעם המצפון הנכונה בלי שום הפסד לעצמו. הוא לא ישנה את חייו. האמנות שלו באה רק להוסיף לו תענוגי העולם הבא לתענוגי ‚העולם הזה'" (שם, עמוד ש"ז). „לא בשבילנו היא האמנות לשם אמנות. לגבינו ה מ ל ה לא ניתנה לשם שעשוע. היא נושאה את השקפת־עולמנו, דתנו ומצפוננו... מכיוון שהיהודים הם ‚עם המשיח', על ספרותנו מוטלת החובה להכין את העם לימות המשיח... ואם לאו, לא תיקלט הספרות ונפש העם תבחל בה כב‚עבודה זרה'.

מהי עבודה זרה? חילול קדשים, זלזול האמת הגדולה והשפלתה עד לידי משחק" (אנשי הפרוזה שלנו, עמוד ס').

חיי עם ישראל סובבים על שני צירים — קיום וגאולה. קיומו מתאפשר על־ידי תקוות הגאולה המפעמת את לב היהודי. כבשה קטנה זו, העומדת בין שבעים זאבים שסביב שתו עליה, אי־אפשר לה לשעות בדברי־יצירות אמנותיות שנבראו רק לנוי. עם שחרב חדה, של כלייה או של טמיעה, מונחת על צווארו לא יפנה אל אלילי־השעשוע. עם הנלחם מלחמת־מגן על קיומו בשארית אוניו, אם יעזוב את המערכה אפילו לשעה ויפרש אל גנות האסתטיקה ויאמר „מה נאה אילן זה מה נאה ניר זה", יתחייב בנפשו במשמע המילולי הפשוט של המאמר. הוא מוכרח לשאת את כלי־זינו עליו בכל עת ובכל שעה. ומה הם כלי־זיינו? אלה הם ערכיו התרבותיים המוסריים שמאמצים את רוחו ומחשלים את אופיו.

נסכם בקיצור נמרץ:

ב. ריווקין היה מגדולי האמונה שבדורנו, דור הספקנים. הוא האמין באמונה שלמה בעם ישראל, בעתידו שיזרח כשמש צדקה לכל באי־עולם, בנצחונו שיהא נצחון היושר והצדק, ו ב נ צ ח ו שלא ישקר.

„הדואר", גליון כ"ח, שנה ל"א, י"ג סיון, תשי"ב.

דריטער טייל

לידער

אבא גאָרדין

ב. ריווקין

צוויי פליגלען פון אַן אָדלער צוגעלייבט צום קערפּער פון אַ בער.
אַ וואַכזאַם פייער־שפּייענדיק וואולקאַן, — אַ מקובל וויזיאָנער.

צו ענג איז אים געווען די איינגעשטשעמעטע פּראָזאַאיק ראַם,
געוויכערט ווי דער מדבר שטורם און ווי דער כוואַליעדיקער ים
האָט ער זיך נאָכאַנאַנד געריסן פון זיינע קערפּערלעכע ברעגעס.
און שטרעבנדיק צו אייביקייט, פון זיך געיאָגט די דאַאיק רגעס.

מיט וויל אומצוימבאַרן געוואָלט פאַרקאַסמישן דעם „יידיש" ארט,
און אָנשטעקן מיט משיחיש קדושה וועלטלעך־ליטעראַריש וואָרט.
ער האָט פאַרמאָגט אַ שבת קודשדיקע מיסטישע נשמה,
פאַר איר דאָס וואָכיקע ז'געווען אומצורירבאַר ווי מוקצה, טמא.

איז פולע מיספאַרשטענדעניש געווען זיין מגושמדיקער גוף.
אין קריג מיט אים זיין דין־עפּיריש זעל ט'געפונען איר באַרוף.
אויף ראַנגלעניש מיט חומר, שרייבערישן חולינדיק געזינטל
האָט ער געשטעלט דעם שווערן טראָפּ — מיר שטעלן דריי,
אנשטאָט איין פּינטל...

22טן אויגוסט, 1953

א. לוצקי

ברוך ריווקין, ע״ה

נידעריק דיק,
געהויבענער בליק,
צעשויבערטער קאָפּ,
אויפן אַקסל אַ שאַל,
דער כשוף־מאַכער גייט...
ער קאַטשעט זיך אָן אַ היטל.

געקויפט אַ נייעם אָנצוג —
דרייט ער אָפּ די קנעפּ.
ניט צוליב זיין גרעב —
ער האָט פיינט „קנעפּ״...

ער רייסט זיך קעגן שטורעם —
פלאַטערן די שלעפּ...
דערזעט זיך אים אַ זעאונג:
„משיחישער״ באַלעב...

ב. ריווקין.

דער בעל־מכשף, — טעלעפּאַטיע — טאַלעראַז...
ער רופט אַרויס „נישט גוטע״ — ביי די נעמען...
ער שאַפט אַ נייעם „לוח״— מיט אַ רמז פון אַ רוח...
פון אַ הויכן לייטער — שפּרעכט ער אָפּ „גוט אויגן״...
פותר חלומט — מיט פאַרקנוילטע געשפּרוכן...

ער באַווייזט זיך אין קאַפּע הויז —
אַ פאַרסאָפּעטער,
מיט שרעקלעכע באַשלוסן...

ל י ד ע ר

ער בראַזגעט מיט צאָרן,
פאַרקראַמפּטער געשריי:
— זיי!...

ער לאָזט אַראָפּ אַ פּאַטש אין טיש —
אַזוי ווי „חרם״...
אינמיטן טאָג — אַ חושך...
ער פאַרטיליקט זיינע שונאים מיט אַ ברום:
ממם!...

לאָזט פריי מיין גייסט!

ריווקינס קול איז אונטערגרונטיק,
בונטיק,
שווער און קרעמפּיק,
טרעמפּיק,
ממם!...

— אַ שרייבערשער אָלימפּיק!...
מיט דער פען אַ קריץ — אַ בליץ...
ער שאַפט מיט אַ ברוויזיקער קראַפט.
ב. ר י ו ו ק י ן.

„טאָג״, 20טן יוני, 1953

שלמה שוואַרץ

דער יידישער פישער *)

(לזכרון ב. ריווקין)

אַז ער וויל ציילט ער כלומרשט די פיש אין ים.
די זאַמד און די שטערן דאָס וויים ער סיי ווי.
נאָר ס'איז פאַר אים ריטואַל
אויפצוכאַפּן דעם פייכטן וואונק פון שלוכצנדיקע ווענטקעס
אין אורבלויען לויער.

אַז ער וויל דרימלט ער אין די טיפע ביינאַכטן
און היט די סטאַדע פיש
מיט דעם איינגעלערנטן געדולד פון אַ שומר.
ער חלומט אונטער בּיסלעכווייז ווי אַ באַלוינטער
און איז שטענדיק זיכער מיט זיין צאָל אויף דער יבשה.

אָבער ניט אַלעמאָל געטרויט ער די בוזעמפולע כוואַליעס
וואָס באַמוטערן דעם ברעג ווי נאַקעטע ווייבער.
און אַז ער ווערט לייבלעך נאָענט אויף זייער געלעגער
שלאָגט די נאַכט תאוותדיק ווילד מיט רעגן אין די אויגן
ביז ער פאַרמשכנט אַ חלק כח תהומדיק טיף.

און ווען די זון גייט אויף און צעכשרט די שטיינער
קומט מיט הונגער די סטאַדע בעל כרחכדיק
צו זיין שפּיזיקן אודע פאַר דעם כזיתל וואָרעם
און פאַרשלינגען ווי אַ טרער זיין פרקדיקע חכמה —
אַז ער פּיטערט זיי מיט לעבן און נערט זיי מיט טויט.

שיקאַגאָ, 1936

*) זע דערקלערונג אויף זייט 297.

אַ דערקלערונג צום ליד „דער יידישער פישער"

בעת ריווקין איז געבליבן אַליין, נאָך זיין פרויס, מינא, אָפּפאָר קיין ניו־יאָרק אין 1936 — ער איז געווען אַ ליבער וויזיטאָר אין אונדזער פּאַרק ראָיאַל סטודיאָ אַפּאַרטמענט — ביים ברעג פון לייק מישיגען.

ער פלעגט קומען אָפּט צו מיר און דרימלען, און שרייען, און אַרויסדונערן אַ סך בראשיתדיקע געדאַנקען. מיר פלעגן שפּאַצירן אַרום דעם ברעג זייער אָפּט אין די וואַרעמע פאַרנאַכטן.

און איינמאָל אין אַ מיטוואָך — אין אַ הייסן פאַרנאַכט און ווינטיק ווי שיקאַגאָ קאָן, האָבן מיר געשפּאַצירט אַרום דעם ברעג, און ב. ריווקין האָט פאַרגעלייענט פאַר מיר פון זיינע קורצע זייטלעך — ניין זייטלעך אין זיין האַנט — אַן אַרבעט וועגן ליוויקן. דער ווינט, פאַרשטייט זיך, האָט אָן דרך ארץ מיטאַמאָל אַרויסגעריסן די זייטלעך פון זיינע הענט און צעשפּרייט זיי איבער דעם וואַסער. איך האָב אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און אַרויסגעראַטעוועט פיר אָדער זעקס זייטלעך — און אויסגעשפּרייט זיי איבער די גריני גראָז און אַזוי אַ נאָך זיי אויסגעטריקנט. די איבעריקע דריי האָט אַ יונגער גויאישער פישער אַרויסגעראַטעוועט מיט זיין ווענטקע.

פון דאַן אָן האָבן די גויאישע שכנים און די אַרבעטער אין מיין האָטעל־אַפּאַרטמענט — געקרויינט ריווקינען מיטן טיטל „מאָזעס דהי פישערמען". אַלעמאָל ווען די טעלעפאָן־מיידל פלעגט אים דערזען פלעגט זי אָנקלינגען הויבן און אָנזאָגן אַז — „מאָזעס דהי פישערמען איז קאַמינג".

אָט אין דעם גייסט און ליבשאַפט האָב איך אָנגעשריבן דאָס ליד — „דער יידישער פישער"

ש. ש.

מלכה לי

פּאָרטרעט — ב. ריווקין

דער בופלאַקס האָט דיר זיין געשטאַלט געשיינקט.
מיט איר שווערקייט שלעפּט דיך אַראָפּ די ערד,
דיין יעדער טראָט — שטומפּיקער שווערד...

נאָר ווען דו רעדסט דורך אויגן פאַרמאַכטע —
מיט דיין צערייצטן פולן געזיכט —
אַזוי צאַפּלט זיך אין איר שאָלעכטס אַ הינדל צום ליכט...

ווען דו רעדסט דורך אויגן פאַרמאַכטע —
ריידן בערג אין זייער טיף —
ראַנגלט זיך אונטער וואַסערן אַ שיף...

ווען דו שווייגסט דורך אָפענע אויגן —
זיצט דאָן בודהאַ אין קופּער פאַרשוויגן,
שטומט דורך אייביקייט זיין ניגון...

„ליכטער", ניו־יאָרק, 1932

לוי גאָלדבערג

אַ באַגעגעניש

אויף דער צווייטער עוועניו — מענטשן גייען,
און ריווקין, איילט ווי אַ ווינט.
אים טראָגן אין מוח אידייען,
און די גאַס ווערט אַ לאַבירינט.

באַווייזט זיך פאַר אים משה יונה,
און רופט אָפּ מיט פרייד: האַלאָ!
דאָס קול דערשרעקט ווי אַ שונא, —
טראַכט ריווקין: — ווי קום איך דאָ?

— וואו גייסטו? — דוצט ריווקין אָן העזה,
און גיט משה יונהן די האַנט.
באַקומט זיך אַ קאָמישע פּאָזע:
אַ האַבאַ באַגריסט גאָר אַ פּראַנט.

די הוט איז צעקנייטשט, פון די טאַשן
דער צייטונגס באַגאַזש וועגט אַראָפּ.
משה יונה — מיט גלאַנץ אויף קאַמאַשן,
און מיט שטרויענעם הוט אויף זיין קאָפּ.

— וואָס הערט זיך? פרעגט דומפּיק דער שווייגער,
און ריווקין, ער ענטפערט — אַ ברום.
דער ענטפער איז אָנדייט אויף דאגה,
און שטאַמלענד, ער זאָגט צו אים: קום!

משה יונה, אין פּאָזע אַ גלייכער,
שפּרייזט גיך, דורך דער עוועניוס קאָך.
און ריווקין, פון רונדקייט אַ פרייכער —
אין כינעזישן גאַנג, פאָלגט אים נאָך.

ל י ד ע ר

איז איינער פון צווייטן פאַרלאָזן,
און שמועס דאָ קומט ניט צושטאַנד.
ביי אַ ראָג, ווידערהאַלט זיך די פּאָזע: —
„גוד ביי”; זאָגט דער „האָבאָ” צום „פּראַנט”.

„ניגון און ווינט”, פאַרלאַג „די פעדער”, ניו־יאָרק, 1948

זעליק העללער

אַ וואָרט אַזאַ ווי דיינס

אין אַלע בלאָנדזשענישן מיינע, אויף אַלע דרכים וועלכע איך
האָב אויסגעטראָטן,
האָב איך דאָ און דאָרט באַגעגנט בלויז אַן אָפּשיין, אַ בלאַסן שאָטן
פון אַ וואָרט אַזאַ ווי דיינס. אין דיין וואָרט האָב איך דערשפּירט
הייליקייט פון ריידן,
ווי פון די ליפּן פון מיין זיידן —
ווען ער פלעגט מתפלל זיין פאַר גאָט אין טלית און תפילין.
כ'האָב דאַן פאַרשטאַנען
מיט מיין יונגן שכל, אַז אין לעבן איז אַ הייליקייט פאַראַנען!
כ'האָב דערזען דעם קוואַל וואו זיידע מיינער האָט געשעפּט
בטחון-קרעפטן,
ווי ער וואָלט זיך מיט דעם ברוך הוא באַהעפטן.

דו האָסט זיך ניט פאַרפּלאָנטערט אין רצועות, דער של-ראש
ניט באַצירט דיין שטערן,
דאָך האָבן דיינע רייד, דיין פּירוש, ווי די תפילה פון מיין זיידן
מיך געלאָזט צו הערן,
אַז גלויבן איז דער עיקר! און כאָטש דער נוסח האַלט זיך
אין איין בייטן —
בלייבט אַלע מאָל דער אַלטער גאָט, ווי פון פאַרצייטן.

עס האָבן דיינע רייד — אַ כישוף, וואָרט דיינס מאָניעט צו אַן
עתיד אַ באַנייטן,
און אפשר ביסטו זוכה צו דערזען דעם אויפבלי פונעם אחרית-
הימים, פון דער ווייטן,
מיט רמזים ווילסטו אָט דעם סוד אַנטפּלעקן, נאָר דער הימל
איז ניט גוזר —
בלייבט אַ חלום, בלייבט אַ בענקשאַפט און ערגעץ —
אַ דערלייזער.

שיקאַגאָ, 1933

מינא באָרדאָ-ריווקין

פאַרבענקטע אויגן מיינע

פאַרבענקטע אויגן מיינע זעען דיך יונג, שלאַנק.
מיר דוכט איך הער דיך, ווי אַ לייב דו ברומסט.
דיין קול פאַרגייט געשווינד, עס ציטערט קוים אַ קלאַנג.
צוריק אין אָפּהילך פון די הויכן קומסט.

און ווי אַ רעגנבויגן דעם פאַרוויינטן הימל,
מיט מיינע אָרעמס איך נעם דיך אַרום.
ס'איז האַלב אויף וואָר און האַלב אין אַ פאַרחלומט דרימל
אין מיינע הענט דיין שאָטן רוט קאַלט, שטום.

הענט מיינע, אויסגעדינטע וויאָסלעס צוויי
דאָס שיפל פירן שוין ניט מער,
ווי פליגלען פלאַטערן אין אַ זאַווי,
מיין וועלט ווערט חרוב, וויסט און לער.

אוי, ווי און ווינד צו מיר,
צו מיינע ביסל יאָרן!
אין טיפן עלטער שיער
דורך איין נאַכט כ'בין פאַרפאָרן.

מיין קערפּער בלוטיקט, ווי מיט שפּיזן דורכגעשטאָכן.
מיין זעל אַ לעבעדיקער מת.
אין טויט איך בין אַליין אַריינגעקראָכן,
און דאָך, איך וואַרט אויף גאָטס אַ נס.

פאַרבענקטע אויגן מיינע זעען דיך יונג, שלאַנק.
מיר דוכט איך הער דיך, ווי אַ לייב דו ברומסט.
דיין קול פאַרגייט געשווינד, עס ציטערט קוים אַ קלאַנג.
צוריק אין אָפּהילך פון די הויכן קומסט.

די וואָלקנסריידן

אין סוף נאַכט האָט אַ האָן געטאָן אַ קריי
איך האָב אויפן הימל דערזען אַ זעאונג, אַ שרעק.
צווישן די וואָלקנס די פייער־רויטע צוויי —
האָט אַ פּנים פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט.

ווי אָדערן געפלאָכטן, צעשיידט,
האָבן די וואָלקנס זיך געשנירלט ווי שליאַכן,
און געסקווערט האָט זיך לעבן מיט טויט.
און איך זע אַזוינע אויסטערלישע זאַכן.

מיין אויג זעט אים אויף אַ וועג דאָרט גיין.
אַ פאַרבענקטער בלייבט ער גיריק שטיין.
מיר דאַכט זיך אַז פייער וואָלקנס קענען ריידן;
און איך טו בעטן זיי אַלץ מיר צו אַנטשיידן.

און זיי דערציילן מיר אַלץ אויס,
קומט אַ דריטער וואָלקן באַלד אַרויס.
און מגילות, ספרים ליגן אויף דעם הימלס טיש.
ער טוט בלאַט, נאָך בלאַט דאָרט אַ מיש.

אָט ווערט רואיק גאָר אַזוי שטיל,
דער הימל טוט אַ נויג ווי אַ קאָפּ צו מיר.
איך פרעג: וואָס איז דיין סימן געווען?
איך הער אַ קול וואָס זאָגט: ס'וועט וואונדער געשען.

דיין נאָמען

אויף מיינע ליפּן האָט אַ טריף געטאָן דיין נאָמען.
מיר דוכט, איך מאַך אַ ברכה פּרוס, און שטיל איך ענטפער אָמן.
דיין נאָמען ליב מיט העלער ליכט און שוואַרצן שאָטן, גלייך־אויף־גלייך, זיך מישט;
און ווי דער פרילינג־טוי דעם גראָז, ער האָט מיין זעל דערפרישט.

און ווי אַ בלאַט פון ווינט, איך ציטער אויף פאַר פרייד און לייד.
מיין גאַנצעס וועזן הערט זיך צו, ווייל אויפכאַפּן באַשייד
פון שטילן פליסטער פון דער האַלבער נאַכט, צי גאָר אין בין השמשות,
ווען טרוימיק הימל, וואָרע ערד זיך טוליען ווי פאַרליבט, ניט דאַאיק, דאָך ממשות.

און איך ווער טויט צום רויש פון טויט, וואָס וויגט זיך אין דיין נאָמען שטיל,
ווער בלינד צו דעם געדריי פון פליגלען אין זיין גסיסהדיק קאַדריל
אין שעה, ווען עס האָט זיך אין אים אַריינגעשניטן שאַרף פון גאָטעס שטראָף.
גלייך ווי אַ בלאַנקנדיקער חלף אין דעם האַלדז פון צאַפּלדיקן שאָף.

איז דאָס דער לעצטער חוזק פון דעם מענטשנס ערשטער האָפענונג, גאָט, דו האָסט פאַרזייט
אין שטילקייט, וואָס אַריבערשרייט סיי קלאַנגען און סיי פאַרבן בלוי און רויט?
האָסט, גאָט, מיט זיבן שלייערן פאַרהוילן סוד פון דער נשמה,
און אָן רחמנות טרייבסטו מענטשנקינד אַ זוכנדיקן, בלאַנדזשעדיק אויף וועגן קרומע לאָמע...

אויף מיינע ליפּן האָט אַ טריף געטאָן דיין נאָמען.
מיר דוכט, איך מאַך אַ ברכה פּרוס, און שטיל איך ענטפער אָמן.
דיין נאָמען ליב מיט העלער ליכט און שוואַרצן שאָטן, גלייך־אויף־גלייך, זיך מישט:
און ווי דער פרילינג־טוי דעם גראָז, ער האָט מיין זעל דערפרישט.

פערטער טייל

ב. ריווקין ביבליאָגראַפיע

יעפים ישורין

ב. ריווקין ביבליאָגראַפיע

כדי צוזאַמענשטעלן אַ פולשטענדיקע ביבליאָגראַפיע פון אַלע אַר־טיקלען וואָס ב. ריווקין האָט געשריבן, במשך פון צענדליקע יאָרן, וואָלט זיך ערשטנס, געניויטיקט מער צייט ווי מען האָט מיר געגעבן און היפּטזעכלעך, וואָלט מען גערדאַרפט האָבן אַ סך מער פּלאַץ אָדער בעסער אַרויסגעבן אַ באַזונדער בוך. אונטער די אומשטענדן, האָב איך זיך באַמיט אַריינגעבן די וויכטיקסטע אַרבעטן וועלכע זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער.

זיינע אייגענע אַרטיקלען און די אַרטיקלען וועגן אים, אויך קריטיק און באַמערקונגען וועגן אים, שטעלן צוזאַמען אַ היפּשע ביבליאָגראַפיע, אָבער ווייט ניט קיין אויסגעשעפּטע, סיי בנוגע זיינע אייגענע אַרבעטן און סיי וועגן אָפּשאַצונגען איבער זיינע אַרבעטן. וואַרשיינלעך וועט דאָס מיט דער צייט פאַרפאָלקאָמט ווערן.

יעפים ישורין

ב. ריווקינס ווערק

אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. צונויפגעשטעלט פון מינע באָרדאָ־ריווקין. רעדאַק־טירט פון אבא גאָרדין. אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד. ניו־יאָרק, 1947. 256 זייטן.

יידישע דיכטער אין אמעריקע. באַנד 1. ביכער פאַרלאַג ציקאָ, ניו־יאָרק, 1947. 308 זייטען.

יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג. פאַרלאַג: גרשון פאָמעראַנץ עסיי ביבליאָטעק, טאָראנטאָ, קאַנאַדע, 1948. 72 זייטן.

גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. צונויפגעשטעלט פון מינא באָרדאָ־ריווקין. איקוף פאַרלאַג. ניו־יאָרק, 1948. 339 זייטן.

יידישע יום־טובים. צענויפגעשטעלט פון מינאַ ריווקין. פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, ניו־יאָרק, 1950. 255 זייטן.

אונדזערע פּראָזאַאיקער. איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951. 320 זייטן.

ב. ריווקינס אַרטיקלען אין צייטונגען און זשורנאַלן

ליבע און גלויבן אין יהואָשס פּאָעזיע. אַרבעטער פריינד, לאָנדאָן, מערץ 10, 1911.

דאָס פּראָבלעם פון אידישן פאָלקס־שאַפן. דאָס נייע לאַנד, יאַנואַר 5, 1912; יאַנואַר 12, 1912; יאַנואַר 19, 1912. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 7, 1946.

בעגעגניש מיט פרייד. שלום אַש און מערי. דאָס נייע לאַנד, ניו־יאָרק, יאַנואַר 12, 1912.

דזשייקאָב שיף׳ס מתנה [לייט־אַרטיקל]. דאָס נייע לאַנד, ניו־יאָרק, יאַנואַר 26, 1912.

די עפּענטליכע מיינונג [לייט־אַרטיקל]. דאָס נייע לאַנד, ניו־יאָרק, פעברואַר 16, 1912.

דער כישוף פון דעם נאָמען. דאָס נייע לאַנד, פעברואַר 16, 1912.

די אידישע ביהנע. וועגן מ. קאַצס „ישראל". ליטעראַרישע וועלט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 13, 1913.

אידישע ליטעראַטור און די אידישע ווירקליכקייט. ליטעראַרישע וועלט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 17, 1913.

דער אידעאַל איבער אידעאַלען. ליטעראַרישע וועלט, ניו־יאָרק, מערץ 14, 1913.

דאָס צווייטע זאַמלבוך „שריפטן". ליטעראַרישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 21, 1913.

משה לייב האַלפּערן. ליטעראַרישע וועלט, נומ. 16, מערץ 28, 1913.

ר[יווקין] ב. אידישער יאָהרבוך, אַרויסגעגעבען פון דער אידישער סאָציאַליס־טישער פעדעראַציע. צוקונפט, ניו־יאָרק, פעברואַר 1914. ז׳ 212.

די ראַקפעלערס אין קאָלאָראַדאָ. צוקונפט, ניו־יאָרק, יוני 1914. ז״ז 572־575.

די נייע היים, ערשטעס זאַמעלבוך. אַרויסגעגעבען פון ליטעראַרישען פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1914. צוקונפט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1914. ז״ז 977־978.

געשלעכטס־שפּראַך [וועגן י. אָפּאַטאָשו]. אידישער קעמפער, 1915. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951. ז״ז 228־230.

ר[יווקין] ב. „די פּוסטע קרעטשמע" פון פּרץ הירשביין; „אונזער גלויבען" פון שלום אַש. צוקונפט, ניו־יאָרק, פעברואר 1915. ז׳ 192.

ר[יווקין] ב. פּרץ אויף דער בינע. „אַ פרימאָרגן", „נאָך קבורה", „שוועסטער". צוקונפט, ניו־יאָרק, יוני 1915. ז״ז 573־574.

ר[יווקין] ב. יענטע סערדאַצקי. געקליבענע שריפטען, 1913. צוקונפט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1915. ז״ז 870־871.

אידישע געשטאַלטן אין דער רוסישער ליטעראַטור. צוקונפט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1915. ז״ז 963־966.

שרעקעדיגע אידען. (פון דער סעריע „אידישע געשטאַלטן אין דער רוסישער ליטעראַטור"). צוקונפט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1915. ז״ז 1060־1062.

יצחק יואל לינעצקי. צוקונפט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1915. ז״ז 1158־1161.

דערציילטע באַשרייבונג [וועגן י. אָפּאַטאָשו]. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, 1916. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951. ז״ז 231־234.

ר׳ זאַנוויל חסיד [וועגן י. אָפּאַטאָשו]. אידישער קעמפער, 1916. אונדזערע פּראָ־זאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951. ז״ז 234־238.

בענטשנדיקער ענטוזיאזם [פון דוד איגנאַטאָוו]. 1. דער גאָלדענער נדר; 2. איינגעשוואָרענער עקסטאַז. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, יולי 1917. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק 1947. ז״ז 105־114.

צו אונזערע שריפטשטעלער. „שריפטן״, ניו־יאָרק, הערבסט 1919. ז״ז 8־16.

ווי צו קריטיקירן די יונגע. די פעדער, ניו־יאָרק, פעברואַר 1920. ז״ז 15־16.

אין פוילישע וועלדער [וועגן י. אָפּאַטאָשו]. די צייט, ניו־יאָרק, 1921. אונדזערע פּראָזאַאיקער ניו־יאָרק, 1951. ז״ז 239־243.

אונזערע אינגערע. תלוש (איסר מיסלעוויטש). די צייט, ניו־יאָרק, 1921.

ברוך גלאַזמאַן. די צייט. ניו־יאָרק, 1921. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951, ז״ז 274־279.

טאָלעראַז, מאַרק. וואו נעמט מען מזל? די צייט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 13, 1921.

טאָלעראַז, מאַרק. די קונסט פון לייבען־גרוב. די צייט. ניו־יאָרק, יאַנואַר 6, 1921.

געלט — דער בורא. די צייט, ניו־יאָרק, יאַנואַר 24, 1921.

טאָלעראַז, מאַרק. מיט די אינדישע מכשפים. די צייט, ניו־יאָרק, פעברואר 2, 1921.

די גרעניצן פון אַ חלום [בירנבוים דער משיח־ברייגנער]. די צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר 5, 1921.

טאָלעראַז, מאַרק. זאַכן וואָס זיינען ניטאָ. די צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר 22, 1921.

ליליען אבא. וואָס ערוואַרטן מיר פון טעאַטער? די צייט, ניו־יאָרק, אויגוסט, 29, 1921

סאָציאַליזם פאַר׳ן געריכט. די צייט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 2, 1921.

ליליען אבא. יעמוד דר. קאַראַלניק. די צייט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1, 1921.

וואו דער זשעני. די צייט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 2, 1921.

דער קליינער און גרויסער. משה לייב האַלפּערנס לעצט וואָרט צו דער מחלוקה אידישקייט אין ניו־יאָרק. די צייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 8, 1921.

ליליען אבא. משה נאַדיר און דאָס טעאַטער. די צייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 17, 1921.

משה נאַדירס קאָמעדיע „דער לעצטער איד״. די צייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 18, 1921.

אונזערע אינגערע ערצעהלער. ברוך גלאַזמאַן. די צייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 20, נאָוועמבער 27, 1921.

מעשה־פּאָקיפּסי אין אַ דראַמע. (ז. ליבינ׳ס „גאָט פון רחמנות״ אין פּיפּעלס טעאַטער). די צייט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 25, 1921.

לייוויק׳ס סאָציאַל־פּאָעטישע דראַמע אין קונסט טעאַטער. [„שמאַטעס״]. די צייט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 8, דעצעמבער 12, 1921.

ליליען אבא. 100 גראַד רעאַליזם. (לאַנדסלייט פון י. ד. בערקאָוויטש). די צייט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 6, דעצעמבער 7, 1921.

ליליען אבא. אַ גייסט שפּילט אין „איינע פון יענע״. די צייט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 16, 1921.

ווי משיח ווערט געבאָרען. נאַטור און וואונדער, ני־יאָרק, מערץ 10, 1922.

טאָלעראַז, מאַרק. אַ בריוו צו יוסף הצדיק. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, מערץ 21, 1922.

די פּאָכגעטערער פון קליינליכקייט. (וועגן אַ שטומן שטרייט, וואָס געהט אָן

אין דער אידישער ליטעראַטור. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, מערץ 21, 1922.

וויינרויב ב. א. דער בעל שם אַלס הייליגער מעדיום. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, מערץ 10, 1922.

ווי משיח ווערט געבאָרען. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, מערץ 10, 1922.

ליליען אבא. „קאָנקורענטען" פון יונה ראָזענפעלד אין קונסט־טעאַטער. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, מערץ 17, 1922.

מאַרק טאַלעראַז. לעגענדע פון דער ווירקליכקייט. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, מערץ 24, 1922.

וויינרויב, ב. א. „און זיי אַ בענטשונג". (אַ לעקציע אין ניי חסידות). נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, מערץ 31, 1922.

אבא ליליען. צוויי פיעסען מיט פאַנטאַזיע. 1. פרץ הירשביינס „דאָס קינד פון דער וועלט"; 2. דוד פינסקיס „אוצר" אין קונסט טעאַטער. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, אַפּריל 14, 1922.

ברוך אברהם וויינרויב. אליהו הנביא׳ס כוס. (סדר — צוקונפט — טעאַטער). נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, אַפּריל 14, 1922. אידישע וועלט, פילאַדעלפיא, יוני 30, 1925. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

משיח קומט אין שפּיעל. נאַטור און וואונדער, ניו־יאָרק, אַפּריל 28, 1922.

אבא ליליען. 3 אַקטן פון פסח ספּעקטאַקל אין גלות. — שלוס־אַקט אין ארץ ישראל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 10, 1925.

די וועלט אַ טעאַטער, ירושלים די בינע. און פסח — דער ספּעקטאַקל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 9, 1925.

ברוך אברהם וויינרויב. אַ נייע אידישע רעליגיע ווערט געבוירען אונטער דעם שאָטן פון אליהו הנביא׳ס באַרג. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יוני 6, 1925. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

אבא ליליען. דער קינפטיגער וועלט ספּעקטאַקל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, נאָוועמבער 30, 1925.

אבא ליליען. אויב נישט נאָך העכער פון מאָסקווע! אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, פעברואַר 24, 1926. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

ברוך אברהם וויינרויב. די אינעווייניגסטע סוכה, וואָס איינמאַל אויפגעבויט, בלייבט זי שטעהן אַ קיילעכדיג יאָר. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפּטעמבער 24, 1926.

ברוך אברהם וויינרויב. אידישע קינדער ווילן קריסטמעס פּרעזענטן ווייל מען גיט זיי ניט גענוג חנוכה־געלט. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, דעצעמבער 25, 1926. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

ליליען, אבא. יהואש — אַ שומר ביי דעם שוועל פון גן־עדן. (די טרויער אסיפה נאָך יהואשן...). אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 16, 1927.

הבימה קינסטלער מיט זייער הייליג שפּילן שאַפן פאַר אונז נייע רעליגיעזע צערמאָניאַלן. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, פעברואר 24, 1927. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

ברוך אברהם וויינרויב. אידען האָבן זיך פאַראייניקט נאָך אַ נייעם „איזם" — זאָל זיין „טעאַטראַליזם. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יוני 5, 1927.

אבא ליליען. פאָלקס שולן זאָלן זיין די פּיאָנערן אין אָרגאַנזשירען פאָלקס ימים־טובים. אידישע וועלט, וולאַדעלפיע, פעברואר 18, 1928.

די רוסישע רעוואָלוציע געזעהן דורך אידישע אויגען. „אויפן שוועל" — ראָמאַן פון ב. עפּעלבוים, ניו־יאָרק, 1928. צוקונפט, ניו־יאָרק, יולי 1928.

וויסענשאַפטליכע קאָנטראַבאַנדע. „דער וועג צום מענטש" פון דר. פ. שניאורסאָן, „מענטש־געזעלשאַפט" פון דר. פ. שניאורסאָן. צוקונפט, ניו־יאָרק, אויגוסט 1928.

אבא ליליען. דער צווילינג וואָס קאָן ניט פונאַנדערגעטיילט ווערן — ברויט און שויישפּיעל. אידישע וועלט, פילאַדעפיע, אָקטאָבער 14, 1928. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

אבא ליליען. אַז איר ווילט קאָן „הבימה" הײנט אויך אויפשפּילן נאָך אַכט טעג פּסח. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מאי 2, 1929.

אבא ליליען. פאַר אַ צערעמאָניאַל־טעאַטער מיט דער היבמה. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 28, 1929. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

לאָמיר צייכענען דעם פּלאַן פון באַרג סיני אין מיטן פון אונזער גייסטיגן פּלאַכלאַנד. אידישע וועלט, פילאַדעפיע, יוני 14, 1929.

אבא ליליען. וואָס וועלן אידן אין דער קאָלעקטיוויזאַציע עסן — מצה אָדער ברויט ? אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 16, 1930.

די מהומה אין און אַרום אידישען טעאַטער. צוקונפט, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1931.

איז מאַני לייב אַ לעגענדע ? פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, אַפּריל 3, 1931. אידישע דיכטער אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1947.

דר. חיים זשיטלאָווסקי און זיינע תלמידים. צוקונפט, ניו־יאָרק, מאי 1931.

צוויי פּוסטע קרעטשמעס. די פעדער, ניו־יורק, מאי־יוני, 1931.

ל. שאַפּיראָ — דער לעצטער פון די ראשונים. „נויאָרקיש" און אַנדערע זאַכן, ניו־יאָרק, 1931. צוקונפט, ניו־יאָרק, יוני, 1931.

צוויי פּאָעטן וואָס דאַוונען פון איין סידור. צו דער דערשיינונג פון חיים קרולס „אַרום זיך" און „י. י. סיגאַלס לידיק". „שיקאַגאָ", אויגוסט, 1931.

דער קדיש־זאָגער נאָכן שטעטל (י. י. סיגאַלס „לידער"). צוקונפט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1931.

קלאַסנקאַמף אופן קולטור־פראָנט. די פעדער, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1931.

„דבר אחר אינקאָרפּאָרייטעד". אונזער פאָלק, ניו־יאָרק, מערץ 18, 1932.

די קרוין פון דבר־אחר־טום, אונזער פאָלק, ניו־יאָרק, מערץ 25, 1932.

מיר באָלשעוויקעס פון אידישן וואָרט. יידיש, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 4, 1932.

לייוויק'ס זעלבסט־זעאונג. יידיש, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 18, 1932.

פאַרוואָס ניט אין דער פרייהייט ? יידיש, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 18, 1932.

לייוויק אויף עטאַפּען. „לידער" פון ה. לייוויק, ניו־יאָרק, 1932. צוקונפט, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1932.

האָט דער באָלשעוויזם פון יידישן וואָרט אַ פּראָגראַם ? יידיש, ניו־יאָרק, דעצעמבער 16, 1932.

איז די ערע פון אידישן שרייבער באַס — פאַרקויפט ? די פעדער, ניו־יאָרק, 1933.

יהואָש צווישן די גרעניצן. (צו יהואָש'ס זעקסטן יאָרצייט). יידיש, יאַנואַר 27, 1933.

דער יום־טוב־ספּעקטאַקל — אַלס הויפּט־אינסטרומענט פון אידישער קולטור־שאַפונג. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, פעברואר 3, 1933. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

ס'האַלט יאָ אַ נייע ווענדונג אין קולטור געזעלשאַפט. יידיש, ניו־יאָרק, פעברואַר 10, 1933.

אַ ראָמאַן — ניט פאַר ציניקער. „אויף ווייטע וועגן", ראָמאַן פון דוד איגנאַטאָוו. צוקונפט, ניו־יאָרק, אַפּריל 1933.

ווער־זשע וועט ברעכן דעם שרייבערשן באָס־שקלאַף־רעזשים ? מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 9, 1933.

האָט דער פּרץ שרייבער־פאַראיין אויסגעשלאָסן זיינע אַרבעטסלאָזע מיטגלידער ? אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אָקטאָבער 30, 1933.

אין דער גוטער טראַדיציע. „שיקאַגאָ", נאָוועמבער־דעצעמבער, 1933.

טויטע ווערטער ווען היטלערן ניט בייקומען. דאָס פרייע וואָרט, לאָנדאָן, נאָוועמבער 17, 1933.

אַ נייער טומל אַרום אַרבעטסלאָזע שרייבער. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 17, 1933.

לאָמיר גרייט זיין צו דער וועלטס יום הדין ! [לייט־אַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפּטעמבער 22, 1933.

אין דער גוטער טראַדיציע. משה טאַלטשין „איאלא". „שיקאַגא", נאָוועמבער־דעצעמבער, 1933.

אַ קאַפּיטל בראשית. לידער פון ח. ל. סיימאָן. „שיקאַגא", 1934.

די שרייבער יוניאָן קעגן שרייבער פאַך. דאָס נייע וואָרט, לאָנדאָן, יאַנואַר 19, 1934.

האַלב וועג צו גאונות (משה לייבס מאָנאָגראַפיע). בריקן, שיקאַגע, פעברואר, מאי, סעפּטעמבער, 1934.

ר[יווקין] ב. די גאולה קאָמעדיע. (דער גולם חלומט). בריקן, שיקאגא, נומ. 2 פעברואר, 1934.

דער ניויאָרקער יידישער פּרעסע־טראַסט. דאָס פרייע וואָרט, לאָנדאָן, מערץ 18, 1934.

לעאָן קאָברין — אין זיין פּיאָנערישן פּעריאָד. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1947.

שווער צו זיין אַ שרייבער אין שיקאַגאָ ! „שיקאַגאָ", אַפּריל־מאי, 1934.

די רעוויזיע פון א. לוצקי'ס תורה. „שיקאַגאָ", מאי־יוני, 1934.

אַ קלאַגע אַדרעסירט צום יידישן שרייבערטום פון אַלע לענדער. דאָס פרייע וואָרט, לאָנדאָן, יוני 19, 1934.

חיים ליבערמאַן — אַ פּרי פון דענמאַרק. „שיקאַגאָ", 1934.

עפּעס איז פויל אין דענמאַרק. „שיקאַגאָ", יוני־יולי, 1934.

דאָס ליד וואָס ווערט באַלד מקוים. סטודיאָ, אָקטאָבער־דעצעמבער, 1934.

דוד איגנאַטאָוו — דער פּאָעט־ראָמאַניסט. אַ מעשה אין אַ מעשה — די טרייב־קראַפט פון געשעענישן. „שיקאַגאָ, 1935. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

אויף די מפּלות פון די גלויביקע זיינען נצחונות. [וועגן דוד איגנאַטאָוו]. „שיקאַגאָ", 1935. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

וואו רעליגיע און פסיכאָלאָגיע מאַכן שותפות אין דראַמאַ. אינדריץ'ס יום־טוב שריפט, שיקאַגאָ, 1935.
אונדזער באַזונדערער וועג אין קולטור־אַרבעט. יידיש, ניו־יאָרק, 1935.
פאַר וועלכע צוועקן — קולטור־געזעלשאַפט? „יידיש, ניו־יאָרק, נומער 2, פעברואַר־מערץ, 1935.
„יידיש" אין פאַלעסטינע. דאָס פרייע וואָרט, שיקאַגאָ, פעברואר 22, 1935.
די קונסט איז פון ציניקערס וועגן. „שיקאַגאָ", מערץ־אַפריל, 1935.
אידישער אַנאַרכיזם און אידישע קולטור. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מערץ 29, 1935.
דער גאַנצער פילזייטיקער דר. חיים זשיטלאָווסקי. יידיש, שיקאַגאָ, אַפּריל, 1935.
מיר לעבן אַלע אָף דר. חיים זשיטלאָווסקי'ס טעריטאָריע. 70 יאָריקער יובילײ פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, שיקאַגאָ, 1935.
יידישע קולטור... אַ גרויסער ענטפער. יידיש, ניו־יאָרק, מאַי, 1935.
דר. חיים זשיטלאָווסקיס יידישער סאָציאַליזם. יידיש, שיקאַגאָ, נומ. 4, מאַי, 1935.
די רעוויזיע פון א. לוצקיס תורה. "שיקאַגאָ", מאַי־יוני, 1935.
מעטאַפיזיקע פאַרן פאָלק. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מאַי 17, 1935.
דר. חיים זשיטלאָווסקי און דער אַנאַרכיזם. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מאַי 24, 31, 1935.
א. לוצקי — אינמיטען (אַן אָפּשאַצונג פון לוצקין און זיין צווייטען בוך „בראשית אינמיטן"). צוקונפט, ניו־יאָרק, יוני, יולי, אויגוסט, 1935.
צוויי „הלואות". וואָס אַנאַרכיסטן קאָנען מאַכן באַ דר. זשיטלאָווסקי. פרייע אַר־בעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 7, 1935.
וואו איז דער אויסוועג פאַר לוצקי'ן. „שיקאַגאָ", יולי־אויגוסט, 1935.
אַ הויפּט־הילף אין אידישער קאָלאָניזאַציע. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 5, 1935.
יאָ, דווקא אידישער אַנאַרכיזם! פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 19, 1935.
אַ מילכיקע לעקציע וועגן „סאַנרייז". פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, אויגוסט 9, 1935.
דר. חיים זשיטלאָווסקי און די אידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. פרייע אַרבע־טער שטימע, ניו־יאָרק, אויגוסט 9, 1935.
וואָס אַ פּרק זשיטלאָווסקי האָט אויפגעטאָן פאַר סאַנרייז? פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 6, 1935.
וואו האַלטען מיר מיט י. אָפּאַטאָשו'ן? צוקונפט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1935. נאָוועמבער, 1935.
אַ אידישער אַקטיאָר מאַכט פליטה. „שיקאגא", סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1935.
אויף דער נאָדל זאָל די פען געפּרופט ווערן! סיגנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1935.
ענטפערן מיר געגנוג היטלערן? יידיש, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1935.
מענדעלעס וועג פון פובליציסט צו קינסטלער. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, 1936. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

וואָס קענען מיר לערנען פון מענדעלען? פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, 1936. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

מענדעלע — אַבראַמאָוויטשעס „איבערזעצער". פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, 1936. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

יעדער מיט זיין „מגיד" [וועגן מענדעלע מוכר ספרים]. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, 1936. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

אַפּאַטאָשוס הויפּט־אויפטו. פּראָלעטאַרישער גערדאַנק, 1936. אונדזערע פּראָזאַאי־קער, ניו־יאָרק, 1951.

קריג און פרידן צווישן קאָפּ און אויג. מ. גיציס נאָוועלען, פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ. „שיקאַגאָ", 1936.

בערמאַן — דער נביא סאָציאַליסט [פון דוד איגנאַטאָוו]. 1. ליכט; 2. דער דור פון די ציניקער; 3. די גוטע בשורה פון ראָמאַן „אויף נייע וועגן"; 4. דער משפּט פון אַ דור איבער אַ דור. 5. די פּרופונג פון הייליקן בערמאַן אין דעם מדבר; 6. דער הייליקער בערמאַן ראַנגלט זיך מיט טייוואָלים, וואָס זעען אויס ווי מענטשן. 7. רעוואָלוציע און נבואה מאַכן שלום, ערב־טויט; 8. ביים גרעניץ פון פאַרשטאַרבענעם לאַנד. דוד איגנאַטאָוו — קריטיק זאַמלונג, 1936. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

אַן עקספּערימענט מיט אַ דיקטאַטאָר (מ. גיציס: „די זון אין מזרח"). „שיקאַגאָ", פעברואר־מערץ, 1936.

דער קינפּטיקער וועלט־סעפּקטאַקל אַרום באַרג סיני. אינדריץ'ס יום־טוב שריפטן, שיקאַגאָ, 1936.

דער פּאָעט — פּיאָנער און זיין שליחות. [א. ליעסין]. צוקונפט, ניו־יאָרק, מערץ 1936.

אַן אַקט פון ליבע און גלויבן. צו דער יהואש־פייערונג היינטיקן שבת אָוונט, פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מערץ 6, 1936.

אברהם רייזענס בלאַט אין דער יידישער ליטעראַטור. (צו זיין זעציק־יאָריקן יובילײ). צוקונפט, ניו־יאָרק, מאי 1936. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

אַ. ליעסין, דער טראַנספאָרמירער פון אייביקן אידן אין היינטיקן אידן. פּראָלע־טאַרישער געדאַנק, ניו־יאָרק, מאי 1, 1936.

א. טאַבאַטשניק — „אין שייד" (לידער־זאַמלונג). צוקונפט, ניו־יאָרק, יולי 1936.

באַלזאַמירער פון ליטעראַטור. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 17, 1936.

א. ליעסין דער פּאָעט אין שפּיגל פון זיין ערשטן ליד. אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, יולי 24, 1936.

אין הייסן ווינט. לידער פון צילי דראַפּקין. ניו־יאָרק, 1935. צוקונפט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1936.

„קרומע וועגן" פון יאָסל קאָהן. ניו־יאָרק, 1936. צוקונפט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1936.

אַ אידישער שייגעץ. חיים פּעט: „צווישן פייערן". אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, 1937.

גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. זאַמלביכער, 2, ניו־יאָרק, 1937.

ה. רויזענבלאַט און זיינע לעצטע דערגרייכונגען. צוקונפט, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1937.

ב. עפּעלבוים און זיין הויפּט־העלד. צוקונפט, ניו־יאָרק, מערץ, 1937. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

די קראַפט וואָס באַוועגט. (די פּאַראַידישונג פון תנ״ך). (פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מאי 7, 1937.

דער גייסטער סך־הכל פון דער אידישער פּאָעזיע. חיים גראַדע — דער דיכטער פון „יונג־ווילנע״. צוקונפט, ניו־יאָרק, יוני, 1937.

משה קאַטץ — דער קינסטלער — פּובליציסט. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, מאי 14, 1937; יוני 11, 1937.

ה. לייוויק און זיינע נייע לידער. צוקונפט, ניו־יאָרק, אויגוסט, 1937.

צו אַ געזעלשאַפטליכן קונסט־טעאַטער. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אויגוסט 20, 1937.

ליד — עבודה [פון ה. לייוויק]. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 3, 1937.

ר. בן־ארי — „הבימה״. צוקונפט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1937.

די סאָציאַלע ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. די אידישע לאַנסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק. אַרויסגעגעבען פון י. ל. פּרץ שרייבער פּאַראיין. ניו־יאָרק, 1938.

אַן ערנסטער פּרואוו אויף אַ ניי־אויסטייטשונג פון יידישקייט. אבא גאָרדין — „אידישע עטיק״, ניו־יאָרק, 1937. צוקונפט, ניו־יאָרק, יאַנואר. 1938. ב. ריווקין, פּאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

קלאַסנקאַמף אַרום יידישן יום־טוב. [וועגן דוד פּינסקי]. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אַפּריל 8, 1938. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

דער הומאָר, וואָס איז ניט הפקר. [דער לעבעדיקער — חיים גוטמאַן]. דער לעבעדיקער. אַ זאַמלבוך לכבוד זיין 50 יאָריקן יובליי. ניו־יאָרק, 1938.

דוד פּינסקי — פּיאָנער פון פּראָלעטאַרישער דערציילונג. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, 1938. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

דער „כמו־טעריטאָריאַליזם„ פון דער יידישער ליטעראַטור. ליטעראַרישע בלעטער נומער 26, וואַרשע, יוני 24, 1938.

„כמו־טעריטאָריע במקום רעליגיע״. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומער 27, 1938.

פּאַרפּאָעטיזירטע פּראָלעטאַרישקייט. א. בערגער — „היינט ווי אַמאָל״, ניו־יאָרק, 1936. צוקונפט, ניו־יאָרק, יולי, 1938.

קינסטלערישע עקוויוואַלענץ פון רעליגיע. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומער 28, יולי 8, 1938. נומער 29, יולי 15, 1938.

די אידישע לאַנד־פּאַרבאַנדן אין אַמעריקע. דער פּאַרבאַנד, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1938.

ש. ניגער אַלס דער גרויסער „פּראַקטיקער״. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 28, 1938.

די אידישע פּאָלקשול „אידיזירט״ און אמעריקאַניזירט. צוקונפט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1938.

דער אַרבעטער רינג און זיין גרינדונגס־פּעריאָד. דער פריינד, ניו־יאָרק, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1938. פעברואר, 1939.

דער יונגער ליעסין און די אידישע צייטונג אין אַמעריקע. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 5, 1938.

„דער טשוואַק אין אין־סוף". אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, דעצעמבער 2, 1938.

ב. ריווקין, אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

א. ליעסין — דער פּאָעט און דער מענש פון זיין אייגענער עפּאָכע. צוקונפט, ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1939.

אויפ'ן ברייטן שליאַך. צו ה. לייוויקס 50 יאָריגען יובילײ. צוקונפט, ניו־יאָרק, מערץ, 1939.

נאַציאָנאַלע פאָרם, סאָציאַליסטישער אינהאַלט. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1938. יאַנואַר־פעברואַר־אַפּריל־מאַי, 1939.

אברהם וואַלט — ליעסין אַלס פּובליציסט. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מאַי 26, 1939. יוני 2, 1939.

די פרומע און פרייע זאָלן מאַכן יד אחת. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יולי 14, 1939.

קידנעפּ־זשורנאַליזם [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יולי 31, 1939.

דער עליען־פּאַספּאָרט — אַ פּאַספּאָרט פאַר היטלער'ן אַריינצוקומען קיין אַמעריקע דורך פענסילוועניע. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 7, 1939.

איז די „אידישע וועלט" בלויז אַ צייטונג, אָדער אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע אין פילאַדעלפיע. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 11, 1939.

פילאַדעלפיע מעג און זאָל פירן ניו־יאָרק. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 12, 1939.

האָט מזרחי דעם ענטפער ? אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 12, 1939.

יאָ, עס איז דאָ אידישע דיסקרימינאַציע קעגן אידן טאַקע ביי אונז אין פילאַדעלפיע. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 13, 1939.

ווינרויב, ב. א. דער ישוב אין ישראל איז גענוג שטאַרק צו ראַטעווען דעם ציוניזם פון פּאָליטישן דורכפאַל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 16, 1939.

לאָמיר אָפּוואַרטן מיט אַלאַסקאַ. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 19, 1939.

אַ פּראָיעקט פון אַ קולטור־צענטער וואָס זאָל ענליך זיין צו אַ טעאַטער. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 26, 1939.

ווער העלפט נאָך אין קאַמף קעגן פאַטערל קאָגלין? [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אויגוסט 31, 1939.

אַ שמועס מיט הרב דוד אריה לעווינטאַל וועגן אידישער שטאָט ענינים און וועלט פּראָבלעמען ערב יום־כפור. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפּטעמבער, 1939.

דער עיקר וואָס דאַרף צוקומען דער יידישער קולטור־אידייע. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1939.

אַ טעאַטער קלוב, אַ שרייבער קלוב, אַ געזעלשאַפטליכע קיבעצאַרניע — אין אַ רעסטאָראַן. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפּטעמבער 1, 1939.

ווינרויב, ב. א. די פּאַרטיי וואָס וויל ציען דעם גרעסטען נוצען פון דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפּטעמבער 2, 1939.

ווירוויב, ב. א. פאַרוואָס גאָט באַווייזט זיך ניט אין ארץ ישראל צו די גרעסטע צדיקים. אידישע עלט, פילאַדעלפיע, סעפטעמבער 9, 1939.

טוט תפילה דורך „האַיאַס״. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפטעמבער 13, 1939.

אַ שטודיום אין אונזער היימישער דיקטאַטור. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפטעמבער 19, 1939.

שאַפט אַרבעט פאַר הייטסטאָון! [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפטעמבער 24, 1939.

עס וועט קיין ברירה ניט זיין — אידען וועלען מוזען אַ וואונדער באַווייזען. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אָקטאָבער, 1939.

די ניו־יאָרקער אידישע פרעסע וועט דערהעצען צו פאָגראָמען פון אידן אויף אידן. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אָקטאָבער 8, 1939.

ווײַנרויב, ב. א. די שיף פון צדיקים וואָס רודערט דורכן סמבטיון פון אידישער צערודערטקייט. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אָקטאָבער 14, 1939.

פאַרפעלט ניט זעען דוד אָפּאַטאָשו אין מענדעלע׳ס קליאַטשע. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אָקטאָבער 27, 1939.

אַז דר. זשיטלאָווסקי, האָט שוין געפונען גאָט, וויס ער ערשט ניט וואָס צו טאָן מיט אים. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, נאָוועמבער 4, 1939.

געשטאַרקט זיי, הייטסטאָון! [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, נאָוועמבער 4, 1939.

דער אייביגער איד איז ניט קיין רעגירער נאָר אַ קאָרעגירער. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, נאָוועמבער 11, 1939.

אַלגין שטאַרבט אין געטרייהייט צו זיין יוגנט־שבועה [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, נאָוועמבער 13, 1939.

„פאָרווערטס״ און „פרייהייט״ ענטפערן אויף אַן עדיטאָריעל [לייטאַרטיקל] פון „אידישער וועלט״ [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, נאָוועמבער 25, 1939.

לאָמיר מיטפייערן מיטן עלאַיד אַפּיל [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, דעצעמבער 3, 1939.

לעקציעס אין אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, דעצעמבער 11, 1939.

די אידישע פרעסע וועט נאָך לאַנג לעבן! [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, דעצעמבער 23, 1939.

דער מיטל געגען דעמאַגאָגיע איז דעמאָקראַטיע. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, דעצעמבער 30, 1939.

ווײַנרויב, ב. א. הלואי האָבן מיר היינט אַן איינשטיין אין רעליגיע, וואָלט היטלער קיין תקומה ניט געהאַט. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 5, 1940.

ווײַנרויב, ב. א. אין ארץ ישראל זוכן זיי און געפינען גאָט — מיט די הענט. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 13, 1940.

ווידער אַמאָל: ארץ ישראל און גלות. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 13, 1940.

די אידישע וואונד אין דער דעמאָקראַטיע. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 20, 1940.

שלום אין אונזערע לאַגערן. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 27, 1940.

ב. ריווקין ביבליאָגראַפיע

א. פרומקין — אַ לערער אין אידישן זשורנאַליזם. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 27, 1940.

דורכגעפאַלן די ערשטע גרויסע פּראָבע אויף אידישער אחדות. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יאַנואַר 28, 1940.

ווי געווינט מען די יידישע יוגנט פאַר דער יידישער קולטור? יידישע קולטור, ניו־יאָרק, פעברואַר, 1940.

די טייוועלישקייט פון אַנטיסעמיטיזם. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַ־דעלפיע, פעברואַר 13, 1940.

וויינרויב, ב. א. אַ גלויבן פאַר אומגלויביגע, וואָס וועט אַרבעטן אַזוי גוט ווי דער גאָט־גלויבן. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, פעברואַר 17, 1940.

אויף היטלער׳ס אויפפירונג פון וואַגנער׳ס אָפּערע לאָמיר אָפּענטפערן מיט אַ אידישן ספּעקטאַקל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 10, 1940.

סאַן דאָמינגאָ איז שולדיק. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, פעברואַר 24, 1940.

ב. א. וויינרויב — אַ יאָרצייט נאָך אַ גרויסער אידישער דיסקוסיע. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, פעברואַר 24, 1940.

פּראָטעסט אַליין איז ניט גענוג אויף אָפּצושרייבן די בייזע גזירה. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 2, 1940.

די חיה רעה אין בערלין און דער בעל תשובה אין לאָנדאָן. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 3, 1940.

קאַגלין — דער נייעסטער פאַרפאַסער פון די „פּראָטאָקאָלען פון זקני ציון" [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 9, 1940.

מאָריס שוואַרץ מיט זיין קונסט טעאַטער ווייזט דעם רעטונגס־וועג פאַר דער אידישע ריידענדיגער פילאַדעלפיע. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 11, 1940.

„מואוויס אין די הימלען" — איבער דער מערדער־גרוב אין פּוילן. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 13, 1940.

זשאַבאָטינסקי׳ס רוף צו פאַראייניגטן פראָנט. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 17, 1940.

פון וואַנען נעמט היטלער זיין טייוועלשע גבורה? אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 17, 1940.

נעענטער צו אַ זיג איבער היטלערן. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מערץ 23, 1940.

נאָך אַלץ אַ טשעמבערלעין־קאַבינעט. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 5, 1940.

דר. סיירוס אַדלער — דער צענפאַכער אידישער יורש. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 9, 1940.

איצט ווערט געקעמפט פאַר אַ יונייטעד סטייטס פון אייראָפּאַ. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 13, 1940.

איך רוף אַרויס פאַר אַן עדות דעם ליבאַוויטשער רבין. אידישע וועלט, פילאַ־דעלפיע, אַפּריל 14, 1940.

וואו קומען מיר אַריין צווישן די קריגסמאַכטן? [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 14, 1940.

זאָלן די פילאַדעלפיער ציוניסטן ניט שווייגן! [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 14, 1940.

אַ רעוויזיע פון ציוניסטישן אַפּאַראַט אָדער אַ רעוויזיע פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע? אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 19, 1940.

נעענטער און ווייטער פון דער מלחמה. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 20, 1940.

אַ ווערק, וואָס גיט דעם שליסעל צו עפענען די אידישע געשיכטע. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 20, 1940.

אַ רעדע וואָס איך וועל האַלטן פאַר אידישע שרייבער אין ניו־יאָרק. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 21, 1940.

דער סופרים קאָורט מאַכט פסח אין אַמעריקע. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 24, 1940.

פּאָליאַקען וואָס פּאַרגינען זיך פּאָגראָמען אונטער די נאַציס. [לייטאַרטיקל]. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 27, 1940.

ב. א. וויינרויב — פּראָפעסאָר מ. קאַפּלאַנ׳ס עפענונג צו אַ אידישען נצחון אין ארץ ישראל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 28, 1940.

צו פסח איבעראַיאָר סדרן מיט אַ נייעם אידישן ספּעקטאַקל. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, אַפּריל 30, 1940.

וויינרויב, ב. א. אַ פאַנטאַזיע אויף פּוילען געווידמעט דעם ליבאַוויטשער רבי׳ן. אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, מאַי 5, 1940.

דער איד האָט אויפגעבויט אַ סוכה אין זיין נשמה. טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 18, 1940.

אויף דער שנאה צום אידן האָט זיך אויפגעהאָדעוועט די בייזע חיה אין דער היינטיגער וועלט און אויפגעשטיגען ביז אַ וועלט־גרויל. טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 9, 1940.

די פראַגע איז: מעג אַ „מאָדערנער" איד בענטשן חנוכה־ליכט, און אויב יאָ — צו מעג ער עס טאָן אָן אַ היטעל אויפן קאָפּ... טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 29, 1940.

פּרץ הירשביינס ראָמאַן — אַ דין געוועב אין אַ ברייטער ראַם („קינדער־יאָרן", „רויטע פעלדער", „בבל"). פּרץ הירשביין בוך, ניו־יאָרק, 1941. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

די יפתח־לעגענדע. (דוד איגנאַטאָוו „פאַר אַ נייער וועלט"). „יידישע שריפטן", 1941. ב. ריווקין, אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

„גאָט פון ישראל וועט ניט אַפּנאַרען זיין פאָלק". טאָג, ניו־יאָרק מערץ 22, 1941.

אליהו הנביא אין אונזער שטוב... טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 13, 1941. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

דער דריטער סדר, דאָס דריטע רייך. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 20, 1941.

מאַרק טאָלעראַז — משיח׳סטן האַלטן אָפּ אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין אַ מיליאָנערסקן פּאַלאַץ, אויף דער פינפטער עוועניו. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 27, 1941.

אבא שטאָלצענבערג דער טעם־זוכער און באַ׳טעמ׳טער. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מאַי 23, 1941.

היינט אויפן באַרג סיני. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 2, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — דורך חלומות רייסט זיך דורך אַ בליץ־טעלעגראַמע, וואָס טראָגט אַ פּונק אמת. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 14, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — אַ מעשה־נורא מיט אַ מת וואָס האָט אויפגערודערט צוויי אידישע שטעט טאָג, ניו־יאָרק, יולי 5, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — זי האָט געזען פון ניו־יאָרק ווי איר מאַן איז אומגעקומען אין היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגער. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 12, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — אַ אידישער שרייבער און אַ תלמיד פון אידישער שול זעהען וואונדער וואָס ווערען מקויים. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 19, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — סאָלדאַטן אויף די שלאַכט־פעלדער זעען פאַרויס וואָס מיט זיי וועט געשען. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 26, 1941.

דיכטער פון דער אייביק־אידישער נשמה־גבורה. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, אויגוסט 1, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — טעלעפּאַטישע דעפּעשעס קומען אָן פריער איידער דער טעלעגראַף ברענגט זיי. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 2, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — קאָן מען אָפּשטעלן „נביאים" אויף צו פאַרהיטן פון שריפות און צו געפינען באַהאַלטענע אוצרות? טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 9, 1941.

מאַרק טאָלעראַנז — יעדער פון אונז האָט אַ צווייטע געשטאַלט, וואָס גייט אים נאָך ווי אַ לעבעדיגער שאָטן. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 30, 1941.

וועגן אבא שטאָלצענבערג. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 24, 1941.

אויב ניט אַ „אידישער טאָג" — זאָל זיין אַ אידישע שעה! טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 25, 1941.

אברהם וואַלט־ליעסין אַלס פובליציסט — אַ מאַקסימאַליסט־קאָמפּראָמיסלער. (צום דריטן יאָרצייט). קולטור און דערציאונג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1941.

אַ שוץ־געזעץ קעגן אַנטיסעמיטיזם. טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 8, 1941.

א ליעסין — דער גוטער איד אַלס פּאָעט. טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 15, 1941.

אידן־שוץ און לאַנד־שוץ זיינען איינס און דאָס זעלבע. טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 16, 1941.

אין דערוואַרטונג פון רבנישן שבת־קאָנגרעס. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1, 1941.

ווען אַן אַסימילאַטאָר הויבט זיך אָן שרעקן. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 7, 1941.

ניו־יאָרק און אירע „פּראָווינצען". טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 20, 1941.

פ. בימקאָ אַלס דערציילער איז אויך אַ דראַמאַטורג. המשך־זאַמלבוך, ניו־יאָרק, 1942. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

קלוג, אָבער ניט גענוג קלוג. וועגן פּראָפ. מאַרקס לערנער. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 7, 1942.

ס'הויבט זיך אָן מיט מיסטישע שטימונגען און עס דערגייט צו אַנטיסעמיטיזם. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 22, 1942.

ריווקין ב. — וואַלדאָ פראַנק. בונד פון קולטורן אָדער שמעלץ־טאָפּ? טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 15, 1942. ב. ריווקין. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

וואָס פאַר אַ גרויסע איבערקערעניש די מלחמה האָט געמאַכט אין דער נשמה פון אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 7, 1942.

די וועגן פון דוד פינסקיס דראַמאַטורגיע. צוקונפט, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1942. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָבן אידן אין אַמעריקע געשאַפן אַ נייעם סאָרט רעליגיע־רעפאָרם־אידישקייט. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 17, 1942.

דער באַרג סיני רעדט צום אידישן סאָלדאַט. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 22, 1942.

האַלטען די נאַצי־באַנדיטן דעם אידישען פאָלק פאַר אַ לעבעדיקן משכון ביז וואַנען היטלער וועט איינעמען די גאַנצע וועלט? טאָג, ני־יאָרק, יוני 27, 1942.

אונזערע אידישע קינדער פון היינט וועלען זיין די דערוואַקסענע אַמעריקאַנער אידען פון מאָרגען. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 4, 1942.

ריווקין ב. — פראַנץ ווערפעל. בייט אויס דעם אוצר פון יידישן גלויבן אויף קאַטוילישע נסים. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 12, 1942. ב. ריווקין, אַ גלויבן פאַר אומ־גלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

ריווקין ב. — דריי פרקים פון דער מסכתא ש. צ. זעצער. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, יולי 24, 1942. ב. ריווקין, אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

מיין חבר שמואל פרידמאַן — דער מענטש פון טאַט. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 31, 1942.

די מלחמה געגען היטלערן האָט פאַרברידערט די אידען פון ארץ ישראל מיט די סאָוועטישע אידען, וואָס ווייטער? טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 9, 1942.

צוויי רעליגיעזע ראַדיקאַלען פלאַנעווען אַ סאָציאַליסטיש בית־מדרש אינמיטן ניו־יאָרק. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 15, 1942.

ניו־יאָרקער אידישע ראַדיקאַלען באַקומען גייסטיגע הילף ביי די מקובלים פון ארץ ישראל. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 22, 1942.

די פרוי אַלס ווייב, אַלס געליבטע און אַלס מוטער. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 20, 1942.

די צוויי בריקן, וואָס די אידישע ליטעראַטור וואַרפט איצט צו דער אידישער רעליגיע. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 5, 1942.

מאַרק טאָלעראַז — די געהיימע כוחות וואָס לויערן אין אונז און ווי זיי אַרויס־צוקריגן. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 6, 1942.

ריווקין ב. — דער טשוואָק אין אין־סוף. קולטור און דערציאונג, ניו־יאָרק, 1942. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

ריווקין ב. — דער סיציאַל־פסיכאָלאָגישער מעטאָד. קולטור און דערציאונג, ניו־יאָרק, 1942. ב. ריווקין, אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

ריווקין ב. — וואָס פסיכאָלאָגיש אמת — איז דער אמתער אמת. קולטור און דערציאונג, ניו־יאָרק, 1942. ב. ריווקין, אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

ריווקין ב. — געדאַרפט אַ גאון — קומען בעלי־מלאכות. קולטור און דער־ציאונג, ניו־יאָרק, אַפּריל־מאַי, 1942. ב. ריווקין, אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

אַ יום־כפור'דיגע לעקציע פאַר די אומגליקליכע, וואָס גלויבן אין צוויי פראָנט. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 20, 1942.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס איז דער אונטערשייד צווישן פסיכאָאַנאַליז און דעם פרום אידישן מנהג פון פותר־חלום זיין? טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 26, 1942.

די סוכה ליגט באַהאַלטען אין יעדער אידישער נשמה. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּ־טעמבער 27, 1942.

פינסקי דער דראַמאַטורג. פאַרבאַנד שטימע, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1942. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

עס דאַרף דערקלערט ווערען אַ תענית אויף אונזער גייסטיגער שפּייז. טאָג, ניו־יאָרק, דעצמבער 10 1942.

אונזערע קריסטליכע פריינט. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 3, 1943.

דריי מינים מענטשן, וואָס אַנטוואַפּענען אונז אין קאַמף קעגן היטלער׳ן: די מעכאַניקער און די דראַגיסטן [אַפּטייקער]. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 17, 1943.

ארץ ישראל איז אַ שאַרף געווער וואָס איז נאָך ניט גענוג אויסגענוצט געוואָרן. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 24, 1943.

ווי צו געווינען אַמעריקע פאַר אידישער רעטונג. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואר 31, 1943.

מאַרק טאָלעראַז — פאַראַן אַ העכערער מין חלומות וואָס מענטשן חלומען בשותפות. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 13, 1943.

ניט מיט אַ פּראָגראַם־מינימום, נאָר מיט אַ פּראָגראַם־מאַקסימום פון אידישער אייניגקייט דאַרפען מיר קומען צום פרידענס־טיש. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 14, 1943.

פון אונזער רעליגיעזער פּירערשאַפט פאָדערט זיך מער וויפיל זי גיט אין דער איצטיגער שווערער שעה. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 28, 1943.

פאַר דעם פולן נצחון פון אידיש. מאַלאַמוט׳ס יום־טוב בלעטער, פילאַדעלפיע, פסח־נומער, תשי״ג, אַפּריל, 1943.

סטיפען ווינסענט בעני — דער קינסטלער פּאָליטיקער וואָס האָט דערהויבען אַמעריקע צו אַ צוקונפט־לעגענדע. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 4, 1943.

אונזערע אידישע יונגע העלדען אויף די פראָנטען קעמפען פאַר אונז אויס געבורטס־רעכט אין לאַנד. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 11, 1943.

דאָס איז דער סדר, וואָס האָט אונז אידען אויפגעהיט פאַר אַ נייעם וועלט־סדר. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 20, 1943.

מיר וועלען שפּילן נאָך די ראָלע פון אליהו הנביא ביים וועלט־סדר. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 26, 1943. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

דער אידען־טאָג היינט ביי די קריכן פון אַמעריקע. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 2, 1943.

דר. חיים זשיטלאָווסקי — אַ אידישע עפּאָכע. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 8, 1943

אין שטרייט צווישן מלוכות. אין אַזאַ קאַמף דאַרפען אידען זיין מיט די וואָס פאַרזיכערען זייער קיום. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 16, 1943.

מאָסקווע־וואַרשע־בערלין. דער אָנהויב פונ׳ם סוף היטלער׳ס מפּלה. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 23, 1943.

די אַרמיי, דער קאָנגרעס און די קירך. די וועקער, פאַרשלעפּערער און באַלזאַמירער פון אַמעריקע׳ס געוויסען. טאָג, ני־יאָרק, מאַי 31, 1943.

צו אַ נייעם באַרג סיני. מאַלאַמוט׳ס יום־טוב בלעטער, פילאַדעלפיע, שבועות, תשי״ג, יוני, 1943.

דר. חיים זשיטלאָווסקיס לעצטער אידייען־גאַנג. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 6, 1943.

פון באַרג סיני צו באַרג סיני. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 10, 1943.

אויף דעם גרעניץ צווישן איד און וועלט. צום זעקסטן יאָרצייט פון דר. אברהם קאָראַלניק. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 16, 1943.

מאַרק טאָלעראַז — הללויה אויפ׳ן באַוואוסטזיין! ווען ניט דער באַוואוסטזיין,

וואַלטן מיר נאָך היינט געלעגן אין ים, מיט אויגן, אויערן, קאָפּ און לייב און לעבן אין אַ מיקראָסקאָפּיש קעמערל. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 31, 1943.

מאַרק טאָלעראַז — אַ לעקציע אין מוזיק, פיזיקע און וואונדער־פּסיכאָלאָגיע. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 7, 1943.

מאַרק טאָלעראַז — מיר וועלן פאַרשיטען די צווייפלער מיט פאַקטן. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 14, 1943.

ווען וועט אויפשטעלען די סוכה? אַנטקעגן דער אידישער שוצלאָזיגקייט באַקומט די סוכה אַ נייעם זין. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 14, 1943.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום? [מאַרק טאָלעראַז]. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 21, 1943; סעפּטעמבער 4, 1943; יאַנואַר 22, 1944; מערץ 25, 1944; אַפּריל 8, 1944; אַפּריל 22, 1944; מאַי 27, 1944; יוני 10, 1944; דעצעמבער 16, 1944; מערץ 3, 1945.

מאַרק טאָלעראַז — די ערשטע לעקציע ווי אַזוי אויסצושטודירן אויף העלזער. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 21, 1943.

קינדער־קעמפּס און אידישע אידעאַלען. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 23, 1943.

מאַרק טאָלעראַז — אָה, אַ וואונדער! צביון איז געוואָרן אַ גלויביקער... טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 28, 1943.

ראש השנה, יום כיפור, סוכות, יום־טוב בלעטער, פילאַדעלפיע, סעפּטעמבער, 1943.

קאָן ליטעראַטור מאַכן יום־טוב — אַ פראַגע צו יומים־נוראים. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 11, 1943. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

די נייע מצוה צום נייעם יאָר. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 29, 1943.

דאָס קאַפּיטל ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. פּראָלעטאַרישער געדאַנק, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1, 1943.

אָריגינעלער בייטראג צו רעליגיעזער פּאָעזיע. וועגן די רעליגיעזע לידער ביי נפתלי גראָס. טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 10, 1943.

שמחת תורה פאַר וועלטלעכע. טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 22, 1943.

דער פאַרבאַנד פורעמט אידיש לעבן. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 19, 1943.

צווישן די צוויי חנוכה־נסים. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 21, 1943.

יונה ראָזענפעלד. עפּאָכע, ניו־יאָרק, 1944. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

דער רעליגיעז־עטישער אונטערגרונט פון דער אידישער ליטעראַטור. יידישע שריפטן, באַנד 4, 1944.

ערב אַ גרויסן ראָמאַן. „שיקאַגאָ", יאַנואַר־פעברואַר, 1944.

דר. מאַקס ווערטהיימער, געשטאַלט־פּסיכאָלאָג. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 2, 1944.

דער חוב צו אידן. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 3, 1944.

מאַקס טאָלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 8, 1944.

פאַר אידישער רעטונג. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 17, 1944.

זאָל אים גוט זיין [וועגן ברוך גלאַזמאַן]. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 23, 1944. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 22 און פעברואַר 19, 1944.

ניט קיין רעליגיע, נאָר אַ מסירה. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 17, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 19, 1944.

צווייערליי קריסטליכע פריינט. וועגען די מעטאָדען אין קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 22, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — ענדליך פאַרענדיק איך די מעשה וועגן דער פאַנטאָם־מיידל קיטי קינג. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 26, 1944.

י. י. זינגערס לעצט ווערק. עפּאָכע, ניו־יאָרק, מערץ־מאַי, 1944. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 4, 1944.

פון ליטעראַטור צום ספּעקטאַקל. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 7, 1944.

דער פּורים־ספּעקטאַקל. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 9, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 11, 1944.

דער פּליטשלינג וועט עפענען ארץ־ישראל. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 14, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 18, 1944.

מיר לאָנדאָנער, ערן ראָקערן! פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מערץ 31, 1944.

די אימיטאַציע־קריטיק. סביבה, ניו־יאָרק, נומער 7, אַפּריל־מאַיי 1944.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 6, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 13, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 1, 1944.

אונדזערע פּסח׳דיקע כלים. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 8, 1944. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 15, 1944.

„בלעטער פון אַ געטאָ־טאָג בוך". טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 19, 1944.

אונזער צוריקשטאַנד נאָכ׳ן אויפשטאַנד. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 27, 1944.

באַרג־אַרויף דורך קאַטאַסטראָפעס. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 1, 1944.

ארץ־ישראל, סאָוועט־רוסלאַנד און פּוילן. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 11, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 13, 1944.

פּ. בימקאָ — דער דראַמאַטורג. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, מאַי 19, 1944. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט איך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 27, 1944.

אַ סימפּאָזיום וועגן אידישקייט. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 28, 1944.

ווען דער הימל שפּאַלט זיך... טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 29, 1944.

פון „נעשאָנאַל" צו נאַציאָנאַל. טאָג, ניו־יאָרק יוני 3, 1944.

מאַרק טאַלעראַז — די וואָגשאָל, וואָס איך האָב אויפגעהאַנגען אין געדאַנק צווישןביידע וועלטן. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 3 1944.

דר. חיים זשיטלאָווסקי'ס לעצט וואָרט. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 11, 1944.

וועלטליכע דערציאונג אויפ'ן עקזאַמען. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 17, 1944.

מאַרק טאַלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, יוני 17, 1944.

קולטור־שאַפונג און קולטור־יאַריד אויף אונזער גאַס. „איינִיקייט", ניו־יאָרק, יולי 1, 1944.

מאַרק טאַלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, יולי 22, 1944.

יאַקאָבשטאַט און קרייצבורג — צווילינג־שטעט אויף דער דווינע, וואָס האָבן געשאַפן אַ ספּעציעלן טיפּ פון קורלענדער ליטוואַקעס. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 1, 1944.

מאַרק טאַלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, סעפּ־טעמבער 16, 1944.

יום כיפור און יום הדין. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 25, 1944.

דער ראש־השנה פון אַ נייער עפּאָכע. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 17, 1944.

די בעסטע סוכה — אַמעריקע. טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 2, 1944.

מאַרק טאַלעראַז — ווער האָט געפונען די דריי פּסוקים פון תנ"ך? טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 28, 1944.

מורא פאַר גאָט, אָדער פאַר ממון? וועגן דער נייעסטער אַרויסטרעטונג פון „אַמעריקען קאָנסיל פאַר דזשודאַאיזם". טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 2, 1944.

דרייסיק יאָר אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 5, 1944, נאָוועמבער 12, 1944. גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.

דער נס פון „נס אין געטאָ". (ה. לייוויק פּיעסע). טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 13, 1944.

דרייסיק יאָר אידישע ליטעראַטור. טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 19, 1944. גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ניו־יאָרק, 1948.

מאַרק טאַלעראַז — איך פאַלמעס מעדיומס, עפּעס זיי דאָס האַרץ און דעם מוח, אום צו געפינען דעם שליסל צו זייער טאַלאַנט. טאָג, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 25, 1944.

דער בעסאַראַבער ליטוואַק. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1, 1944.

מאַרק טאַלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 2, 1944.

דרייסיג יאָר נייער פריי אידישע שעפערישקייט. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 4, 1944.

מאַרק טאַלעראַז — וועט איר עס גלויבן, אַז בראָנקס פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל מעדיומיסטישע נביאים? [מאַרק טאַלעראַז]. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 9, 1944.

חלוצים פון און פאַר אמעריקע. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 11, 1944.

ב. ריווקין ביבליאָגראַפֿיע

קאָן אַ שרייבער פון פרומע קאַטוילישע ביכער האַלטן אַז ער איז דאָך פאַרבליבן אַ גוטער איד? טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 23, 1944.

מאַרק טאָלעראַז — איך האָב נאָכגעזוכט דעם יחוס פון אַ אידישער פאָעטעסע און אויסגעפונען, אַז איר עלטער־זיידע איז געווען אַ צדיק. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 30, 1944.

אַ פּרץ רעוויזיע. ניט מיר פּרצן, נאָר פּרץ וועט אונדז רעווידירען. טאָג, ניו־יאָרק, 1945. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

י. ח. ברענער און י. ל. פּרץ. אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, 1945. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

פּראָלעטאַריער און — פּאָעט. „פעדער״, ניו־יאָרק, 1945.

דער זכות פון „די פעדער״. די פעדער, ניו־יאָרק, 1945.

די מעשה — אַלעף כץ. „געצעלטן״, ניו־יאָרק, יאַנואַר־פעברואַר, 1945.

לעאָן קאָברין — דער פּיאָנער. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1945. לעאָן קאָברין — פּופּציק יאָר שאַפן. דער פּיאָנער. אונדזערע פּראָזאַאיקער, ניו־יאָרק, 1951.

דער מוסר השכל פון 1944. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1, 1945.

מאַרק טאָלעראַז — וואָס דערציילט אייך אייער חלום? טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 6, 1945.

די טעכניק פון וועלט־פרידן. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 11, 1945.

מאַרק טאָלעראַז — יעדער וואונדער האָט צוויי עלעמענטן. טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 20, 1945.

מאַרק טאָלעראַז — צום ערשטן מאָל פאַר דריי יאָר שרייב איך אַ טאָלעראַז־דעקלאַראַציע. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 3, 1945.

דווקא אַמעריקע אידישט די אידישע ליטעראַטור. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 4, 1945. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.

איז גאָט געווען אין טרעבלינקע? טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 5, 1945.

פון המן הרשע ביז היטלער. היטלער ווי המן, איז דערהויבן געוואָרן צום הענגען... טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 25, 1945. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

ה. רויזענבלאַטס זעלבסטדערפילונג. עפּאָכע, ניו־יאָרק, מערץ, 1945.

י. ל. פּרץ — ווי היינט וואָלט ער געלעבט. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1945. אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

די שווישפּילערישע טענדענץ אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 11, 1945.

מאַרק טאָלעראַז — אַ מעשה נורא מיט גייסטער אין בראָנקס. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 3, 1945.

די צוויי נשמות אין דער אידישער פּרעסע. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 4, 1945.

זאָל אליהו הנביא ענטפערן! טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 29, 1945. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

רוזוועלט און סאַן־פראַנציסקאָ. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 25, 1945.

די פלאַקער־פייערן פון באַרג סיני פאַרברענען איצט דייטשלאַנד. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 18, 1945. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

דער גרויסער, הייליגער סוד פון יום־כפור. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 16, 1945. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
דעם אידענס אינעווייניגסטע סוכה. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 23, 1945. ב. ריווקין, יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
די ליטעראַטור האָט פאַראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1945, יאַנואַר, 1946.
אַנאַרכיזם און ליטעראַטור. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, דעצעמבער 28, 1945.
די שווישפּילערישע טענדענץ אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור פון אַמע־ריקע. טאָג, ניו־יאָרק, מערץ 11, 1945.
ניט געלאַדען, און דאָך געקומען. דער געהיימער אידישער באַאָבאַכטער אין סאַן פראַנציסקאָ. טאָג, ניו־יאָרק, מאי 10, 1945.
די תכלית־אידעע אין דער יידישער ליטעראַטור. שלמה ביכל, יידישע עסיי, ניו־יאָרק, 1946.
גאולה־שפּיל. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, פּסח־נומער, תש״ו, 1946. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
וועגן פּסח און דעם סדר דאַרפן מיר רעדן מיט דער צוקונפט־שפּראַך. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 16, 1946. יידישע יום־טובים, 1950.
גאָט און מענש אין דעם ליכט פון דער איצטיקער טראַגישער צייט. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 6, 1946. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
דער כוח פון גייסט. טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 4, 1946. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
דער נאָך־מלחמה פּעריאָד. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1946.
נסים פון אַמאָל, וואָס זיינען היינט מער קיין נסים ניט. טאָג, ניו־יאָרק, דע־צעמבער 18, 1946. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
מענטש באַשאַף. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
ארץ ישראל של מעלה. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
אונדזער טאָפּעלטע שייכות. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
דער יידישער נחצון. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
די דיקטאַטור פון נאַראָנים. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
עקספּערימענטירן אויף גאָט. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
איינפלאַנצן גלויבן. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
אַ קבוצה אין אַמעריקע. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
ווי דער גאָט־גלויבן. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
דער אין־סוף אין זיין נאַציאָנאַל יידישער געשטאַלט. יידישע שריפטן, ניו־יאָרק, באַנד 6, 1946. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.
דער יידיש־געשיכטלעכער עקספּערימענט. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע. ניו־יאָרק, 1947.
דער מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.
הויפּט־ראָלע אין משיחס צייטן. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.
גייסטיק געווער. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.

י. אַפּאַטאָשו: זיין סטיל און מעטאָד. אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, 1947. אונדזערע פּראָזאָאיקער, ניו־יאָרק, 1951.
דאָס ליד וואָס ווערט גלייך מקוים. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
מאָריס ראָזענפעלד — דער ערשטער אַרויסצובאַפרייען זיין ליד אונטער דער תכלית־דיסציפּלין. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
יהואָש. ליבע און גלויבן אין יהואָשס פּאָעזיע. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
פון וואַנען שטאַמט דער פּאָעט ליעסין ? אידישער קעמפּער, אַפּריל 24, 1936. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
א. ליעסין — דער פּאָעט און דער מענטש פון זיין אייגענער עפּאָכע. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
אברהם ליעסין, דיכטער פון אונדזער עבר און עתיד. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947
רייזענס ליד — דאָס ברויט פון לעבן. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
רויזענבלאַטס לעצטע דערגרייכונגען. יידישיע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
יוסף ראָלניק — לידער מיקראָסקאָפּן. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
דילאָנס „גרעלע בלעטער". יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
מאַני לייב. דער פּאַרכישופטער. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
משה נאַדיר. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
קלוג, אָבער ניט גענוג קלוג. וועגן פּראָפ. מאַקס לערנער. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואר 7, 1944. אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע, ניו־יאָרק, 1947.
משה לייב האַלפּערן. האַלב־וועג צו גאונות. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
באַריישאס גאַנג דורכן „גייער". יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
ה. לייוויק. ליד־עבודה. יידישע דיכטער אין אַמעריקע, באַנד 1, ניו־יאָרק, 1947.
יהואָש — אַ פּיאָנער און אַ סך מער. פריייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מערץ 28, 1947.
ברוקע דער טאָפּלטער. אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, מאי 23, 1947.
אַ נייער באַרג סיני. טאָג, ניו־יאָרק, מאי 26, 1947. יידישע יום־טובים, 1950.
די וועלט שטייט פאַר'ן יום הדין. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 23, 1947. יידישע יום־טובים, 1950.
דער נס חנוכה. טאָג, ניו־יאָרק, דעצעמבער 10, 1947. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
דער אייראָפּעאישער הינטערגרונט. יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — וואוהין ? גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.

דער אַמעריקאַנער הינטערגרונט. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
די דערציילער. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
די איבערגאַנג־שטופע. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניויאָרק, 1948.
„כמו־טעריטאָריע — במקום רעליגיע". גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
„נאַציאָנאַלער פאָרם — סאָציאַליסטישער אינהאַלט". נאַציאָנאַלער פאָרם. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
יידישע געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
דער הויפּט־תנאי פאַר סאָציאַליסטישער בויאונג. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
אַ מעגלעכער טריאומף פאַר דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
די ליטעראַטור האָט פאָראויסגעזען די קאַטאַסטראָפע. גרונט טענדענצן פון דער יידישער ליטערטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
די צוויי בריקן, וואָס די יידישע ליטעראַטור וואַרפט איצט צו דער יידישער רעליגיע. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק 1948.
אינזיכסטן. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
קאָאָפּעראַציע מיט סאָוועטישע שרייבער — די דערלייזונג פון היגער יידישער ליטעראַטור. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
ז. וויינפּער אין דער יידישער פּאָעזיע. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
נויטיק: קאָאָפּעראַציע צווישן דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור און דער סאָוועטישער. גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1948.
דער דריטער סדר. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 25, 1948. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
באַרג סיני אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 12, 1948. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
דאָס רעטעניש פון אידישן פאָלק. טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 3, 1948. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
די אייביק־נייע סוכה. טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 19, 1948. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
דער פּסח׳דיגער סדר אין קונסט. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 15, 1949. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.
תפילה זכה. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 30, 1949. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

ווי הויך הויך איז דער יידישער נשמה־באַרג אום יום־כיפור? יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

שמחת תורה. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

חנוכה — דער נאַטירליכער נס. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

אויפשפּילן די פּורים־מגילה אויף דער וועלט־בינע. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

דער אמת פון באַרג סיני און דער אמת פון ברעכטעסגאַדן. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

חשבון־הנפש. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

משיח קומט אין שפּיל. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

אַ יידישער אָדער אינדישער משיח? יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

די גוטע און שלעכטע מלאכים אונדזערע. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

דער כישוף פון דעם נאָמען. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

די משיח־געשטאַלט אַלס מעכטיקער פאַרוואַנדלונגס־מיטל. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

נאַטור און וואונדער. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 17, 1950. יידישע יום־טובים, ניו יאָרק, 1950.

ראש השנה אַ לעבעדיגער געשיכטליכער יום־טוב רעדט צום מאָדערנעם אידען. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 11, 1950. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

די קורלענדער ליטוואַקעס. ליטע, בוך איינס, אַרויסגעגעבן פון „קולטור־געזעל־שאַפט פון ליטווישע יידן", ניו־יאָרק, 1951.

י. ל. פּרץ איז נאָך אַלץ אַ וועגווייזער. [איבערגעדרוקט פון דער „אידישער וועלט", פילאַדעלפיע, אַפּריל, 1940]. יידישער קולטור, ניו־יאָרק, מערץ, 1951.

שבועות און מתן־תורה. די באַדייטונג פון דעם יום־טוב פאַר אונזער צייט. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 10, 1951.

יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג [פראַגמענט פון ב. ריווקינ'ס בוך „יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג"]. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אַפּריל 16, 1952.

מתן־תורה און כיבוש הארץ. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 29, 1952. יידישע יום־טובים, ניו־יאָרק, 1950.

געשטאַלטונג־כוח ביי משה לייבן. צוקונפט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1952.

אַרטיקלען, קריטיק און באַמערקונגען וועגן ב. ריווקין

אויערבאַך, אפרים — אויף דער וואָגשאָל. מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, יוני 12, 1945.

אָלגין, מ. — א. ראַבאָין אַ סאַלוט! קולטור און פאָלק, ניו־יאָרק, 1949. ז' 221.

אלמי, א. — פאַראייניקונג אָדער פאַרשמעלצונג? די אומעגליכקייט און געפאַרן פון ב. ריווקינס „אל־אַמעריקא" אידעע. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, נומער 31, יוני 1, 1931.

אלמי, א. — ב. ריווקין אין ראַוואַקאַנא. „בריקן", שיקאַגאָ, נאָוועמבער, 1933.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — יידישע ליטעראַטן און זייערע גרופּירונגען אין ניו־יאָרק. פאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, וואַרשע, 1933. ז"ז 152, 154, 155.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — אברהם ליעסין. פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, ווארשע, 1933. ז' 169.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — ה. לייוויק. פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, וואַרשע, 1933. 198.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — ב. ריווקין. פּראָטרעטן פון יידישע שרייבער, וואַרשע, 1933.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — ל. שאַפּירא. פּראָטרעטן פון יידישע שרייבער, וואַרשע, 1933. ז' 221.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — ז. ווײַנפּער. פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, וואַרשע, 1933. ז' 264.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — און נאָך אַ באָרעך איז אַוועק... צום טויט פון ב. ריווקין. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יוני 23, 1945.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — „אידישע דיכטער אין אַמעריקע" פון ב. ריווקין. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, פּעברואַר 25, 1948.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — ב. ריווקינס „אידישע דיכטער". די פּרעסע, בוענאָס איירעס, מערץ 3, 1948.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — פּרץ הירשביין. פּשט, בוענאָס איירעס, 1952. ז' 194.

באָטאָשאַנסקי, יעקב — ש. מילער — דער רעאַליסטישער דערציילער. פּשט, בוענאָס איירעס, 1952. ז' 380.

באָרדא־ריווקין, מינא — שטריכן צו אַ פּאָרטרעט. צום ערשטן יאָרצייט פון ברוך ריווקין. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 7, 1946.

באָרדא־ריווקין, מינא — ב. ריווקין ביי דער אַרבעט. (צום צווייטן יאָרצייט). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 27, 1947.

באָרדא־ריווקין, מינא — מיט געלט אין קעשענע... (צום דריטן יאָרצייט פון ברוך ריווקין). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 4, 1948.

באָרדא־ריווקין, מינא — ב. ריווקינס אָפּגעשפּאָרטע דריי הונדערט דאָלאַר. (צו זיין פערטן יאָרצייט). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 10, 1949.

באָרדא־ריווקין, מינא — ברוך ריווקין — דער מאַן פון בטחון. (אַ דערינערונג צו זיין פינפטן יאָרצייט). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 9, 1950.

באָרדא־ריווקין, מינא — אַ וויכוח צווישן פינף שרייבער. (צום זעקסטן יאָרצייט). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, אויגוסט 3, 1951.

באָרדא־ריווקין, מינא — מיין וועג איך זוך. [ליד] (אין ליכטיקן אָנדענק פון ב. ריווקין). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 18, 1952.

ר[יווקין] מ[ינאַ] — אַ פּאָר פּרטים פון ב. ריווקינס, ע"ה, ביאָגראַפּיע. ב. ריווקין, אונדזערע פּראָזאַיקער, ניו־יאָרק, 1951.

באָריישאָ, מ. — דער כישוף פון גייסט. וועגן ברוך ריווקינען — צו זיין דריטן יאָרצייט. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 13, 1948.

[באַשעוויס יצחק] יצחק וואַרשאַווסקי — מינאַ־באָרדאָ־ריווקין, לידער, ניו־יאָרק. פּאָרווערטס, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 19, 1950.

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י. — אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון יידישן גראַם אַן אַלגעמיין. עסייען, פאַרלאַג „צווישן", ניו־יאָרק, 1932. ז"ז 126־127.

ביק, אברהם — אַוראַם ליעסינס היסטאָריש ליד. וואָרט און צייט, 1951, ז' 121.

ביקל, שלמה — ב. ריווקין. די יידישע עסיי, פאַרלאַג „מתנות״, ניו־יאָרק, 1946.

ביקל, דר. שלמה — ב. ריווקין, שרייבער מיט אמונה אין אידישן וואָרט. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 7, 1946.

ביקל, שלמה — פּרץ איז דער ניגון. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אויגוסט 16, 1946.

ביקל, שלמה — יוסף אָפּאַטאָשוס שאַפונגס־וועג. צוקונפט, ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1951.

ברינמאַן, י. ר. — אונזער נשמה׳דיג ייִנגסטער יוביליאַר. (צום 50 יאָריקן יובילײ פון גייסטרייכן קריטיקער ב. ריווקין). אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, יוני 2, 1935.

גאָטעספעלד, חנא — די הומאָריסטישע זשורנאַלן — „דער קיבעצער״ און „גרויסער קונדס״. 75 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע, אַרויס. פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, ניו־יאָרק, 1945. ז׳ 99.

גאָלדבערג, לוי — אַ באַגעגעניש [ליד]. ניגון און ווינט, ניו־יאָרק, 1948.

גאָק, יואל — פּשט אויף „פּשט״. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, נאָוועמבער 5, 1952.

גאָרדאָן, דר. הירש לייב — ב. ריווקינס ווערק. מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, יאַנואַר 4, 1953.

ג[אָרדין], א[בא] — ב. ריווקין. [נעקראָלאָג]. יידישע שריפטן, ניו־יאָרק, באַנד 5, סעפּטעמבער 18, 1945.

גאָרדין, אבא — מיטן געזיכט צו זיך. (צום אָנדענק פון ב. ריווקין ע״ה — דעם אַנאַרכיסט־אינדיווידואַליסט). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 27, 1947.

גאָרדין, אבא — ברוך ריווקין. ברוך אברהם ווײַנריב (1883—1945). דענקער און דיכטער, איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949.

גאָרדין, אבא — ב. ריווקינס שעפערישער גאַנג. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1949.

גאָרדין, אבא — „פּערזענלעכע אויטאָנאָמיע״ (צום פערטן יאָרצייט פון ב. ריווקין — דער מאַן פון גייסט און „גלויבן פאַר די אומגלויביקע״). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 24, 1949.

גאָרדין, אבא — יום־טובים — ווי שווישפּיל. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, אויגוסט 17, 1951.

גורדין, אבא — ברכת האמונה. הדואר, ניו־יאָרק, יוני 6, 1952.

גורני, הלל — וועגן ריווקינס אַ בראָשור. ב. ריווקין — דער מיטלוועג צווישן אידעאַל און פּראַקטיק אין קולטור אַרבעט. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 27, 1936.

גלאַטשטיין, יעקב. ב. ריווקינען געווידמעט. אינזיך, ניו־יאָרק, נומער 4, יולי, 1934.

גלאַטשטיין, יעקב — ב. ריווקין. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, יוני 22, 1945.

גלאַטשטיין, יעקב — ב. ריווקין. אין תוך גענומען, פאַרלאַג „מתנות״, ניו־יאָרק, 1947.

גלאַטשטיין, יעקב — פּראָזע — 1947. אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, דעצעמבער 26, 1947.

גלאַטשטיין, יעקב — בלעטערנדיק ביכער און זשורנאַלן. אידישע קעמפער, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 5, 1948.

[גלאַנץ, א.] א. לעיעלעס — ב. ריווקין — צו זיין פינפטן יאָרצייט. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 3, 1950.

[גלאַנץ, א.] — ב. ריווקין — צום זעקסטן יאָרצייט. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 9, 1951.

גלאַנץ, יעקב — ב. גלאַזמאַן און ב. ריווקין (אַ פּאָר כאַראַקטעריסטיקס פון די צוויי נפטרים). דער וועג, מעקסיקע, יוני 23, 1945.

גראָבארד, בנימין — אונזערע קריטיקער. [ב. ריווקין]. ניי־אידיש, ניו־יאָרק, אויגוסט־סעפּטעמבער, 1922. ז״ז 36־37.

גראָבארד, ב. — אַ פּערטליאָרהונדערט. ניו־יאָרק, 1935. ז״ז 64, 198.

גראַנאַווסקי, ראובן — ב. ריווקין (כאַראַקטעריסטיק). אונזער פאָלק, ניו־יאָרק, אַפּריל 28, 1932.

ג[רוזמאַן], י. ל. — ב. ריווקין — אַ בעל־יובל. דער שפּיגל, בוענאָס איירעס, יוני 20, 1940.

גרוזמאַן, ל. — געשטאָרבן ב. ריווקין. דער שפּיגל, בוענאָס איירעס, נומער 410, יוני, 1945.

גרינבערג, אליעזר — וואָרצלען, ענלעכקייט, און די עוואָלוציע פון אַ צענטראַלע אידייע. משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור. ניו־יאָרק, 1942. ז״ז 88, 102.

גרינבערג, אליעזר — דער רעאַליזם פון ב. ריווקינס מעטאַפיזישן „כמו״. געצעלטן, ניו־יאָרק, יולי־אויגוסט, 1945.

האָרן, י. — ברוך גלאַזמאַן און ב. ריווקין. אונזער געדאַנק, בוענאָס איירעס, נומער 1, יוני, 1945.

האָרן, י. — יוסף אָפּאַטאָשו — דער מייסטער. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אַפּריל 13, 1952.

האָרן, י. — „די לאַנדאַנער״. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, מאַי 26, 1953.

האָראָוויץ, יצחק — וויזיעס און רעוויזיעס [ב. ריווקין]. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, פעברואַר 13, 1942.

וויטקעוויץ, בערטשי — יהואש. אַ ביבליאָגראַפיע פון זיינע שריפטן. קליוולאַנד, 1944. ז״ז 231, 245, 271, 278, 299, 300, 329, 337.

וויינפּער, ז. — ב. ריווקין. אויפקום, ניו־יאָרק, נאָוועמבער־דעצעמבער, 1933.

וויינפּער, ז. — ב. ריווקין. אידישע שריפטשטעלער, באַנד 2, ניו־יאָרק, 1936.

וויינרעבע, דר. יוסף — ברוך אברהמ׳ס יוגנט (צום זעקסטן יאָרצייט פון ברוך ריווקין). פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 6, 1951.

זילבערצוויג, זלמן — באָריס טאָמאַשעווסקי. לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, וואַרשע, 1934.

זינגער, ש. ד. — ב. ריווקין אין זיין נייסטער קונסט־מיסיע. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 12, 1935.

זשיטלאָווסקי, דר. ח. — שאלות און תשובות אין הלכות אידישיזם. אַן ענטפער ב. ריווקינען. צוקונפט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער, נאָוועמבער, דעצעמבער, 1931.

זשיטניצקי, דר. ל. מחשבות צום אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער אידישער ליטע־ראַטור. אַ האַלבער יאָרהונדערט אידישע ליטעראַטור. בוענאָס איירעס, 1952. ז״ז 79־80.

חיות, שאול — ברוך אברהם וויינריב — ב. ריווקין. אוצר בדויי השם, ווינא, תרצ״ג. ז״ז 78, 136, 184, 256, 270, 286.

חייקין, י. — ב. ריווקין — דער מענטש פון אומרו. זיין פערזענליכקייט, זיין קאַריערע און זיין ביטערער מזל. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 15, 1945.

חייקין, י. — ליטעראַרישע צייטשריפטן און הומאָריסטישע בלעטער. יידישע בלעטער אין אַמעריקע, פאַרלאַג מ. שקליאַרסקי, ניו־יאָרק, 1946. ז' 207.

טאַבאַטשניק, א. — ב. ריווקין. זאַמלביכער, 6, ניו־יאָרק, 1945.

טאַלטשין, משה — אַ קאַפּיטל ב. ריווקין. „שיקאַגאָ", מערץ־אַפּריל, 1935.

טענענבוים, ש. — טרוימער, מיסטיקער און קריטיקער. צום טויט פון ב. ריווקין. די שטימע, מעקסיקע, יולי 14, 1945.

טענענבוים, ש. — ב. א. ווײנריב — ב. ריווקין — מאַרק טאַלעראַז. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, יולי 20, 1950.

טענענבוים, ש. — ב. ריווקין (נעקראָלאָג). אידישער קוריער, שיקאַגאָ, אויגוסט 3, 1945.

[טשאַרני דניאל] — אין דער יידישער און העבּרעאישער ליטעראַטור. ברוך ריווקין. צוקונפט, ניו־יאָרק, יולי, 1945.

ישורין, יעפים — פופציק יאָר „צוקונפט" (1898־1942). צוקונפט, ניו־יאָרק, מאַי־יוני, 1942. ז' 351.

ישורין, יעפים — דוד עדעלשטאַט ביבליאָגראַפיע. דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך, ניו־יאָרק, 1953.

לוצקי, א. — ב. ריווקין [ליד]. באַרימטער אידישער שרייבער עסעיאיסט און קריטיקער צו זיין אַכטן יאָרצייט. פאָרטרעטן, ניו־יאָרק, 1945.

לוצקי, א. — ברוך ריווקין, ע"ה [ליד]. צו זיין אַכטן יאָרצייט. טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, יוני 20, 1953.

ליבמאַן, יצחק — הערמאַן גאָלד. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, אויגוסט 28, 1953. ז' 15.

לייוויק, ה. — ב. ריווקין — אַ בן־ששים. טאָג, ניו־יאָרק, מאַי 15, 1943.

לעבעדיגער (דער) — אויפן ליטעראַרישן יאַריד [ב. ריווקינס בוך „יידישע יום־טובים"]. מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 14, 1951.

לעשטשינסקי, ש. — ב. ריווקין ליטעראַטור קריטיק. דער אידישער וועג, שיקאַגאָ, 1941. דעצעמבער 11, 1941.

לעשצינסקי, ש. — ליטעראַרישע קונסט און שעפערישע ליטעראַטור־קריטיק. ב. ריווקינס שעפערישע ראָלע אַלס ליטעראַטור־קריטיקער. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 8, 1944.

לעשצינסקי, שמואל — ב. ריווקין: דער ליטעראַטור־קינסטלערישע קריטיקער. צום דערשיינען פון זיין 1טן באַנד עסייען וועגן יידיש־אַמעריקאַנישע יום־טובים. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק אָקטאָבער 1, 8, 1948.

לעשצינסקי, שמואל — אויף די וועגן פון אומגלויבן און גלויבן. (באַמערקונגען און באַטראַכטונגען צו ב. ריווקינס „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע"...) פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, אויגוסט 5, 19, 1949.

לעשצינסקי, שמואל — סאָציאַלע פּאָעזיע אין ליכט פון ליטעראַטור־קריטיק. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מערץ 16, 1951.

מ[אני] ל[ייב] —ב. ריווקין. עפּאָכע, ניוו1יאָרק,אויגוסט, 1945.

מוקדוני, דר. א. — ביכער און שרייבער, מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, מערץ 3, 1937.

מוקדוני, דר. א. — צווייטער באַנד „זאַמלביכער״. צוקונפט, ניו־יאָרק, אויגוסט, 1937.

מוקדוני, דר. א. — ביכער און שרייבער. מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, מאַי 1, 1940.

מוקדוני, דר. א. — צוויי זעכציקער און אַ פופציקער. ב. ריווקין. מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, מערץ 1, 1944.

מוקדוני, דר. א. — ב. ריווקין (אַ וואָרט אויף זיין פרישן קבר). מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, יוני 14, 1945.

מוקדוני, דר. א. — ב. ריווקינס ווערק. מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, דעצעמבער 23, 1951.

מייזיל, נחמן — די גרענעצן צווישן ש. י. אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים. פאָרגייער און מיטצייטלער. איקוף פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1946. ז׳ 40.

מייזיל, נחמן — די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אין דינסט פון פאָלק — אַלמאַנאַך פון יידישן פאָלקס אָרדן, ניו־יאָרק, 1947. ז׳ 300.

מייזיל, נחמן — אברהם רייזען. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, מאַי 1953.

מייזיל, נחמן — מאַטעריאַלן און קוועלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע אין אַמעריקע. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יוני, 1953.

מעסטל, יעקב — 70 יאָר יידישער טעאַטער־רעפּערטואַר אין אַמעריקע. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, מערץ 1953.

נאַטאַנסאָן, וויליאַם — כע־כע — זיין גלויבן, און דאַך... [וועגן ב. ריווקינס אַרט. אין „אידישען קעמפּער״, מאי 26, 1933 איבער דוד איגנאַטאָוו „אויף וויטע וועגן״]. אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, אויגוסט 18, 1933.

ניגער, ש. — די וואָס וויסען צו פיעל. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 7, 1920.

ניגער, ש. — לידער פון די יונגע. טאָג, ניו־יאָרק, פעברואַר 15, 1920.

פון אַ לעזער׳ס און אַ שרייבער׳ס נאָטיץ־בוך. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 20, 1926. אַפּריל 3, 1927. אַפּריל 27, 1930. מאַי 18, 1930. אויגוסט 3, 1930.

ניגער, ש. — ל. שאַפּיראָ׳ס „סטודיאָ״. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 9, 1934.

ניגער, ש. — געלייענט און געשריבן. טאָג, ניו־יאָרק, יוני 21, 1936. סעפּטעמבער 5, 1943. מאַי 2, 1948.

ניגער, ש. — קריטיקער חסידים און קריטיקער רביים. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּ־טעמבער 1, 1936. סעפּטעמבער 7, 1936.

ניגער, ש. — גרונט־טענדענצן פון דער אידישער ליטעראַטור [וועגן ב. ריווקינ׳ס אַרבעט אין זאַמלביכער 2.]. טאָג, ניו־יאָרק, יולי 25, 1937. אויגוסט 1, 1937.

ניגער, ש. — יידישע ליטעראַטור פון 1900 ביז 1942. אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן־ג. דובנאָוו־פאָנד און ציקאָ. ניו־יאָרק, 1942. שפּאַלט 170.

ניגער, ש. — אַ נייער „המשך״. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 4, 1942.

ניגער, ש. — געלייענט און געשריבן. טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 5, 1943.

ניגער, ש. — קריטיק — ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג״. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 14, 1949.

ניגער, ש. — „משיח׳סטישע קריטיק״. טאָג, ניו־יאָרק, אויגוסט 28, 1949.

ניגער, ש. — אָ, די אַמאָליגע אידען! טאָג, ניו־יאָרק, יאַנואַר 25, 1953.
סומער, נחום. — ב. ריווקין — דער אידייען טרעגער. מענטש און וואָרט, ניו־יאָרק, 1950.
ס[יגאַל], י. י. — ב. ריווקין. קאַנאַדער זשורנאַל, מאָנטרעאָל, יוני, 1940.
סיגאַל, י. י. — ב. ריווקין. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, דעצעמבער 12, 1941.
סיגאַל, י. י. — ב. ריווקין (אויף זיין פרישן קבר). קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יולי 1, 1945.
סיגאַל, י. י. — ב. ריווקין (צום פינפטן יאָרצייט). קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יוני 19, 1950.
סיגאַל, י. י. — ב. ריווקינ׳ס „אידישע יום־טובים״. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, נאָוועמבער 5, 1951.
סיימאָן, שלמה — „אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע״. יידישע שריפטן, ניו־יאָרק, ווינטער, 1948.
סיימאָן, שלמה — זוכט אַן אייגענעם וועג. קולטור און דערציאונג, ניו־יאָרק, מאַי, 1951.
פּאָמעראַנץ, גרשון — ב. ריווקיןביים קבר פון א. ליעסין. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, דעצעמבער 28, 1945.
פאָגל, אפרים — „גרונט טענדענצן אין דער אידישער ליטעראַטור״. ב. ריווקין. שריפטן, ניו־יאָרק, נומער 5־6, מערץ־אַפּריל, 1937.
פישערמאַן, חיים נתן — צו דער כאַראַקטעריסטיק פון ב. ריווקין. ברמיזה, ניו־יאָרק, נומער 1, אַפּריל, 1945.
פערשלייסער, ע. — ב. ריווקין, דער ניט־פאַרשטאַנענער... פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, דעצעמבער 28, 1945.
פערשלייסער, ע. — די פּראָזע אין זאַמלביכער 6. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יולי 12, 1946.
פריילין, י. — שאַרפזין און בליציקייט. [וועגן ב. ריווקינ׳ס ביכער]. צוקונפט, ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1951.
קרול, חיים — ב. ריווקין. מיניאַטור־פּאָרטרעט. „שיקאַגאָ״, יאַנואַר, 1938.
ראַוויטש, מלך — ב. ריווקין. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יוני 23, 1944.
ראַוויטש, מלך — ב. ריווקין — פּאָרטרעט. קענעדער אָדלער, יוני 25, 1945.
ראָזשאַנסקי, שמואל — „וועסטו זיין אַ לייט, וועסטו זיצען אין סוכה״ [וועגן ב. ריווקין]. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אָקטאָבער 14, 1951.
ראָנטש, י. א. — ב. ריווקין — דער אָנצינדער פון אידישן וואָרט. מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, יוני 15, 1945.
ראָקער, רודאָלף — די באַוועגונג פון די ענגלישע אַנאַרכיסטן. אין שטורעם, אַרויסגעגעבן פון לאָנדאָנער גרופּע „פרייע אַרבעטער שטימע״ [געדרוקט אין בוענאָס איירעס], 1952. ז״ז 421, 423.
רייזען, אברהם — ליטעראַרישע רעוויו. די פעדער, ניו־יאָרק, 1942. ז״ז 104, 112.
רייזען, אברהם — ב. ריווקינס נייער גאַנג אין פּובליציסטיק און קריטיק. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 14, 1946.
רייזען, אברהם. ב. ריווקינס נייער צוגאַנג אין פּובליציסטיק און קריטיק. צו זיין ערשטן יאָרצייט... די וועלט, בוענאָס איירעס, אַפּריל, 1947.

רייזען, אברהם — זאַמלביכער. די פעדער, ניו־יאָרק, 1949. ז״ז 211, 212.

רייזען, זלמן — ב. ריווקין. לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע. פערטער באַנד, ווילנע 1929.

רעגעלסאָן, אברהם — ב. ריווקין (מאַרק טאָלעראַז) וועקער פון וואונדער און גלויבן. אידישער קוריער, שיקאַגאָ, סעפּטעמבער 25, 1946.

ז. ש. — די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק. אויפן שיידוועג, 2טער זאַמלבוך, פּאַריז, אויגוסט, 1939.

שולמאַן, אליהו — ליטעראַטור און געזעלשאַפטליכקייט. געצעלטן, ניו־יאָרק, מערץ־אַפּריל, 1946.

שטאַרקמאַן, משה — ב. ריווקין. טאָג, ניו־יאָרק, אַפּריל 4, 1943.

שטיינבערג, נח — פאַרלאַנגט אַ מענטש. ניו־יאָרק, 1952. ז״ז 175, 188.

שטיינבערג, נח — ב. ריווקין — דער אידייען־בויער. צו זיין 60 יאָריקן יובל. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יאַנואַר 28, 1944. פעברואַר 4, 1944.

שטיינבערג, נ. — ביי די פריסטער פון וואָרט. [ליד] צום אָנדענק פון ב. ריווקין. פאַרלאַנגט אַ מענטש. ניו־יאָרק, 1952.

שטערן, שלום — דער מאָנענדיקער ב. ריווקין. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יולי, 1945. איקוף, בוענאָס איירעס, יולי־אויגוסט, 1945.

תלוש — דער בונטאר [ב. ריווקין]. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, פעברואַר 13, 1953.

אויפקום, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1931 — ב. ריווקינ׳ס 25 יאָריקן שאַפן.

אייניקייט, ניו־יאָרק, אויגוסט, 1945 — ברוך ריווקין — געשטאָרבן.

טאָג, ניו־יאָרק, יוני 11, 1945 — ברוך א. ריווקין, ע״ה [לייטאַרטיקל].

טאָג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 18, 1952 — ב. ריווקין אָווענט היינט אין „פרידאָם האַוז״.

טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, יוני 12, 1953 — אַכטער יאָרצייט נאָך ב. ריווקין היינט.

יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יוני, 1951 — חודש צו חודש. [וועגן ב. ריווקינס 6טן יאָרצייט].

פראָלעטאַרישער געדאַנק, ניו־יאָרק, יולי, 1945 — ב. ריווקין — געשטאָרבן.

די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 17, 1946 — אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון ב. ריווקין.

פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 15, 1945 — ברוך ריווקין [נעקראָלאָג].

קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יוני 18, 1945 — צום טויט פון ב. ריווקין.